STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05643

UN DI ERD HOT NISHT TSUGEDEKT DOS BLUT

Amnon Ajzensztadt

Permanent preservation of this book was made possible
by Leo & Eda Rabinovitz
in memory of
Sara & Max Katz and Joseph & Rebecca Rabinovitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ון די ערד האט נישט
וגעדעקט דאס בלוט....

צוזמערער פרענדלי סאסייטי

מצבת קודש לעיר צוזמיר אשר בפולניה, וזכרון לקהלה מישראל שנכרתה
ושנחרבה, בעת הטבח האיום בשנות תש"א תש"ה 1941–1945, מצבת עד
להקדושים והטהורים מתושביה, שנהרגו שנשחטו שנשרפו ושנספו,
ע"י הנאצים המנאצים ד' ועמו, קול דמי אחינו צועקים אלינו מן האדמה,
ארץ אל תכסי דמם, נטירת איבת עולם לעם מרצחים ואכזרים,
השם יקום דמם, הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו
ת' נ' צ' ב' ה'

TZOSMERER FRIENDLY ASSOC.

אייזענשטאדט אדמו"ר הרב אלכסנדר זישא וזו"ג הרבנית ליבע ומשפחתם

אפמאן יחיאל אלתר וזו"ג ביילע ומשפחתם
אפמאן צבי יוסף וזו"ג מרים ומשפחתם
אפעלבוים אברהם וזו"ג פעריל ומשפחתם
בארגעק דוב וזו"ג יוטע ומשפחתם
בארנשטיין רפאל וזו"ג חי' ומשפחתם
גרינבלום משה מנחם וזו"ג
רחל לאה ומשפחתם
גרינבלום דוד אהרן וזו"ג
מרים דבורה ומשפחתם
גרינשפאנהאלץ אברהם וזו"ג
פיינע ומשפחתם מבית גרינבלום
גלאסס שלמה יצחק בן ר' יוסף ברוך
גלאסס יוסף ברוך וזו"ג
אלטע שבע ומשפחתם
גראסס צבי וזו"ג פריידע ומשפחתם
גרינבערג צבי דוד וזו"ג
טעמע רייזל מבית מאפאטאוו
גלאזמאן רפאל נתן וז' חנה ומשפחתם
גרינבלאט אהרן ועליג וזו"ג
דבורה ומשפחתם מבית ושעזאק
האגנסבערג הלל וז' לאה ומשפחתם
ווייסמאן אלטער יוסף וזו"ג
פרימעט ומשפחתם
וואסטער חיים יוסף וז' צירל דרעזל
ומשפחתם
וואסטער פיינע גיטל ומשפחתה אשת
ר' שמואל נ"י
וואסטער אסתר לאה ובנה אשת ר' צבי נ"י
וואסטער עזרא וזו"ג שאשא ומשפחתם

ווסמאן יעקב ארי' הכהן וזו"ג
באשע שרה ומשפחתם
זאבערמאן יעקב וזו"ג גיטל ברײנע
ומשפחתם
זילבער ארי' וזו"ג יוטע ומשפחתם
זילבערבערג יוסף וזו"ג לאה ומשפחתם
ושעזאק (סעקס) יעקב וזו"ג
טאבע ומשפחתם
טשערוואנע צבי וזו"ג פיינע ומשפחתם
טענענבוים דוד וזוג יוטע ומשפחתם
טשייקאווסקי ידידיה וזו"ג רחל ומשפחתם
לאנדא יוסף מאיר וזו"ג גיטל ומשפחתם
מיגדאל אברהם אבא וזו"ג
דבורה ומשפחתם
מילדאר משה מנחם וזו"ג
מרים דאברע ומשפחתם
נוסבוים יצחק יעקב הכהן וזו"ג
צפורה ומשפחתם
נוסבוים אברהם בן ר' יצחק יעקב הכהן
ניימאן ישראל וזו"ג רחל ומשפחתם
צווערין חיים יוסף וזו"ג צירל ומשפחתם
צוקער צבי וזו"ג קיילע
טייטעלבוים משה אליקים געציל וזו"ג
שרה רבקה ומשפחתם
טרעפלער ישראל וזו"ג טאבע ציפע
ומשפחתם
קופפערבלום שלמה יוסף וזו"ג
דבורה ומשפחתם
קופפערבלום דוד וזו"ג מרים ומשפחתם

REMEMBER O LORD
THE SIX MILLION MARTYRS
1939 — 1945

הבתולה נאלע בת ר' יהודה יודל קלאם

קעסטענבערג יעקב וזוג ביילע ומשפחתם
רייכענבערג יהודה ארי וזוג רבקה
לאה ומשפחתם
קערבעל יואל וזוג רבקה ומשפחתם
ראזענצווייג יצחק וזוג פעסל ומשפחתם
שרייפשטיין יוסף וזוג שפרה ומשפחתם
שערמאן חיים וזוג שרה רחל ומשפחתם
שווייצמאן פרימעט ומשפחתה
אשת ר' יעקב ני"
שיף אליהו צבי וזוג גריינעל לאה ומשפחתם
שניידער זאב וזוג מרים דבורה ומשפחתם
שניידער נטע דוב וזוג טאבע ומשפחתם
שניידער צבי נטע וזוג רחל ומשפחתם
שפעטער שמואל וזוג פיינע ומשפחתם
שניידער חיים וזוג ביילע ומשפחתם
שטיינפעלד אלי' וזוג חי' ומשפחתם
מבית מ'נואל
ראזענפעלד ברוך וזוג אסתר רבקה ומשפחתם
נאלדבערג חיים ובתו רישא ומשפחתם
אפפעלבוים בן ציון וזוג שרה ומשפחתם
אברהם יצחק בן יחיאל עם זוג נאלע
רחל ומשפחתם ארענשטיין
אפעלבוים לאה ומשפחתה
מבית בארענשטיין
נאלדבערג יונה וזוג שפרינצה
מבית בארענשטיין
טאשמע מלכה ומשפחתה
מבית בארענשטיין
טענענבוים משה וזוג טאבע
מבית בארענשטיין
האשה פיינע אשת יהודה יודל קלאם
ובנם בנימין
שווייצמאן חיים וזוג דינרא ומשפחה
הענדל בת ר' שמעון עם בנה שמעון
ומשפחתם מאגרל
וואכמאן יחיאל וזוג שבע ומשפחתם
מבית מילשטיין
נאלדמאן ווישא וזוג רייזל ומשפחתם
בארנשטיין חיים יהושע הלוי וזוג
זלאטע ומשפחתם
ראטענבערג שמואל אליהו בן אריה נדליה
וזוג מלכה ומשפחתם

אמנון אייזענשטאַדט

און די ערד האָט נישט צוגעדעקט דאָס בלוט

„...ארץ אל תכסי דמי״
(איוב טז־יח)

איבערדרוקן אָן דער דערלויבעניש פון מחבר — פאַרבאָטן.

פ אַ ר ל אַ ג :
צענטראַלע פון די צויזמערער אָרגאַניזאַציעס אין טאָראָנטאָ
1962

AMNON AJZENSZTADT

AND THE EARTH DID NOT COVER THE BLOOD

"O Earth, Cover Not
Thou My Blood . . ."
(Job 16-18)

ALL RIGHTS RESERVED

Printed in
Toronto, Ontario, Canada
1 9 6 2

געווידמעט:

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין היימ־
שטאָט, די צויזמערער קהילה קדושה,
וועלכע איז צוזאַמען מיטן פוילישן
אידנטום אומגעבראַכט געוואָרן דורך
די נאַצישע משחיתים...

This book is dedicated to the sacred memory of the Jewish Martyrs of my native city of Sandomierz (Tzosmer), and to the three and a half million Polish Jews, who perished at the hands of the Nazis.

אבי מורי, הרב אלכסנדר זושא אייזענשטאַדט הי״ד — האדמו״ר מצוזמיר

צו די לייענער

אַלס פּרעזידענט פון די „צויזמערער" אין טאָראָנטאָ פיל איך אַ נויטווענ־דיקייט אָנצושרייבן אַ פּאָר ווערטער אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשיינען פון אַמנון אייזענשטאַדטס בוך.

דער תוכן פון „און די ערד האָט נישט צוגעדעקט דאָס בלוט" איז לויט מיין מיינונג נישט נאָר אַ גייסטיקע מצבה פאַר דער צויזמערער קהילה קדושה — וועמען דער מחבר ווידמעט זיין ספר — נאָר אויך אַ ווירדיקע ביישטייערונג צו דער פאַראייביקונג פון אַלע שטעט און שטעטלעך פונם אַמאָליקן, רומרייכן אי־דישן פוילן, וואָס ווערט אַזוי קאָלירפול געשילדערט אין די באַשריבענע ביל־דער און עפּיזאָדן.

אונדזער לאַנדסמאַן האָט מיט אַ סך געפיל און יראת הכבוד אַרויסגע־ברענגט אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן פונם טראַגישן עבר און זיי אין אַ פּשוטער, דערציילערישער שפּראַך פאַרפיקסירט לזכרון נצח!...

דאָס, דערלויב איך מיר צו זאָגן אויפן סמך פון האָבן געלייענט דעם מאַ־נוסקריפּט נאָך פאַר דער פאַרעפנטלעכונג און זייענדיק איינער פון די, וועלכע האָבן אייזנשטאַדטן מעורר געווען, ער זאָל אָנגיין מיט זיין אויסערגעוויינלעך וויכטיקער אַרבעט.

פאַר אַ לאַנגע צייט שוין איז אין אונדזער אָרגאַניזאַציע אָנגעגאַנגען אַן איניציאַטיוו צו רעגיסטרירן אויף אַלע מעגלעכסטע אופנים אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין צויזמער אין יענע שוידערלעכע ימי־השואה.

כמעט אויף יעדן פאָרגעקומענעם „סאָסייטי" מיטינג האָבן מיר מיט אַ געפיל פון ערנסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט גערעדט, דעבאַטירט און געפּלאַנט וועגן אונטערנעמונגען, וואָס זאָלן כאָטש אין מיניאַטור אַרויסהייבן דעם אָנ־דענקונג פון אונדזער היימשטאָט, וועמענס געדעכעניש איז אונדז אַזוי ליב און טייער.

ווער עס איז באַקאַנט מיט דער טעטיקייט פון דער צויזמערער סאָסייטי אין טאָראָנטאָ, ווייסט אַז טראָץ דעם, וואָס דער רוב פון אונדזערע מיטגלידער רעקרוטירט זיך פון דער אַלטער פאַרמלחמהדיקער אימיגראַציע — איז מען אָבער נישט מיטגעריסן געוואָרן מיט די יעניקע אויפן היגן קאָנטינענט, וועל־כע וואָלטן באַקוועם געוואָלט פאַרגעסן אינם פאָרגעקומענעם... און—ליבערשט רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן!...

פון באַלד נאָך דער קריגס־פאַרענדיקונג, זינט מיר האָבן דערפאַרן די אומגעהויערע גרויס פונם מוראדיקן היטלער־חורבן, איז אין אונדזער נפש אַנטשטאַנען דער פאַרלאַנג צו טאָן דאָס מאַקסימאַלסטע און קולט זיין אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ שייכות מיט יענער תקופה פון פּיין און סבלנות; קדושה און מאַר־טירערטום, מיט וועלכן אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, קרובים און פריינט, זענען אַוועק אויף קידוש השם.

און אַזוי אַרום — אַלס פועל יוצא פון אונדזער ווילן צו טאָן עפּעס ממשות־דיקס — איז אַנטשטאַנען דער פּראָיעקט און שפּעטער דער באַשלוס אויפצו־שטעלן אַ סימבאָלישן דענקמאָל פאַר דער אומגעקומענער צויזמערער קהילה אויפן טאָראָנטער בית החיים אונדזערן.

ח׳ אלול תשי״ח איז אויפן צויזמערער בית־עלמין אין טאָראָנטאָ, אין דער אָנוועזנהייט פון צויזמערער דעלעגאַציעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זיד־אַמעריקע, ישראל און קאַנאַדע, פאָרגעקומען די אַנטהילונג פונם מצבה־שטיין און אַן אַנטשפּרעכנדיקער טרויער־פאַרזאַמלונג אין אָנדענקונג פון די געפאַ־לענע מאַרטירער.

אינם זעלבן זינען פון פאַרזעצן רוחניותדיקן צויזמערער המשך האָט די סאָסייטי אונדזערע אויך אונטערגענומען אַ קאָלאָסאַלע אַקציע און באַוויזן אויפ־צושטעלן אַ ליי־קאַסע פאַר די הונדערט און פופציק צויזמערער משפחות וועלכע האָבן זיך על פּי נס געראַטעוועט פון חורבן און עולה געווען אינם באַפרייטן פאָטערלאַנד. די וואוילטעטיקע קאַסע אונטערן נאָמען: „קופת גמילת חסדים „ריעות״ לזכר קדושי סנדומיר (צויזמער) ע״ש יצחק ענפּי ופנחס לאנדא ע״ה״ איז אַ מוסטערהאַפטע, סאָציאַלע אינסטיטוציע וואו אונדזערע לאַנדסלייט פון דער שארית הפליטה קענען צו יעדער צייט באַקומען אַן אָנפּראָצענטיקע הלוואה פאַר יעטוועדן נוצלעכן צוועק פון איינאָרדענען זיך אין אידישן היימלאַנד.

די החלטה פון דער עקזעקוטיווע צו פּובליצירן אמנון אייזענשטאַדטס בוך, איז אַ ווייטערדיקער רינג אין די עטלעכע און דרייסיק יאָריקע אַקטיוויטעטן פון די „צויזמערער״ (געגרינדעט אין טאָראָנטאָ אַלס „צויזמערער פרענדלי סאָסייטי״ אין חול המועד סוכות תרצ״ב, סעפּטעמבער 31, 1931), וואָס באַמיען זיך אָנצוהאַלטן די טראַדיציע פון שעפערישע מעשים־טובים, מיט וועלכע אונ־דזער שטעטל האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט אַזוי שטאַרק געשמט...

צוריקבליקנדיק אויפן סטאַזש פון די אָפּגעטוענע פעולות איז משך פון אונדזער עקזיסטענץ אַלס אָרגאַניזירטע צויזמערער לאַנדסמאַנשאַפט, זענען מיר שטאָלץ מיט די דערגרייכונגען און האָפן אויך ווייטער בלב ונפש ממשיך צו זיין די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פון די צויזמערער סאָסייטי אין דער צוקונפט, וועמענס אַמביציע עס איז איצט אויפצושטעלן אַ „צויזמערער בית־עם בנין״ אין מדינת ישראל.

באַטראַכט איך זיך דעריבער באמת פּריווילעגירט אין נאָמען פון די עקזיסטירנדיקע צוויזמערער אינסטיטוציעס צו באַגריסן אונדזער חשובן בן־עיר, אמנון אייזענשטאַדט, דעם רבין ר׳ זושא׳ס זון, וואָס האָט אויף זיך גענומען און דורכגעפירט אַזאַ געוואַלטיק וויכטיקע אַרבעט ווי עס איז דאָס פאַרצייכענען לדורות אַ קאַפּיטל געשיכטע פון אונדזער חרוב געוואָרענער היימשטאָט, וועלכע ער האָט ערשט נישט לאַנג צוריק באַזוכט.

מיר ווינטשן אים דערפאָלג און זענען זיכער, אַז דאָס איצט אַרויסגייענדיקע בוך זיינס, איז נאָר אַ התחלה פון אינטענסיווער, שריפטשטעלערישער טעטיקייט, אין וועלכער די טעמאַטיק פון זיין געבוירן־שטאָט צוויזמער וועט פאַרנעמען איינע פון די אָנגעזעענסטע ערטער.

אין נאָמען פון דער צענטראַלע פון צוויזמערער אָרגאַניזאַציעס און אירע אָפּטיילונגען אין דרום אַמעריקע, פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און מדינת ישראל:

אברהם ש. וויסמאַן, פרעזידענט
יחיאל עלבוים, ערן־פרעזידענט
יהושע לאנדא, וויצע־פרעזידענט
נחום גרינבלום, קאַסירער
יוסף איזראעל, פינאַנס סעקרעטאַר
יעקב שווייצמאַן, ספּעציעלער רעסאָרט
שלמה שאפעל, סעקרעטאַר

עקזעקוטיווע־מיטגלידער:

אלי׳ לייב טייטעלבוים
חיים גרינבלום
יעקב לייפּציגער
יחזקאל גלאס
יוסף סטאון
יעקב האָניגסבערג
לייבל שיף
משה סאמבאָרסקי
צבי יאמא
פישל מילראד

צוויזמערער הילפס־פאַראיין:

ישראל גרינבלום, פרעזידענט
אברהם זוסמאַן, וויצע־פרעזידענט
גוטשע איזראעל, וויצע־פרעזידענטין
דוד גרינבלום, קאַסירער

חיים ליבערמאַן

אַ קרוינווערק

זינט די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט און דער אידישער חורבן אין אייראָפּע האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז אין זיין גאַנצן אימה׳דיקן פּאַרנעם, האָט מיך געפּייניקט די פראַגע: ווי אַזוי זעט אויס אַ פריערדיקע „אידישע שטאָט״, אַ „אידיש שטעטל״, אָדער אַ „אידיש שטעטעלע״, היינט אינגאַנצן אָן אידן? ווי זעט עס אויס?

מיר ווייסן ווי אַזוי דאָס האָט אויסגעזען: האָט געמעגט די גוי׳אישע באַ־פעלקערונג אין אַזאַ ישוב זיין אַ סך גרעסער אין צאָל ווי די אידישע באַפעלקע־רונג — דאָס אויסזען איז געווען אינגאַנצן אידיש. דער הערשנדיקער כאַראַק־טער איז געווען אַ אידישער. די אידן האָבן כמעט שטענדיק אויסגעמאַכט דעם צענטער, און די גוים די פעריפעריע, און זיי האָבן זיך ווי גאָרניט גערעכנט. די אידן מיט זייער טעטיקייט, רירעוודיקייט, קאָכיקייט; מיט זייער אייגענער שפּראַך און אייגענער הלבשה, מיט זייערע שבתים און ימים טובים האָבן גע־מאַכט די שטאָט אָדער דאָס שטעטל אויסגעשפּראָכן אידיש.

ווי אַזוי זשע זעט דאָס אַלץ אויס היינט אָן אידן? ווען אַ שטורם איז גע־קומען און האָט די אידן אַזוי ווי מיט אַ בעזים אויסגעקערט, ניט לאָזנדיק צומאָל קיין שפּור?

איך פלעג זיך פּרובירן פאָרשטעלן אין דמיון. אין טעג און אין נעכט פלעג איך אָנשאַרפן מיין פאַנטאַזיע און זיך פּרובירן אויסמאָלן דאָס בילד, אָדער אַ בילד, אָבער אומזיסט. און איך האָב געדורשט נאָך דעם, ניט פון סתם נייגע־ריקייט, נאָר פון עפּעס אַ טיפער זעלישער באַדערפעניש. און איך פלעג מיט גרויסן הונגער צופאַלן צו יעדער באַשרייבונג, וואָס איז מיר אין האַנט געקומען פון אַ רייזענדן איבער די שטעט און שטעטלעך פון אידישן חורבן, אַ שרייבער צי סתם אַ טוריסט. נאָר איך האָב קיין אמת׳ע באַפרידיקונג קיינמאָל נישט געפונען.

ביז איך האָב זוכה געווען צו לייענען, נאָך אין דער קאָרעקטור, דאָס ווערק פון אמנון אייזענשטאַדט „און די ערד האָט נישט צוגעדעקט דאָס בלוט״. דאָס דאָזיקע ווערק באַפרידיקט אַזעלכע פאָדערונגען, וואָס מאַכן עס גאָר אַ יוצא מן הכלל: דער שרייבער איז אַליין דערצויגן געוואָרן און האָט געלעבט ביז אַ רייפן עלטער אין פּוילן אין די ערטער וואָס ער באַשרייבט; ער האָט אַליין דורכגעלעבט דעם נאַצישן גיהנום מיט אַלע זיינע פּיינען פון וועלכן ער איז אַנטרונען דורך נסי נסים. מיט פופצן יאָר שפּעטער, אַלס קאַנאַדישער בירגער,

איז ער געפֿאָרן אָנקוקן דעם חורבן, און צו די אַלע זאַכן איז ער געבענטשט מיט אַ גרויסן שרייבערישן טאַלאַנט.

ער האָט אַלזאָ גוט געוואוסט פֿון אייגענער דערפֿאַרונג ווי דאָס האָט אויסגעזען פֿריער. ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען דעם פּראָצעס פֿונעם אונטערגאַנג און איצט האָט ער, יאָרן שפּעטער, געזען ווי דאָס האָט זיך איינגעשטעלט און איינגעגלידערט אָן אידן. און דער געביט איז אַ געביט וואָס איז געווען צום געדיכטסטן באַזעצט מיט אידן.

און דער אויבערשטער האָט אים געשענקט אַ פֿילנדיק האַרץ און אַ זעעוודיק אויג, און אַ טיפֿן פֿאַרשטאַנד צו באַנעמען די מורא׳דיקע גראַנדיעזקייט פֿון דעם חורבן. און אויך דעם חוש פֿאַר זיין קדושה און טהרה, און אַלץ אינאיינעם האָט אים געגעבן דעם כח אָנצושרייבן דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס איז אַ קרוינווערק אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

און האָבנדיק אָנגעצייכנט די אַלע מעלות, האָב איך פֿונדעסטוועגן אַ געפֿיל, אַז דאָס אַלץ וואָלט נאָך ווייניק געווען כדי אָנצושרייבן אַזאַ וואונדערלעך ספֿר, דאָ האָט געמוזט זיין נאָך עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענער כח. און ווען איך האָב געטראַכט און איבערגעטראַכט וואָס דער דאָזיקער באַהאַלטענער כח האָט געקאָנט זיין, האָב איך באַשלאָסן: ס׳איז געווען זכות אָבות. דער זכות פֿון אַ גרויסן טאַטן, דעם צוויזמערער רבין, אדמו״ר הרב אלכסנדר זושא אייזענשטאַדט הי״ד. און דער זכות פֿון די הייליקע עדות וואָס ער האָט געפֿירט איז אים ביי געשטאַנען. אונדזער מחבר איז געפֿאָרן קיין פּוילן מקיים צו זיין די מצווה פֿון כיבוד אב און די מצווה פֿון מת מצווה: אויסצוגראָבן דעם פֿאָטערס כתבים וואָס ער, דער זון, האָט מיט די אייגענע הענט באַגראָבן כדי זיי צו ראַטעווען פֿון דעם שטורם. די נסיעה האָט גורם געווען דאָס איצטיקע ווערק. ס׳איז אַ גרויסער שכר הליכה וואָס ער האָט געקראָגן. אָבער נישט ער אַליין האָט געקראָגן דעם גרויסן שכר. ער האָט מזכה געווען זיך אַליין און האָט מזכה געווען כלל ישראל מיט אַ שטיק הייליקטום.

זיי געבענטשט, אמנון אייזענשטאַדט!

★ ★
★

דער אינהאַלט פון דאָזיקן בוך איז סעגרעגירט אין דריי טיילן: „איבער שטעט און שטעטלעך פון היינטיקן פוילן‟; „טיפן און געשטאַלטן פון אָנגעטראָ־פענע אידן‟; און „אָפּגעפּינענע מאַטעריאַלן, דאָקומענטן און לידער‟.

וואָס אָנבאַלאַנגט די ערשטע צוויי טיילן, זענען זיי מיט געוויסע אויסבע־סערונגען, אַ זאַמלונג פון רעפּאָרטאַזשן־סעריעס ספּעציעל אָנגעשריבן פאַר דער טאָראָנטער טעגלעכער צייטונג „דער אידישער זשורנאַל‟.

דאַקעגן איז דער דריטער טייל אַ קאָלעקציע פון נאָך נישט פאַרעפנטלעכע פאַרשידענע מאַנוסקריפּטן און שריפטן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך אייגנהענטיק געשריבענע פראַגמענטן פון תורות, שירים, פּאָעמעס און קאָמ־פּאָזיציעס פון מיין פאָטער, דעם צויזמערער רבין זצ״ל וואָס איך ברענג אין אָריגינאַל דורך פאָטאָסטאַטישער קאָפּיע.

וויל איך אויסדרוקן אַ דאַנק מיין יוגנט־חבר הרב דר. נח ח. ראָזענבלום, מנהיג רוחני פון בני ישראל צענטער אין ברוקלין, ניו־יאָרק, פאַר זיין באַ־לויכטענדיקן און רירנדיקן בריוו, וועלכן איך נוץ אַלס איינלייטונג צום לעצטן סאַמע ערנסטן טייל פון מיין חיבור.

יישר כוחכם דעם דיכטער ישראל עמיאָט פאַרן מונטערן מיך דאָס בוך אַרויסצוגעבן; דעם מוזיקאָלאָג בען שטיינבערג, פאַרן איבערשרייבן די נאָטן זיי זאָלן זיין דרוקפעאיק; און מיין פריינט דעם חשובן שריפטשטעלער הרב ר׳ יעקב יצחק וואָהלגעלערנטער, פאַר דורכקוקן די קאָרעקטורן.

אחרון, אחרון חביב!

האַרציקע אָנערקענונג מיינע טייערע צויזמערער לאַנדסלייט פאַר דער גרויסער אָנשטרענגונג מעגלעך צו מאַכן, אַז די קעגנווערטיקע אויסגאַבע זאָל דערשיינען אין אַזאַ שיינעם, עסטעטישן פאָרמאַט.

דער מחבר

ערשטע טייל

איבער שטעט און שטעטלעך
פון היינטיקן פוילן

אַ רייזע קיין פּוילן

דער יאָרטאָג פון דער אומפאַרגלייכלעכער מרידה. — דער רעוואָלט קעגן די דייטשן, וואָס האָט געמאַכט אַ ווענדע־פּונקט אין דער אידישער געשיכטע. — די בונקערן פון וואַרשעווער געטאָ אַלס טראַגישע באַזינער פון אַ מוראדיקן פאָלקס חורבן. — אידן פון דער גאַנצער וועלט לייגן בלומען־קרענץ ביים דענקמאָל פון די געטאָ־העלדן.

פּאָר צוויי און אַ האַלבע שעה בין איך געווען אַ פּאַסאַזשיר אין עראָפּלאַן פון דער ליניע „ווין־מאָסקווע״. אַזוי לאַנג דאַרף נאָרמאַל דויערן די לופט־רייזע פון ווין קיין וואַרשע, ווען אַלץ גייט בשלום און דאָס וועטער צעבונטע־וועט זיך נישט אין מיטן אין וועג.

עס איז צען אַזייגער פרי, דינסטאָג דעם ניינצנטן אַפּריל — דער דער־מאָנונגס־טאָג נאָך די וואַרשעווער אויפשטענדלער. צוגעגאַרטלט צו אונדזערע פלעצער זיצן מיר אינם אינגעווייד פון מעכטיקן מעטאַל־פויגל, וועלכער האָט זיך שוין צעזשומעט און גרייט זיך צום אָפּפלי.

די וויברירונג פון עראָפּלאַן ווערט שטאַרקער. מיר רירן פון אָרט און הייבן זיך אָן צו באַוועגן אין דער ריכטונג פון מיילן לאַנגן לויף־וועג. די באַ־וועגונגען פון די פּראָפּעלערס פאַרפילפאַכיקן זיך מיט יעדער סעקונדע מער. דער מאָטאָרן־רויש ווערט העכער און פלוצלינג פילן מיר ווי אַלע געפּענטעטע סטיכיעס וואָלטן נאָכגעלאָזן — מיר זענען אין דער לופט און שוועבן שוין איבער די ווינער הימלען.

אָפיציעל געפינען מיר זיך נאָך אויף עסטרייכישער טעריטאָריע, אָבער „דע־פאַקטאָ״ זענען מיר שוין אונטער דער אַזוי־גערופענער „אייזערנעם פאָרהאַנג״ און אונטער קאָמוניסטישער יוריסדיקציע.

אָבער עס איז זיך חלילה נישטאָ וואָס צו שרעקן... אַ קאַנאַדישער שטאַטס־בירגער איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט אומעטום, און ווערט אַלס אַזלעכער טראַק־טירט אויפן העפלעכסטן אופן... אין אַלגעמיין איז די באַדינונג פון די „סטיואַר־דעסעס״ אַ זאַרגפעלטיקע. זיי רעדן אגב אורחה נישט קיין שלעכטן ענגליש, אָבער דער סלאַווישער אַקצענט איז קענטיק אין יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט.

באַלד שטייט טאַקע איבער מיר איינע פון די „סטיואַרדעסעס״ מיט איר פּראָפעסיאָנעלן שמייכל און פרעגט מיך:

— „וואוד יו לייק טו העוו סאַמטינג?״

— „יעס״ — ענטפער איך. — „קוד איי פּאָסיבלי העוו עי ריעל סטראָנג מאָסקאָוער וואָדקאָ?״

אַ ווײַלע שפּעטער זופּ איך דעם רוסישן אַלקאָהאָל־געטראַנק און האָב אין זינען: „חתן מאַך זיך אַ לבֿ״...

דעם אמת זאָגנדיק וויל איך זיך באַוואוסטזיניק אַ ביסל באַרוישן, פאַר־שיכורן, נישט צו פילן דעם נאָגנדיקן פּײַן פון אַ איד, וואָס האָט אַליין געלעבט אין וואַרשעווער געטאָ, און מיט די אייגענע אויגן צוגעזען די בלוטיקסטע דראַמע ווי „פאָלק ישראל שטאַרבט!״

נאָך זיבעצן יאָר אָפּוועזנהייט פון דער פּוילישער ערד, פאָר איך ווידער־אַמאָל צוריק קיין וואַרשע אויף קבר־אָבות צום נאָמענלאָזן מאָנומענט; צו דער סימבאָלישער מצבה אויף זאַמענהאָף גאַס. מיט אַ געפיל פון אַ „עולה־רגלניק״ בין איך אין אייגענעם האַרצן מזכיר מיין היים־שטאָט וואַרשע, די ירושלים ד׳איראָפּע, וועלכע האָט מיט פייערדיקע רינגען איבער איר קאָפּ, גבורהדיק זיך דערהויבן איבער געסטאַפּאָ ברוטאַליטעט און מיט בריליאַנטענע קרוינען פון ריינסטער, אידישער מסירת־נפש — דורך אַלע נאַצישע מיתות משונות אַוועק אין פאַנטעאָן פון אידישן נצחיות, אַלס די ווידעראויפלעבערין פון דער קיינמאָל מער זיך נישט אויסלעשנדיקער, בראשיתדיקער אידישער העלדנ־מוטיקייט.

אַזויפיל יאָרן זענען שוין דורכגעלאָפן פונם מאָמענט ווען איבערן גאַנצן ערד־קיילעך האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן די אומגלויביקע און גלייכצייטיק עלעקטריזירנדיקע ידיעה: „וואַרשעווער אידן רעוואָלטירן קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט״.

„די לעצטע פּערציק טויזנט פאַרמויערטע געטאָניקעס פאַרוויקלט אין שלאַכטן מיט ס.ס.־באַטאַליאָנען״.

„צווישן פייער און פלאַמען האָבן וואַרשעווער אידן זיך גענומען צום גע־ווער, אין צאָרן פאַרגאַנגען און אין אויפבראויז פון גבורהדיקן בונט, זענען זיי אַרויס צום שמשון־הגבורדיקן קאַמף פון „תמות נפשי עם פלשתים״.

כמעט צוויי צענדליק יאָר זענען אַוועק פון יענעם ערב פּסח 1943, ווען די קאָאָרדינירטע אידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אונטער דער אָנפירונג פון מרדכי אַנילעוויטש האָט ענדגילטיק באַשלאָסן צו הייבן דעם פאָן פון אויפ־שטאַנד און מקיים זייענדיק דעם „שפוך חמתך על הנצים״ — נישט נאָר גע־ראַטעוועט אונדזער נאַציאָנאַלן פּרעסטיזש און מענטשלעכע ווירדע, נאָר אויך צוגעגעבן אַ זין דעם אומקום פון זעקס מיליאָן אייראָפּעאישע אידן.

זיץ איך איצט אַ געוועזענער וואַרשעווער תושב און בן האדמו״ר אין אַ פליענדיקן עראָפּלאַן, צווישן הימל און ערד און קלער:

ווייט אומערשעפלעך איז נאָך די טעמאַטיק פון יענער עפּאָכע מאַכנדיקער געשעעניש פון 19־טן אַפּריל, 1943, וואָס האָט מיט הימלישע קדושה און



וואַרשעווער געטאָ־מאָנומענט

משה רבינוס „קוואַל" אין קראַשינסקיס גאָרטן, וואו וואַרשעווער אידן פלעגן זיך צוזאַמענקומען שמועסן פּאָליטיק. פונדאַנען האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט דאָס געטאָ.

מלכותדיקער גבורה אַריינגעבליצט אין די פאַרחושכטע אידישע האָריזאָנטן פון אַלע וועלט־טיילן, מיט אַלע שימערן פונם רעגנבויגן...

עס איז מיין הייליקסטע איבערצייגונג, אַז אויב דער מיליטערישער דורכ־פאַל פון די דייטשן ביי סטאַלינגראַד, האָט אויף זיך געטראָגן דעם חותם פון דער „ווערמאַכטס״ פיזישער פאַרניכטונג — האָט דער וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד אויפן אייגנאַרטיקסטן אופן סימבאַליזירט די היטלעריסטישע מאָראַלישע מפלה...

בין איך נישט זיכער צי די וועלט און אַפילו מיר אידן אַליין, פאַרמאָגן שוין אַ גענוג אויסגערייפטן היסטאָרישן פערספעקטיוו, צו באַגרייפן אין דער פולער גאַנצקייט די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וועלכער האָט לויט מיין מיינונג נישט דערפילט קיין קלענערע געשיכטלעכע ראָליע אינם געראַנגל פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווי אַלע אַנדערע אויף די פראָנטן קעמפנדיקע אַרמייען פון די אַליאירטע.

מיינע מחשבות ווערן איבערגעריסן פונם מעגאַפאָן דורך וועלכן עס ווערט געמאָלדן אין רוסיש, פויליש און ענגליש, זיך ווידער צו פאַרשנאַלן און אויפ־הערן צו רויכערן, ווייל אין עטלעכע מינוט אַרום לאַנדן מיר אויפן וואַרשעווער פלי־פעלד „אָקענטשע״.

אויטאָמאַטיש פיר איך אויס די געגעבענע פאָרזיכטיקייט אינסטרוקציעס, און אַ נייגעריקער קוק איך אַרויס דורכן פירקאַנטיקן פענסטערל. און ווירקלעך צו דער פאָראויסגעזעענער צייט, צוויי און אַ האַלבע שעה נאָכן פאַרלאָזן ווין — בלייבן מיר מיט פרעציזער פינקטלעכקייט שטיין אין פראָנט פון וואַרשע־ווער לופט וואָקזאַל.

פוילישע גרענעץ־באַאַמטע אין גראַנאַטענע אוניפאָרמען באַגלייטן די אויסשטייגנדיקע פאַסאַזשירן צום צאָל־אַמט, פאַס קאָנטראָל, דעוויזן פאָרמאַלי־טעטן, טיילווייזע עפענונג פון באַגאַזש — אַלץ מיט רעספעקט און העפלעכקייט און דויערט צוזאַמען נישט מער ווי אפשר צען מינוט. קורץ פאַר איינס אַזייגער פאָר איך שוין איבער די גאַסן פון פוילנס הויפט־שטאָט צו מיין נאָך אין טאָ־ראָנטע רעזערווירטן „בריסטאָל־האָטעל״ אויף קראָקעווער פאָרשטאָט.

איך קען נישט באַהערשן מיין אימפולס און עפן דאָס טעקסי־פענסטערל. אפשר וועל איך ערגעץ וואו עפּעס דערזעען וואָס אינטערעסירט מיך און קען מיך צוריק דערנענטערן צו דער אַנטלאָפענער פאַרגאַנגענהייט. נאָך אַלעמען איז עס דאָך די שטאָט וואו איך בין אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן. אָבער אומעטום פרעמדע, נייגעריקע געזיכטער בלויז, וואָס קוקן מיר נאָך מיט קוריאָזיטעט דערקענענדיק אין מיר דעם אַמעריקאַנער טוריסט...

— „האָטעל בריסטאָל״! — רופט אויס דער שאָפער פון דער מלוכהשער טעקסי. איך באַצאָל פאַר מיין פאָרן, וואָס באַטרעפט שוין צוזאַמען מיטן טרינק־געלט אַ האַלבן דאָלער לויט אָפיציעלן טויש־פּרייז, (24 זלאָטעס פאַר אַ דאָלער. לויטן שוואַרצן מאַרק פרייז פונם אַמעריקאַנער דאָלער, וואָס איז

אַרום 90 זלאָטעס אַ דאָלער וואָלט עס נאָר באַטראָפֿן אַן ערך 10 סענט). אויף אין דער גיך רעגיסטריר איך זיך אין האָטעל און אַריינקומענדיק אין מיין צימער וואַרף איך זיך אין אָנטועכץ אַוועק אויפֿן בעט אַ גייסטיק דערשעפּטער. עס איז איצט האַלב צוויי אַ זייגער. נאָר דריי און אַ האַלבע שעה געבליבן ביז צו די פייערלעכקייטן ביים געטאָ דענקמאָל. דאָרט שפּעטער אויפֿן געגנשער פּלעצל וויל איך וואַך זיין מיט אַלע מיינע חושים; כ'זאָל קאָנען הערן, זען, פילן און פאַרנעמען אַלץ וואָס וועט געזאָגט און געוויזן ווערן. איך קען אָבער נישט איינליגן. עס ציט מיך מיט טויזנטער אומגעזעענע צוואַנגען צום געוועזענעם „יודן קוואַרטאַל"; צו דער גאַס וואו מיר האָבן צוואַנציק יאָר געוואוינט, צום אָרט וואו מיין פאָטער האָט אַלס צוויזמ'עוער רבי זיין חסידישע רביסטווע געפירט.

עס ציט מיך אינסטינקטיוו און נשמהדיק צום צענטער פונם אַמאָליקן אידישן וואַרשע, וואָס האָט געציילט אַ האַלבן מיליאָן אידן מכל המינים. אדומו"רים און רבנים, אינטעליגענטן און פּראָלעטאַריער, ישיבה בחורים און אַרבעטער־יוגנט.

עס ציט מיך צום פּלאַצדאַרם פון די שלאַכטן וואו דער לעצטער אַוואַנגאַרד אונדזערער, די גואלי־הדם פונם אויסגעשאָכטענעם פאָלק האָבן מיט די אַליין געמאַכטע מינעס באָמבאַרדירט די בלוטיקסטע פאַשיסטישע דעגענעראַטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע און דאָקומענטירט צו אַ שטוינענדיקער וועלט, אַז נישט געטאָ שקלאַפן זענען אידן — נאָר קעניגלעכע אייניקלעך פון דוד המלך און שמשון הגבור, יהודה המכבי און בר־כוכבא...

מיט אימפּעט שפּרינג איך אַראָפּ פון בעט, כאַפּ מיין אין ניו־יאָרק איינגעקויפטע „פּאָלאַראַיד" קאַמעראַ, און ווידער אַמאָל בין איך אין אַ טעקסי אין וועלכער עס דערוואַרט מיך אַ סורפּרייז — אַ אידישער שאָפער. וואָס פאַראַ טייערע צופעליקייט. אַ לאַנדסמאַן, אַ וואַרשעווער, וועלכער איז געווען עוואַקואירט אין סיביר; און איז איצט איינער פון גאַנצע פינף אידישע טעקסי־דרייווערס, וועלכע געפינען זיך היינט־צו־טאָג אין וואַרשע.

— הערט זשע מיך אויס פעטער — זאָג איך צום 56־יאָריקן, מאָדערנעם בעל עגלה מיינעם. ביז צו דער געטאָ פייערונג האָבן מיר נאָך מער ווי צוויי שעה. וואָלט איך געוואָלט איר זאָלט מיט מיר מאַכן אַ טור אַרום דער שטאָט. אָבער למען השם פאָרט נישט גלייך אין געטאָ אַריין. קרייזט אַרום צומערשט דעם 16 קילאָמעטערדיקן לאַנגן וועג פון דער געטאָ־מויער אויף דער אידישער זייט. נאָכהער פאָרט אויף אַלט־שטאָט, צום מוראַנאָווער טראַוגוטאַפּאַרק, צום געגנשער בית־עולם — אַזוי הקפותאַרטיק. שפּעטער אויף טוואַרדעגאַס, צו נאָזשיקס שול, צום קראַשינסקי גאָרטן. אַלץ אינטערעסירט מיך. פון אַלעם וויל איך מאַכן בילדער. דערנאָך אַזוי בהדרגהדיק וועלן מיר ערשט אַרום פיר אַזייגער צופאָרן צום געטאָ מאָנומענט.

אַ קלוגער איד מיין שאָפער, דער פּאָלקס־מענטש ר' יאָסעלע.

— איך קען אייך פאַרשטיין — זאָגט ער. — איר האָט געמאַכט אַ פּלאַן



די גענשער תפיסה — זיץ־אָרט פון וואַרשעווער „יודענראַט“, און שפּע־טערדיקער פּלאַצאַרם פון גרעסן געטאָ־קאַמף.



דער טויער פון קראַשינסקיס גאָרטן. פונדאַנען האָבן די נאַציס מיט האַרמאַטן באַשאָסן די געטאָ־קעמפער.

פונקט אַזוי ווי אַ דאָקטאָר, ווען ער דאַרף אַראָפּנעמען אַ באַנדאַזש פון אַ ווייטיקלעכער וואונד. פּאָרזיכטיק און סיסטעמאַטיש וויקלט ער אָפּ ביסלעכווייז די פאַרבינדונג, דער קראַנקער זאָל עס קענען פאַרטראָגן.

אַן עמכדיקער פּסיכאָלאָג מיין טעקסי־דרייווער, וועלכער האָט אַליין אויך דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס.

איבער צוויי שעה בין איך מיט מיין מורה־דרך אַרומגעפאָרן אויפכאַפּנדיק יעדן שמץ פון מיין פאַרשוואונדענער וואַרשע. עטלעכע צוואַנציק בילדער גע־מאַכט און דער זייגער האָט זיך אינצווישנצייט צוגעריקט אויף נאָך פיר. האָבן מיר אויסגעדרייט אונדזער „וואָלגאַ״ מאַשין צו צפון, פאַרקירעוועט דורך נאַוואָטקי גאַס (ג׳וועזענע נאַלעווקעס) און אַ פּאָר מינוט שפּעטער זענען מיר געבליבן שטיין פונקט קעגנאיבער דעם געטאָ־דענקמאָל.

שטיי איך איצט פּנים אל פּנים אַנטקעגן דעם עלף מעטערדיקן געטאָ־מאָנומענט אויף זאַמענהאָף גאַס אַ פאַרשטומטער. טראָץ מיין שרייבערישן ווערטער־באַגאַזש, פיל איך זיך ווי אַ גייסטיקער אָרעמאַן, וועלכער קען נישט געפינען די געהעריקע אויסדרוקן צו באַשרייבן די יסורימדיקע הייליקייטן און איבערמענטשלעכע גבורה, וואָס ווייעט פונם סימבאָלישן מצבה־שטיין און דער־ציילט וועגן די העראָאישע עפּאָפּיי אין דער געשיכטע פון חורבן פּוילן און חורבן אייראָפּע.

עס איז איצט 10 מינוט צו פינף. אין אַ ווײַלע וועלן זיך אָנהויבן די אָפּי־ציעלע צערעמאָניאַלן פון באַערן די העלדנמוטיקע מאַרטירער. פון מינוט צו מינוט וואַקסט די מאַסע פון פאַרזאַמלטע, מערסטנטיילס אידן צוריקגעקומענע פון טיף רוסלאַנד, צווישן זיי אַ סך וואַרשעווער אָפּשטאַמיקע, אַזוי גערופענע „רעפּאַטריאַנטן״, וואָס זענען געקומען פאַרגיסן אַ טרער, אָפּזאָגן אפשר שטי־לערהייט אַ קדיש — אָפּגעבנדיק אַזוי אַרום כבוד די אַנאָנימע, לעצטע 40 טויזנט נקמה־נעמער פון וואַרשעווער געטאָ.

אויפן פּלעצל קעגנאיבער דער מיליטערישער תפיסה, ווערן געמאַכט די לעצטע הכנות צו דער באַפאַרשטייענדיקער געטאָ פייערונג, צו וועלכער עס וועט קומען דער רוב פון די אין וואַרשע און אין פּראַגע זיך געפינענדיקע אידן, וואָס אידענטיפיצירן זיך ביי יעדער געלעגנהייט מיט אַלץ, וואָס איז אידיש און זענען נאָך נישט אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער מינדערווערטיקער „אנוסים״ קרענק.

פינף אַ זייגער!

עס דערהערט זיך אַן אויסשאַל פון אַ מיליטערישן טראָמפּייט. אַן אָפּ־טיילונג סאָלדאַטן פון דער פּוילישער אַרמיי אין פולער באַוואָפענונג, אונטערן פלאַטער פון פּוילישע נאַציאָנאַלע פענער שטייט אויף אַכטונג, פּרעזענטירנדיק דאָס געווער אין דער ריכטונג פון די אין גראַניט אויסגעסקולפּטירטע געטאָ געשטאַלטן. אַ פּילצאָליקער מיליטערישער אָרקעסטער שפּילט דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן הימן ביי דער פייערלעכסטער שטילקייט פונם עטלעכע־טויזנט־קעפּיקן עולם.



דאָס לייגן פון קראַנצן ביים געטאָ־דענקמאָל.



בלומען־קראַנץ מיט אידישער אויפשריפט, פאַרן געטאָ־מאָנומענט.



די העלדין פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד „זירקאָ" (אירענע געלבלום) פאָטאָגראַפירט מיט איר מאַן ביים גבורים־מאָנומענט.

דעפּילאַדע פון פּוילישן מיליטער ביים געטאָ־דענקמאָל.

אַלעמענס בליקן זענען געווענדעט צו די עקספּרעסיאָנעלע פיגורן פונם דענקמאָל. אַ סך מענטשן שטייען מיט פאַרמאַכטע אויגן ווי זיי וואָלטן אין געדאַנק וועלן אַרויסרופן די וויזיע פון יענע גרויליקע טעג.

און באמת מוז מען אָנערקענען, אַז דער סימבאָלישער מצבה־שטיין איז אַ מאָנומענטאַלע אַרכיטעקטאָנישע אַרבעט, וועלכע אַקצענטירט אויף אַ בולט־קינסטלערישן אופן דעם גבורה־קאַמף פונם אויסגעמאַטערטן פאָלק קעגן זיינע פייניקער. די הויפּט סקולפּטור אילוסטרירט אַ גרופּע קעמפער, אין באַשטאַנד פון מענער, פרויען און יוגנטלעכע, וואָס באַמיען זיך אַרויסצורייסן פון ברע־נענדיקן געטאָ.

דער אויסדרוק פון זייערע געזיכטער, דער אויסזען פון די „היימיש־גע־מאַכטע" גראַנאַטן, באַצייכענען גרענעצלאָזע, אידעאַליסטישע קרבנות־גרייט־קייט און אומדערשיטערלעכן באַגער צום קאַמף קעגן די פאַרניכטער פון אונ־דזער פאָלק.

אַ באַזונדערס טיפן איינדרוק מאַכט דאָס מיטלסטע געשטאַלט פונם מאַן, וועלכער איז אין קאַמף פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער רעכטער האַנט, און גרייט זיך אָבער דאָך צו וואַרפן אַ „מאָלאָטאָוו קאָקטייל" מיט דער פאַרלויפיק נאָך גאַנץ געבליבענער לינקער האַנט.

עס דערהערן זיך אבלדיקע טענער פון שאָפּענס טרויער־מאַרש. די פּראָ־צעסיע פון די קראַנצן־טרעגער הויבט זיך אָן צו באַוועגן צום דענקמאָל צו. אַן ערן־וואַך פון פּוילישע אָפיצירן און וואַרשעווער סקויטן נעמען אָפּ די בלומען און שטעלן זיי אויס שורהסווייז איינער הינטערן אַנדערן. צופוסנס פון מאָנומענט פון צווישן די פאַרשידנערליי בלומען לויכט מיט גאָלדענע אותיות אַרויס אַ באַשיידענער דריי שפּראַכיקער טעקסט אין העברעאיש, אי־דיש און פּויליש: „עם ישראל — ללוחמיו ולקדושיו".

„דאָס אידישע פאָלק — זיינע קעמפער און מאַרטירער".

ריי נאָך ריי דערנענטערן זיך די פאַרשידנאַרטיקע, קאָלירפולע בלומען־קרענץ דעלעגאַציעס. אָט איז די פאַרשטייערשאַפט פון דער רעגירונג, פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט. עס באַלייגן אויך בלומען די רעפּרעזענטאַנטן פון פאַרשידענע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטיזאַנער גרופּן. אין נאָמען פון דער הויפּט פאַרוואַלטונג פון קולטור געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די אידן אין פּוילן גייט אַ 6 פּערזאָניקע דעלעגאַציע. אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט רופט אַרויס דער הערלעכער בלוי־ווייסער טוליפּן־קראַנץ באַפּוצט מיט אַ גאָל־דענער און בלוי־ווייסער לענטע, וועלכע איז געלייגט געוואָרן דורכן ישראל־דיקן געזאַנדטן אין וואַרשע. דעם לעצטן קראַנץ לייגט אַ דעלעגאַציע פון אַמע־ריקאַנער אידן, וואָס פאָרן דורך פּוילן און מאָסקווע אויפן וועג קיין ישראל צו די פייערלעכקייטן פונם „יום־העצמאות".

דריי פערטל זעקס — די פאָרמעלע פייערלעכקייטן זענען געענדיקט. די ערן־קאָמפּאַניע פון מיליטער מיט איר אָרקעסטער מאַרשירן אַוועק צו זייערע

קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ. פון רעכטס: נחמן קלינגער, פון סטאַווקי 15 און ברוך וואגענשטיין פון פראַנטשישקאַנער 20, האַלטנדיק די פאָן פון „ברית החשמונאים" (יוגנט באַוועגונג פון „אחדות ישראל"). דער דריטער איז: ראובן דאָרן הי"ד, פון זאַמענהאָף 17 — דערהרגעט פון אַ דייטשן גראַנאַט בשעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע.

סימבאָלישער שטיין פון קאַנאַל, וואו די געטאָ קעמפער זענען אַראָפּ
אין די וואַסער קאַנאַליזאַציעס.



די חרוב געוואָרענע געביידע פון גענשע 19, וואו עס זענען פאָרגעקומען
די פאַרביסנסטע קאַמפן מיט די דייטשן.

קאַשאַרן. די אָרדענונג און וואַך ביים דענקמאָל נעמט איבער די וואַרשעווער בירגער־מיליץ. די מאַסע הויבט זיך אָן פונאַנדערצוגיין. נאָר דאָ און דאָרט שטייען נאָך גרופּקעלעך פון פאַר׳צערטע אידן און רופן צווישן זיך אַרויס דער־אינערונגען פון אַמאָליקן אידישן וואַרשע.

וואַנדער איך אַרום צווישן די שטייענדיקע הייפעלעך אידן, כ׳וויל אויפ־כאַפּן זייער שטימונג, זייער געמיט און געפינען התחזקות פאַר זיך אַליין, קעגן די אייגענע טרויעריקע רעיונות...

אַוודאי איז די געטאָ פייערונג דורכגעפירט געוואָרן אויסערגעוויינלעך אימפּאָזאַנט. אַוודאי האָט דער מיליטערישער כאָר פון דער פּוילישער אַרמיי אויף אַ וואונדערבאַרן אופן געזונגען אין אַ ריינעם אידיש מרדכי געבירטיגס „עס ברענט, ברידערלעך עס ברענט!״

אָבער קען עס כאָטש בזעיר אנפּין קאָמפּענסירן אונדזער געליטן פאָלק, וועלכער מען האָט ביים שטילשווייגן פון אַ מערדערישער וועלט, בעסטיאַליש געדריטלט?...

קענען נאָכן טויט אַרויסגעוויזענע רעספּעקטן פאַרג טיקן פאַרן אינקווי־זיטאָרישן אומקום פון זעקס מיליאָן אידן?

געזעגן איך דעם אַרום מיט אַן אומעטיקן בליק און טראַכט: רום און לויב אייך לעגענדאַרע, מאָדערנע מכביער פון וואַרשעווער געטאָ!

מיט אייער אויפשטאַנד קעגן די דייטשע סאַדיסטן, האָט איר אויך געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין אונדזער פּסיכיק, אינם געדאַנקן־גאַנג פון אידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט. איר האָט אונדז געלערנט מער נישט צו זיין קיין מאַרטירער — נאָר נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניקע אידן, וואָס זענען פון היינט אָן און ווייטער ביזן לעצטן אָטעם־צוג, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, גרייט מיט וואָפן אין דער האַנט צו פאַרטיידיקן זייער מענטשלעכע ערע, און זייערע פון גאָט געגעבענע הייליקייטן.

מעגן יאָרן פאַרבייגיין, קלימאַטן זיך ענדערן, רעזשימען זיך טוישן, וועט עס אָבער אויף אַ האָר נישט פאַרמינערן אָדער פאַרשאָטענען די עפּישע גראַנדיעזקייט פון די אייפערדיקע פריההייטס־קנאים פון וואַרשעווער געטאָ, וועלכע האָבן מיט זייער אויפאָפּפערנדיקע, רעוואָלוציאָנערע טאַטן, דערפילט אַ היסטאָריש דערלייזערישע מיסיע, אויפוועקנדיק דאָס אידישע פאָלק פון זיין גלות לעטאַרגיע...

✻

אַ סדר נאַכט אין היינטיקן אידישן וואַרשע

רעליגיעז שטייגער־לעבן אונטער אַ קאָמוניסטישן רעזשים. — די באַרימטע „נאָזשיק־שול" אַלס צענטער פון רעליגיעזע און סאָציאַלע אַקטיוויטעטן. — טיפּן און כאַראַקטערן פון דער נאָכמלחמה'דיקער אידישער געזעלשאַפט אין פּוילנס הויפּטשטאָט.

יעדער אידישער מאַן און יעדע אידישע פרוי פונם איצטיקן פּוילן, זענען אַרומגייענדיקע, לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיעס פון דורכגעמאַכטע ענויים און אויסטערלישע לייד און פּיין.

נישט פאַראַן קיין איין איד אין היינטיקן פּוילן, וועמענס אויטאָביאָגראַפישע געשיכטע זאָל נישט פול זיין מיט דראַמאַטישן שטאָף, גענוג אויף צו שרייבן פילם־סצענאַרן. צענדליקער טיפּן און כאַראַקטערן האָב איך אָנגעטראָפן בשעת מיין צוויי־וואָכיקן באַזוך אין פּוילן, און יעדער פון זיי איז מלא וגדוש מיט אידישן מאַרטירערטום...

יעדער איינער פון זיי איז אויף זיין אופן אַ סימבאָליש געשטאַלט, רעפּרעזענטירנדיק טויזנטער זיינס גלייכן, וועלכע האָבן געעני דאָס זעלבע מיטגעמאַכט, אָבער נישט דערלעבט דעם היטלעריסטישן סוף. אַ שאַד, וואָס איך קען נישט קיין סטענאָגראַפיע, מען וואָלט דערשיטערט געוואָרן פון די אידישע מלחמה־זכרונות; די האָר אויפן קאָפּ וואָלטן זיך אייך אויפגעשטעלט, הערנדיק אין פשוטע נישט געקינצלטע ווערטער, עפּיזאָדן און דעראינערונגען פון סבלנות און קאַמף, געראַנגל און אויסדויער, וועלכן עס האָבן אַרויסגעוויזן אונדזערע ברידער און שוועסטער אין אַנבליק פון די גרעסטע געפאַרן . . .

אַזויפיל אידישער ברען ליגט אין די דערציילונגען פון די מענטשן מיט וועלכע כ'האָב זיך צעשמועסט. אַזויפיל אידישע טראַגיק און „פּינטעלע איד"־מאָמענטן זענען פאַראַן אין זייערע איבערלעבונגען, וואָס בעטן זיך פאַר־אייביקט צו ווערן אָן שום ליטעראַרישע פאַרפּוצונגען, נאָר אַזוי — מעשה־שהיהדיק מלה במלה.

אָבער איידער איך וועל אייך פאָרשטעלן די „העלדן" פון מיין רעפּאָרטאַזש, קומט מיט מיר צוערשט אַרויס אויף אַ שפּאַציר. לאָמיר גיין באַזוכן די צוויי איינציק גאַנץ געבליבענע בנינים פונם אַמאָליקן נאָך פאַר־מלחמהדיקן

גלאָררייך, אידישן וואַרשע. קודם כל איז ווערט צו גיין אָנקוקן „נאָזשיקס" שול, וואָס האָט זיך ווי פאַרבאַהאַלטן צווישן די רואינען און נסימדיק געבליבן שטיין אומבאַרירט. טוואָרדע 6 איז ביים היינטיקן טאָג דאָס איינציקע „בית תפילה" און פּאַקטישער „בית מקדש מעט" פאַר אַלע רעליגיעזע, און איך וואָלט געזאָגט, אויך נאַציאָנאַלע אידן, וועלכע ווילן נישט פאַרלירן דעם קאָנ־טאַקט מיט די גייסטיקע ווערטן פון אונדזער פאָלק.

איז געווען אינטערעסאַנט און רירענד צו זען ווי די פרום־געזאָנענע וואַרשעווער אידן, זענען זיך צום סדר צוזאַמענגעקומען אין קהילה־הויז, און אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַלטן רב פעלצאַוויטש (געווען קרוב צו די שמונים) געפּראַוועט טיש און געזאָגט די הגדה מיט אַלע תנועות, קנייטשן און נגונים פון אונדזערע אוראַלטע טראַדיציעס.

אַ באַזונדערע „בני הזרין" שטימונג צווישן עולם האָט געשאַפן דאָס זונ־דעלע פון ישראל קאָנסול אין וואַרשע, וועלכער איז געווען דער „אָפיציעלער" קשיות פרעגער. מיט זיין הברה ספרדית און שטאָלצן, קלינגענדיקן עברית, האָט ער ממש דערפילט אַן אויפמונטערנדיקע דיפּלאָמאַטישע מיסיע. זיין „מה נשתנה" איז פאַר וואַרשעווער אידן געווען אַן ערשטהאַנטיקער גרוס פון דעם אויפוואַקסנדיקן יונגן ישראל־דור, און אַן אויסדרוק פון טיפע צוגעבונדקייט, וואָס אַ „סאַבראַ" קען אַרויסווייזן צו זיינע מיטברידער אין גלות.

מיט עקסטאַז האָבן דעריבער די אַרומזיצנדיקע אידן אָפּגעענטפערט דעם „עבדים היינו", און איך האָב געקענט פילן, אַז זיי האָבן נישט נאָר ציטירט געשיכטלעכע פאַרגאַנגענקייט פון אידישע ליידן און פיין בימי פרעה, נאָר אויך דערמאָנט די ערשט נישט לאַנגע קעגנוואַרטיקע שקלאַפעריי אין די היטלע־ריסטישע קאַצעטן און צוואַנגס־אַרבעטס לאַגערן אונטער דער אָנפירונג פון די ראַפינירטסטע נוגשים אין דער וועלט־געשיכטע.

בין איך, אַ טוריסט פון וויטן קאַנאַדע, געזעסן ביים סדר־טיש אין וואַר־שעווער קהילה הויז, צווישן אַ וואָרקער־חסיד פון ר' אהרן סאַרזינערס „שטיבל" אויף טוואַרדע גאַס, און אַ פּראָגרעסיוון אידישן שוישפּילער פון אידאַ קאַ־מינסקאַס טעאַטער, מיטגעהאַלטן די יום־טובדיקע סעודה און זיך באַמיט צו רעגיסטרירן אין מיין מוח די טיפע איינדרוקן פון אַן אומפאַרגעסלעכן אָוונט. עס האָט מיר אויסערגעוויינלעך אימפּאָנירט די געזעלשאַפט פון אידן, וואָס כאָטש זיי לעבן אונטער אַ קאָמוניסטישן רעזשים האָבן זיי אַפילו נישט בדעה זיך אָפּצוזאָגן פון טראַדיציאָנעלע אידישקייט און נוצן אויס די טאָלעראַנטע באַציאונג פון דער פּוילישער רעגירונג צו אידיש־געזעלשאַפטלעכער טעטי־קייט, פייערנדיק אויף אַן אָרטאָדאָקסישן אופן מיט פּראַכט און געזאַנג, ביי אָנגעצונדענע שבתדיקע קאַנדעלאַבּרעס, דעם סימבאָלישן נצחון פונם עם ישראל איבערן אַמאָליקן מצרישן פייניקער און זיינע נאָכפאָלגער בכל דור ודור.

ווייס איך נישט ווער עס איז מער רעאַליסטיש און ווער עס איז מער סענטימענטאַל, איך אָדער יענער פאָלקס־איד פון שוועדן (מיין שכן אינם בריסטאָל האָטעל) וועלכער איז געקומען קיין פּוילן טאָן אַ אידישן שידוך. ער

יונגער וואַרשעווער רב (אינמיטן) און דערנעבן (לינקס) אַ מיטגליד פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע, בשעת אַ סדר נאַכט אין דער קהילה.

אַ אידיש מיידעלע צווישן די באַטייליקטע אינם סדר פון דער וואַרשעווער געמיינדע.

איז באַגייסטערט געוואָרן וויאַזוי דאָס קריסטלעכע מיידל סלאַוואַ־פּזשיבילסקאַ, האָט בעשת דער געטאָ אַקאַדעמיע אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע געזונגען אידישע לידער, און געזען אין דעם אַן אויפשוואונג פון ווידער־אויפלעבנדיקן אידיש אין היינטיקן פוילן. דאַקעגן מיר, איז טאַקע געפעלן דאָס געלונגענע זינגען פון די פוילישע אַרטיסטן אויף „מאַמע־לשון“, אָבער נתפעל בין איך גאָר געוואָרן, נישט אינם עלעגאַנטן מיט קריסטאַל שימערירנדיקן, פּראַכטפולן נייעם פילהאַרמאָניע־זאַל, נאָר דווקא אין די באַשיידענע, פּרימיטיווע, אין רעמאָנט זיך נויטיקנדיקע צימערן פון רעליגיעזן אידישן פאַרבאַנד אויף טוואַרדע נומער זעקס. איך בין מער מיטגעריסן געוואָרן מיטן בילד פון מיינע אין ”פייער און פלאַמען“ אויסגעפּרואווטע ברידער־אידן, וואַרשעווער שארית־הפליטהניקעס, וועלכע זענען דעם 11־טן אַפּריל פונם היינטיקן יאָר בציבור געזעסן אין דער „גמינע“ אַרום ווייס־געדעקטע טישן, און מיט אַזאַ מאַמינדיקן אייפער איבערדערציילט די וואונדער פון „יציאת מצרים“. איך האָב גראַד אין זייער חסידיש־מעלאָדישן הגדה־זאָגן, געזען גוטע סימנים פון „קשי־עורפדיקן“ אידישן נצחיות. ווי האָט אונדז אַמאָל געלערנט אונדזער דראַמאַטישער לערער פון מלוכהשן לערער־סעמינאַר אויף גענשע־גאַס, פּראָפעסאָר לימאַנד ז״ל (באַרימט געוואָרענער רעציטאַטאָר אין וואַרשעווער געטאָ): — אַ וואונדערבאַרער בוים קען מיינען צוויי פאַרשידענע זאַכן! עס ווענדט זיך נאָר ווער עס אַנטציקט זיך מיט אים — אַ האָלץ סוחר, אָדער אַ פּאָעט.

2

די צווייטע, נאָך פון פאַר דער מלחמה שטיין־געבליבענע געביידע, וועלכע איז געווען דער שטאָלץ פון קולטורעלן, אידישן וואַרשע — איז דער מאַסיווער בנין פון געוועזענעם יודאַאיסטישן אינסטיטוט. פון דער „טלאָמאַצקער סינאַגאָגע“ איז דאָך נישט געבליבן קיין „שריד־ופליט“, נישט מער אַ וואַרשעווער תושב קאָן זיך אָריענטירן לויטן געבליבענעם בנין פון יודאַאיסטישן אינסטיטוט ווי די אַזוי־גערופענע „דויטשע שול“ איז אַמאָל געשטאַנען. אויפן זעלבן השערהדיקן אָרט קען מען זיך דערמאָנען ווי קעגנאיבער דעם אויפגעריסענעם בית־הכנסת, האָט זיך געפונען דער וועלט־באַרימטער אידישער „ראַסקין“ פאַרלאַג און בוך געשעפט. נישט ווייט אַוועק אויך אויף טלאָמאַצקע נומער דרייצן איז געווען דער אידישער שרייבער פאַראיין, וואו די לייבן פון אונדזער ליטעראַטור פלעגן זיך צוזאַמענקומען. היינט וועט איר אויף די אַלע ערטער נאָר זען אָפּגעליידיקטע פלעצער, טיילווייז פאַרצוימטע און אָנגעשטעלט מיט בוי און הויב־מאַשינען. וואַרשיינלעך גרייט מען זיך דאָרט צו פאַרבויען דעם באָדן מיט נייע מאָדערנע געביידעס.

מוז איך מודה זיין, אַז טראָץ דעם, וואָס איך האַלט זיך פאַר אַ וואַרשעווער „מבטן ומלידה“, האָב איך אַראָפּגייענדיק פון טראַמוויי פאַר אַ ווײַלע זיך פאַרלוירן און געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט זוכנדיק די לאַגע, גרויע געביידע פון אַמאָליקן יודאַאיסטישן לער־אַנשטאַלט — אין וועלכער עס געפינט זיך היינט צו טאָג דער הויפּט היסטאָרישער אַרכיוו און דאָקומענטאַציע צענטער, אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר ב. מאַרק.

הרב פעלצאָוויטש ע״ה און זיינע מקורבים ביים פּראַוועז דעם סדר.

הרב פעלצאָוויטש ע״ה, מיט דער רביצין, ביים פענסטער, פון אונטן, דער וואַרשעווער שוחט מיט זיין פרוי (אין די ברילן).

אָנטיילנעמען אין וואַרשעווער סדר.

אַ דורכגייענדיקער פּאָלאַק מיט אַ פּליסיק רעדנדיקן ענגליש איז מיר אָבער געקומען צוהילף — דערקענענדיק אין מיר אַן אויסלענדער.

— מיין נאָמען איז שימאַנסקי — האָט ער זיך איראָפּעאישאַרטיק פאָר־געשטעלט.

— און מיין נאָמען איז אייזענשטאַט און איך בין אַ קאַנאַדער איד — האָב איך געענטפערט, באַשליסנדיק נישט צו באַהאַלטן מיין נאַציאָנאַליטעט, זייענדיק נייגעריק אויף זיין רעאַקציע.

— אַה! מיין טייערער פריינט — האָט ער זיך פּלוצלינג דערפרייט מיט מיר — איר זענט אַ איד און איר זוכט אַוודאי דאָס הויז פון היסטאָרישן אינסטיטוט.

— „יעס סער״ — האָב איך באַשטעטנדיק צוריקגעשמייכלט.

— עס איז נישט וויט פון דאַנען — דערקלערט מיר דער באַרעדעוודי־קער שימאַנסקי. — עס איז פונקט קעגנאיבער אויף דער אַנדערער זייט גאַס. אָבער איידער איר אַנטלויפט מיסטער אייזענשטאַדט, דערציילט מיר ביטע ווי עס לעבט זיך עפּעס ביי אייך אין קאַנאַדע. אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן — זעצט ער ווייטער פאָר דאָס געשפּרעך אָן צו וואַרטן אויף אַן ענטפער פון מיין זייט — בין איך אין די געטאָ־צייטן געווען דער דירעקטאָר פון „מאַלטא״ שפּיטאָל אויף דער אַרישער זייט, וועלכעס האָט זיך געגרענעצט מיטן יודאַאיסטישן אינ־סטיטוט אין געטאָ; און איך פריי זיך, וואָס איך בין געווען אינסטרומענטאַל און נישט נאָר דערלויבט, נאָר אויך אייגנהענטיק געהאָלפן אַריינשמוגלען שפּייז פאַר די פאַרהונגערטע געטאָ אידן. אַ שאָד וואָס מיינע אידישע געטאָ פריינט האָבן לײדער נישט איבערגעלעבט די אָקופּאַציע. זיי וואָלטן אייך פייערלעך באַשטעטיקט, אַז וואָס איך זאָג איז הונדערט־פּראָצענטיקער אמת.

געזעגן איך זיך מיטן הער שימאַנסקי, דאַנק אים מיט אַ פּעקל קאַנאַדער סיגאַרעטן און בשעת מעשה קומט מיר אויפן געדאַנק די ציניש באַמערקונג פון אַ פאַרביטערטן וואַרשעווער אידישן פירער, וועמענס נאָמען מוז צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים פאַרבלייבן „אינקאָגניטאָ״: — „איצט באַרימט זיך יעדער פּאָלאַק, אַז ער האָט אויסבאַהאַלטן, געהאָלפן און געראַטעוועט אידן. אַפילו געוועזענע „שמאַלצאָווניקעס״ און שאַנטאַזשיסטן, וועלכע האָבן געצאַפּט אידיש בלוט, פאַרציען אַ פרום יעזואיטיש מינעלע אויפן פּנים און זאָגן: מיר זענען געווען אין אומאויפהערלעכן קאָנטאַקט מיט אונדזערע אידישע פריינט און זיי געהאָלפן פאַרקאָנספּירירן זייער אידישע אידענטיטעט.

ווי זאָגט דאָס אידישע שפּריכוואָרט: „הלוואי וואָלט עס אמת געווען״...

לויט די אָפט־געהערטע דעקלאַראַציעס וועגן אידן־רעטונג מצד יעדן איי־נעם, וואָלט זיך היינט באַדאַרפט געפינען אין פּוילן נישט נאָר דריי און אַ האַלב מיליאָן אידן — נאָר אַ סך, אַ סך מער... טויזנט סטאַטיסטיקס און פאַקטן דערציילן לײדער דעם היפּוך פון די אויבנדערמאָנטע זעלבסטבאַרימערייען.

אָבער, קען טאַקע זיין אַז דער איידל אויסזעענדיקער הער שימאַנסקי, געהערט באמת צו די געציילטע פוילישע „חסידי אומות העולם" פון פּראָפעסאָר זאַ־דערעצקיס שניט... ווער קען וויסן? „הנסתרות לה' אלוקינו".

דריק איך נאָכאַמאָל דעם הער שימאַנסקיס האַנט און דערקלער אים אויף אַלע פעלער אין אַ „פּאַרעווע" שפּראַך, אַז די וועלט איז איבעראַל די זעלבע, און די מענטשן אומעטום האָבן די זעלבע אייגנשאַפטן און די זעלבע אַמבי־ציעס. איך גיי אַריבער די גאַס, פאַרדריי זיך אויף לינקס און בלייב שטיין פאַר צוויי גרויסע, טונקל ברוינע דעמבענע טירן, נעבן וועלכן עס הענגט אויפן קאָנסערוואַטיוון, אייראָפּעאישן שטייגער אַ מעשן־שילדל מיט אויסגעגראַווירטע אותיות: „אידיש היסטאָרישער אינסטיטוט".

3

אין דער וועלט איז אָנגענומען, אַז דער ערשטער פאַרבאַדינג צו זיין אַ רעפּאָרטער איז חוצפּה. אַ רעפּאָרטער עפנט טירן, הויבט אויף גאַרדינען און גייט אומגעבעטן נישט וואַרטנדיק אויף קיין איינלאַדונג. איך בין אָבער איבער־צייגט, אַז דער געוואַגסטער אידישער צייטונגס מענטש וועט ווערן אָפּהענטיק און נישט דעצידירט, ווען ער קומט אַריין אינם פאָיער (לאָבי) פונם היסטאָ־רישן אינסטיטוט אין וואַרשע. קודם כל ווערט ער באַאיינדרוקט פון דער אויסערגעוויינלעכער שטילקייט, וואָס הערשט דאָ. אַ באַזונדערן פּסיכאָלאָגישן עפעקט אין אַנטוואָפענען שרייבערישע זעלבסט איניציאַטיוו, איבן אויס די לאַנגע, טונקל־מיסטעריעזע פאַרהאַנגען, וואָס הענגען אַראָפּ פונם באַלקן. ווי כ'האָב שפּעטער דערפאַרן זענען דאָס אימפּראָוויזירטע „קורטינעס", וועלכע דינען אַלס „שפּאַנישע ווענטלעך" אויף צו צעטיילן גרעסערע זאַלן אויף קלע־נערע צימערן אין וועלכע עס געפינען זיך גאַנצע קאַסטנס מיט היסטאָרישע מאַטעריאַלן וועגן פוילישן אידנטום, ווי אויך די אָפיסעס פונם אינסטיטוט דירעקטאָריאַט.

— „דאָ קאַגאָ פּראָשען פּאַנאַ"? — פרעגט מיך אַ מיטליאָריקע קריסטלעכע סופּעראינטענדאַנטקע.

— צום הער דירעקטאָר מאַרק — ענטפער איך. ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז פּראָפעסאָר מאַרק איז נישט געזונט, און זיין פאַרטרעטער, אַ הויכגעוויקסיקער יונגערמאַן מיט אַן אַריש קלינגענדיקן נאָמען נעמט אויף די געסט און דער־ליידיקט לויפנדיקע ענינים. זיצן מיר פאַר אַ ווייל און שמועסן וועגן אַלגעמיינע אידישע פּראָבלעמען אין פאַרשידענע לענדער און אויך פאַרשידענע קאָנטי־נענטן. טראָץ זיין גויאישן נאָמען רעדט מיין מיטשמועסער אַ מחיהדיקן אידיש און דערציילט, אַז זינט די פאַרדאַמונג פון סטאַליניזם זענען פאָרגעקומען אַ סך ליבעראַליזירנדיקע ענדערונגען. די אידישע געזעלשאַפטלעכע פירער־שאַפט פילט זיך היינט הונדערט־פּראָצענטיק פריי, אָנצוהאַלטן קאָנטאַקט מיט די צענטראַלע אידישע וועלט־אינסטאַנצן. אין פוילן איז איצט טעטיק דער „דזשאָינט", טוענדיק גוטע סאָציאַלע אַרבעט. שטאַרק אַקטיוו איז אויך דער „אָרט" מיט זיין פּראָדוקטיוון איבערשולונגס פּראָגראַם אויף פאַרשידענע פאַכ־

מענערישע געביטן. „גיט איבער דער וועלט, אַז די אָנפירער פון פוילישן אידנ־טום האָבן איבערהויפּט נישט קיין מורא מער, זיך צו אידענטיפיצירן מיטן וועלט־אידנטום. מיר פאָרן קיין אויסלאַנד אויף אידישע קאָנפערענצן און פאָלגן נאָך מיט צופרידנהייט די קעגנזייטיקע, גוטע פּאָליטישע און קולטורעלע באַציאונגען צווישן פוילן און ישראל.

פאַרשידענע טרויעריק־אינטערעסאַנטע זאַכן בין איך געוואויר געוואָרן פון דעם פּאַטאָספולן סימפּאַטישן יונגן היסטאָריקער. וואָס פאַרא וויטיקלעכע איראָניע פון גורל! דער שטאָלץ פון אָרטאָדאָקסישן וועלט־אידנטום, דאָס שיינדל פון גייסטרייכער ישיבהשער דערציאונג, דאָס לעבנסווערק פונם גאונישן ר׳ מאיר שאפּיראָ — די „ישיבת חכמי לובלין״ — איז גאָר היינט אַ „דאָרמיטאָרי״ (אינטערנאַט) פאַר קאַטוילישע קלויסטער נאָנעס.

און דאָס איז לײדער נישט דער איינציקער פאַל נאָר ווען אַ געוועזענער „מקום קדוש״, ווערט פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ „האָטעל״ דאָרט, אָדער אין אַ נאָך וויניקער פאַסיקערע איסטיטוציע. (מער פּרטים אין ווייטערע קאַפּיטלען).

איובדיק זענען מערסטנס פון די געשיכטן, וועלכע איך הער פונם קעגנ־איבער מיר זיצנדיקן יונגן געלערנטן. עס ווייעט פון זיי מיט אבלות און מרה שחורה. בין איך אים דעריבער דאַנקבאַר, ווען ער טוישט פּלוצלינג די טעמע פון אונדזער געשפּרעך, און אַנטשפּאַנט די שווער געוואָרענע שטימונג מיט אַ „סענסאַציעלע״.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אומגעפער צוזאַמען מיטן שרייבער פון די שורות איז קיין וואַרשע אויך געקומען אַן אויף זיין שטייגער, „לעגענדאַרער לאַנדס־מאַן״ פון אָסטראָווצע. דער אַזוי גערופענער אידישער „סטאַוויסקי״, עקס לאַנגער קאָמענדאַנט אין „באָדזעכואוו״, עקס טשעכישער „פּולקאָווניק״, מע־דאַלן־טרעגער, גרויס אינדוסטריעלער, „דאָן־קיכאָט״, מענטשן־רעטער, און אַלע פאָר יאָר פריש־פאַרהייראַטער אינטערנאַציאָנאַלער „מאַכער און אויפ־טוער״ — האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אויך געלאַנדעט אויפן וואַרשעווער פּלי־פעלד.

אין אַ דייטשן „האַנזאַ״ עראָפּלאַן האָט דער געוועזענער אָסטראָווצער „שפּיליטער״ און פּרוכטן הורטאָווניק זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן אָקענציער לופט־וואָקזאַל פון אַ דירעקטער רייזע מינכען־וואַרשע און זיך געוואָנדן צו די מאַכט־אָרגאַנען בזה הלשון: רבותי! איך האָט געהערט זאָגן, אַז איר זוכט מיך — האָב איך זיך אַליין צוגעשטעלט רעכטצופאַרטיקן מיין נאָמען. אדרבא! גע־פינט אַליין אויס, וואָס איך בין? אַ מלאך — אָדער אַ טייוול...

גייען טאַקע אין וואַרשעווער אידישע קרייזן אַרום קלאַנגען, אַז דער אמת „וועט אַרויפשווימען אַזוי ווי בוימל אויפן וואַסער״, און דער מוטיקער מאַן, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ הערצאַישן זשעסט און זיך אַליין צוגעשטעלט צום משפּט, וועט רעהאַביליטירט ווערן. אָבער דערווייל זיצט ער נעבעך אין אַ וואַרשעווער תפיסה ווערנדיק אונטערזוכט פון אויספאָרשונגס ריכטער.

פאָטער און זון — קרבנות פון וואַרשעווער געטאָ.
אויבן — ר׳ סנדר־זושא אייזענשטאַדט הי״ד, פון
נאָוואָליפּקי גאַס, אונטן — דער זון, טוביה אייזענ־
שטאַדט. ער איז געקומען פון ישראל צו באַזוכן דעם
טאַטן און איז געבליבן שטעקן אין נאַצישן קלעם.

טוביה אייזענשטאַדט הי״ד

איז עס באמת געווען באַלערנד צו פֿאַרברענגען מיט חריפֿדיקן, אײ־דישן וויסנשאַפֿטלער פֿון היסטאָרישן אינסטיטוט, וועלכער האָט אין לויף פֿון געשפּרעך אַרויסגעוויזן טענדענצן פֿון אויפֿריכטיקייט און אָנגערופֿן פֿאַר־שידענע זאַכן ביים ריכטיקן נאָמען...

אויף מיין פֿראַגע למשל, צי די לייטונג פֿון היסטאָרישן אינסטיטוט וועט מיר בייהילפֿיק זיין אַרויסצוגראָבן די „כתבים״ פֿון מיין פֿאָטער, דעם צוויז־מערער רבין זצ״ל — האָט ער מיר אָן סקרופּולן, פּשוט געענטפֿערט אַז נישט, צוליב פֿאָלגנדע מאָטיוון:

ערשטנס איז זינט 1945 פֿאַראַן אַ מלוכה געזעץ, וואָס זאָגט: אַלץ וואָס געפֿינט זיך באַהאַלטן אין דער ערד — איז מלוכהיש אייגנטום, און מוז האָבן אַ ספּעציעלע רעגירונגס דערלויבניש „עקסהומירט״ צו ווערן. דאָס זענען פֿאָרמאַליטעטן, וועלכע קענען נישט דערליידיקט ווערן אין משך פֿון אַ פּאָר באַגרענעצטע טעג, וואָס איר האָט צו אייער דיספּאָזיציע.

צווייטנס, דאָס אָרט וואו די מאַנוסקריפּטן זענען באַגראָבן איז אַ קליינע שטאָט, אָסטראָווצע (קעלצער געגנט) און מיר זענען נישט פֿאַראינטערעסירט פּופּצן יאָר נאָך דער מלחמה אויפֿצורייצן די באַפֿעלקערונג, וועלכע וועט מיי־נען, אַז די אידן זענען געקומען זוכן גאָלד און בריליאַנטן.

דריטנס, זענען די שריפֿטן לויט אייער דערציילן, שוין אַכצן יאָר אין דער ערד, (פֿון דער ערשטער אויסזידלונג אין 1942) — מוז איך אייך זאָגן, אַז אין אייער אָרטאָדאָקסישער סביבה, האָט מען ווייניק געוואוסט וועגן תורת־„קאָנספּיראַציע״. וואָרום אַ האָלצערנער קאַסטן איז נישט גענוג שטאַנדהאַפֿטיק קעגן די באָדן־פֿייכטקייט. איך מוז אייך ליידער אינפֿאָרמירן, אַז לויט די דערפֿאַרונגען פֿון אויסגעגראָבענעם „רינגלבלום״ אַרכיוו, ביי וועמענס עפֿע־נונג איך בין פּערזענלעך אָנוועזנד געווען, דענק איך נישט, אַז אייער האָל־צערנער קאַסטן האָט אויסגעהאַלטן אַכצן יאָר „קבורה״, און איז זיך נישט צעפֿאַלן.

— מיסטער אייזענשטאַדט — איך וויל אייך נישט אַנטוישן, אָבער איך דענק נישט, אַז איר קענט נאָך דערוואַרטן עפּעס צו געפֿינען. דער רינגלבלום אַרכיוו איז באַהאַלטן געוואָרן אין הערמעטישע פֿאַרמאַכטע מילך־קאַנען און אין מעטאַלענע „באַקסעס״ דורך „פֿאַכלייט״ נאָר פֿאַר דריי יאָר, און דאָך, זענען די אַרויסגענומענע מאַנוסקריפּטן שוין געווען כמעט אין אַ צעפֿאַלנדיקן צו־שטאַנד. דעריבער ראָט איך אייך — אויב ווי איר זאָגט עס איז ביי אייך אַ געוויסנס־זאַך, און איר וועט זיך נישט באַרואיקן ביז איר וועט אַליין נישט פֿעסטשטעלן צי עס איז נאָך עפּעס פֿאַרבליבן — איר זאָלט אייך פֿאַרשטענדיקן מיט אַן אַדוואָקאַט, און ער זאָל צוערשט פֿון אינערן־מיניסטעריום קריגן די „עקסהומאַציע״ דערלויבניש, דאַן וועלן מיר אויף אַ לעגאַלן אופֿן אייך קענען צוהעלפֿן מיט די אויסגראָבונגען.

איבער צוויי שעה האָב איך זיך אונטערהאַלטן מיט פּראָפֿ. מאַרקס אַרויס־

העלפער, וועלכער איז גלייכצייטיק דער רעדאַקטאָר פון די מערסטע „חורבן־ביכער" און אומקום־פנקסים, אַרויסגעגעבן דורכן אידישן היסטאָרישן אינ־סטיטוט. און כאָטש ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין צו גרויסן „חשק" מיר צו העלפן, ווי עס איז צו אורטיילן פון די איבנדערמאָנטע „תירוצים" — מוז איך פונדעסטוועגן אָנערקענען, אַז דער יונגער געלערנטער האָט מיך באַ־איינדרוקט מיט זיין ליבשאַפט און פיעטעט, מיט וועלכער ער זאַמלט און סעג־רעגירט פאַרשידענע „תשמישי קדושה", אויסגעגראָבענע בשעתן ליקווידירן די געטאָ־חורבות.

אָט צום ביישפיל איז אַ מערקווירדיקייט, וואָס אַ גרויז־אַרבעטער האָט גע־פונען אונטער אַ געטאָ־געביידע, אַ ים־מושלע מיט אַ קינסטלעריש אויסגע־כתיבהטן שיר המעלות ממעמקים אין איר רונדיקן געבוי... אַ גאַנץ ספרים־שענקל (ווי אין די אַמאָליקע חסידים־נגידישע היימען) וועט איר איצט טרעפן אין דירעקטאָרן קאַבינעט פון אידישן היסטאָרישן אינסטיטוט — אָנגעפילט מיט „כתרי תורהס", „בשמים ביקסלעך" טאַבאַק־פושקעלעך און מגילות. די אַלע זעלטענע קונסט־עקזעמפּלאַרן, זענען שטומע עדות וועגן אַן אויסגעמאָר־דעט פאָלק, צווישן וועלכן עס האָבן זיך אויך געפונען די הערלעכע, פּאַטריאַר־כאַלע געשטאַלטן פון אונדזערע אַמאָליקע סופרים און גראַווירערס, וואָס פלעגן לויפן זיך טובלען פאַרן אָנהייבן שרייבן די הייליקע אותיות.

אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן וועט נאָך אין מיין זכרון אויך פאַרבלייבן דער אויפשוידערנדיקער רושם פון די „געטאָ־בילדער אויסשטעלונג", וועלכע געפינט זיך אויפן צווייטן שטאָק פון אינסטיטוט (ווי איך האָב אויסגעפונען, וועלן די בילדער אין קורצן אָפּגעדרוקט ווערן אין אַלבום פאָרם). די גרויזאַמע, רעאַליסטיש אמתע פאָטאָגראַפיעס, ווי אונדזערע אומגליקלעכע שוועסטער און ברידער שפּרינגען פון די הויך־שטאָקיקע, ברענענדיקע הייזער, אומ־קומענדיק מיט דאָפּלטע מיתות משונות — פאַרגליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן און מאַכן אייך פאַרלירן דעם רעספּעקט פאַר דער גאַנצער מכלומרשט ציוויליזירטער וועלט.

מיין היימשטאָט צויזמער - לײדיק און פֿאַרוויסט - נישטאָ מער דאָרט קיין אידן

אומאויפהערלעכע דערמאָנונגס־צייכנס פון אונדזער חור־בן׳דיקען עבר. — די שול אויף דער אידישער גאַס איז אַ זאַמלפּונקט פון פאַרשידענע מאַטעריאַלן. — געוועזענע אידישע הייזלעך צענומען ביזן פונדאַמענט זוכנדיק פאַר־באָרגענע „אוצרות״. — אידישע געגנט פוסטעוועט, אַ פאַרוואַקסענע מיט ווילד־גראָז.

בדחילו ורחימו — מיטן ערנסטן געפיל און הייליקן ציטער, ווי אַ איד גייט צו „כל־נדרי״ — זעץ איך זיך אַוועק שרייבן אַ רעפּאָרטאַזש וועגן מיין היימ־שטאָט צויזמער.

אָבער איידער נאָך איך הויב אָן נוצן מיין טינט און פעדער אויף צו דער־ציילן וועגן היינטיקן אידן־ריינעם „סאַנדאָמיעזש״, וועלכן איך האָב ערשט נישט לאַנג צוריק באַזוכט — פיל איך זיך באַאיינפלוסט כון עפּעס אַן אינער־לעכן „רגש״ סליחה ומחילה צו בעטן ביי אַלע גרינדער, בויער און ביישטייערער צום גייסטיקן גלאַנץ פון אונדזער אומפאַרגעסלעכער קהילה־קדושה, וואָס גע־פינען זיך שוין אויפן עולם האמת.

די אורזאַך פאַר מיין וואונטש אַנטשולדיקונג צו בעטן ביי אַלע, מער נישט לעבעדיקע לאַנדסלייט איז: די מורא איך זאָל חלילה נישט האָבן אויפן מינדסטן אופן פוגע בכבוד געווען אין די קדושימדיקע מאַרטירער־געשטאַלטן, וועמענס נעמען און פערזענלעכקייטן עס וועט מיר מעגלעך אויסקומען צו דערמאָנען אין מיינע שילדערונגען.

מיין כוונה איז באַשטימט נישט אָפּצוקלייבן, אויסצואויילן און דיפערענ־צירן צווישן די אַריסטאָקראַטיש־נגידישע „ווילטשיקס״ און די האַראָפּאַשנע פאָלקסטימלעכע „מאירל וואַסערטרעגערס״; צווישן די חסידיש פאַרדביקותטע „כאַמעלע מאָרגנענלענדערס״ און אין די פאַרטאָגן אויפשטייענדיקע „יאָסל דאַ־ראָזשקאַזשעס״. אַלע, אַלע, זענען זיי געווען לעבעדיקע, אומפאַרטרעטבאַרע באַשטאַנדטיילן פון עם־ישראלס קאָלאָריט. די קנאותדיקע פרומע שיינע אידן, די גאָטספאָרכטיקע, גוט־האַרציקע קצבים, די צו מנחה־מעריב לויפנדיקע קרעמער און די עמכדיקע, ערלעכע כאַראַקטערן פון שניידערס, שוסטערס, בעקערס, וועלכע האָבן מיט זייער יגיע־כפּימדיקייט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם געזונטסטן, קערנדיקסטן עלעמענט פון פשטות און אמונה, שטענדיק גרייט אַ אידן אַ טובה צו טאָן. אַלע, אַלע, האָבן זיי יעדער איינער אויף זיין אייגענעם

קאָמיטעט צו פאַרטיילן „מעות חיטים" געלט און ברענגען אין אָרדענונג די מצבות אויפן צוויזמערער בית־עלמין. די אויפנאַמע איז פון 1935. פון רעכטס זיצנדיק: ר׳ אלתר וויסמאַן, ר׳ דוד גרינבלום, ר׳ יואל קערבעל, ר׳ יחיאל אלתר מלמד. שטייענדיק פון לינקס: פייגעלע מילראָד, יחיאל אלתר׳ס אידים מיט דער פרוי, אומבאַקאַנטע פרוי מיט איר קינד, יאנקל זשעזשאַק, בערל „דאָראָזשקאַזש", אומבאַקאַנט, זלמן מילראָד און אַנדערע צוויזמערער יונגעלייט.



אגודיסטישע בית־יעקב שולע אין זוימער מיט אירע תלמידות און לערערינס (תרצ"ח—1937).

שטייגער געדינט דעם באַשאַפער און מיט זייער עטישן, טיף טראַדיציאָנעלן, טאָג־טעגלעכן לעבן, אויפן אַקטיוזסטן אופן מיטגעהאָלפן צום היסטאָרישן המשך פון אונדזער אידישער אייגנאַרטיקייט.

עס האָט דאָס שטעטעלע צויזמער ביי די ברעגן פון דער פוילישער ווייסל געבליט מיט פולבלוטיקער, אידישער גזעלשאַפטלעכקייט; געשפרודלט מיט פולסירנדיקער פאָלקס־ענערגיע. טראָץ עקאָנאָמישע קריזיסן און ווירטשאַפט־לעכע באַיקאָטן, איז קהילת צויזמער בלב ונפש געווען פאַרטאָן אין צרכי־ציבור און אין ציוניסטישער, ממשותדיקער אַרבעט לטובת דעם ווידערגעבורט פון מדינת ישראל.

פול זענען געווען די לאָקאַלן פון די ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס מכל המינים; און פון זייערע פענסטער האָט זיך שטענדיק געטראָגן דער אָפּ־הילך פון אויפמונטערנדיקע פרייליכע ארץ ישראל לידער. אַ מוסטער פון פאַר־צווייגטע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע חינוך־טעטיקייטן זענען אויך געווען דער מזרחיסטישער „יבנה" אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מאָטעלע ראָזענבערג הי"ד און דער אגודיסטישער „בית־יעקב" אונטער דער לייטונג פון יעקב ווילטשיק און יצחק בוכהאָלץ הי"ד.

אָן אויפהער האָט זיך אַלעמאָל געהערט דער מעלאָדישער קול־תורה פון אונדזערע וואויל־לערנער, וואָס זענען אין בית־המדרש און אין דער נאָוואַר־דאָקער „בית־יוסף" ישיבה אויף דער אידישער גאַס געזעסן, און בפועל ממש מקיים געווען דעם: והגית בה יומם ולילה.

כאָטש פוילן האָט שוין אָנגעהויבן וואָס אַמאָל אַלץ מער באַאיינפלוסט צו ווערן פון פינסטערן אַנטיסעמיטיזם, און ווי אַמאָל אין צאַרישן רוסלאַנד דער־גאַנגען צו „פשיטיקער" פאָגראָמען און „נומערוס־קלאַוזוס" אויף די אוניווער־זיטעטן — האָט זי דאָך נישט געקענט בלאָקירן דעם בילדונגס־דורשט פון דער סאַנדאָמיעזשער יוגנט אויך צו אַלגעמיינעם וועלטלעכן וויסן.

ווי אַ צייכן פון אידישע קשי־עורפדיקייט האָבן צויזמערער אינגלעך דורכגעבראָכן אַלערליי אַנטי־אידישע באַריערעס. מיט ראשו ורובודיקער אָנ־שטרענגונג — טיילמאָל דורכן באַקומען עקסטערנע „מאַטורעס" און אָפטמאָל דורכן אַוועקוואַנדערן קיין אויסלאַנד — דאָך זיך באַוויזן אַריינצובאַקומען אין פאַרש־דענע הויכשולן פונוואַנען זיי האָבן שפּעטער גראַדואירט מיט ערן־דיפּלאָמען אין מעדיצין: נייטן ראָזן אין קאַנאַדע, כילעק קופערבלום אין טשע־כאָסלאָוואַקיע; אין אַדוואָקאַטור: נתן ערליך; אין אינזשינעריע: נתן מייזעלס הי"ד און אברהם קופּערבלום; אין וועטערינאַריע: עזריאל קאגוט הי"ד.

נישט בחינם שטייט אונדזער צויזמער אויף אַ באַרג — האָבן שטעטלשע פּאַטריאָטן געטענהט. עס סימבאָליזירט דעם הויכן מאָראַלישן ניוואָ פון אונ־דזערע אַמביציעס, וועלכע מיר באַמיען זיך צו פאַרוואַנדלען אין וועזנטלעכע זאַכן. האָבן טאַקע צויזמערער אינסטיטוציעס גע'שמט וויט אַוועק און אין שכנישע אידישע ישובים אַלס מוסטער פון וואוילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס.

אַזוי האָט אויסגעזען די צויזמערער שול מיטן בית המדרש, געבויט אין 12־טן יאָרהונדערט פאַרן נאַצי־חורבן.

אינעווייניקסטער אויסזען פון צוויזמערער שול, באַרימט מיט אָריגינעלע קינסטלערישע געמעלן און שניצערייען,

צויזמ̤רער בית המדרש א̤ין חרוב־געוואָרענער אידישער גאַס,
ווי עס זעט א̤יצט א̤יס.

צויזמערער שול — אָפּגעלאָזן, מיט פאַרקלאַפּטע לאָדנס.

27. דאָס ארון קודש פון צויזמערער שטיבל אויף רינעק
זיצנדיק אין פראָנט איז דער מחבר אַלס קליין אינגעלע.

נייק ראָטנער, דער רבי ר׳ זושא זצ״ל.

ספּעציעל באַרימט איז געווען דער „לינת־הצדק“ פאַרבאַנד. אָן מאָדערנע צערעמאָניעס האָבן אָרעמע אידן געקריגן מעדיצינישע הילף און באַהאַנדלונג. די געוועזענע אַקטיוויסטן פון „לינת־הצדק“ און איצטיקע תושבים אין טאָראָנטע: פּישל מילראָד און אברהמעלע ווייסמאַן עמ״ש, רעדן נאָך היינט מיט באַגייסטערונג וועגן דער מעטאָדישער, געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אַרום „לינת הצדק“. ספּעציעלע בלימל־טעג אין ל״ג בעומר פאַר אָרעמע פלעגט מען איינאָרדענען. „האַלב־קאָלאָניעס“ דורכן „טאָז“ פאַר אומפאַרמעגלעכע קינדער פלעגט מען אַראַנזשירן. די הערלעכע טראַדיציעס פון ביקור־חולים זענען געווען טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען. האָט עמיצער באַדאָרפן מ׳זאָל איבערזיצן אַ נאַכט, איז באַלד געווען אַ פרייוויליקער, וואָס פלעגט באַדינען דעם קראַנקן, אויסרייבן אַ פּלייצע און די הויפּט־זאַך: אויסרעדן דעם חולה צום גוטן און אים מאַכן פילן, אַז ער האָט פריינט. אין ערנסטערע פאַלן פלעגט פעלשער שוחט ע״ה שטעלן פּיאַווקעס, האַקן ביינקעס און מאַכן איינשפּריצונגען, נישט פרעגנדיק ווער עס וועט באַצאָלן דעם רעכענונג — ווי עס פּראַקטיצירט זיך היינט צו טאָג.

אַ באַזונדערס־שיינע סאָציאַלע אינסטיטוציע איז געווען די אָנפּראָצענטיקע ליי־קאַסע וואוהין נויט־באַדערפטיקע אידן האָבן זיך געקענט ווענדן נאָך אַ לאַנג־טערמיניקן גמילת־חסד, אין אַנטשפּרעכנדיקן מאָמענט, ווען זיי האָבן זיך אַממערסטן דערין גענויטיקט.

כמעט יעדער צויזמערער איז געווען אַ מיטגליד אין אַן אָרגאַניזירטע, שעפערישע גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט פאַרן כלל. מוסטערהאַפטיקע טעטיקייטן האָבן געפירט דער האַנטווערקער פאַראיין און די נאַציאָנאַלע ספּאָרט אָרגאַניזאַציע „מכבי“. געווען אַפילו אַ טעאַטער־קרייז פון אַמאַטאָרן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פּראָגראַמען און ספּעציעל מיט דער חזקהדיקער אויפפירונג פונם „מכירת יוסף“ שפּיל אין יעדן פורים. אַ באַזונדער קאַפּיטל פון אויסדרוקספולן שטעטלשן לעבן איז געווען: צויזמערער נגינה, אַ געטרייע אָפּשפּיגלונג פון אירע איינוואוינערס נשמה־צושטאַנד, האָט זי דורכגעריסן די ענגע שטעטלשע גרענעצן און איז זינגענדיק אַוועק אין דער ברייטער וועלט, ווערנדיק פאַרוואַנדלט אין אינטערנאַציאָנאַלע התעוררותדיקע חסידישע הימנען.

מיליאָנען אידן אין דער גאַנצער וועלט זינגען היינט דעם באַרימטן, מיטרייסנדיקן: „עצו עצה ותפר, דברו דבר ולא יקום“, אַ קאָמפּאָזיציע פון מיין טאַטן, דעם רבין ר׳ זושא הי״ד. אויף פאַרשידענע שמחות און קאָנפערענצן אויף אַלע פינף קאָנטינענטן ווערט אויסגעטאַנצט ספּעציפישער, אידישער אָפּטימיזם מיטן ריטם און קלאַנג פון דעם דאָזיקן אין צויזמער געשאַפענעם ניגון.

אַ שם־דבר אין דער וועלט זענען אויך געווען צויזמערער בעלי תפילות מיט זייער האַרציקייט און נשמהדיקע געזאַנגען. כל עצמותי תאמרנהדיק איז געווען זייער דאַווענען, וואָס האָט געקענט אַ שטיין רירן, הימלען שפּאַלטן און עפענען תשובהדיקע טרערן־קוואַלן ביים מענטש. אַ צויזמערער „זכרנו

די פאַרוואַלטונג פון לינת הצדק אין תרפ"ה. עס שטייען פון רעכטס: הארשעלע ציפלער, משה׳לע ציפלער, יאָסעלע ש.ה.־ס זון, שלום מינץ, יאנקעלע ראָזענבערג, שלמה גלאס, אומבאַקאַנט, מאיר ווייצענבלום, שאיע מלמד׳ס זון. עס זיצן פון רעכטס: אומבאַקאַנט, זאנדמער, נתן בוים, לייבל שאר, שלמה קופערבלום, מאיר זילבער, פישל מילראָד, לייבל קאָגוט. האַלטנדיק דעם אויפשריפט: ראובן טשאַפּניק און יאָסל מילראָד.

צוזאַמען־פֿרויען אין אַ בלימל־טאָג פֿאַרן לינת הצדק (יוני, 1925). פֿון לינקס: שלמה מלמדס טאָכטער, שרה גאזשע־טשאַנסקי (פּאַריז), אײדל, בעלא טשייקאָווסקאַ (ניו־יאָרק), אומבאַקאַנט, טאָבעלע גלאס (טאָראָנטאָ), אברהם פֿון דער מיל'ס טאָכטער, אומבאַקאַנט. זיצנדיק: חיה פֿריד תחי' (ניו־יאָרק).

האַלב קאָלאָניע פון צויזמערער „טאָז" אין יאָר 1927. צווישן אַנדערע געפינען זיך אויפן בילד פאָלגנדיקע געזעלשאַפט־לעכע טוער: שלמה קופערבלום, לייבל קאָגוט, ד"ר שושנה שיבער, קיילע ווילטשיק, סאַלקע מינץ, נתן בוים, פישל מילראַד, פעלא קופערבלום, שיפקע מינץ, רוזשע טשייקאָווסקאַ, (טייטלבוים), חנה זיסל צוקערבלום, און אַנדערע.

מיטבאַטייליקטע אין אַ בלימל־טאָג פאַרן „טאָז“ (25־1924). פון רעכטס: יאָסל מילראָד, הינדע בוים, פישל ניסענבוים, פייגעלע טענענבוים, מאָשקע מייזעלס, חייטשע מיגדאל, פישל מילראָד (טאָראָנטאָ), כעלא טשייקאָווסקאַ (ניו־יאָרק).

די פאַרוואַלטונג פון דער סאַנדאָמיעזשער אָפּטיילונג פון „טאָז" אין 1928. צווישן די פאָטאָגראַפירטע זענען פאַראַן: ד"ר משה שיבער, ד"ר צוקער (דענטיסטין) פישל מילראָד, שלמה קופּערבלום, מאיר זילבער, יאַנקעלע זשעלאַזשאַק, הארשעלע ציפּלער, לייבל קאָגוט, מאיר ווײַדעבוים, ראָזענבערג, יאָסל לעסערס זון, הארשיל „אקריטשע" (שנײַדער),



בילדער פון דער צויזמערער „מכבי" אין די יאָרן 30־1928. אין די פאָטאָגראַפירטע גרופּעס (ז. 57 און 58) געפינען זיך

צווישן אַנדערע: יחזקאל בירענבוים (פּאַריז), ישראל שיינער, אלי׳ לייב טייטעלבוים, משה ראָזענצווייג (טאָראָנטאָ) קלאַרע אייזענשטאַדט, פראַניא זאָבערמאַן, תנחום קופּערבלום, מיילעך באָרנשטיין, שאָשע קופּערבלום (מאָנטרעאַל), ד״ר יחיאל קופּערבלום, נתן קליינמאַן (פּאַר. שטאַטן), פּינחס מאָרגענלענדער, איטשע גאָלדשטיין (בראַזיל), אַדוואָקאַט נתן ערליך (ישראל), פּייערשטיין, געצל ווילטשיק און יהושע זאבערמאַן.

צויזמערער מכבי פוטבאָל אָפּטיילונג אין 1928, פאָטאָגראַפירט נאָכן צונויפֿשטעלנעמען אין אַ דעפּילאַדע לכבוד פּוילנס אומאָפּהענגיקייטס־טאָג.

ערשטע ריי, פון רעכטס: אומבאַקאַנט, ווייספעלד, אברהם גרינ־בלום, משה מייזעלס, סעם לאנדא, חילעק קופערבלום, אומבאַ־קאַנט, ווערדער. צווייטע ריי, קניענדיק: אומבאַקאַנט, שיפער. דריטע ריי: עזרא מילשטיין, ישראל שניידער, יחזקאל בירנבוים (איצט אין פּאַריז).

לחיים", אַ "שבח נותנים לו", אַן "אהבת עולם" זענען געווען טיפּע מוזיקאַלישע איבערלעבענישן, וועלכע האָבן זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין זכרון.

אַזויפיל קאָלירפולע, אימפּולסיווע אידישקייט געווען אַפילו אין שטעטלשע געראַנגלען וועגן רבנות פּאָסטן. (וואַל־קאַמף צווישן די אַנהענגער פון "יעד־ליצער" און ר' שמעלקע נתן דודס, ווער עס זאָל ווערן מורה הוראה). אַזויפיל אידישע באַ'טעמטקייט געווען אינם "דו"־רעדן פון איינעם צום אַנדערן. אַפילו אין די צוגעגעבענע צונעמען איז געלעגן פאָלקלאָרישער חן און געכישופט מיט אָריגינאַליטעט און פאָלקס־פאַנטאַזיע.

צוויי טויזנט דריי הונדערט און איין־און־נײַנציק אידן האָבן זיך לויט די סטאַטיסטיקס פון דער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע געפונען אין צויזמער בשעתן קריג־אויסברוך מיט איין־און־צוואַנציק יאָר צוריק. קרוב צו פינף טויזנט צוויי הונדערט אַריינגעיאָגטע פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך ווי: קלימאָנטאָוו, סטאַשעוו, סטאָפּניץ, פּינטשעוו, יענדזשיעוו און אַפילו אַזוי ווייט אַוועק ווי קאַליש — זענען דאָרט געווען אין סעפּטעמבער פון 1942.

היינט איז אין צויזמער נישטאָ אַפילו קיין איין איד!... פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס, דערשטיקט אין די גאַז־קאַמערן, אויסגעגאַנגען פון טיפוס און דיזענטעריע, פון הונגער און שווינדזוכט זענען מיינע אומגליקלעכע לאַנדס־לייט, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען מיין ליבלעכע שוועסטער תמר, מיט איר מאַן אליעזר אייזנשטאַט (מיטגליד פון דער "צעירי אגודת ישראל" צענטראַלע אין פּוילן) און זייער אַנדערהאַלב יאָריק קינד נעמהלע.

— נאָכוואָס ווילט איר פאָרן קיין "סאַנדאָמיעזש" — האָט איר דען דאָרט משפּחה? — האָט מיך געפרעגט דער פּוילישער קאָנסול אין מאָנטרעאַל.

— ניין! — האָב איך געענטפערט. — איך וויל נאָר דאָרט אַהין פאָרן אויף קבר־אבות, — כאָטש אָנצוקוקן דאָס אָרט פונוואַנען מיינע נאָענטסטע און טייערסטע זענען אַוועק קיין בעלזשעץ צום איינקוויזיציע־טויט.

.2

פיר שעה פאָרט מען פון וואַרשע קיין צויזמער מיט אַ טעקסי. לויטן מאַרק־פּרייז פון אויסלענדישער וואַלוטע קאָסט עס אַן ערך פון פופצן דאָלער אַהין און צוריק, שוין צוזאַמען מיטן שאָפערס וואַרטן אין די פּלעצער וואו איר ווילט אייך פאַרהאַלטן. מיט אַ גילטיקער פּוילישער וויזע אין אייער פּאַס, דאַרפט איר נישט האָבן קיין שום ספּעציעלע דערלויבניש אויף אַרומצופאָרן איבער די פּראָווינץ שטעטלעך, ווי איר דאַרפט יאָ האָבן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

מיין דרייווער איז אַ דרילדזשער שגץ, און ווי ער אַליין דערקלערט וועגן זיך, האָט ער אַ אידישן קאָפּ און קען אַלע וועגן און שטעגן פון דער צויזמע־רער וואָיעוואָודסטווע. ער אַליין איז אויך דער בעל־הבית פון זיין אָפּגענוצטן אויטאָמאָביל, וועלכן ער האָט געקויפט פּריוואַט אויף ראַטעס, איינצאָלנדיק אַלס "דאַון־פּעימענט" אַ הונדערט און צוואַנציק באַסיקן אַקאָרדיאָן, וואָס ער האָט געירשנט פון די דייטשן. די רעשט געלט האָט ער געבאָרגט אין דער

מיין איינציקע שוועסטער תמר, השם ינקום דמה.

מלוכהשער באַנק און דאַרף עס צוריק אויסצאָלן ראַטעסווײַז, יעדן חודש 3000 זלאָטעס (עטלעכע דרײַסיק דאָלער).

— מיסטער, פֿון הימל אַלײן האָט מען אײַך אַראָפּגעשיקט מיט די „יאַזדע״ — זאָגט ער. אין אַ פּאָר טעג אַרום דאַרף איך באַצאָלן מײַן מאָנאַטלעכע באַנק־ראַטע און דער קאָפּ האָט מיר געטרוקנט פֿונוואַנען כ׳וועל צוזאַמענשטעלן דאָס געלט. אָבער איצט זע איך, אַז כ׳בין אַ געהאָלפֿענער און כ׳האָב אָפּגעשטופּט די צרות אויף נאָך אַ מאָנאַט.

מיר פֿאָרן מיטן ראַדאָמער שאָסיי, וואָס איז אײנער פֿון די ברײטסטע און בעסטע וועגן אין דער וואַרשעווער געגנט פֿון פֿאַר דער מלחמה. דער טאָג איז אַ הערלעכער פּױלישער פֿרילינגס־טאָג; און בײדע זײַטן פֿעלדער שימערירן מיט אויפֿגעוואַכטן, געוואַקסיקן גרין.

די פּױערישע הײַזלעך זעען אויס ווי אַמאָל, מיט צוואַנציק יאָר צוריק פֿאַרן קריג. שטרויענע דעכער, קוואַדראַטנע פֿענצטערלעך, ברונעמער אין פֿראָנט פֿון די כאַלופּעס און הינטישע בודעס מיט צוגעבונדענע כלבים אויף שטריק, וואָס היטן ס׳פּויערישע פֿאַרמעגן.

די כלאָפּעס לעבן הײַנט אַ משוגענעם טאָג, — דערקלערט מיר מײַן שאָפֿער, פֿראַנעק — גאָמולקאַ איז געבליבן קלוג! ער וויל נישט האָבן צו טאָן מיט פֿאַרביטערטע פּויערים, וואָס זאָלן זיך בונטעווען קעגן רעזשים — האָט ער דערווײַל אויפֿגעגעבן די „קאָלכאָז״ אידעע און דערלויבט די דאָרפֿישע צו פֿאַרוואַלטן מיט זײער אײגענעם האָב און גוטס; און אַפֿילו צו פֿאַרקויפֿן זײערע פּראָדוקטן אויפֿן פֿרײַען מאַרק און טאָן מיטן געלט וואָס זײ ווילן.

איז אַ סך ערגערע מאַטעריעלע באַדינגונגען דאָקעגן לעבט שוין דער שטאָטישער עלעמענט פֿון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. זײ מוזן שוין אויס־קומען פֿון אַ צוגעטײלטן, באַגרענעצטן געהאַלט, וואָס איז אין קײן פֿאַל נישט גענוג אַדורכצולעבן. מוזן טאַקע די שטאָטישע טײלמאָל אַרבעטן אויף צווײ פּאָסטנס, אָדער אויף אַן אַנדערן אופֿן אַרויסווײַזן איניציאַטיוו און אַלײן עפּעס אָרגאַניזירן אַ צוגעבלעכן הכנסה קוואַל.

דאָס ערגסטע איז אָבער מיטן מאַנגל פֿון דירות. באַקומען אַ וואוינונג אין וואַרשע איז קריעת ים־סוף. אַפֿילו פּאַרטײ אָנגעהעריקײט און מיליטערישע אויסצײכענונגען פֿון דער העכסטער מדרגה העלפֿן דאָ נישט.

— זיבעצן יאָר וואוין איך אַלײן שוין אין אַ דעמפּיקער, האַלב אײנגע־פֿאַלענער קעלער שטוב אין אַ כאַטע מיט אַ פֿאַמיליע פֿון דרײַ; און עס איז מיר נאָך נישט געלונגען אָנצוזאַמלען די הונדערט טויזנט זלאָטעס שליסל־געלט, וואָס מען דאַרף מינימום אײַנצוצאָלן פֿאַר אַ צווײ־צימערדיקע דירה. און פֿאַרגעסט נישט, אַרבעטן אַרבעט איך ווי אַ טײַוול, זיבן טאָג אַ וואָך אָן אָפּרו. און דאָך קען איך זיך דערווײַל נישט דערשלאָגן צו אַ מענטשלעכער קוואַרטיר.

ווי אַן אויפגעהעצטער פון די אייגענע רייד, דרוקט פראַנעק דעם בענזין־פּעדאַל שטאַרקער און פאַרשנעלערט דעם לויף פון דער מאַשין צו זיבעציק קילאָמעטער אַ שעה.

לויפן פאַרביי קולטיווירטע גרינצייג גערטנער, יונגע ערשט נישט לאַנג געפלאַנצטע סעדלעך און טעלעגראַפן־סלופּעס. קוק איך אויף אין די מרחקים זיך אַוועקציענדיקע דראָטן, אויף די רחבותדיקע, דופּטיקע לאַנדשאַפטן און טראַכט: גאָרנישט האָט זיך דאָ אין פּוילן־לאַנד געענדערט. טאַקע אַ נייער מאַכט־סיסטעם שטייט ביים רעגירונג־רודער. אָבער, דער דאָרפס־פּויער לעבט זיך ווייטער „איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו" — נאָר די קאָלירפולע, אידישע סאַדאָווניקעס זענען פאַרשוואונדן; נאָר די האַרציקע אידישע פאַכטערס און פּויערים זענען מער נישט בנמצא. אויסגעפליקט און פאַרניכטעט; צעטרעטן און צעפּיצלט, אומקומענדיק נאָך טיילמאָל פון אייגענעם שכנס האַק.

מיט יעדן דורכגעלאָפענעם קילאָמעטער דערנענטערט זיך צו מיר נישט נאָר דער געאָגראַפישער שטח פון מיין געבוירן־שטאָט. עס דערנענטערט זיך אויך צו מיר און לעבט אויף אין מיין געדאַנק די גאַנצע בלוטיקע תקופה פון ווילקיר און גערמאַנישן באַרבאַריזם, וואָס האָט זיך אָראָפּגעלאָזט אויף די קעפּ פון די סאַנדאָמיעזשער אידן פון ערשטן מאָמענט זינט די פאַרשאָלטענע נאַצי־הענקער זענען אַריין אין שטעטל.

* * *

אָנגעהויבן האָט זיך די וואַקכאַנאַליע פון דייטשע אכזריות באַלד מאָנטיק אינדערפרי, דעם עלפטן סעפּטעמבער, ניינצן ניין־און־דרייסיק.

ווי אַ פאַרפּלייצונג זענען די ברוינע משחיתים אַריינגעדרונגען קיין צויזמער פון אַלע זייטן. צעיושעטע מיט מערדערישער רציחה האָבן זיי אין מאָטאָריזירטע וועגענער, אויף מאָטאָציקלען און אַפילו ראָווערן — געשטראָמט פון יעדן וועג און שטעג. אומעטום האָט מען געקענט זען די פאַרהאַסטע מיט האַקענקרייצן באַצירטע העלמעטן פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט ברוטאַלע פנימער און רוצחישע אויגן.

און באַלד האָבן זיך דערטראָגן די ערשטע גרוסן פון „זאַוויעכאָסטער" וועג. אויפן „מיל־הויף" פון משה מילשטיין זענען געפאַלן די ערשטע, אומשולדיקע קרבנות. אָן אַ פאַרוואָס, אין קאַלט בלוט, האָבן די אַריינמאַרשירנדיקע נאַציס צוגעשטעלט משה בוים און יצחק אבראַזאָווער (טייטעלבוים) צו דער וואַנט פון דער אייגענער שטוב און זיי דערשאָסן.

אויפן מאַרק לעבן נוסבוימס געשעפט איז אַלס דריטער קרבן געפאַלן דער פאָפּולערער הארשעלע לעווי הי"ד, וועלכן מען פלעגט צוליב זיין געשיקטקייט און רעפּאָרטערישע פעאיקייטן איבערצוגעבן נייעס גערופן: „פּאַט" (פאַרקירצונג פון „פּוילישער אַגענטורעלער טעלעגראַף", „פּאָלסקאַ אַגענציאַ טעלעגראַפיטשנאַ"). דער יונגער, עטלעכע־צוואַנציק יאָריקער בחור איז אַרויס

פון באַהעלטעניש געוואָר ווערן וואָס „עס טוט זיך" און — באַקומען אַ קויל אין קאָפּ אַלס לעצטע דערפאַרונג אין זיין איבערגעהאַקט לעבן.

צען פאַרמיטאָג זענען שוין אַלע צוויזמערער אידן — ווען עס איז נישט געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר דער דורכגעפירטער אַבלאַווע — געווען פאַרזאַמלט אויפן מאַרק, צווישן מאַגיסטראַט און דער שטאָטישער „קאַזע", באַקומענדיק פון די היטלעריסטן אַ באַפעל זויבער צו מאַכן דעם מאַרק־פּלאַץ. מיט די בלויזע הענט — אונטערגעיאָגט פון ביקסן קאָלבעס און לאָוס! לאָוס! געשרייען — האָט מען באַדאַרפן אָפּרייניקן דעם גאַנצן אַרומיקן שטח פון יעדן אָראָפּגעפאַלענעם האַרבסטיקן בלעטל, פון יעדן פערד־איבערבלייבעכץ, פון יעדער הינטישער אומריינקייט...

אַלס שכר פאַר דער ערשטקלאַסיק אויסגעפירטער „רייניקונגס־מיסיע" האָט זיך אַרום מיטאָג־צייט אָנגעהויבן אַן „אַדורכלויפטערונגס־מאַרש" פאַר די צום טויט איבערגעשראָקענע, אויסגעהונגערטע און פון דורשט געפּייניקטע אסורים. צומערשט איז מען אונטער באַוואָפנטע קאַנוואָיען געגאַנגען צו די קאַשאַרן. אָבער דערגרייכנדיק די געוועזענע מיליטערישע געביידעס — וואו מען האָט דערוואַרט צו בלייבן אויף אַרבעט — איז געפאַלן אַ באַפעל נישט אָפּצושטעלן זיך, נאָר ווייטער פאַרזעצן דאָס גיין.

איז מען מיט געבויגענע קעפּ, חלשנדיק נאָך אַ טרונק וואַסער ווייטער געגאַנגען נישט וויסנדיק, וואָס די פאַשיסטישע הידרעס האָבן בדעה צו טאָן מיט דעם איינגעזאַמלטן עולם מענער. דרייסטערע האָבן זיך באַמיט אַוועקצוגעבן זייערע האַנט־זייגערלעך צו די באַגלייטנדיקע „וואַכן", בכדי צו באַקומען אַ ביסל וואַסער. די לעצטע האָבן גערן אָנגענומען די „פּרעזענטער", אַריינגעלייגט זיי אין די קעשענעס און — ווייטער געטריבן, פאַרגעסנדיק די צווייטע העלפט פונם אָפּמאַך...

ערשט פאַרנאַכט איז מען אָנגעקומען עפּעס אין אַ זייטיקן דאָרף און אויף דער קאָמאַנדע פון די פאַטרולן זיך באַדאַרפן צוזעצן איינער צום צווייטן און וואַרטן אויף דער פונאַנדערטיילונג פון וואַסער, וואָס האָט באַלד געזאָלט פאַרקומען. אין לעצטן מאָמענט אָבער, האָבן זיך די „שומרים" מיישב געווען און באַשלאָסן ווייטער צו טרייבן ביז „וולאָסטואוו".

באַגאָסענע מיט אָנגסטן און אָנשטרענגנדיק די לעצט פאַרבליבענע כוחות האָט זיך די טעראָריזירטע מענטשן־סטאַדע ווידער אַוועקגעלאָזן אין וועג אַריין, קוים דערשלעפּנדיק זיך שפּעט ביינאַכט צום גרויסן פּריצישן הויף האַרט פאַר אָפּט. דאָ האָט זיך דער מאַרשרוט ענדלעך געענדיקט און אַלע זענען געוואָרן דיסציפּלינירט און אָרדנונגסמעסיק זיך אויסצוזעצן אין רייען און פאַרהאַלטן זיך רואיק און וואַרטן אויף דער צוטיילונג פון וואַסער.

אוןווירקלעך האָט מען טאַקע דאָס מאָל פון ערגעץ וואו געבראַכט אַ קעסל מיט וואַסער און אָנגעהויבן אויסטיילן פּאַרציעס צו די פאַרשמאַכטע,

„מאַרק־פּלאַץ״ (רינעק) 27. אינם פּאַרטער פון דעם הויז האָט זיך געפונען מיין טאַטנ׳ס חסידים שטיבל.

דער צויזמערער מאַגיסטראַט מיטן „מאַרק״.



דאָס היסטאָרישע „אַפּטער טויער" אויף „אָכּאַטאָווסקאַ" גאַס אין צויזמער, דער אָנקום פון „זאַוויעכאסטער" וועג.

דאָס הויז וואו עס איז אַמאָל געוועץ ר' יחזקאל מאָטעלס בעקעריי.



דאָס צויזמערער „ברייס" (ביר־פאַבריק) פון די לאנדאס — אַ פּאָפּולערער לאַנד־מאַרק אין שטעטל.



דאָס צייזמערער קרימינאַל, געזען פון דער הויך, אויפן פאָדערגרונט פון דער ווייסל.



בילד פון צויזמער אויפגעכאַפּט הינטער דער שטאָט. אין מיטן דער היסטאָרישער מאַגיסטראַט.

קוים אויף די פיס זיך האַלטנדיקע מענטשן. פּלוצלינג אַ סאַלווע פון אַ ביקס! אָן אויסגעשריי! און פליסטערנדיק ווערט פון מויל צו מויל איבערגעגעבן: משה׳לע מיגדאַלס שטיפזון, סאַנע גאַטליב הי״ד איז נאָר וואָס דערשאָסן געוואָרן, ווייל אין גרויס גיריקייט צו באַקומען אַ טרונק, האָט ער אַב׳סל העכער אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער אומגליקלעכער יונגערמאַן געבלוטיקט אָן יעט־ווועדער מעדיצינישער הילף אין אַ וואָלאַסטאָוער חזיר־שטאַל. אויפצומאָרגנס האָט מען אים נאָך פאַרשידענע אינטערווענצן ערשט אַוועקגעפירט אין אַפּטער שפּיטאָל אַריין, וואו מען האָט אים צוליבן גרויסן בלוט־פאַרלוסט שוין מער נישט געקענט דעררעטעווען. נאָך אַ פּאָר טעג זיך מאַטערן איז ער אָפּגע־שטאָרבן אין דער אָנוועזנהייט פון ביי זיין בעט זיצנדיקער כלה ליובע ברו־קאָוויטש, (שאמאַליס טאָכטער), וועלכע איז נאָך דער געטאָ־ליקווידאַציע צו־זאַמען מיט הארשעלע יחזקאל־מאַטעלס אַנטדעקט געוואָרן דורך די דייטשן אין זייער באַהעלטעניש אויפן שטאָטישן קירכן־גלאָק.

פול מיט טראַגעדיע און ענויים איז געווען יענע שוידערלעכע מאַרש־פּראָצעסיע פון צוויזמער קיין זאַכטשין (אַנדערע זייט אַפּט), וואו די סאַנ־דאָמיעזשער מאַסן־„זאַקלאַדניקעס״ האָבן זיך געפינען איבער אַ וואָך צייט. די וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין יענער סמוטנער דעפּילאַדע, געדענקען נאָך גאַנץ גוט די סאַדיסטישע סצענעס ווי די מיטגלידער פון דער „הערן־ראַסע״ האָבן זיך געוויילט מיטן קאָמישן אויסזען פונם יונגן מורה־הוראה (שמעלקע נתן דודס איידעם — איבערגעלעבט די מלחמה און דאַרף זיך געפינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן), ווען זיי האָבן אָפּגעשוירן אַ האַלבע באָרד. די אין דייטשע קולטור דערצויגענע אַריער האָבן זיך אויסערגעוויינליך אַמוזירט דורכן צווינגען אידן מיט בערד צו טאַנצן און מאַכן אויסטערלישע העוויות. אַ ספּעציעלע אַטראַקציע פאַר די חיהשע אינסטינקטן זייערע איז געווען דאָס אויפזוכן אַ הויכן, שטאַרקן אידן און אים צווינגען צו קעמפן מיט אַ קורצגע־וויקסיקן און שוואַכן... אָט אַזעלכע פּערווערזע פאַרגעניגנס זענען פאַר די בלוט־דורשטיקע ראַסיסטן געווען אַן „ענטציקענדיקעס־שפּיל״...

אַרום ניין טעג האָט געדויערט די שרעקלעכע „זאַכטשינער״ אינטערני־רונג, וועלכע האָט אָבער אין אָנבליק פון די שפּעטערדיקע, אַנטוויקלטע אַנטי־אידישע געשעענישן אָנגעהויבן אויסצוזען ווי אַ קינדער־שפּיל...

„מעשה זאַכטשין״ איז נאָר געווען אַ מוסטער איינלייטונג פאַר צוויזמערער אידן, אַ פאָרשפּיל צו דער באַפאָרשטייענדיקער, טרויעריקער פאַרניכטונג פון אונדזער קהילה־קדושה, וועלכע האָט ערשט באַדאַרפט אַדורכמאַכן אַלערליי עטאַפּן פון פּיין און ליידן; פון קאָנטריבוציעס און שאַנטאַזשן; פון כאַפּעריי און איבערזידלונגען, וואָרנדיק צום לעצט אַריינגעשטויסן אין אַ באַגרענעצ־טער, פאַרצוימטער טעריטאָריע מיטן וואויל־קלינגענדיקן נאָמען: „אידישעס וואָן־פירטל״.

* * *

אַ בילד אויף וועלכן עס געפינען זיך צוויי פון צויזמערס ערשטע קרבנות:
הארשעלע לעווי (פאט) און סאני גאָטליב הי״ד.

אַ פאַרזאַמלונג פון דער צויזמערער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע אין 1933. ביים פּרעזידיום טיש: יאָסל שלאפשטיין, שאָשע קופּערבלומס געוו. מאַן, ד״ר שעכטמאַן, פישמאַן פון ראַדאָם (יצחק טשאַפּניקס אַ שוואָגער), בערל אַפּעלבוים (אַליין זיך צוגעשטעלט אין 1942 דערשאָסן צו ווערן פון די דייטשן, בכדי אויסצומיידן רעפּרעסיעס קעגן די אידן פון געטאָ), סאלטשע און נחמה׳לע מינץ. אַרומשטייענדיק: יאנקעלע גרינבלום, לייבוש וויינבערג, אבראמטשע טייטלבוים, מאָטעלע מינצבערג, בערל ערדפּרוכט, מיילעך נוסבוים, משה מענדל גאָלדבערג, הארשעלע לעווי, חנה׳טשע נוסבוים, פעלע טשאַפּניק, פייטשע ווערנער, דוד טרעפּלער, בערל הימלשטיין, סאני גאָטליב, כעמיע שיפער, כאמעלע לאס און אַנדערע.

צווי מעטער הויך איז געווען דער פּאַרקאַן אַרום סאַנדאָמיעזשער געטאָ, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דער אידישער גאַס און אויך אויף אַ טייל פֿון זאַמקאָווע גאַס (דער באַרג אַראָפּ וועלכער פֿירט צום באַרימטן צוויזמערער קרימינאַל). דער אָפּיציעלער אַפּטרופּוס פֿון געטאָ איז געווען אַ דעגענערירטער קאַלטבלוטיקער מערדער מיטן נאָמען מייסטער לעשער.

ווי איצט געדענק איך נאָך דעם אויסגעפּעצטן זשאַנדאַרישן תליון, וואָס איז געווען באמת אַ דערפֿינדערישער דייטש אין אויסקלערן און אין אויס־זוכן געלעגנהייטן צום מוטשען און דערשיסן. פּאָר אַ כאַראַקטער־שטריך צו אילוסטרירן די מערדערישע איינפֿאַלערישקייט פֿונם דאָזיקן באַנדיט, קען דינען פֿאָלגנדער פֿאַקט:

בשעת דער צווייטער אויסזידלונג האָט מען פֿון דעם שטאָט־שפּיטאָל אויפֿן מאַרק אַרויס געבּרענגט אַ סטאַשעווער יונגערמאַן אין די בלויזע אונטערוועש, נאָר איינגעהילט אין אַ קאָץ. האָט מייסטער לעשער זיך פֿאַר אים אַנטשולדיקט, העפֿלעך צוגענומען דעם קאָץ און אים געהייסן זיך אַראָפּבייגן צו די הפקר געוואָרענע פּלעצאַקעס אויף צו געפֿינען דאָרט עפּעס אָנצוטאָן. מיטן מאָמענט אָבער ווען יענער האָט זיך נאָר איינגעבויגן, האָט לעשער מיט אַ פֿינגער באַוועגונג געוויזן זיין אַסיסטירנדיקן זשאַנדאַרם אים צו דערשיסן. דער באַפֿעל איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך באַלד אויסגעפֿירט געוואָרן און דער יונגערמאַן איז געוואָרן דער זעכציקסטער קדוש זיך צו וואַלגערן צוזאַמען מיט אַ באַרג טויטע ביים אַרויסגאַנג פֿון געטאָ.

אַ שטאַרקן קאָנקורענט אין זיין קאַניבאַלישער אידן פֿרעסערישקייט, האָט לעשער (שפּעטער דערשאָסן אין קלימאָנטאָוו דורך פּוילישע פּאַרטיזאַנער אַלס נקמה פֿאַרן דערהרגענען אַן אונטערגרונט חבר זייערן) געהאַט אין הויפּטמאַן גייער פֿון קיעלץ און אין „פּיטער און ברונאָ" פֿון דער אָסטראָווצער ס.ד., וועלכע פֿלעגן קומען אויף גאַסטראָלן קיין צוויזמער צו שטילן זייערע רציחה אינסטינקטן. בשעת איינעם פֿון אַזעלכע באַזוכן טאַקע, האָט דער סאַדיסטישער הויפּטמאַן גייער אַרויסגעפֿירט אויפֿן שול־הויף דעם אָסטראָווצער רבין ר' יחזקאלע הי"ד, אים געשאָסן און אַריינשטעלנדיק אים אַ סיגאַרעט אין מויל אָפּפֿאָטאָגראַפֿירט פֿאַר אַן אָנדענק.

דערציילט דער עד־ראיה פֿון דער גרויליקער סצענע — יעקב האָניקסבערג נ"י (איצט אין טאָראָנטאָ) ווי פֿאַר דריי טעג האָט ער אויפֿן באַפֿעל פֿון די דייטשן, צוזאַמען מיט אברהמלע מאַנדעלבוים, צונויפֿגעקליבן מענגעס דער־הרגעטע. „...פֿאַר אימה האָב איך פֿאַרלוירן ס'לשון און ממש נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט, בשעת מען האָט דעם אָסטראָווצער רבין צוזאַמען מיט די אַנדערע געפֿאַלענע קדושים הי"ד אַרויסגעפֿירט קובר צו זיין אויפֿן צוויז־מערער בית־החיים".

ברונאָ און פּיטער ווידער זענען געווען אייגנהענטיקע אורטייל־אויספֿירער איבערן ערשטן „יודנראַט" פּרעזעס, אַדוואָקאַט גאָלדבערג, וועלכן זיי האָבן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון צוויי־און־פֿערציקסטן יאָר אין קאַלט בלוט דערשאָסן

געטאָ־סצענע אין דער אידישער גאַס. מיט דער באַמערקבאַרער „יודענבאַנד" אויף די אָרעמס, שטייען און שמועסן ר׳ יוסף מאיר לאנדא און ר׳ הערשל זילבערבערג הי"ד.

„טיפּ" פון אַן אַנדערן צויזמערער חסידישן איד, ר' יעקב זוסמאַן הי"ד.

אויף די שטיגן פון דער „יודנראַט" קאַנצעלאַריע. (מאָטעלע בלומענפעלדס הויז).

גאָרנישט הינטערשטעליק אין חיהשער בלוטדורשטיקייט איז געווען דער „פאָלקס דייטש" זשאַנדאַרם שומאַן. ווי לאַנג כ׳וועל לעבן וועל איך געדענקען אַ בייגעוואוינטן טויט־אורטייל, וועלכן דער אכזר האָט אויסגעפירט אין מיטן העלן טאָג אין דער אָנוועזנהייט פון צענדליקער אידישע צוואַנג־אַרבעטער. געווען איז עס אין האַרבסט 1942, אויף די מאָלערישע צויזמערער לאָנקעס האָט די היטלער יוגנט פון קיעלצער געגנט איינגעאָרדנט אַ זומער לאַגער, לויט אַלע מיליטאַריסטישע פּיטשעווקעס. אַ גאַנצע מאַסע אידן און איך בתוכם, זענען דאַן דורכן יודנראַט באַשעפטיקט געוואָרן אויסצופּוצן דעם לאַגער און מאַכן דאָס לעבן פון די יונגע גענגסטערט ווי אַמבאַקוועמסטן.

האָט מען געאַרבעט עבודת פּרך ביים גראָבן גריבער, אויפשטעלן די געצעלטן, טראָגן, הייבן א.אַ.וו. די קליינע אויסוואורפן האָבן מיט גרויס טאַלאַנט אימיטירט די גרויסע ס.ס.־לייט און געשאָלטן, געזידלט און געשלאָגן מכת רצח. מיטאַמאָל איז אַ יונג שטורם־טרופּערל איינגעפאַלן אַן אידעע. ווייזט אויס, אַז ער האָט ביי די אידן געוואָלט אַרויסרופן נאָכמער דיסציפּלין און באַשלאָסן צו ווייזן בפּועל ממש, אַז ער מיינט „ביזנעס". האָט ער גענומען זיין קליין קאַליבריקע איבונגס־ביקס און אַריינגעשאָסן אין אַן עטלעכע־און־דרייסיק יאָריקן קאַלישער יונגערמאַן. די קוילן פון אַ טרעניר־ונגס־ביקס זענען אָבער ניט גענוג שטאַרק עמיצן ערנסט צו פאַרוואונדן. האָבן מיר געמיינט, אַז דערמיט איז דער אינצידענט דערליידיקט; און דער געטראָפענער איד האָט מיט אַ צעבלוטיקטן אבר זיך אַפילו באַמיט ווייטער צו אַרבעטן. ערשט פאַרנאַכט, ביים אַהיימגיין, קומט זשאַנדאַרם שומאַן צופאָרן אויף אַ „בייסיקל", זוכט אויס דעם לייכט פאַרוואונדעטן איד, שטעלט אים צו צו אַ בוים און יאָגט אים אַריין פון אַ נאָענטן דיסטאַנץ אַ קויל אין קאָפּ אַריין. די אורזאַך: אַ „יודע" געשאָסן פון אַ דייטשער האַנט, טאָר אין קיין פאַל נישט בלייבן לעבן. אַזוי לויטעט דאָס פּרינציפּן בוך פון דער היטלעריסטישער יוגנט־„אידעאָלאָגיע". האָבן די לאַגעריסטן טעלעפאָנירט צום קאָמענדאַנט פון דער זשאַנדאַרמעריע דאַלמייערן, און ער האָט געשיקט שומאַנען גומר צו זיין די מצווה פון דערהרגענען דעם אומגליקלעכן, אומשולדיקן פּליט פון קאַליש.

געווען אויך פאַלן פון אויסערגעוויינלעכער גבורה, וועלכע האָט אין ים פון דערנידערונג און שפלדיקייט אויפגעבליצט מיט ווידערשטאַנד און קוראַזש פון פערזענלעכן מוט ביי אַ צויזמערער אידישן מענטש. אויפן לעצטן וועג, ווערנדיק געפירט שוין אויפן בית־עולם דורך אַ ס.ד.־מאַן דערשאָסן צו ווערן צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע, אַזוי גערופענע אומלעגאַלע, וועלכע מען האָט געכאַפּט זיך אַרומדרייען ביים „ליצעאום" — האָט אַ געוויסער אברהמעלע (אַדאַם) אַרויסגעוויזן אויסטערלישע געוואַגטקייט. אָריענטירנדיק זיך אין דער סיטואַציע האָט ער, ווייזט אויס, באַשלאָסן איצט אָדער קיינמאָל נישט. מיט בליציקער שנעלקייט האָט ער דעריבער אויסגעטאָן זיין ווינטער־מאַנטל, געשיקט אים פאַרוואָרפן אויפן ס.ס.־מאַנס קאָפּ, דערלאַנגט אים אַ פּאָר געזונטע

יעקב שווייצמאַן, פּעסע שווייצמאַן און מאיר ראָטשטיין, שטייען איבער אַן אומבאַקאַנטער מצבה, וועלכע זיי האָבן צוריק אויפגעשטעלט און איינצעמענטירט אין באָדן.

קבר פון צוועלף יאָריקן קונעלע שווייצמאַן הי״ד, דערשאָסן דורך דער נאַציִשער זשאַנדאַרמעריע.

עטל שאָר הי״ד (אלתר שאָר׳ס טאָכטער), פון מאַראַנאָוו 6, אומגעקומען צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפּחה, בשעת דער אויסזידלונג פון וואַרשעווער געטאָ.

פיר ברידער־קברים אין וועלכע עס געפינען זיך פאָלגנדיקע קדושים: אַטשע פאָגל, משה אהרן פאָגל, משה און פּינחס וואַסער, אברהמ׳לע שווייצמאַן, חנה, דעם שוואַרצן ישראל׳ס טאָכטער, אַבראַמטשע (טעמע שאפראנס זון), פּינטשע מאלא און אַנדערע.



צויזמערער פּאַרטיזאַנער: משה (רעכטס) און פּנחס וואַסער (אויבן). אין ווינטער פון 1943 האָבן זיי זיך דערשלאָגן קיין ראקוב און אָפּגעקויפט געווער ביים פוילישן מאַיאָר דאָמבראָווסקי. דורך אַ פּאַרעטערישע מסירה קומען זיי אום געכאַפּטע מיטן געברענגטן געווער אויף קידוש השם. פּנחס וואַסער צוזאַמען מיט טעמע שאַפּראַנ׳ס זון, אברהמ׳לע, אין די ווישיאַדלאָווער בערג; משה וואַסער אין הויף פון די אָסטראָווצער ס.ד. אונטן רעכטס: דער דריטער ברודער וואָלף לייב וואַסער, אומגעבראַכט דורך די דייטשע בעסטיע אין „גרויסהויזן" (1943). לינקס: חנה לאה וואַסער, וועלכע איז צוזאַמען מיט איר שוועסטערל אסתר און ישראל טרעפלער׳ס פרוי הי״ד, דערשאָסן געוואָרן אויף דער אידישער גאַס אין צויזמערער געטאָ, דעם 15־טן מאַי, 1943.

כמאַל איבערן שאַרבן און אַנטלאָפן. ליידער איז אָבער דעם העלדישן מענטש נישט באַשערט געווען איבערצולעבן די היטלעריסטישע וואַקכאַנאַליע, ווערגדיק מיט אַ צייט שפּעטער דערמאָרדעט פון פּוילישע רוצחים.

ווי אַ סימבאָל פון אידישער עטיק און כאַראַקטעריסטישן קידוש־השם מוט דאַרף אויך דערמאָנט ווערן קאָפקע מייזעלס הי״ד (שלמה מייזעלס איידעם). אין דער צייט פון אַ „סעלעקציע״, ווען וועלכער די זשאַנדאַרמעריע האָט אָפן געזאָגט אַז: „דאָס אַלץ גייט אויף שמעלק און זאַווון אַריין״ — איז ער אַרויסגענומען געוואָרן פון די רייען און מען האָט אים געפרעגט, צי פאַרן פרייז פון ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן איז ער גרייט זיך אָפּצושיידן פון זיין פרוי און אַוועקפאָרן אַלס פּאָליציסט אין אַן אַרבעטס־לאַגער?...

אָן אַ פינטל מיטן אויג האָט דער אַנטשלאָסענער יונגערמאַן זיך אָפּגעזאָגט פון דייטשן „חסד״ און פרייוויליק אַריבערגעמאַרשירט אויף דער זייט וואו זיין פרוי און אַלע אַנדערע אידן זענען געשטאַנען, מקיים זייענדיק דעם: הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו.

אַ לייכטנדיקער בריליאַנט אין דער קרוין פון אידישער מסירת־נפש, וועט פאַרבלייבן דער נאָמען פון צוויזמערער אידישן מיידל: גענ̇יע קלוס הי״ד, (יודל קלוס טאָכטער). באַזיצנדיק אַן אַרישן אויסזען, און רעדנדיק מיט אַ דאָרפישן אַקצענט, האָט זי זיך פריי באַוועגט אין די דערפער אויסזוכנדיק באַהעלטענישן פאַר אידן און באַזאָרגט זיי מיט מיטלען צום לעבן און ידיעות וועגן די נאָענטסטע. אויך די דאָזיקע אומפאַרגלייכלעכע שליחה של מצווה איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ גזלנישן פוילישן פּאָליציאַנט מיטן נאָמען קאַליטאַ, וואָס האָט זי דערקענט מחוץ דעם געטאָ, זי אַרעסטירט און איינגעזעצט אין דער „קאָזע״, מעלדנדיק וועגן דעם די דייטשן.

ווי דערשלאָגן די שטאָט איז נישט געווען, האָט דער „אַריינפאַל״ פונם העלדישן מיידל אַרויסגערופן אַ שטורם פון באַמיאונגען זי פאַר יעדן פרייז צו ראַטעווען. מאָטל לערנער, יעקב ווערנער און אברהמלע שווייצמאַן הי״ד, האָבן זיך אונטערגענומען אַריינצושמוקלען צו איר שטאָלענע פיילעכלעך איבערצוזעגן די אייזערנע קראַטן.

דער פּלאַן איז געלונגען. די אומדערמידלעכע גענ̇יע האָט שוין טאַקע געהאַט איבערגעשניטן עטלעכע קראַטן. אָבער, אומגעריכט האָט מען זי געגעבן אַ פיר אַרויף אין קרימינאַל אַריין, און פון דאָרט מיט אַ גרופּע אַנדערע אסורים צום בית־עולם, וואו עס האָט שוין אויף זיי געוואַרט אַ צוגעגרייטער ברידער־קבר...

אויפן העכסטן שטאָק פון „ליצעאום״ ביים פענסטער אַרויסגייענדיק צום בית־הקברות, זענען געשטאַנען איר קאָשאַרירטע מוטער און ביידע ברידער, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, ספּאַזמירט מיט אוממענטשלעכע קולות און צוגעזען ווי דער באַרבאַרישער פאָלקס־דייטש „קלים״ שלעפּט גענ̇יען, אַ ראַנירטע אין פוס, צום ראַנד פון גרוב און דערשיסט זי מיט צוויי קוילן...

די קערפּערס פון צויזמערער, דערמאָרדעט אין די אַרומיקע דערפער, ווערן געבראַכט צו קבר־ישראל אויפן צויזמערער בית החיים.

אויף די בילדער (זײַט 79 און 80) געפינען זיך: חיה שאפּראַן, גוטשע שווייצמאַן, אנשל לעווי מיט דער פרוי, יודל קלוס, מאיר ראָטמאַן, בערל טייטעלבוים, יואל שניידער, זישע לאסס, שמואל וואַסער, יעקב שווייצמאַן, טאשיעק קופּערבלום, יודל קלוס זון, מאלע קופּערבלום, סענדער טייטעלבוים (אין די ברילן), רוזשע מאלא, און אַ קראָקעווער אידיש אינגל פון דער פּאָליציי מיטן נאָמען „יוזשעק".

דער נײַנטער און צענטער יאַנואַר, 1943, זענען די שוואַרצסטע און אכזריותדיקסטע טעג פון מאַקאַברישן, מאַסנדיקן אויסזידלונג חורבן איבער צויזמערער אידנטום. דער וועג פון מאַרק ביזן וואָקזאַל קיין נאַדבזשעזשע (אַנדערע זײַט ווײַסל) וואו די בהמות וואַגאָנען האָבן געוואַרט, איז דאַן געווען די סאַנדאָמיעזשער אידנס לעצטער מאַרטירער־מאַרש צום קדושים טויט זייערן. דורך שפּאַלערן פון רוגזהדיקע ס.ס.־לײַט, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין שלאָגן מיט לאַנגע שטעקנס און שרײַען: לאָוס! לאָוס! אונטער ליטווישע און אוקראַיִנישע פּאַשיסטישע באַגנעטן; אונטער אַנטיסעמיטישע חוזק אויסרופן מצד היימישע, פינסטערע רויבער עלעמענטן — איז דער רוב מנין און דער רוב בנין פון אונדזערע פאַרפּײַניקטע שוועסטער און ברידער אַוועק קיין בעלזשעץ; אויסדעקאָרירנדיק דעם וועג צו דער באַן — אַן ערך דריי קילאָמעטער — מיט 160 דערשאָסענע. צווישן וועלכע עס האָבן זיך אַפילו געפינען קליינטשיקע זויג־קינדער.

✶ ✶ ✶

איצט, אַכצן יאָר שפּעטער, זיץ איך אָ צופעליק אַנטרונענער פון די אַלע גרויזאַמקייטן אין אַ טעקסי, רויכער איין סיגאַרעט נאָכן צווייטן און פּאַר מײַנע אויגן גייען דורך אָט־די דאָזיקע אַלע אומהיימלעכע, פּײַנפולע דערײַנערונגען וועגן מײַן היימשטאָטס עלענטן סוף. ווי לעבעדיק ווערן פּאַר מיר ווידעראַמאָל די סצענעס פון אונדזער שטעטלס טרויעריקן אונטערגאַנג. גראָדע איצט, ווען פראַנעק וועקט מיך אויף פון מײַן האַלב דרימלענדיקע פאַרגליווערטקייט און דערקלערט מיר, אַז מיר זענען שוין אויף די פּעריפעריעס פון סאַנדאָמיעזש.

3

אויבנאויפיק האָט זיך צויזמער כמעט גאָרנישט געענדערט. דאָס זעלבע מאַגיסטראַט מיטן פענדעלע „נאָשפּיץ" — שטייט ווייטער אין מיטן מאַרק. אויף צפון זײַט געפינט זיך נאָך אַלץ די שטעטלשע „קאָזע" וואו מען זעצט ווידער איין שיכורים און בראָדיאַגעס, וועמענס געוואוינהייטן האָבן זיך טראָץ דער נײַער פאָלקס־רעגירונג אויך גאָרנישט געענדערט. קיין מאַרק־שטעלן זעט מען נישט מער. אויך זענען פאַרשוואונדן די בוידן פון הינטער די יאַטקעס. די באַוועגונג אין שטאָט בכלל איז נישט קיין צו גרויסע אין אַלגעמיין. ס'מוז אַוודאי זײַן צוליב דעם, וואָס עס איז אַן אײנפאַכער אַרבעטער־טאָג און יעדער איז ביי זיין באַשעפטיקונג, נישט האָבנדיק קיין צײַט צו בטלנען.

פראַנעק ווייזט אויס איז טאַקע באמת נישט קיין נאַר. וואָרום אַפּשליסנדיק די טעקסי זײַנע שלאָגט ער פּאָר, איך זאָל אַביסל אַליין אַרומשפּאַצירן איבער דער שטאָט; און ער וועט זיך דערווייל אַרײַנכאַפּן אין דער קאָאָפּעראַטיווער רעסטאָראַציע אונטערצולעבנען ס'האַרץ. פאָלג איך נאָך פראַנעקן און באַמערק, אַז די קנייפּע אין וועלכער ער גייט אַריין, איז דאָס געוועזענע הויז פון ר' נתן דוד מורה הוראה. די רעכטע זײַט הויז צו צום לאַנדווירטשאַפטלעכן

„אויפרוים קאָמאַנדאָ" פון צויזמערער געטאָ, נאָך דער צווייטער ליקווידאַציע. אַ קריסטלעכער איינוואוינער מיטן נאָ־
מען ברולא, האָט אויפגעכאַפּט דאָס בילד. עס שטייען: שמואל וואסער, לייבטשע וואַסער, הערשל וואַסער, נתן וואַסער,
דוד „פישער", לעוויצקי מיט צוויי זין (אַפּטער), אַ פּאָר קלימאָנטאָווער אידן, און צווישן אַנדערע, דער לעצטער זאַ־
וויעכאסטער רב: האָראָוויץ.

„ראַלניק״, איז איצט אַ וואַרטע־זאַל און אַ בילעטן־קאַסע פאַר ווייט־פאָרנדיקע אויטאָבוסן.

נאָך אַזויפיל יאָרן זיין אַוועק און קומענדיק פון אַ מעטראָפּאָליטן שטאָט ווי טאָראָנטע, זעט מיר ס׳איצטיקע צויזמער אויס ווי אַ טל ומטרל אין אַ קליין סידורל.

אויף עק קאַטעדראַלנע און רינעק, וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען יאָמעלע בראַפּמאַנס הויז, איז איצט פאַרפלאַנצט אַ שטאָטיש גערטנדל. די בלימעלעך זעען אויס שיין און אומשולדיק, באַשיינענדיק דעם כסדר נאָך ליידיקן פּלאַץ. נאָר אַ גרויסער דיכטער וואָלט געקענט ווי געהעריק אַרויסברענגען די דראַמע, ווי אונטער דעם איצט עסטעטיש באַגראָזטן באָדן, אין די טיפע קעלערן, וואו „יאמעלע״ פלעגט האַלטן זיינע פעלן, האָבן זיך 70 אידן פאַרמויערט פון אינע־וויניק; און מיט פון פריער אָנגעגרייטע שפּייז־זאַפּאַסן געהאָפט איבערצולעבן די דייטשן. ווי שוידערלעך האָבן געמוזט זיין די באַדינגונגען אין דעם פאַר־עיפּושטן אונטערגרונט, אָן אַ ביסל לופט, און אָן וועלכן עס איז קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט. ווי זייערע פאַרגענגער, די שפּאַנישע מאַראַנען האָבן זיי אַלץ פאַרליב גענומען אין באַוואוסטזיין, אַז דאָס איז די איינציקע געלעגנ־הייט ס׳לעבן צו ראַטעווען. מאַנאַטן לאַנג האָבן די באַגראָבענע אידן עקזיס־טירט אין בונקער און קיינער האָט אַפילו נישט פאַרדעכטיקט, אַז עס איז דאָרט פאַראַן אַ באַהעלטעניש. אָבער אינמיטן ווינטער האָבן דורכגייער אָנ־געהויבן צו באַמערקן ווי דער פּלאַץ פאַרעט זיך עפּעס מאָדנע; און טראָץ פראָסטיקע וועטערס צעגייט דער אָנגעפאַלענער שניי ווי געוואַרעמט פון אַ געהיימער היץ.

האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען געזעמלעך. מען האָט זיך אָנגעהויבן שושקען. יעדער איינער האָט מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען די סענסאַציאָנעלע, מאָדנע דערשיינונג. ביז די זשאַנדאַרמעריע האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיטן פענאָמען, אויפגעהאַקט אַ לאָך אין דער אויבערפלאַך, אַרויסגעשלעפּט די לעבעדיקע מתים בראש מיט זייער אָרגאַניזאַטאָר דעם „פּאָווראָזשניק״; און זיי אויך אַן אמת אַוועקגעפירט צום טויט.

אָן ענלעכן גרויזאַמען סוף האָט אויך געהאַט דער בונקער פון שמואל לייב פישמאַן, אויף סאָקאָלניצקיעגאָ פיר, וואו עס האָבן זיך געפינען אַ גרעסערע צאָל קינדער און צווישן זיי אלי׳ לייב טייטלבוימס שוועסטערל הענעלע הי״ד.

דאָס זעכצן־יאָריקע מיידל איז שוין געהאַט געזעסן אויף אַ דייטשן לאַסט־אויטאָ פון די מיליצער פאַבריקן פאַר עראָפּלאַנען־טיילן (הענקעל ווערקע) און צוזאַמען מיט איר ברידער און אַנדערע צויזמערער, ווי: הערשעלע קליינ־הענדלער, יאַנקעלע גרינבלום, שמחה שלעסער, יוסף צעילאָן, אברהמעלע קאַכען הי״ד, ישראל אייזיק אַקערמאַן, נאַסקע (שרהלע אַלטער טוביהס אידעס) און אַנדערע, געזאָלט אָפּפאָרן קיין מיעליץ צו דער אַרבעט.

אַרויספאָרנדיק אָבער פון צויזמער האָט דער אונטערגעקויפטער דייטשער

די איינציקע דריי לעבנגעבליבענע צויזמערער אידישע קינדער. פון לינקס: לייבל צווערנס זון; פון רעכטס: סילווערס זון; אינדערמיטן, אין לאַגער־אוניפאָרם („פּאַשיאַקעס") — דאָס איינאונאיינציק זיבן־יאָריקע צויזמערער אינגעלע, אָפּגעראַטעוועט אין אוישוויץ — יאָסעלע שלאָפּשטיין. דאָס בילד איז גענומען געוואָרן אין 1946 אויפן דאַכאַוער אַל־געמיינעם בית עולם — בשעת אַ יזכור פאַרזאַמלונג לזכר די געפאַלענע מאַרטירער. אין נאָמען פון דער שארית הפליטה רעדט צו די אָנוועזנדיקע מעניגא דיומא, דער פּרעזידענט פון די צויזמערער אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד: אלי׳ לייב טייטעלבוים, צווייטער פון רעכטס.

דער יונגסטער לעבנגעבליבענער צוויזמערער קאַצעטניק: יאָסעלע שלאַפשטיין.



איינע פון די ווייניקע צוזמערער משפחות, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט ווערנ־דיק אויסבאַהאַלטן דורך פּוילישע פריינט.

אויבן — משה און חיים באָרנשטיין; אונטן — יאַדוויגאַ און לעאָן בוקאָווינסקי (די רעטער) און רינה באָרנשטיין. די באָרנשטיינס געפינען זיך איצט אין מאָנטרעאַל און זענען שטאַרק טעטיק אין אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין 1961 איז מ. באָרנשטיין דעלעגירט געוואָרן קיין ירושלים צו דער אינטער־נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון פינאַנסירן אויסצואַרבעטן פּלענער פון אונטער־שטיצונג פאַר מדינת ישראל.

מייסטער — וועלכער האָט געוואָרבירט „פרייוויליקע״ שקלאַפן פאַר זיינע וואַר־שטאַטן און פון יעדן „קאָפּ״ גענומען צו דריי טויזנט זלאָטעס — חרטה גע־קריגן, פּלוצלינג אָפּגעשטעלט די מאַשין און באַפוילן דעם מינדעריאָריקן קינד צוריקצוגיין אין שטאָט אַריין. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין תחנונים און גע־בעטן אַפילו די אינטערווענציעס פונם איניציאַטאָר פון דער גאַנצער זאַך — אליעזר פרייבערג (איצט אַ טאָראָנטער בוי־אונטערנעמער) האָבן גאָרנישט געקענט אויספועלן.

דער איינגעשפּאַרטער, פאַרביסענער דייטש האָט אונטער דראָאונגען און סטראַשונקעס אויסגעפּירט זיינס! הענעלע איז מיט געוואַלט אַראָפּגענומען גע־וואָרן פון וואָגן, וועלכער האָט מאָמענטאַל זיך אַ ריס געגעבן פון אָרט און אָנגעהויבן ווייטער פאָרן.

אין אָנפאַנג איז דאָס אומגליקלעכע מיידעלע געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטע אויפן שאָסיי און איר יאָמערלעך געשריי: אלי׳־לייב! אלי׳־לייב! אלי׳־לייב! האָט ווי אַ שניידנדיק מעסער דערגרייכט צום צעבראָכענעם געמיט פון די אָוועקגעפירטע... אַ וויל שפּעטער ערשט האָבן די פון הינטן זיצנדיקע דער־ציילט, ווי זי האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען צוריקגיין אין דער ריכטונג פון שטעטל.

ווי עס ווייזט זיך אַרויס פונם שפּעטערדיקן פאַרלויף איז זי גראָד דע־מאָלט בשלום צוריקגעקומען אַהיים און זיך פאַראייניקט מיט דער פאַרבליבע־נער הויפישער גרופּע מענטשן, וועלכע פלעגן בשעת אַקציעס און געפאַרן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער „מאַלינע״ פון שמואל לייב פישמאַן. ליידער איז אָבער דער דאָזיקער בונקער גאָר איינדערגיך פאַראַטן און אַנטדעקט געוואָרן. לויט די ווערטער פון אַן אַנטקעגנאיבער־וואוינענדיקע פּאָלקע, איז דאָס בילד פון אומברענגען די געמסרטע תינוקות של בית רבן געווען אַזוי דערשיטערנ־דיק, אַז צוקוקנדיק זיך צום פאַרגאָסענעם בלוט, וואָס האָט געפלאָסן אין רינ־שטאָק ווי אַ רעגן שטראָם — האָט אַ קריסטלעכע שכנטע, די סלאָוואַצקאַ (זשולצינסקאַס טאָכטער) באַקומען אַ האַרץ אַטאַק און געשטאָרבן.

רינעק נומער 27 — דאָ האָט זיך געפונען מיין פאָטערס, דעם רבין ר׳ זושאַס שטיבל. דאָ, אין דעם דאָזיקן צווישטאָקיגן הויז האָט דער שרייבער פון די שורות איבערגעלעבט זיין לעצטן אינצידענט מיט דער זשאַנדאַרמעריע, פאַרן אַוועקגיין אויף אַרישע פּאַפּירן.

געווען איז עס אין יענע שטורמישע, אויפשוידערנדיקע טעג פון ערב־חורבן, אויגוסט, 1942. צווי ביינאַכט איז גאַנץ צוויזמער פּלוצלינג אויפגע־וועקט געוואָרן פון אומאויפהערלעכע שיסערייען און דייטשע געוואַלדן, וועלכע האָבן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אָפּגעהילכט איבער שטעטל מיט אַן אומהיימלעכן עכאָ. ,

באַלד האָט זיך פון טיר צו טיר גענומען טראָגן די עלעקטריזירענדיקע ידיעה: — מען כאַפּט!

זשאַנדאַרמעריע, גראַנאַטענע־פּאָליציי און פרעמדע „שופּאָס“ (שוץ־פּאָ־ליציי), גייען אַרום פון הויז צו הויז און נעמען אַרויס פון די בעטן יעדן אָנגעטראָפענעם מאַן.

אין בהלה האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש פון באַהעלטענישן. ווי פאַרסמטע איז מען געלאָפן פון אָרט צו אָרט נישט וויסנדיק וואו זיך אַהינצוטון. כאָטש ביי ר׳ יודל קאָן הי״ד, אין דער רעכטער אַפּיצינע איז געווען אַ גוטער בונקער — איז שוין ליידער מער נישט געווען קיין צייט זיך מיט אים צו באַנוצן. פאַר רינעק 27 איז שוין געווען צו שפּעט... אין לאַנגן קאָרידאָר האָט זיך שוין געהערט דאָס טופּען פון באַנעגלטע שטיוול: לאָוס! אופמאַכען! האָט אַ באַפעלערישע שטימע געקלאַפּט אין די וואוינונגען. אַ פאַרציטערטע האָט רייזל־שמעלקיס הי״ד אויפגעמאַכט און אין שטוב איז אַריין אַ באַוואָפנטער דייטש באַגלייט פון אידישן פּאָליציסט כאמעלע לאס (געפינט זיך היינט צו טאָג אין ניו־יאָרק).

— דו פאַרפלוכטער שוויין! האָט דער נאַצישער סאַטראַפּ אויסגעשריגן. צולויפנדיק צו דער שאַנק, וועלכע איז געשטאַנען איבער דער וואַנט פאַרטי־פונג צו די גאָלדפינגערס. אַהאַ! פּרובירט זיך באַהאַלטן! — האָט ער אַ בייזער גערעוועט דראָענדיק מיטן פינגער. אַ רגע שפּעטער אָבער האָט ער זיך אוי־סערגעווייינלעך פונאַנדערגעלאַכט, פאַרקייכנדיק זיך אַזש פון גרויס פאַרגעניגן.

דעם בעל־גופיקן „שופּאָניק“ איז זעט אויס אויסטערליש געפעלן די קאָמישע סיטואַציע ווי אַ יונגער בחור אין די בלויזע נאַכט־וועש — שטייט מיט אַין באָרוועסן פוס אין דער שאַנק און מיטן צווייטן אויפן דיל, נישט וויסנדיק אַ צעטומלטער וואָס צו טאָן.

— פיר אים אָפּ אויפן מאַרק! — האָט ער מיט רוגזה אָנגעזאָגט כאַמעלע לאַסן, און אַליין איז ער אַרויס זוכן אַנדערע קאַנדידאַטן פאַר די סקאַרזשיס־קער „פיקרין־פאַבריקן“ וואוהין דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז טאַקע שפּע־טער אָפּגעשיקט געוואָרן.

אויפאײנדערגיך האָב איך זיך אָנגעטאָן. פאַרוואָרפן דאָס סטודענטסקע היטל, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די לעדערנע קורטקע אין וועלכע ס׳האָט זיך תמיד געפינען מיין קריסטלעכע „קענקאַרטע“ און מיט דער צושטימונג פון אויבנדערמאָנטן אידישן „אָרדענונגס־מאַן“ אַרויסגעשפּרונגען פון פאַרטערדיקן פענצסטער... אין דער לעצטער מינוט האָב איך באַוויזן אויסצומיידן די דייטשע „פולאַפּקע“, אַ דאַנק דער מיטהילף פון אַן אָרענטלעך, אומדערשראָקן אידיש איינגל און דער געוואַגטקייט פון דער ענערגישער פרוי גיטעלע גאָלד־פינגער הי״ד, וועלכע האָט מיך פון הויף אומבאַמערקטערהייט צוריק אַריינגעשמוגלט אין איר שוך־געשעפט אַריין, וואָס איז כלומרש געשטאַנען אונטער אַ „טרויהענדלערשאַפט“ — אָבער צו וועלכן זי האָט נאָך אַלץ געהאַט די שליסלען...

די בליץ־שנעלע אָריענטאַציע פון דער דאָזיקער „אשת־חיל“, וועלכע

האָט מיך מיט גרויס ריזיקע באַהאַלטן צווישן אירע סחורות — האָט מיך דאַן אָפּגעראַטעוועט פון ווערן אָפּגעשלאָסן אין די שקלאַפן לאַגערן פון באַרימטן ווערק „צע״ וואו מערסטע קאַצעטניקעס זענען שפּעטער פאַרגעלטע פונם גיפטיקן פולווער אויסגעשטאָרבן מיט אַ לאַנגזאַמען, מאַטערדיקן טויט.

ליידער אָבער, איז די דאָזיקע שליחת־מצוות שפּעטער צוזאַמען מיט איר מאַן, אברהמעלע גאָלדפינגער הי״ד אַליין אומגעקומען אויף זייער אַ טראַגישן אופן, ווערנדיק בעסטיאַליש דערמאָרדעט דורך באַקאַנטע, פאַררעטערישע דייטשן, וועלכע האָבן שטאָפּנדיק זיך כסדר מיט מתנות, פּאָזירט אַלס „גוטע־פריינט״ פון דער פאַמיליע, אויף וועלכע מען קען זיך אין אַן עת־צרה פאַרלאָזן. (דאָס איינציקע איבערגעבליבענע געדעכעניש פון דער משפחה איז זייער בן־יחיד, יוסף גאָלדפינגער נ״י, וועלכער איז מיט אַ ווילנער ישיבה דורכגעגאַנגען אויסטערלישע גלגולים ביז ער האָט דערגרייכט קיין ארץ ישראל, וואו ער איז ביים איצטיקן מאָמענט אַן אָנפירנדיקע פערזענלעכקייט צווישן די צוויזמערער און פרעזעס פון דער עזרה וסעד אָרגאַניזאַציע (צוויזמערער הילפס פאַראיין).

קוק איך איצט אויפן געשעפט וואו מיין פערזענלעכע דראַמע האָט זיך אָפּגעשפּילט; בליק אַרויף אויפן צווייטן גאָרן צו די טרעפּלערס, מיט וועלכע כ׳בין געווען באַפריינדעט. (פון דער גאַנצער משפחה האָבן זיך פון געטאָ געראַטעוועט דוד טרעפּלער אין ישראל, און פייגע טרעפּלער־טייטלבוים, אין טאָראָנטאָ). כ׳אָבסערוויר די וואוינונגען פון די אַנדערע לאָקאַטאָרן און איך טראַכט — יאָ! די מויערן זענען געבליבן שטיין... איבערגעלעבט די בעלי־בתים... אויף צו להכעיס נאָך אַפילו שענער געוואָרן... די נייע שטאָט־פירער האָבן, זעט אויס צוליב אורבאַניסטישע טעמים, אינגאַנצן איבערגעבויט דעם פראָנט אינם סטיל פון די פילאַרן, וואו יאַנקעלע נוסבוים הי״ד האָט געהאַט זיין מאַגאַזין פון עלעקטרישע אַרטיקלען.

אַ סך ערגער זעט אויס די געוועזענע אידישע גאַס. כמעט אַלע הייזלעך זענען נישט נאָר דעמאָלירט געוואָרן, נאָר איינפאַך צענומען געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך ביז צום לעצטן ציגל פון פונדאַמענט. געוואַלדיק גרויס האָט געמוזט זיין די שכנימס גיריקייט צו ירשענען אידישע פאַרמעגנס, כלומרשט באַגראָבענע אין דער ערד און פאַרמויערטע אין די ווענט. חושכט זי איצט די אידישע גאַס מיט אַלע שרעקן פון חורבן, מאַכנדיק דעם איינדרוק פון אַ וויסטע איבער וועלכער עס איז דורכגעלאָפן אַן אימפּעטיקער וואולקאַן, פאַרוואַנדלענדיק אַלץ אין שטויב.

איינזאַם און פאַרוואָרלאָזט שטייען דאָס געוועזענע בית־מדרש און די שול־געביידע, צוגעטוליעט איינער צום צווייטן ווי אַ סימבאָלישע דערמאָנונג, אַז אַן אידיש לעבן איז דאָ אַמאָל געפלאָסן.

אין האַרבסט פונם איינאונפערציקסטן יאָר זענען נאָך דאָ, אין דער ווייבערישער שול — טראָץ דעם דייטשן פאַרבאָט נישט אָנצוהאַלטן קיין פאַרזאַמלונגען — פאָרגעקומען קולטור אונטערנעמונגען, איינגעאָרדנט אויף אַ קאָנספּיראַטיוון אופן.

דער פאַרשטאַרבענער צוויזמערער עסקן און מחבר פון אַ ריי ביכער, יצחק ענפי ע״ה, מיט זיין פרוי פערל ענפי תחי' אין ישראל.

משה טרעפלער פון רינעק 27, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן גרויס מסירת־נפש אין סקאַרזשיסקער לאַגער העלפנדיק די פאַרטיזאַנער. אַרבעטנדיק אויף אַ „פלאַצוואוקע" אין „ווערק א", האָט ער מיט גרויס געוואַגטקייט „געגנב׳עט" געווער און עס איבערגעגעבן די ווידערשטעטנדלער.
דאָס לעצטע מאָל איז ער געזען געוואָרן דורך יחיאל צינאמאָן אין בוכענוואַלד, נאָך וועלכן ער איז וואַרשיינלעך אומגעקומען אין די הענט פון די נאַצישע רוצחים.

אסיפה פון די צויזמערער אין תל־אביב מקבל פנים צו זיין אַנגעקומענע לאַנדסלייט פון אויסלאַנד. עס זיצן פון לינקס: יוסף גאָלדפינגער (יו״ר פון דער „עזרה וסעד״ אָרגאַניזאַציע), זאב טוכמאַן (נשיא פון די „קופת גמילת חסדים לזכר קדושי צוזמיר״), אמנון אייזענשטאַדט, איטשע גאזשעטשאנסקי, פרוי גאזשעטשאנסקי, יצחק ענפיס פרוי, יצחק ענפי ע״ה און יעקב שיפער.

דער צווישמערער לאַנדסמאַן ברוך ראָזענפעלד, אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער „מאָמענט" אונטערן פסעוודאָנים „באַנטשע", איז פון וואַרשע־ווער געטאָ אַהערגעקומען צו זיין שוועסטער רחל שאַפּראַן אויף רינעק נומער דריי. (געביידע פון „האָטעל קראַקאָווסקי"). אויסנוצנדיק זיין אָנוועזנהייט האָט זיך אַרום אים געגומען אָרגאַניזירן אַ קרייז פון יוגנטלעכע, וואָס האָבן אים געהאָלפן איינאָרדענען אַ סעריע רעפעראַטן און לעקציעס אין וועלכע דער פּאָ־פּולערער הומאָריסט האָט זיך באַמיט אויפצומונטערן דעם עולם מיט זיינע געלונגענע סאַרקאַסטישע גלייכווערטלעך מעניני־דיומא.

איצט שטייען ביידע מקומי־קדושה פאַרשוועכטע, דעגראַדירטע — פאַר־וואַנדלט אין סחורות לאַגערן און אין פּריוואַטע דירות פאַר די „סטרוזשעס"...

— פּאַניע לעבן! נאָכוואָס פאָטאָגראַפירסטו אַ אידישע „בוזשניצע"? — פרעגן מיך דורכגייענדיקע פּאָלאַקן מיט פאַרוואונדערונג. — פאָטאָגראַפיר בעסער די קאַטעדרע פון צוועלפטן יאָרהונדערט; דעם גלחים סעמינאַר, וואָס איז באַרימט פאַר זיין אַלטערטימלעכקייט.

— גיי רעד! דערצייל מיינע שאלות־פרעגער, אַז כ'בין נישט פאַראינטע־רעסירט אין געביידעס וועמענס פאַרוואַלטערס האַלטן אין איין דרשענען וועגן ברידער־ליבע און קריסטלעכע אָפּפערווילליקייט, און קענען אַפילו נישט באַווייזן צו האָבן געראַטעוועט אַ צענדליק אידישע קינדער פון שוידערלעכן אומקום!

— גיי זאָג זיי, אַז דער אַמעריקאַנער מיטן רייך אַרישן אויסזען איז לייביש לייזערס אַן אייניקל פון דער אידישער גאַס! גיי זיי מגלה סוד, אַז דער בילדער־נעמענדיקער טוריסט איז דאָ געווען ווען רציחה האָט געוועל־טיקט, ווען בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער און מיט די אייגענע אויגן צו־געזען די הנאהדיקע גלייכגילטיקייט פון מענטשן־חיות. גיי קלער אויף די פרימיטיווע קשיות־פרעגער, אַז אַ פאָטאָגראַפיע פון דער צעדרויבלטער אי־דישער גאַס איז אַ געוואַלד שרייענדיקער „זכור אשר עשה לך עמלק", ביי דער מיטהילף פון היימישע באַנדיטן און ביים שטילשווייגן פון אַלע ווייכ־האַרציק דערבאַרמדיקע מאַנאַשקעס און שוואַרץ־סורדוטיקע טעאָלאָגן, וועלכע האָבן זיך אין די פינצטערע שחיטה־טעג ס'געוויסן באַרואיקט מיטן קניען פאַרן צלם.

פאָטאָגראַפיר איך ווייטער די שול, באַהערשנדיק מיין אינערלעכע אויפ־געטעקייט און בין אין געדאַנק מזכיר די קופּעס געפּרוירענע טויטע, וועלכע מען האָט מיט ברוך שטאַנגען געדאַרפט אָפּרייסן פון דער אייזיקער שול־הויף ערד, בכדי זיי אַריינצוואַרפן אין די מאַסן־קברים.

פון דער אידישער גאַס לאָז איך זיך גיין אַראָפּ מיט דער זאַמקאָווע. ביים הויז נומער 6 בלייב איך שטיין. דאָ איז אַמאָל געווען ר' יחזקאל מאָטלס בע־קעריי. פון דער פאַרצווייגטער בירנבוים פאַמיליע איז נאָר געבליבן איין זון: דודל, וועלכע האָט איבערגעלעבט די מלחמה צווישן די יוגאָסלאַווישע פּאַר־

טיזאַנער; און אַ טאָכטער, רייזעלע, וואָס האָט דורכגעלאָגערט אַלע טויט־קאַ־צעטן פאַרלירנדיק איר מאַן און צוויי זין. (געפינט זיך איצט אין ברוקלין, ניו־יאָרק).

— ווי גייט מען דאָ אַריין אין דער בעקעריי? — פרעג איך אַ דורכגיי־ענדיק שיקסעלע.

— פאַניע! דו מוזט אוודאי זיין אַ פרעמדער און דו ווייסט נישט, אַז די בעקעריי האָט מען שוין פון לאַנג צענומען און אויף זייער אָרט אינסטאַלירט שטאָטישע קלאָזעטן.

אויף דער זעלבער גאַס, אַביסל אַראָפּצוציער, מער צו דרום זייט, איז דאָס הויז פון די „נאַסיקעס" וואו די „ערדפּרוכטס" האָבן געוואוינט. די גאַנצע פאַ־מיליע האָט געטיילט דעם זעלבן טרויעריקן גורל ווי אַלע צוויזמערער. על פּי נס נאָר איז איבערגעבליבן לוי ערדפּרוכטס הי"ד אַ מיידעלע. דאָס קינד איז פאַר דער ליקווידאַציע אַוועקגעגעבן געוואָרן צו אַ קריסטלעכער דאָרפס־פאַמיליע פון נאַרקאָוויץ לעבן צויזמער. דאָס דאָן דריי־יאָריקע מיידעלע איז אַזוי־אַרום געלונגען אָפּצוראַטעווען פון טויט אַ דאַנק דער באַרעמהאַרציקייט פון דער קינדערלאָזער דאָמבראָווסקי פאַמיליע, וועלכע האָבן מסכים געווען צו שפּילן די ראָליע פון אמתע „טאַטע־מאַמע", זאָגנדיק אַז דאָס קינד איז זייער אייגנס. איצט איז שוין דאָס געוועזענע מיידעלע אַ בליענדיקע צוואַנ־ציק יאָריקע פריילין, וואָס שטודירט אַדוואָקאַטור אויפן לאָדזער אוניווערזי־טעט, אָבער איז ליידער אינגאַנצן אָפּגעריסן פון איר פאָלק, טראָגט דעם וואָס אין אירע אָדערן פליסט דאָס קדושים בלוט פון אירע פאַרמוטשעטע עלטערן.

* * *

האַרצרייסנדיק זענען די טראַגישע נאָכווייענישן פון יענער חורבנדיקער צייט.

נישט אין „דיני ממונות" האַנדלט עס זיך — נאָר אין „דיני נפשות" — טערינאַ דאָמבראָווסקאַס אַדאָפּטירטע עלטערן דערקלערן קאַטעגאָריש, אַז זיי ווילן אין קיין פאַל נישט דערלויבן „זייער" טאָכטער זיך אומצוקערן צום אידישן גלויבן און אויסצוואַנדערן צו געבליבענע משפּחה קיין אַמעריקע. נישטאָ קיין געלט פאַרגיטיקונג פאַר אונדז! — טענהן זיי. מיר זענען אַנטשלאָסן „אונדזער" קינד גוטוויליק בשום אופן נישט אָפּצוגעבן.

דאָס מיידל ווידער, וועלכע האָט ערשט נישט לאַנג צוריק דערפאַרן איר אמתדיקן אָפּשטאַם, איז אַנטוישט און צעדרודערט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט איר אונטערגעגאַנגען; און וויל דערווייל אַן אויפגערעגטע פון דער פלוצלינג־דיקער אַנטדעקונג זיך אויך נישט דעצידירן וועגן איר צוקונפט. טוען צוויז־מערער לאַנדסלייט אַלץ אין דער וועלט נישט צו פאַרלירן קאָנטאַקט מיט דער אומגליקלעכער בת־קדושים און האָפן, אַז דאָס דורותדיקע געוויסן אין איר אידישער נשמה וועט זיך דאָך אָפּרופן, און זי וועט דאָך נישט פאַרשעמען דעם הייליקן אָנדענק פון אירע עלטערן און אָפּהאַקן דעם איינציק געבליבענעם

לוי ערדפּרוכטס טאָכטער „טערינא דאָמבראָווסקאַ”, וועמען די צוויזמערער באַמיען זיך אַריבערצוברענגען פון פוילן.



ס.ס.־לייט טיילן „מלקות” אַ צוויז־מערער אידישן בחור.

מיטגלידערינס פון החלוץ המזרחי אין צויזמער. צווישן די פאָטאָגראַפירטע געפינען זיך: שמואל מאַלאס קינדער (פון דער „פּזשעדמיעשציע״): צירל, חיה, ליבע און שרה׳טשע; יחזקאל מאָטלס אַ טאָכטער, נאָטעלע היטלמאַכערס אַ טאָכ־טער, חנה׳טשע נוסבוים, יאָסל בעקערס אַ טאָכטער, נתן טאָקאַזש׳ס צוויי טעכטער, הערשל שטרומס אַ טאָכטער, בעריש שאַפּראַנס אַ טאָכטער, יצחק אבראַזאָווערס אַ טאָכטער, און מלכה׳לע ראָזענבערג (ערדפּרוכט) — „טערינא דאָמבראָווסקאַס״ אמת׳ע מוטער (אין דער ערשטער ריי, די פערטע פון רעכטס).

וואָרצל פון איר מאַרטירערישע משפחה, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש השם.

וואָס לענגער איך דריי זיך אַרום איבער דער פאַרוואָרלאָזטער געטאָ־געגנט — אַלץ מער ווערן בולטער די זכרונות פון מיין היימשטאָטס גיהנום־דיקן סוף. פון אומעטום קומט אַנטקעגן ווי און צער פון כּאַרשניטענע, איבער־געהאַקטע אידישע לעבנס. אָט שטיי איך קעגנאַ בער נ'איר מילשטיינס הויז. פון דעם שיפּועדיקן בוידעם האָט דער מנוולדיקער לעשער געפירט דריי צנועותדיקע זיבעצניאַריקע מיידלעך צום דערשיסן אויפן בית־עולם. זענען זיי געגאַנגען די דריי אומשולדיקע וועזנס: טאַבטשע פון די מילשטיינס, מענדל צוקערבלומס אַן אייניקל, און דעם פּאָוראָזשניקס אַ טאָכטער — געטאָפּטשעט באָרוועסע אין פרירענדיקן שניי, און זיך געהאַלטן ביי די הענט. דריי ברי־ליאַנטענע געזיכטער פון אידישע קינדער אויפן וועג צו דער עקידה.

דאָס אַפּטער טויער וועגן וועלכן מיר צויזמערער פלעגן אַלס אינגלעך אי שטאַלץ, אי נייגעריק זיין — שטייט נאָך אַלץ אַזוי ווי קיינמאָל גאַרנישט, אַריינגעפּרעסט צווישן שפּיטאָל און פּאָטאָגראַפּיסטס הייזל. אָבער פאַרשוואונדן איז די ראָמאַנטיק פון „קאָזשימיעזשס" טויער פון מיינע אויגן. דורך אָט דעם אַלט־סטיליקן דורכגאַנג, האָבן דורכפּראַצעסירט אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע אויף זייער לעצטן וועג צו די ברידער־קברים.

פון יענע צייטן, ווען שטעטלשע יוגנט פלעגט „הינטערן־טויער" שפּאַ־צירן, אַראָפּ צו די טשייקאָווסקיס — איז מער קיין שפּור נישט געבליבן. אַפילו די „פּייער שאָפּע" אין וועלכער אידיש טעאַטער פלעגט אַמאָל געשפּילט ווערן, וועט וועגן אירע „סטראַזשאַקעס" אויפפירונג אויך פאַרבלייבן אַ פינסטערער לאַנדמאַרק פון מיטבאַטייליקונג אין אידן־מאָרד.

מיט אַ קאַלאַמוטנע געפיל און אין אַן איכה שטימונג, קרייז איך מיט פראַנעקן נאָך אַ פּאָר מאָל אַרום מיין געבוירן שטעטל, וואָס איז מיר איבער־הויפּט מער נישט נאָענט און טייער ווי עס איז אַמאָל געווען. עפּעס אַ שוידער־לעכע קאַלטקייט בלאָזט אויף מיר פון אַלע זייטן און מאַכט מיך פילן פרעמד און דערווייטערט. אין משהלע יחזקאלס טאַבאַק געשעפט — אַ פּריוואַטע וואוינונג. אין רפאל באַרנשטיינס גאַסט־הויז — אַ מלוכהשער, מילכיקער רעסטאָראַציע. וואו סענדער טייטלבוים האָט אַמאָל „דזשולערי" פאַרקויפט — איז אַ קאָאָפּעראַטיווע שוך האַנדלונג. דורותדיקע אידישע פּראַצע איבערגע־נומען פון פריש געבאַקענע בעלי־בתים, וועלכע האָבן נישט געפּאָקט און נישט געמאָזלט — נאָר געקומען צום גרייטן איבערנעמען „פּאָזשידאָווסקע" ירושה.

צירקלט פראַנעק נאָך אַמאָל אַרום אין די זייטיקע געסלעך און מיר פאַר־נעמען זיך צוריק אין וועג אַריין. פונדערווייטנס באַמערק איך נאָך דעם קוימען פון די לאַנדאס אַמאָליקע ביר־פאַבריק, (אַ זון סעם עמ"ש געפינט זיך אין טאָ־ראָנטע און איז שטאַרק טעטיק אין היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן). אַרויס־שטאַרצנדיק צום הימל ווי אַ פאַריתומטער סימבאָל פון געוועזענער צויזמערער אידישער אינדוסטריע. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און אין אַ אָבלדיקער נאָך לוויה־שטימונג פאָר איך צוריק קיין וואַרשע דורך אָפּט און אָסטראָוצע.

מצבות און קברים אויפן צװיזמערער גוטן אָרט







מתעסקים אין דער עקסהומאַציע און קבורה פון די צוזאַמענגענומענע קדושים.

בינם ראָטשטיין, יודל קלוס שוועסטער, מאַלא קופּער־בלום און יעקב שווייצמאַן, איבער אַ פריש פאַרענדיקטן ברידער־קבר.

רוזשע מאַלא איבער דער צעבראָכענער מצבה פון איר פאָטער.





מאָנומענט נאָך צוויזמערער קדושים אויפן שטאָטישן בית־החיים, צונויפגעשטעלט פון צעבראָכענע און געשענדעטע מצבות.



תפילות בשעתן אָפיציעלן אויפדעקן פון די צויזמערער מאַסן מצבה, וועלכע איז צוזאַמענגעשטוקעוועט פון זיבן טויזנט צעבראָכענע שטיינער. פון לינקס: שמואל וואַסער, דער חזן פון נאָזשיקס שול. ביים עמוד מאַיאָר הרב ישעי׳ דרוקער, אַ קראָקעווען מיליטערישער ראַבינער מיטן ראַנג פון קאַפּיטאַן, יעקב שווייצמאַן און יאיר שאַפּיראָס טאָכטער, חנה.

צויזמערער, אַנטרינענע פון הורבן, לייגן בלומען קרענץ אויפן קבר פון די געפאַלענע קרבנות, באַערדיקט אין די בשותפותדיקע קברים. פון לינקס: הארש־מיילעך׳ס טאָכטער; פון רעכטס: עזרא לאָס טאָכטער (איטשעלעס אייניקל).



דעלעגאַציע פון די פוילישע רעגירונגס־אָרגאַנען טראָגן בלומען צום קבר פון די צויזמערער קרבנות. אין הינטערגרונט — די חרוב־געוואָרענע אידישע גאַס.

באַטייליקטע אין דער אַנטהילונג פון אויפגעשטעלטן דענקמאָל (זייטן 106־107). צווישן אַנדערע געפינען זיך אויף די בילדער פאָלגנדיקע לאַנדסלייט: יעקב שווייצמאַן, חייטשע מייזעלס, אברהמטשע לערנערס טאָכטער, אסתר לאס, יאנקל בערגער, אפלא ווילטשיק, הערשל בוים׳ס טאָכטער, אינזש. סאלמאנאָוויטש, איטשע טאָקאַזשס טאָכטער, נתן ערליך, הערש־מיילעכס טאָכטער, פייטשע ווערנער, עזריאלס טאָכטער, גרונבאלדס טאָכטער, טאשיעק קופּערבלום מיט דער פרוי, יחיאל לאס, אפלא פייערשטיין און אַנדערע צוזמערער.



צוזאַמענקום פון די באַטייליקטע אין דער מצבה אַנטהילונג ביי שמואל וואַסערן. אויפן בילד געפינען זיך: יאַנקל בער־גער, הערשל זיידמאַן מיט דער פרוי, הערש מיילעכס טאָכטער, עזרא לאס טאָכטער, נתן ערליך, אינזש. סאלמאנאָוויטש מיט דער פרוי, פערל ווילטשיק, אברהמ׳טשע לערנערס טאָכטער מיטן מאַן, אברהמ׳עלע אלתר־טוביה׳ס זון, מיילעך זיידמאַן, טאשיעק קופערבלום מיט דער פרוי, סאלע מייזעלס, מאטעלע בלומענפעלדס אַן אייניקל, הערשל בוימ׳ס טאָכטער, מרדכי קאָן מיט דער פרוי, חוה גרינבאלד, נחום הארצל פון אָסטראָוועצ, ל. ראָזענבלאַט און אַנדערע.

צוויטמער אין בילדער
פאַרן חורבן

איינע פון די לעצטע בילדער פונם פּאָקשעווניצער רבין, אדמו״ר הרב ר׳ יחיאל האָראָוויץ זצ״ל (לעצטנס געוואוינט אין טאָרנע). ר׳ חיליש פלעגט אָפּטמאָל באַזוכן צוויזמער וואו ער האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל חסידים צווישן די שטעטלשע אידן.

אַ פאַר׳מלחמהדיקע חסידישע חתונה אין צויזמער. די כלה: פייגע קליינהענדלער; דער חתן — נחמן שניידער הי״ד. אויפן בילד געפינען זיך: אברהם־מענדל, הענעך, שמעון און מאיר קליינהענדלער הי״ד. אויך איז אַנוועזנד די פּטאַש־ניק פאַמיליע, פרויען און קינדער פון דער מחותנימשאַפט, ישראל און שמואל קליינהענדלער הי״ד. פון אַלע אויסגע־רעכנטע זענען נאָר לעבן געבליבן צוויי פרויען: חיה און פעסל פּטאַשניק, וועלכע זענען אין ישראל.

פאָטאָגראַפיע פון אַ צויזמערער משפחה: אין צענטער זיצט ר׳ חיים־מאיר אייזענשטאַדט. אַרום אים זענען הערשל און שרה קאָן מיט די קינדער הי״ד.



אויבן: ר׳ חיים יוכף און צירל דרעיזל וואַסער הי״ד, אָפּיציעלע אַמעריקאַנער בירגער. טראָץ זייערע אויסלענדישע פּאַפּירן זענען זיי דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט העניך קליינהענדלער און פרוי, לייב קליינהענדלער און פרוי, און הערשל שטרום מיט דער פרוי און טאָכטער. אַלע זענען זיי צו קבורה געקומען אין איין ברידער־קבר פון 23 פּערזאָן, אויפן צויזמערער בית־החיים.

אונטן: עזרא און שאָשע וואַסער הי״ד (תנחום קופּערבלומ׳ס טאָכטער), וועלכע זענען צוזאַמען מיט זייערע קינדער: גרשון און עלקע, אויסגעליפערט געוואָרן צו פאַרניכטונג דורך די נאַציס פון דער פירמע „פאַליקל״. די מכלומרשט „גוטע״ דייטשן האָבן גענומען אַ גרויסע סומע געלט און צגעזאָגט אויסצובאַהאַלטן. אָבער גלייך צומאָרגנס האָבן זיי אַליין געשיקט נאָך די זשאַנדאַרמעריע אַוועקצונעמען די באַשווינדלטע אידן.



צעירי אגודת ישראל אָרגאַניזאַציע אין צויזמער. אויפן בילד געפינען זיך, צווישן אַנדערע: כאַמעלע מאָרגענלענדערס צוויי זון, הערשל טענענבוים, בערל טייטלבוים (יאנקל טייטלבוימס זון), הערשל קליינהענדלער, פנחס׳ל זילבערבערג (שלום שו״ב׳ס זון), ישראל מרדכי קעסטענבערג, נתנ׳לע ראָזענבערגס אַ זון, יחזקאל מאָטלס זין הערשעלע מיטן יונגסטן ברודער, הערש מיילעכס אַ זון, מענדל גלאטס אַ זון, יאמעלע בראַפמאנס אַ זון, נאָטעלע שיפערס אַ זון, יחיאל קליינמאַן און משה ראָזנבערג, ישעי׳ פאנצערס אַן אייניקל (דער׳הרגעט אין לאָדזש דורך פוילישע פאָגראָמטשיקעס).

צויזמערער חדר „בית למוד נעלה דרכי נועם”. צווישן די פאָטאָגראַפירטע קינדער געפינען זיך: אברהמ׳לע ווייסמאַן, יאנקעלע גרינבלום, לייבל האָפמאַן, אביגדור צווער, צדוק שיפּער, לייבטשע זילבער, שעלקע בעקערס, דוד פישמאַן, ישראל שניידער, נטע בער שניידער, איטשע גאזשעטשאַנסקי, ראובן און נתן פישמאַן, יחיאל ראָזענפעלד, געצל זילבער, אהרן בלאַראַזש, חיים ווייסמאַן, געצל גאָלדבערג (לערער) און דער ליטווישער מוהל ראָזענבלאַט

אַ געלעגנהייטלעכע אויפנאַמע פון צויזמערער ביי אַן אָפּשיידס־אָוונט, ענדע 1929. ערשטע ריי, רעכטס: ווייספעלד, איטשע גאָלדשטיין, מינדל קופּערבלום, אברהם גרינבלום (ישראל), איטשע גאָ.שעטשאַנסקי׳ס שוועסטער, איטשע גאָ־זשעטשאַנסקי, מילשטיין. צווייטע ריי, זיצנדיק: מאָטל ניי, עזריאל קאָגוט, לאה׳טשע קופּערבלום, סעם לאנדא (טאָראָנ־טאָ), חנה׳טשע מילראָד, אליי׳ לייב טייטעלבוים (טאָראָנטאָ), ליבע פּערציק, אברהם נוסבוים. דריטע ריי: קאַנטאָר, קיילע אייזענשטאַדט (טאָראָנטאָ), טאשיע קופּערבלום, ראובן טשאַפּניק.

אַ בילד אויפן הינטערגרונט פון צויזמערער גאָרטן. יהושע לאַנדא געזעגנט זיך מיט חברים פאַרן אַוועקגיין דינען אין פוילישן מיליטער. פון רעכטס: ישראל באָרנשטיין, יעקב מינצבערג, הערש ערליך, מאלטשעס שוואָגער (ש. טענענ־בוים), תנחום קופּערבלום (מאָנטרעאל), געצל ווילטשיק, אברהם גרינבלום (ישראל), מאָטל ניי (אויסטראַליע), מיילעך באָרנשטיין (מאָנטרעאל), ווייספעלד, פנחס מינץ, דער קליינער קופּערבלום און אין צענטער זעט מען אליעזר בלימאַן.

הערש אײזענשטאַדט ע״ה פון צװיזמער (חיים־מאיר׳ס זון).

צװיזמערער „החלוץ״ אָרגאַניזאַציע אין 1933. אויפן בילד: לאה׳טשע קופּער־בלום, משה קעסטענבערג, מירל בריק, יוסף ערמאַן, הערשעלע גרינבערג, טשאַפּניק, משה פאנצער, רײזל קלײנהענדלער און אַנדערע.

הנוער הציוני גרופּע אין צויזמער. צווישן די פֿאָטאָגראַפֿירטע געפֿינען זיך: שלמה ווײסמאַן יה״ד, שלמה׳לע קאַן (יאַנקל יונה מלמדס זון), יחיאל אלתר מלמדס זון (איצט אין ניו־יאָרק), זאַלמעלע „לערערס״ זון און אַנדערע.

אַ גרופּע צויזמערער מיידלעך אין 1917. פון רעכטס, שטייענדיק: אסתר מאַנדעלבוים, רוזשע ברומשטיין (ניו־יאָרק), חיה׳לע גאָלדמאַן, אסתר בוים הי״ד (אברהמ׳טשע פאַקטאָר׳ס פרוי), טאָבעלע גלאָס (לייפּציגער), הענע פלאַנקע.
זיצנדיק: חיה׳לע קערבעל, פייגעלע אלתר טוביה׳ס אייניקל, רודי גיטל זאָבערמאַן, מאַטל אַפּעלבוים.

עקזעקוטיווע פון לינקע פּועלי־ציון אין צויזמער, פאָטאָגראַפירט מיט זרובבל׳ן אין 1930. עס שטייען פון רעכטס: הערשל — דעם געלן שניידערס, לייבטשע — נאָטעלע היטלמאַכערס, משה ראָזענצווייג, אַן אָזשעראָווער בחור, וואווא — דעם געלן שניידערס, חנן — ניסל שוסטערס, משה באַראַנעקס שוועסטער. עס זיצן פון רעכטס: רייזעלע בערגער, משה׳לע זאבערמאַן, זרובבל׳ס סעקרעטאַרקע, זרובבל, משה׳לע באַראַנעק, חנה׳לע עלשטיין און שיינדל מינץ.

די אָרגאַניזיר קאָמיסיע פון די געזעלשאַפטלעכע אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער אין צויזמער (לינקע פועלי־ציון). אויפן בילד געפינען זיך: געצל קאַלינסקי, נחמן שניידער, משה׳לע זאָבערמאַן, משה׳לע שיפּמאַן, פייגע קאַלינסקי, הערשל, דעם געלן שניידערס זון, יעקב בערגער, שיינדל מינץ, חנה׳לע ערשטיין, גאָלדע זילבערבערג, ישראל׳קע „געלער״, יאָסעלע „פּישער״, חיה־שרה דעם וואַרשעווער שוסטערס, משה׳לע גלאַס, משה ראָזענצווייג, ראובן טשאַפּניק, חיים ערדפּרוכט, חנה׳לע פרידמאַן, חנן (ניסל שוסטערס), משה׳לע באַראַנעק און רייזל עבערגער.

צוזאַמענטרעף „השומר הצעיר" אין יאָר תרע"ט (1919) פֿאָטאָגראַפֿירט בשעת אַ חמשה בשבט פֿייערונג

די מאַנשאַפט פון צויזמערער פוטבאָל־קלוב „רדיפה“. נאָכן דערקלערן די לינקע פועלי ציון אַלס אומלע־גאַל, האָבן זיך זייערע מיטגלידער גרופירט אַרום דעם אויבנדערמאָנטן ספּאָרט־כאַווריק, כאַראַקטעריזירנדיק אויך ווייטער זייער כאַליטישע אַרבעט אונטערן רמזים׳דיקן נאָמען: „גיגיעג“... די אויפנאָמע איז געמאַכט געוואָרן אין 1924 און שטעלט מיט זיך פאָר אַ פריינטשאַפטלעכן פאַרמעסט צווישן דעם כאַרנאָבזשעגער (דזשיקאָוועק) אידישן סטודענטן־קלוב און די צויזמערער אידישע ספּאָרטלער.

צווישן די צויזמערער פוטבאָליסטן געפינען זיך: משה׳לע גלאַס, חיים ערדפרוכט, פנחס מאָרגנלענדער, יחזקאל בירנבוים, שמחה בזשראנעק, טוביה זאַבערמאַן, לוי (יעקב קצבס זון). צווישן די אַרומשטייענדיקע זענען אויפן בילד אויך פאַראַן: איטשע קערבל, בערל וועגנער, משה׳לע ציכלער, גרשון שערמאַן, ישראל שניידער, איציק פרידמאַן, און אַנדערע.

צווישען אסירים
נאָך דער באַפרייאונג

צויזמערער לאַנדסלייט אין דאַכאַו לייגן קראַנצן אויף די קברים פון די אומגעבראַכטע קדושים. אין פראָנט: כאַמעלע לאָס, נתן פישמאַן ע״ה, און חיים מרדכי סילווער.

דאכאו׳ער חזן מאַכט „אל מלא רחמים״ פאַר די געפאַלענע צוויזמערער קרבנות. אויפן בילד זענען פאַראַן: ישראל׳לע „געלערס״ זון, אל׳י לייב טייטעלבוים, אברהמ׳לע מאנדעלבוימ׳ס אַ זון, איטשע ראשיס אַן אייניקל, כאמעלע לאַס, לייבל צווערנס יונגעלע דער קליינער סילווער און אַנדערע.

דער סאַנדאָמיערזשער (צויזמערער) קרייז פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד בשעת אַ יזכור אַקאַדעמיע.

חתונות פון צוזמערער נאָך דער באַפרייאונג אין דייטשלאַנד. שבע ברכות פון אברהם שאַפּראַן.

די פאַרזאַמלטע געסט אויף כאַמעלע לאַס חתונה אין דאַכאַו.

צוזמערער לאַנדסמאַנשאַפטן
אין די אַמעריקעס

צויזמערער לאַנדסלייט מיט זייערע משפּחות צום דרייסיק־יאָריקן באַנקעט פון דער סאָסייטי. אין צענטער — דער פּרעזידענט פון די צויזמערער, אברהמ׳על
ווייסמאַן מיט דער פרוי; פון רעכטס — ערן־פּרעזידענט יחיאל עלבוים און פרוי; פון לינקס — פאַרזיצער פון צויזמערער הילפס־פאַראיין ישראל גרינבלום און פרוי.



מיטגלידערשאַפט פון צװיהעלער פאַרבאַנד אין אַרגענטינע

פאַרבאַנד פון צויזמערער אין דרום־אַמעריקע. צווישן אַנדערע געפינען זיך אויפן בילד פאָלגנדיקע פערזאָנען: אברהם טשייקאָווסקי, משה באראנעק, ג. ניסענבוים, מ. פטאַק, זאב זואקסמאַן, שטיינבאך (פּריזאנט), אונגער און אַנדערע.

אַנטהילונג פון קדושים מאָנומענט אויפן צויזמערער בית־החיים אין טאָראָנטאָ. אין פאָדערגרונט פנחס לאַנדא ע״ה.

אויפן צוויזמערער בית החיים אין טאָראָנטאָ. דער פּרעזידענט פון דער סאָסייטי, אברהמ׳לע ווייסמאַן, בשעתן אויפדעקן די מצבה פון לייבל שערמאַן ע״ה. עס שטייען מרס. שערמאַן און אַ קוזין מר. סיימאָן שערמאַן.

אמנון אייזענשטאַדט האַלט יזכור רעדע בשעתן אויפדעקונג פונם מצבה־שטיין נאָך קהילת צויזמער, אין טאָראָנטאָ.

אַפּט - צויזמערס „פּאָוויאַטאָווע״ הויפּטשטאָט

מיינע איבערלעבונגען אַלס טוריסט אין אַ געוועזן אידיש שטעטל. — ווי זעען אויס די גאַסן, וואָס זענען אַמאָל געווען הונדערט פּראָצענטיק אידיש. — אידיש „האָב און גוטס״ געירשנט פון נייע באַלעבאַטים. — אַלטער גאַסן־קערער, דער איינציקער וועמען עס בענקט זיך צוריק נאָך די „סטאַראָזאַקאָננע״ מענטשן.

זעלטן ווען אין לעבן, האָט עמיצער אַזאַ בולטע געלעגנהייט צו זען און פילן דעם ווידערשפּרעכלעכן קעגנזאַץ צווישן פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, ווי איך האָב דאָס געהאַט בשעת מיין אַרומפאָרן איבער די פון אידן אויסגע־ליידיקטע ישובים פון היינטיקן פּוילן.

יעדער איינער האָט טאַקע געהערט, וואָס עס איז געשען. יעדער איינער ווייסט טאַקע, וואָס עס איז פאַרגעקומען. כמעט אַלע האָבן עס דירעקט אָדער אומדירעקט מיטגעמאַכט. דאָך גיט אייך אַזאַ מין זעץ אין האַרצן, און עס באַ־פאַלט אייך אַזאַ מין מאָדנע פאַרצווייפלונגס־פּאַניק, ווען איר שטייט אַזוי איינער אַליין, אויג־אויף־אויג, פּנים־אל־פּנים מיט די געוועזענע אייך נאָענטע אידישע געסלעך; מיט די געוועזענע אייך באַקאַנטע מאַרק־פּלעצער און בנינים. אַ שטייגער, ווי איר וואָלט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אויף אַן אונטערמינירטן גראַנאַטן פעלד; אַ שטייגער ווי איר וואָלט פאַרוואָרפן געוואָרן אין עפּעס אַ תהומיקן „כף־הקלע״.

אַלע טוריסטישע קוריאָזיטעטן אייערע פאַרשוואונדן דאַן פּלוצלינג, און צוזאַמען מיט זיי דער חשק פון גיין און זען די אַמאָליקע היימישע מקומות, וואו מען איז אויסגעוואַקסן, דערצויגן געוואָרן, געהאָפּט און געוואָרעמט די נשמה־דיקסטע טרוימען.

די מכלומרשטע אַמעריקאַנער זעלבסטזיכערקייט ווערט מיטאַמאָל אויס־געוועפּט. עס באַפאַלט אייך אַ דערדריקנדע אַפּאַטיע, וואָס נעמט אַפילו אַוועק דעם לוסט זיך צו באַנוצן מיט די פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, וועלכע איר האָט מיט גרויס ענטוזיאַזם געשלעפּט טויזנטער מייל, צו מאַכן בילדער און פאַר־איביקן דאָס געזעענע...

דערשלאָגן און אומעטיק שטייט איר אַ פאַרלוירענער, אַ שפּל׳דיקער קעגנ־איבער פאַרוואָרלאָזטע בתי־מדרשים און שולן; קעגנאיבער געוועזענע חסידישע

קלויזן און ציוניסטישע קלובן; קעגנאיבער אַמאָליקע נגידישע אידישע הייזער און אָרגאַניזאַציאָנעלע לאָקאַלן. איר אָבסערווירט דעם באַשיימפּערלעכן, האַרץ־רייסנדיקן פאַקט, אַז טאָקע ממש גאָרנישט איז געבליבן. נישטאָ אַפילו קיין רמז, קיין וואונק, קיין אָנדייטונג, אַז דאָ האָט אַמאָל פּולסירט אידיש לעבן; אַז דאָ האָבן אַמאָל געלעבט און געווירקט אידן, ביישטייערנדיק אין לויף פון יאָרהונדערטער צו פּוילנס אַנטוויקלונג אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער שאַפונג.

✶ ✶ ✶

אָט אין דעם דאָזיקן דערשיטערנדיקן געמיטס־צושטאַנד האָב איך זיך געפונען אין דער צייט פון מיין אַרומבלאָנקען איבער די פון אידן אויסגע־ליידיקטע געסלעך פון היינטיקן אַפּט, וועלכן איך געדענק נאָך זייער גוט פון מיט אַכצן־ניינצן יאָר צוריק.

אין איין־און־פערציקסטן און אַפילו נאָך אין צוויי־און־פערציקסטן יאָר, פלעג איך גאַנץ אָפט שוין נוצן מיינע געפעלשטע „אַרישע" פּאַפּירן זיך אַריינ־צוכאַפּן קיין „אָפּאַטאָוו". מיין רייזע־ציל איז דאַן געווען אַ טאָפּלטער. ערשטנס, צו באַזוכן משפחה און פריינט. צווייטנס, צו פאַרקויפן אַ ביסל עלעקטרישע לעמפּלעך, מיט וועלכע איך האָב דאַן אַלס מכלומרשטער „פּויזנער פּליט" געהאַנדלט.

מיין בעל־אכסניה און גלייכצייטיקער „ביזנעס־פּראַמאָטער" אין אידישן אַפּט, איז געווען מיין קוזין — דער עלוי פון דער נאָוואָרדאקער ישיבה אין אָסטראָווצע, יחיאל (כילעלע) קליינמאַן הי״ד. ביי אים אין הויז אויף וואַנסקע גאַס, פלעג איך האַלטן מיין אַריינגעשמוקלטן „סטאָק". דורך אים האָב איך אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט די „קאַנדעלס" (איינער פון די זין געפינט זיך אין טאָראָנטאָ) — שכנים אויף דער זעלבער גאַס — וועלכע פלעגן אָפּקויפן דעם גרעסטן טייל פון מיין סחורה. ביי אים אין שטוב פלעג איך, אין שטרענג־סטער געהיימניש, אויך דורכמאַכן די בליציקע „מעטאַמאָרפאָזע" פון אויסטאָן די „יודן־באַנד, דאָס „ווילּיסאָפּעדן" היטל — צוריק אָנטאָן די שקאָצישע לע־דערנע קורטקע מיטן סטודענטסקע היטל, און הײדאַ צוריק מיטן בייסיקל קיין אָסטראָווצע.

✶ ✶ ✶

אַ לאַנגע צייט אַדורך פון דענסמאָל אָן. אַ סך וואַסערן שוין אָפּגעפלאָסן. ס'איז מיר באמת קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז איך וועל נאָך ווען עס איז ווידעראַמאָל באַזוכן אַפּט. אָבער, איינע פון יענע צופאַלן, וואָס מאַכן אַ מענטשן אָנגעמען דעציזיעס און — ווידער גיי איך אַרום אויף די מיט שפּיציקע שטיי־נער ברוקירטע געסלעך פון „אָפּאַטאָוו".

באַלד אין דער ערשטער מינוט פון מיין אַראָפּשטייגן פון אויטאָבוס, האָב איך מיט אינסטינקטיווער סענסיטיוויטעט דערפילט, אַז איך בין „אַ יחיד אין מאָסקווע", אַן איין־און־איינציקער איד אין דער פּאָוויאַטאָווער שטאָט, וועלכע האָט שוין ווייטער צוריקבאַקומען איר סטאַטוס אַלס זיץ־אָרט פון דעם גאַנצן



אמנון אײזענשטאַדט אַלס שגץ מיטן נאָמען „ארענדארסקי אדאַם".

לייבל, ליפּע און משה טעפּערמאַן פון אויבן די גאַס (שעראָקאַ), אומגע־בראַכט דורך די דייטשן.

אידישע מיידלעך פון אַכט, פאָטאָגראַפירט פאַר דער מלחמה, 1938. אויפן געפונענעם בילד זענען נאָר פאַרצייכנט די ערשטע נע־מען: מלכה, צביה, פריידל, שאָשע, טאָבע, יענטע, מאשע, פייגע און רבקה.

לייבל טעפּערמאַן מיט זיינע צוויי שוועסטער: פייגע און חיה. (קיין איינציקער פון דער פאַמיליע האָט נישט איבערגעלעבט דעם חורבן.

קרייז פּאַרטייאישע אינסטיטוציעס און פאַרשידענע מלוכהשע אַדמיניסטראַ־טיווע אָרגאַניזאַציעס.

פון אַ געוועזן אידיש הויז אויף דער „בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ" גאַס שיינט מיר איראָניש אַנטקעגן ווי אַ חוזקנדיקער ברוך־הבא, אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע לאָזונג, וואָס אַ פּאָעטיש געניגטער פאַרשוין האָט מיט רויטע בוכשטאַבן אויס־געמאָלן אויף דער פראָנטיקער וואַנט:

„יעדע עפּאָכע האָט אירע אייגענע צילן און פאַרגעסט די חלומות פון נעכטן!"

זעט טאַקע דער אידישער נעכטן אין אַפּט אויס ווי אַ פאַרשוואונדענער חלום, וואָס איז אָבער אין זיין רשעותדיקייט געוועזן מלאך המותדיק רעאַליס־טיש, און אַ תל געמאַכט פון טויזנט־יאָריקער אידישער עקזיסטענץ.

אמת אפשר אויך, אַז דאָס היינט־תקופהדיקע פּוילן האָט טאַקע איר אייגע־נע צילן און באַמיט זיך מעגלעך צו פאַרגעסן דעם „עבר", וואָס איז נישט געווען צופיל דעקאָרירט מיט אַרויסגעוויזענער מסירת־נפש צו ראַטעווען די אידישע מיטבירגער. איך בין אַפילו איבערצייגט, אַז די אַנפירנדיקע מלוכה־קרייזן מאַכן ערלעכע אָנשטרענגונגען אויסצואוואָרצלען דעם פינסטערן גיפט פון אַנטיסעמיטיזם און ראַסן־האַס, דעמאָנסטרירנדיק דעצידירטקייט ביים פאַרפאָלגן און פאַראורטיילן מיט האַרבע שטראָפן נאָך איצט „קאָפּויער־געקו־מענע" שאַנטאַזשיסטן און אַנדערע אידן אויסליפערער, וועלכע האָבן אויף זיך „חטאת־נעורים" פון דער דייטשישער אָקופּאַציע צייט.

דאָס ענדערט אָבער נישט די טרויעריקעווירקלעכקייט, אַז אין אַזאַ שטאָט ווי אַפּט, וואָס איז געווען דורכאויס אידיש אין איר יעדן „קער און ווענד"; אין אַזאַ שטאָט וואָס איז געווען באַוואוינט מיט קנאַפּע אַכט טויזנט אידן (פאַר דער לעצטער ליקווידאַציע) — איז דער נאָמען „איד" געבליבן נישט מער ווי אַ לעגענדאַרע דעראינערונג פון אַ פאַרשוואונדענער פאַרגאַנ־גענהייט. אַפּט, די שטאָט פון גרויסע רבנישע פערזענלעכקייטן און שעפערישע אידישע פען־מענטשן; די פעסטונג פון ציוניסטישע אידעאַלן און אידעאַליס־טיש־חלוצישער יוגנט, וואָס פלעגט נאָך אַפילו אונטערן דייטשישן קלעם אָפּ־האַלטן אסיפות און פירן דערציערישע טעטיקייטן — איז היינט הונדערט־פּראָצענטיק אידנלאָז, און דאָס, לויט מיין מיינונג, אויף אייביק.

אַפּט וועט שוין קיינמאָל מער נישט טראָגן דעם מינדעסטן חותם פון אי־דישער מיטבאַטייליקונג אין וועלכער עס איז איניציאַטיוו לטובת מענטשלע־בער מי.

✶ ✶ ✶

נישט נאָר לויטן אַמעריקאַנער טעמפּאָ פון בויען און באַגריף פון „סו־בורבאַניזם" האָט זיך אַפּט נישט געענדערט. אַפילו לויט פּוילנס אייגענע גרויסשטאָטישע סטאַנדאַרטן איז אַפּט פאַרבליבן אַ פּראָווינציאַנעל פאַרשלאָפן שטעטל מיט געקאָלכטע רינשטאָקן, פויערישע פערד און וועגענער, און אַ

ווירטשאַפט וואָס איז באַזירט אויף יאַרידים, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק. די אידייען פון „סופער־מאַרקעטס״, „סעלף־סוירוויס״ און „קנעפל קוועטש״ באַקוועמלעכקייטן האָבן נאָך דאָ נישט אַריינגעדרונגען.

דער איינציקער צייכן פון מאָדערניסטישן פּראָגרעס איז דער ערשט־קלאַסיקער אַספאַלטירטער שאָסיי, וואָס שלענגלט זיך דורך דער שטאָט און ציט זיך העט ווייט אַוועק אין דער צווישנמערער ריכטונג. דער דאָזיקער עלע־גאַנטער וועג שטייט אין זיין אויסזען און טויגלעכקייט אַבסאָלוט גאָרנישט אָפּ פון אונדזערע אַמעריקאַנער „הייוועיס״. אויפגעבויט די דאָזיקע אויטאָסטראַדע האָט די דייטשע פירמע „אמלער״, מיט דער הילף פון אידישע צוואַנגס־אַר־בעטער, וועלכע זי האָט אויסגענוצט אויפן „פּתם ורעמססדיקן״ שטייגער, עקס־פּלואַטירנדיק זיי אויפן שקלאַפישסטן אַרט „ביז צום ביין״ — פון איין זייט מיט מערדערלעכע שלעגערייען און געסטאַפּאָ טעראָר, פון דער צווייטער זייט, מיט פאַלשע פאַרפירערישע הבטחות צו ראַטעווען זייערע פאַמיליעס פון ווערן אויסגעזידלט.

נישט איין אָרט אויף דעם גלאַנציקן, ווייט אַוועק זיך ציענדיקן וועג, האָט אין זיך איינגעזאַפּט אידיש בלוט פון אַפּטער יונגעלייט, וועלכע זענען דורך די דייטשישע ציווילע בוי־„מייסטערס״ צעממיתט און נאָכהער דערשאָסן געוואָרן.

איינער פון די דאָזיקע קרבנות איז געווען אַ טייערער אידעאַליסטישער בחור, אַ פּאָפּולערער פירער פון דער נאַציאָנאַלער יוגנט, אפרים (פראַמעק) זינגער הי״ד, די דינאַמאָ פון די מיליטאַנטישע ציוניסטישע קרייזן, וואָס האָבן אַנגעהויבן זאַמלען געווער אין געטאָ און געטרוימט וועגן אָרגאַניזירן אַ פּאַר־טיזאַנער אָפּטיילונג פון דער אַפּטער אידישער יוגנט וועלכע זאָל מיט וואָפן אין דער האַנט קעמפן קעגן די דייטשע משחיתים.

יעדעס געסל, וואָס איך גיי דורך רופט אַרויס אומהיימלעכע אַסאָציאַציעס. אָט איז די זאַטילנאַ. אָט שטייט די הייזקע וואו די באַרשטלמאַכערס האָבן געוואוינט. וואָס פאַראַ מאוימדיקע האַרץ־קלעמעניש האָט געמוזט אַדורכלעבן דער היינט אין טאַראַנטאָ זיך געפינענדיקער מיטגליד פון דער אַפּטער „אויפ־רוים־קאָמאַנדאָ״ — אהרן שטאַרקמאַן (גרייט אַליין צום דרוק אַ בוך מעמואַרן פון יענער צייט). צוויי טעג נאָך דער אָפיציעלער אויסזידלונג האָט ער געמוזט צוקוקן ווי דער זשאַנדאַרישער סאַדיסט „ביל״ האָט דערשאָסן פערלמוטערס אינגסטע, צוויי נאָך פון פלעשל זויגנדיקע קינדער, וועלכע די מוטער האָט ס׳לעצטע מאָל פאַרן אַרויסשיקן, איינגעטוליעט אין בעט און באַזאָרגט מיט פאַרציעס מילך.

* * *

פון אַלע זייטן קומען מיר אַנטקעגן „ווינד און ווי״ זכרונות!

אויף די שעראָקאָ גאַס איז ווידער טעטיק ראָזענפעלד׳ס שענק. דער באַ־לעבאָס, אַן אויסגעפּעצטער אין אַ ווייס פאַרפלעקטן פאַרטוך, איז זעט אויס

באַוואָפנטע נאַציס צווינגען אַפּטער חסידישע אידן צו טראָגן פאַר זיי וואַסער. פון רעכטס: אברהם פּנחס רובמאַן, חיים שלמה פון די „ציגעלניע", ירמיהו ניסענבוים, יונה׳לע שניידער פון „וואָנסקע" גאַס, מענדל „בורקאַזש", דער הויכער שלמה שניידער.

באַהאַוונט אין אידישע מאכלים, וואָרום אין פענסטער הענגט אַרויס אַ שילד אַנאָנסירנדיק „זשידאָווסקע פּאָטראַוועס". אומברחמנותדיק גרויזאַם איז דער גורל געווען צו דער ראָזענפעלד פאַמיליע. „כילעק" ראָזענפעלד איז געווען דער איינציק לעבנגעבליבענער פון דער גאַנצער משפחה, וואָס האָט נאָכן דורכמאַכן אַלע שוידערלעכקייטן ענדלעך דערלעבט די באַפרייאונג פון היטלערן.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען אין לאָדזש. ער האָט מיך דאַן געטראָפן אין הויז פון אידישן קאָמיטעט און אויף אַ פריידיק־האַרציקן אופן מיר דערציילט, אַז ער האָט געהייראַט אַ אידיש מיידל, אַ יתומה — אויך אַן איינאונאיינציקע געבליבענע פון איר גאַנצער משפחה.

— דו מוזט צו מיר אַרויפקומען אויף מיטאָג — האָט ער אַ שטראַלנדיקער געטענהט. — איך וויל דיר פאָרשטעלן מיין פרוי, איך וויל דיר ווייזן מיין דירה און בכלל — האָט ער זיך צעלאַכט מיט זיין באַטעמט געלעכטערל — איך וויל דיר ווייזן „את כל רוב עשרי ואת כל רוב גדלי".

געברויזט מיט פלענער האָט נאָך דאַן דער צאַרטער „בני־עקיבאניק". ווי נאָר מיין פרוי וועט ענדיקן גימנאַזיע (זי איז נאָך דער חתונה צוריק געגאַנגען אין שולע אַריין), פאָרן מיר אַוועק קיין ישראל אין תורה־ועבודה קיבוץ פון כפר־עציון, וואו עס געפינען זיך אַלע מיינע חברים פון דער השומר־הדתי באַוועגונג.

אָרימער, אומגליקלעכער כילעק ראָזענפעלד!

ער האָט נעבעך נישט פאָרגעפילט, אַז די פאַרווירקלעכונג פון זיין „עליה" טרוים, וועט אָבער לײדער גלייכצייטיק פאַרוואַנדלט ווערן אין זיין טויט־אורטייל! דריי יאָר שפּעטער, באַלד אין אָנהויב פון דער אידישער באַפרייאונגס־מלחמה איז כילעק ראָזענפעלד צוזאַמען מיט זיין פרוי געלינטשט געוואָרן פון יאָרדאַנישע לעגיאָנערן, נישט אויסמיידנדיק דעם טרויעריקן שיקזאַל פון אומקום און איבערלאָזנדיק אַ פאַר־יתומט קינד אויף די הענט פון זיינע קיבוץ־חברים.

* * *

גאַס־אויס, גאַס־איין לעב איך אַדורך די זעלבע טרויעריקע עמאָציעס.

שעראָקאַ, סטאַראָוואָלאָוואַ, איוואַנסקאַ. דאָ אין זינגערס הויז (דער נישט־געקרוינטער אומאָפיציעלער ווירטשאַפטס־לייטער פאַר די „יאַשניע וויעלמאָזשנע פּאַנעס" פון דער געגנט, ווענענס באַשעפטיקונג עס איז געווען צו באַזאָרגן אַלע הצטרכותן פאַר די אַרומיקע הייף, אָנהויבנדיק פון אַ דינסטמיידל און ענדיקנדיק מיט דזשעגעכץ צו שמירן די וועגענער) — פלעגט זיך די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע יוגנט פון אָפטער געטאָ צוזאַמענקומען. דאָ פלעגן מיר זיך דערוויסן ידיעות פון אומלעגאַלע צייטונגען און באַהאַלטענע ראַדיאָס; שמועסן פּאָליטיק, אידעאָלאָגיע און לייענען שאַפונגען פון אייגענע טאַלאַנטן. ביזן היינטיקן טאָג נאָך איז מיר פאַרבליבן אין זכרון מיינס אַ ליד, וואָס פלעגט אָפט

פאַרגעלייענט ווערן דורך דער דאַמאָלסטיקער ליטעראַרישער גרופּע. דאָס ליד איז צוליבן דורכאויס אַנטי־היטלעריסטישן אינהאַלט געווען געפּערלעך אויפֿצושרייבן. האָבן חברה זיך עס אויסגעלערנט פון אויסנווייניק און דעקלאַמירט:

„טראָץ יאוש און מאָדערנעם מבול, ווען מאָרד איז אַ פּאַראָל און רציחה אַ דעוויז;

טראָץ דעם בלוטיקן זומפּ פון אונטערגעגאַנגענעם פּראָגרעס און פאַרזונקענעם רענעסאַנס —

פלאַטער איך ווייטער אין מיין טרוים וועגן צדק און יושר, און פון מיין טיפסטער אינערלעכקייט שטראַלט ווייטער די נשמהדיקע האָפענונג אויף משיח...

אין שלאָפלאָזע נעכט פריי איך זיך, וואָס איך לייד נישט פון קיין גייסטיקן עלנט

און זעץ־פאַר דאָס וועבן פון מיינע גאולה־טרוימען.

איך זע זיך דאָן אין מיין פאַנטאַזיע מיט נאָך חברים ראָמאַנטיקער, און מיר טרייסטן זיך צוזאַמען און רעדן זיך אויס דאָס האַרץ.

דעמאָלט פיל איך די טיפע האַרציקייט פון אונדזערע געוואָרעמטע חלומות וועגן גערעכטיקייט און הומאַניטעט; און עס באַהערשט מיך אַ סינטעזירט געפיל פון גוטסקייט און שטאָלץ!

אַ צופרידנקייט באַהערשט מיך ביים געדאַנק, אַז נישט איך האָב מיטגעווירקט די שטירצונג פון וועלטס־פרידן! נישט איך האָב פאַרפלייצט די וועלטס־פעלדער מיט מיליאָנען הרוגים!

ס׳איז אַ פּראָוואָקאַציע פון איר: די היטלעריסטישע „לילית קולטור״, ביי דער מיטהילף פון צוויי אויסגעלאַסענע שוועסטערן: טעכניק און מעכאַניזאַציע.״

* * *

קיינער פון דער דאָזיקער אינטעליגענטער חברה מיט „פּען״־אַמביציעס איז נישט געבליבן. אַלע זענען זיי אָוועקגעשלעפּט געוואָרן צו די קאַלך־אויוונס; צו די ברידער־קברים! דער איינציקער וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַלע געשפּענסטיקע מערכות און דאָך באַוויזן צו בלייבן לעבן איז מאיר ווייסבלום, וואָס געפינט זיך איצט אין מדינת ישראל, אַרבעטנדיק אַלס „מענעדזשער״ אין אַ ספרים־געשעפט אויף אַלענבי־גאַס, פונקט קעגנאיבער דער תל־אביבער גרויסער שול.

„רינעק״ — דער זעלבער מאַרק מיטן געוועטנדל אינדערמיטן. בימי היטלער האָט מען דאָ געקענט באַמערקן טייל פונם הויכן האָלצערנעם פּאַרקאַן, וואָס איז געווען די אַזוי גערופענע געטאָ־מויער. אויף יענער זייט גרענעץ איז געווען די „יאַגד־טעריטאָריע״ פאַרן „העלצל״ (לאָקאַלער זשאַנדאַרישער באַנדיט). דעם לעצטן טריאומף האָט דער דאָזיקער טעמפּער תלין אָפּגעהאַלטן אַ פאַר

אין אַפּטער געטאָ. מאיר'לע טרעגער (לינקס) מיט אַ חבר וואַרטן
אויף אַ ביסל עסן.

אַפּטער אידישע קינדער געכאַפּט פון די דייטשן צו רייניקן די גאַסן. אין הינטערגרונט, די געוועזענע תלמוד־תורה אויף „סטאַראַ וואָלאָוואַ".

טעג נאָך דער געטאָ ליקווידאַציע, דערשיסנדיק אויף איר געלעגער די איבער 80־יאָריקע „אַלטעלע אַבישעס״.

פאַרביי מיר רעשן דורך קופּקעלעך זאָרגלאָזע שילער אין גימנאַזיאַלנע היטלען, און נומערירטע „טאַרטשעס״ אויף די לינקע אָרעמס. דער דאָזיקער בורזשואַזער אוניפאָרם־מנהג פון פאַרמלחמהדיקן פוילן איז נאָך שטאַרק אָנ־גענומען, טראָץ דעם, וואָס מען לערנט שוין מאַרקסיזם אין אַלע מיטל־שולן. איינער פון זיי ווינקט צו מיר פריינטלעך. אינטערעסאַנט אויב ער וואָלט עס געטאָן ווען ער ווייסט, אַז איך בין אַ איד.

ווער קען וויסן? אפשר איז ער אַמאָל גאָר אַ ברודער אָדער אַ זון פון יענעם נ.ס.ז. אויסוואורף וועלכער האָט שוין נאָכן קריג דאָ אין אַפּט דערמאָרדעט לייבל זילבערבערג הי״ד.

פונדערווייטנס שטייט אַן אַלטער גאַסן־קערער און רייניקט מיט זיין בעזים איבערבלייבענישן פון אַ פריער דאָ פאַרהאַלטענעם פערדישן געשפּאַן.

— פּאַניעו! — דערנענטער איך זיך צו אים מיט מיין אַלטער סטראַטעגיע. — אָנו, פּרוביר אַ קאַנאַדער סיגאַרעט.

— אַ „דזשענקויען״. דער הער איז אַן אַמעריקאַנער?

— ניין, אַ קאַנאַדער, אָבער צוריקגעשמועסט ס׳איז אויך אין אַמעריקע.

— פּאַניע קאָכאַני — וואָס הערט זיך עפּעס אין דער גרויסער וועלט? — וויל דער טיפּישער „פּילסודטשיק״ לויטן אויסזען (רונדיק היטעלע מיטן גלאַנ־ציקן דאַשעק און פאַרשפּיצטע וואָנסעס) וויסן.

— איי „פּאַניע דאָבראָדזשעיו״ — באַמי איך זיך אים צו דערקלערן. — מען מוז אומעטום אַרבעטן אויף צו קענען עקזיסטירן. איבעראַל, אויף דער גאַנצער וועלט זענען פאַראַן רייכע און אָרימע. אַזוי איז געווען, אַזוי איז עס און אַזוי וועט עס זיין אַלעמאָל.

און זעט אויס, אַז מיין פילאָזאָפיע איז נושא חן אין דעם אַלטיטשקענס אויגן. וואָרום אָנלענענדיק זיך אויף זיין בעזים פאַרציט ער זיך נחתדיק מיטן פּאַפּיראָסל און באַמבלט מיר צו:

— „ראַציאַ״! „טאַק יעסט״!

— „פּאַניע מיסטשו״ — גיי איך דאַן שוין איבער צו מיין דירעקטער פראַ־גע. — זאָגט מיר איז דאָ עפּעס פאַראַן אידן?

פאַרקייכט זיך מיין מיטשמועסער, אָדער פון צופיל פאַרצויגענעם רויך, אָדער פון איבעראַשונג און קוקט מיך אָן מיט פאַרכלישטשעטע, טרערנדיקע אויגן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף ניין! אַ ווײַלע שפּעטער באַהערשט ער אָנט־גילטיק זיין ספּאַזמאַטישן הוסט און לאָזט מיך קודם־כל מבין זיין וויסן, אַז מיינע סיגאַרעטן זענען — שטרוי, נישט טאַבאַק. און דאַן דערקלערט ער מיר מיט אַ שטילער באַדויערנדיקער שטימע, אַז לויט ווי עס איז אים באַקאַנט איז נישט נאָר אין אַפּט, נאָר אין דער גאַנצער אומגעגנט נישט פאַראַן קיין אידן.

— געווען דאָ־הי אַ שניידער מיטן נאָמען שאַפּיראָ, אַ וואוילער מענטש! אָבער זעט אויס אַז עס איז אים געוואָרן סמטונע, האָט ער זיך אַוועקגעצויגן קיין לאָדזש — צו זיין צווישן אייגענע — קאָמענטירט ער ערנסט.

קען אפשר זיין, אַז איך בין באַגאַנגען אַ ברוך קעגן פּוילישן „ליקער גע־זעץ", אָבער צו דערמוטיקן דאָס געשפּרעך, האָב איך פון מיין לעדערנעם פּו־טעראַל — וואָס איך טראָג שטענדיק מיט אויף מיינע נסיעות אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל — אַרויסגענומען אַ פראַנצויזישן קאָניאַק, געקויפט אויפן ערא־פּלאַן, און אים שטאָפּער (וואָס איז בכוונה געמאַכט צו נוצן אַלס טרינק־כלי) אַנגעגאָסן מיין אינפאָרמאַציע־געבער אַ פּאָר היפּשע גלעזלעך.

אויך דער קאָניאַק איז נישט געווען לויטן פאַן קאָוואַלסקיס געשמאַק! כאָטש ער האָט פאַר העפלעכקייטס־וועגן זיך עס „געצוואונגען" אויסצוטרינקען.

— פּשוטע פּוילישע וואודקע — האָט ער פּאַטריאָטיש פעסטגעשטעלט — איז אַ סך ריינער און בעסער! פונדעסטוועגן האָט ער הויך געוואונטשן „נאַ־זדראָוויע" (פּוילישער לחיים) און אַ וויילע שפּעטער זעט אויס שוין אונטערן איינפלוס פון אַלקאָהאָל זיך געקלאָפּט אין האַרצן און כמעט געוויינט.

— פּאַניע! איך בין שוין נישט קיין אינגעלע, באַלד זיבעציק יאָר אַלט! אָבער דאָ אָ — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער לינקער זייט פון דער וואַטענער „פופייקע" — קלאַפּט אַ גוט, קריסטלעך, ערלעך האַרץ. וויל איך, אַז דו זאָלסט וויסן „פּאַניע שאַנאָווני", אַז אידן זענען געווען די הייזון אין פּוילנס לעבן, וואָס האָבן אַלץ געמאַכט וואַקסן און בליען. אידן האָבן זיך ווי גאָטספאַרכטיקע מענטשן געהאַלטן ביים כלל: „לעבן און לאָזן לעבן"!

— פּאַניע! אַ גרויסער שאָד, וואָס עס איז דאָ מער נישט פאַראַן קיין „סטאַראָזאַקאָנגע". געווען אַמאָל פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן; פון וועמען צו בעטן אַ טובה. נישט ווי אונדזערע ניי־געבאַקענע סוחרים, וועלכע וואָלטן מיט איינמאָל געוואָלט רייך ווערן מיט זייערע פון „אונטער דער פּאָלע" געשעפטן. עס בענקט זיך נאָך זיי שטאַרק! מעג דער גוטער גאָט אונדז מוחל זיין די גלייכגילטיקייט, וואָס מיר האָבן אַרויסגעוויזן צו די אידן, ווען דער „שוואָב" (דייטש) האָט זיי געמאָרדעוועט.

* * *

שוין זיצנדיק צוריק אין אויטאָבוס, אויפן וועג קיין וואַרשע, האָבן מיר נאָך פאַר אַ לאַנגע צייט אין די אויערן אָפּגעקלינגען די וודוידיקע רייד פונם אַפּטער שטאָטישן סטרוזש וואָס באַדויערט דעם אידישן חורבן.

קען זיין, אַז ער האָט עס געמיינט אויפריכטיק.

אָבער וויפיל אַזעלכע בעל־תשובהדיקע חרטה האָבערס זענען פאַראַן אין היינטיקן פּוילן?

און אויב זיי זענען שוין יאָ דאָ, האָב איך מורא, אַז זיי זענען צו ווייניק און צו שפּעט.

די מגילה פון דער אידישער שטאָט אָסטראָווצע אין מדינת פוילן

א אידישער ישוב אָפּגעמעקט פון דער אויבערפלאַך. — „בית הקברות" פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַטישן שפּאַציר פּאַרק. — געוועזענע אידישע געסלעך פאַרצעלירט פאַרן בוי פון אַפּאַרטמענט הייזער. — קיין זכר פון אַמאָליקער אידישער עקזיסטענץ.

הונדערט און דריי און זעכציק קילאָמעטער אַוועק פון וואַרשע (דרייסיק מייל פון צויזמער) צווישן דרילדזש און אַפּט פון איין זייט, און שיעננע און ביי־סלופּיע פון דער אַנדערער זייט — געפינט זיך די שטאָט אָסטראָווצע.

קיין אָסטראָווצע קען מען היינט צו טאָג צופאָרן דירעקט מיט אַ מלוכהשן אויטאָבוס פון וואַרשע אין משך פון אַ פּאָר שעה פאַר אַ הונדערט און פופציק זלאָטעס (אין אַמעריקאַנער וואַלוטע אַן ערך אַנדערהאַלבן דאָלער). איך האָב אָבער דעצידירט בעסער צו פאָרן מיט דער באַן טראָץ דעם, וואָס מען דאַרף אינמיטן דער נאַכט איבערשטייגן אין סקאַרזשיסק צום ראַזוואַדאָווער צוג, וועלכער פירט אייך ערשט אַריין קיין אָסטראָווצע. געטאָן האָב איך עס צוליב פאַרשידענע מאָטיוון. ערשטנס, בין איך געווען נייגעריק ווי עס זעט אויס אַ באַן־רייזע אין איצטיקן טעכניזירנדיקן זיך פוילן, ווי במעט אַלע צוגן שלעפּענדיקע מאַשינען זענען נאָך אַלץ לאָקאָמאָטיוון געהייצטע מיט קוילן. צווייטענס, האָב איך בכוונהדיק אויסגערעכנט אַריינצוקומען קיין אָסטראָווצע פאַרטאָג, בכדי איך זאָל האָבן דעם גאַנצן טאָג צו מיין דיספּאָזיציע אויף צו דערלעדיקן מיינע ענינים און נישט דאַרפן איבערנעכטיקן. דריטנס, האָט מיך עפּעס אַן אינערלעכער אינסטינקט געשטויסן צו קויפן אַ באַן־בילעט און דווקא פאָרן מיטן צוג.

קען זיין, אַז עס איז געווען יענער געהיימער פאַרבאָרגענער דראַנג נאָכאַמאָל איבערצולעבן די געפּאַרפולע מאָמענטן, ווען דער שרייבער פון די שורות האָט אַלס „שגץ" צענדליקער מאָל זיך און אַנדערע געשמוגלט טאַקע אויף דער באַן־ליניע; עובר־געווען אַ דאָפּלטן, גערמאַנישן „יהרוג ואל יעבור" — איינמאָל פאַר אַרויסגיין פון געטאָ, און ס'צווייטע מאָל פאַרן פאָרן אויף דער דאַמאָלסטיקער „גענעראַל־גאָווערנמענט" באַן, און נאָך דערצו אַן אַ „יודן־באַנד". און קען אויך זיין, אַז עס איז געווען אַ באַקרעפטיקונג פון דער פּסיכאָלאָגישער ווערסיע, אַז נישט נאָר דעם מערדער ציט צום אָרט פון פאַר־

ברעכן, נאָר אויך דעם „קרבן" ציט צו זען דעם פּלאַץ וואס ער איז געפּייניקט געוואָרן.

יעדנפאַלס האָט זיך די בילעטן־פאַרקויפערן אויפן הויפּט־וואָקזאַל באַשטימט שטאַרק געוואונדערט אויפן אויסלענדער, וואָס גייט אַזוי „בורזשואַז" אָנגעטאָן, באַהאַנגען מיט „קאַמעראַס" און פאַרלאַנגט אַ בילעט דריטע קלאַס קיין אָסטראָוויעץ־שוויענטאָקזשיסקי.

— פּאַניע! — האָט זי מיך אַפילו געפּרובירט אויפקלערן, אַוועקלייגנדיק די פּרימיטיווע „ליטשידלע" (רעכן־קעסטל) פון דער האַנט — עס וועט אייך אפשר זיין באַקוועמער צו פאָרן ערשטע קלאַס, ווייל ווי איר ווייסט זענען איצט די צוגן געפּאַקט מיט מענטשן, וועלכע פאָרן אַהיים אויף „וויעלקאַנאָץ" (פּאַסכאַ).

— אַ הערלעכן דאַנק אייך! — האָב איך העפלעך געענטפערט — ענגשאַפט איז פאַר מיר נישט קיין פּראָבלעם. כ'האָב גראָד ליב צו פאָרן מיט דער פּראָסטער מאַסע! ס'איז היימלעכער, אָן אָנגעצויגנקייט און מען קען אויסרעדן אַ וואָרט...

אַרום חצות האָבן מיר פאַרלאָזן וואַרשע. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעפּייפט נאָסטאַלגיש, און אַרויסהעשענדיק כמאַרעס פּאַרע אָנגעהויבן צו פאָרן. קעגנאיבער מיר זיצן צוויי סטודענטן ערשט צוריקגעקומענע פון אַ וואַקאַציע אין ענגלאַנד. ווי עס ווייזט זיך אַרויס אין לויף פון אונדזער פאַרבונדענעם געשפּרעך, איז איינער פון זיי דער זון פון באַרימטסטן פּוילישן כירורג, וואָס פאָרט אָפט קיין אויסלאַנד אויף אַדורכצופירן אָפּעראַציעס און איז דעריבער מאַטעריעליש גוט סיטואירט. דער צווייטער איז אַ יוריסטס אַ זון און שטודירט שוין אַליין אויך אויף אַדוואָקאַטור. דער ערשטער איז אַ טונקל הויטיקער מיט אַ סעמיטיש געזיכט און אַדלערדיקע נאָז. אָבער נאָך אַ פּאָר מינוט איבערצייג איך מיך באַלד, אַז זיין אויסזען איז נישט מער ווי אַ קאַפּריזנע צופעליקייט. דער יונגער פּאָלאַק איז אַ כשרער אַריער און חושד זיין אים אין אידישער אָפּשטאַמונג, איז ווי דאָס פּוילישע פאָלקס־ווערטל זאָגט: „אַ טרוים פון אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ".

אַ שיינע פּאָר קילאָמעטער שוין אָפּגעפאָרן און פונדערווייטנס זעט זיך נאָך אַלץ דער רויט־באַלויכטענער שפּיץ פון וואַרשעווער קולטור־פּאַלאַץ אויף די יעראָזאָלימסקע אַלעיען, וועלכן די סאָוויעטן האָבן במתנה אין צייכן פון חבריש־קייט אויפגעבויט פאַרן דורך די היטלעריסטן צעשטערטן וואַרשע. אַ פּאָר יאָר האָט געדויערט דאָס אויפשטעלן פון דעם קאָלאָסאַלן, אַוודאי איינציקן אין פּוילן וואָלקנקראַצער, צו וועלכן מען האָט אימפּאָרטירט ספּעציעלע בעלימלאכות פונם ראַטנפאַרבאַנד. בין איך נישט קיין גרויסער מבין אויף אַרכיטעקטור, אָבער איינס בין איך זיכער, אַז די קאָנסטרוקטאָרן פון דער מאַסיווער, רעפּרעזענטאַנטפולער געביידע האָבן שוין געזאָרגט, אַז דער בנין זאָל זיך חלילה נישט צוזאַמענפאַלן פון שוואַכקייט...

פאַרשידענע דערציִערישע אינסטיטוציעס, ספּאָרט לאָקאַלן, מאָווי־זאַלן, טעאַטערן און אימפּאָזאַנטע רעסטאָראַנען זענען דאָרט איינגעאָרדנט. איר קענט אַראָפּגיין אין קעלער פון קולטור־פּאַלאַץ און אויפעסן אַ מאָלצייטביים קלאַנג פון אַמעריקאַנער דזשאַז מוזיק און געוויש פון אילומינירטע שפּריצנדיקע וואַסער פּאָנטאַנעס, דערלאַנגט דורך זיין „טאַקסידאָס“ געקליידטע קעלנערס. איר דאַרפט נאָר האָבן דאָס געלט זיך צו קענען דערלויבן דאָס צו טאָן. און ווי איך אורטייל פון די פּנימער און די קליידונג פון מיינע מיטפּאַרנדיקע, קען די מערהייט פון זיי זיך דאָס לוקסוס נישט פאַרגינען.

צווישן די קופּעען אין קאָרידאָר פון וואַגאָן זיצן פּויערטעס איינגעבאַבלטע ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אין טונקעלע, וואָלענע שאַלן, זיין געבלימטע טיכלעך אויף די קעפּ און אין אייגנהעגטיק געשטריקטע סוועטערס. די פון דער וואַנט אַרויסשטאַרנדיקע אויפליג פּלעצער זענען נישט גענוג פאַרן אָנגעפּראָפּטן עולם. זיצט מען אויף פּעקלעך, קלומעקלעך, וואַליזקעס, אַרומגעבונדענע מיט שטריק און מען הוידעט זיך שלעפּערדיקע צום טאַקט פון די סקריפּטשענדיקע רעדער.

כאָטש איך ווייס, אַז עס איז לאַגיש כמעט אוממעגלעך עס זאָלן זיך ער־געץ וואו געפינען אַ איד, פונדעסטוועגן וואַנדערט מיין בליק איבער די גע־זיכטער פון די אַרומזיצנדיקע — אפשר דאָך? פאָרן מיר דאָך איצטער אַדורך געגנטן, שטעט און שטעטלעך וואו עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע קאָמפּאַקטע פאַרצוויגטע, אידישע ישובים! ראַדאָם, שידלאָווצע, וויערזשבניק. שוין־זשע טאַקע איז אַפילו קיין זכר נישט געבליבן פון דער אַמאָליקער אידישער באַ־פעלקערונג און איר טויזנטיאָריקן מי און מאַטער?

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט הערט זיך דאָס סאָפּען פון לאָקאָמאָ־טיוו, דאָס קרעכצן פון די געשלעפּטע וואַגאָנען, באַגלייט פון אַ הוראַגאַן מיט פונקען, וואָס שוועבן אַרויס פון צווישן אַרויסגעלאָזענע וואָלקנס רויך פון הייצערס־קעסל, מאַכנדיק דעם איינדרוק פון אַרומפליענדיקע, לעבעדיקע גלי־ווערעמלעך.

קוק איך דורכן פענסטער אין דער טונקלקייט אַרויס, אָבער אוממעגלעך צו זען עפּעס קאָנקרעטס. נאָר שאָטנס און קאָנטורן לויפן פאַרביי איינגעהילט אין נאַכטיקער שוואַרצקייט.

רעכטס פון מיר אין ווינקל פון אונדזער אָפּטיילונג זיצט אַ אוניפאָרמירטער באַן־אַרבעטער אין אַ קיילעכדיקן היטעלע (מען זעט נישט מער די גרונוואַל־דישע פּירשפּיציקע קאַשקעטן), און קאָנצערטירט אויס אַ שנאָרך סימפאָניע אויף די העכסטע אָקטאַוון. קיינער וואַגט אים אָבער נישט אויפצוואַוועקן. עס באַווייזט זיך דער קאָנדוקטאָר צו בילעטן קאָנטראָל, געבנדיק זיין באַרופס־חבר אַ דעליקאַטן שטורך אין דער זייט אַריין. יענער וועקט זיך איבער, פּינטלט מיט די אויגן, נעמט זיך אויסטשוכען און אַנטשולדיקט זיך פאַר די אַנוועזנדיקע וועגן זיין פאַסקודנער געוואוינהייט. אַלס באַווייז, אַז ער מיינט ערנסט אונדז מער

נישט צו שטערן, גייט ער שוין נישט צוריק שלאָפֿן. נאָר נעמט אַראָפּ פֿונם אויבערשטן באַגאַזש האַלטער זיין רענצל און אַ מינוט שפּעטער רייבט ער אויףביידע באַקן אַ „איינמיטן דער נאַכט סעודה", „פֿאַרשמעקנדיק" די ענגע אַכטפּערזאָניקע קופּע מיט די שאַרפֿסטע ריחות פֿון פּוילישן קנאָבל־וואורשט.

בכלל פֿעלט נישט קיין עסנוואַרג אין היינטיקן פּוילן. ספּעציעל אין וואַרשע וואַרפֿן זיך אין די אויגן די גרויסע צאָל דעליקאַטעסן געשעפֿטן אין וועלכע מען קען קויפֿן פֿון כל־טוב, אויב מען האָט נאָר מיט וואָס צו באַצאָלן. אַ באַזונדער חשוב אָרט אין די שוי־פֿענסטער פֿאַרנעמען די פֿון רוסלאַנד אימפּאָרטירטע, פֿאַרשידענע, קאַליריקע קאַוויאַרן, שיין דעקאָרירטע קאַווקאַזער שאַמפּאַניער, פֿאַרשאַכטלטע לענינגראַדער סאַרדינען, בולגאַרישע וויינען, יוגאָסלאַווישער שליוואָוויץ. אָבער נישט יעדער איינער איז פֿעאיק צו געניסן פֿון אָט דער שפֿע, צוליבן פּשוטן מאָטיוו פֿון נישט פֿאַרדינען גענוג זיך צו קענען איינהאַנדלען די אַלע גימען רייצנדיקע אַרטיקלען.

אָבער דערפֿאַר שטייען אייך צו פֿאַרפֿיגונג ביליקע רעגירונגס רעסטאָראַנען אויף שריט און טריט, אין וועלכע איר קענט אייך פֿאַר אַ קליינע פּאָר זלאָטעס אָנעסן מיט קעז־קרעפּלעך, אייער שפּייזן, וואורשטלעך מיט זענפֿט, פֿאַרשידענע זופּן, געבעקסן מיט פּוטער און מילך, וואָס ווערן אויפֿן אַמעריקאָנער אויטאָמאַטן־שטייגער מערסטנס קאָנסומירט שטייענדיקערהייט ביי ספּעציעל איינגעאָרדנטע בופֿעטן.

וואָלט אַ הונדערטס חלק פֿון דעם געווען צו באַקומען אין די פֿאַרצוימטע געטאָס, וואָלטן צענדליקער טויזנטער פֿון אונדזערע שוועסטער און ברידער כאָטש נישט אומגעקומען מיטן מאָוימדיקסטן פֿון אַלע טויטן — מיט הונגער גסיסה!

וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צום אָסטראָווצער ראַיאָן, אַלץ טרויעריקער ווערן מיינע רעיונות און אַלץ מער קומען מיר אויפֿן געדאַנק דורכגעלעבטע עפּיזאָדן פֿון דער קאָשמאַרפֿולער פֿאַרגאַנגענהייט אונטער דער נאַציסטישער אָקופּאַציע צייט. בין איך שוין צופֿרידן פֿון דער מאָמענטאַלער פֿאַרלייכטערונג, וועלכע עס רופֿט ביי מיר אַרויס דאָס פּלוצלינגדיקע זיך פֿאַרלאַנגזאַמערן פֿון צוג; און דער מאָנאָטאָנער אויסגעשריי פֿונם דורכלויפֿנדיקן קאָנדוקטאָר: סקאַרזשיסקאָ־קאַמיעננאַ! פּאַסאַזשירן קיין סטאַראַכאָוויצע, אָסטראָוויעץ, סאַנדאָמיעזש, ראַזוואַדאָוו — אומשטייגן ביטע.

2

בכדי צו דערגרייכן די וואַרטנדיקע באַן פֿון דער ראַזוואַדאָווער ליניע, מוז מען צוערשט אַרויסגיין אויף אַן איבער די באַן־רעלסן אויפֿגעבויטע בריק און נאָכהער צוריק אַרונטערגיין אויף דער אַנדערער זייט, וואו עס שטייען די וואַרטנדיקע וואַגאָנען. קיין גרויסן באַגאַזש פֿיר איך דאָך נישט מיט זיך, ממילא איל איך זיך נישט צופֿיל מיטן פֿאַרכאַפּן אַ זיץ־פּלאַץ; און עס אַרט מיך איבערהויפּט נישט ווען איך קען טאַקע שפּעטער קוים געפֿינען אַן אָרט

צום שטיין. דער צוועק פון מיין איצטיקער רייזע איז אַבסאָלוט נישט פיזישער קאָמפאָרט. אין אַ געוויסן זין בין איך אַפילו צופרידן, וואָס עס וועט מיר אויסקומען דעם לעצטן עטאַפּ פון מיין פאָרן קיין אָסטראָוועצ אַדורכצומאַכן שטייענדיקערהייט. עפּעס פאָר איך דאָך איצט דורך די מזבחדיקע טעריטאָריע פון די סקאַרזשיסקער „פּיקרין" פאַבריקן, וואו מיינע נאָענטסטע און טייערסטע האָבן אויסגעשוויצט זייערע לעצטע אַנגסטן אין שקלאַפישע אַרבעט פאַר די נאַצישע משחיתים. פאָר איך דאָך איצט דורך איבערן שטח וואו טויזנטער פון מיינע שוועסטער און ברידער זענען אין געלע „פּראַנקענשטיינס" פאַרוואַנדלט געוואָרן, אויסהוסטנדיק זייערע פון שוועבל צעפרעסענע לונגען אין מוראדיקע אַגאָנישע שמערצן. טאָ איז וואָס אַז כ׳וועל מיך אַביסל קוועלן אַ צונויפגעפּרעסטער שטייענדיקערהייט? זאָל זיך מיר דאַכטן אַז איך פאָר דורך אַ „בית הקברות" געביט פון געפאַלענע מאַרטירער און עלעהיי איך שטיי אויף אַכטונג פאַר זייער הייליקן אָנדענקונג.

אינדרויסן הייבט שוין אָן צו טאָגן. עס ווערן בולטער און הייבן זיך אָן באַווייזן פאַבריקס געביידעס, רייכערנדיקע קוימענס, רויט ציגלדיקע פאַרקאָפּטשעטע בנינים פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אַרומגעזוימט מיט גרין יאָדלענדיקע סאָסנע וועלדלעך. אַלץ אַרום איז אַזוי נאָרמאַל אויסזעענדיק, אַזוי געמיטלעך רואיק, ווי עס וואָלט דאָ גאָר קיינמאָל גאָרנישט קיינעם קיין עוולה געשען. פּונקט אַזוי אָפּנאַרעריש און אומשולדיק האָבן אַוודאי אויסגעזען די פאַרמאַסקירטע גאַז־קאַמערן אין טרעבלינקע, אַרום וועלכע די „נעטע" דייטשן האָבן דופטיקע בלומען געפלאַנצט.

נישט ווייט אַוועק שאָטנט זיך אויפן האָריזאָנט דער קיניוּוער וואַלד. דרייצן בחורים און איין מיידל (דאָרט דעם ווײַנשענקערס), די „שמנה וסלתה" פון דער אָסטראָוועצער געטאָ יוגנט האָבן דאָ אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט דער קרייז־קאָמאַנדע פון אַ.ק. („אַרמיאַ קראַיאָוואַ") און זיך מאָביליזירט צום אונטערערדישן פּאַרטיזאַנער קאַמף קעגן די פעלקער־מערדער. דער ראַיאָן־שטאַב פון דער „לאַנדעס אַרמעע" האָט די בונטאַרישע יוגנטלעכע אָנגענומען אין זייערע רייען און סטאַציאָנירט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע קעמפער אין די געהיימע זשעמליאַנקעס פון קינעווער וואַלד.

דערהויבן זענען געוואָרן די ווידערשטאַנדס געפילן צווישן יונגן דור אין אָסטראָווצער געטאָ פונם באַוואוסטזיין, אַז אַ פאָרפּאָסטן פון אונדזער יוגנט געפינט זיך שוין אין וואַלד אַלס נקמה־נעמער פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט. כאָטש דער חלף איז שוין געלעגן אויפן האַלדז און יעדן טאָג האָט מען דערוואַרט די ענטגילטיקע אויסזידלונג פון געטאָ, איז עס דאָך געווען אַ באַלזאַמירנדיקע דערלייכטערונג צו וויסן, אַז אָסטראָווצער אינגלעך זענען געוואָרן די „גואלי הדם" אין די שכנישע בערג און וועלדער, צונישט מאַכנדיק די דערנידערנדיקע לעגענדע, אַז אידן זענען נאָר פעאיק צו זיין פּראָפעסיאָנעלע, גוטוויליקע שטאַרבערס און אויפוועקנדיק אַ האָפענונג, אַז אפשר וועט נאָך געלונגען אַרויסצוראַטעווען אין וואַלד אַריין די שטעטלשע יוגנט, ווי זיי

וועלן ווערן דער אַוואַנגאַרד פון אונדזער געליטן פאָלק אין זיין קאַמף מיט געווער אין דער האַנט קעגן די נידערטרעכטיקע פאַרטיליקער פון אונדזער נאַציע.

אין אָנבליק פון דער אומפאַרמיידלעכער ליקווידאַציע האָט זיך אין געטאָ אָנגעפאַנגען אַ פיבערהאַפטע מאָביליזאַציע פון „וואַלד־גייערס״. הונדערטער האָבן זיך געמאָלדן פרייוויליק, שטעלנדיק זייערע לעבנס אין רשות פון דער גרויסער אידייע: „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט״. (גרויס געוואַגטקייט האָט אין יענער צייט אַרויסגעוויזן אברהמעלע וויינבערג פון דער שיעננער גאַס, מיט זיין אומדערשראָקענעם איינקויף פון וואָפן, וועלכן ער האָט אָפגעהאַנדלט אַפילו פון דייטשע „ווערמאַכטלער״).

מיט אומגעדולד האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער הייליקער קאָנספּיראַ־ציע זיך געגרייט, געוואַרט אויף אַ צייכן פון דער ערשטער, אַרויסגעגאַנגענער גרופּע, אַז דער וועג איז פריי און די צווייטע פיל גרעסערע פּאַרטיע קען נאָכקומען.

און דער צייכן האָט אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. שלמהלע צוויג־מאַן ע״ה (נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין ניו־יאָרק פון שלעכטער בלוט צירקולאַציע צוליב אָפטע עפּענונגען פון די וואונדן), האָט אים געברענגט! אַ בלוטיקן „קין־צייכן״ פון העסלעכסטן, הימל־שרייענדיקן ברודערמאָרד!

צוויי ביינאַכט האָט שלמהלע אַ מאַסאַקרירטער זיך קוים צוריק דער־שלעפּט אין געטאָ אַריין, דורכגעשאָסן אין דער באַק, האַנט און בויך פון גראַ־נאַטן שפּליטערן און מיט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין דערציילט:

קיינער לעבט נישט מער פון די אַלע, וואָס זענען מיט מיר אין וואַלד געוועזן. נישט אין שלאַכט מיט די דייטשן זענען זיי געפאַלן, נאָר דערהרגעט געוואָרן אויפן בעסטיאַלישסטן אופן; דורכגעזיפּט געוואָרן מיט קוילן פון מאַ־שין־ביקסן, צעפּערטלט מיט גראַנאַטן זענען זיי געוואָרן, דורך די אייגענע אַזוי גערופענע „געווער־קאַמעראַדן״, מיט וועלכע זיי האָבן צוזאַמען אין בשותּפותדיקן פרייהייטס־קאַמף געזאָלט אַרויס. אין נחמן אלמאנס שטיבל אין דער וואַגאָנען פאַבריק איז דאָן שלמהלע צווייגמאַן געלעגן אַ קרעכצנדיקער אונטערן געניטן פעלדשערס האַנט, וואָס האָט זיך באַמיט די פאַרזינקענע שפּליטערן פון אים אַרויסצוקריגן, ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם לעבן. צווישן איין באַנדאַזש און צווייטן האָט דער פאַרוואונדעטער צווייגמאַן איבערגעגעבן די דאַנטעאישע סצענעס, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר זיינע אויגן אין די קיניעוור בערג.

— צוערשט האָבן זיי ביי אונדז די פאַרטיזאַנער שבועה גענומען ביזן לעצטן טראָפּן בלוט קעגן אָקופּאַנט צו קעמפן. נאָכהער האָבן זיי אונדז מיט לעקעך און בראָנפן מכבד געווען, מיר זאָלן גאָרנישט פאַרדעכטיקן און אונדז אָפיציעל גראַטולירט פאַר דער העלדישער דעציזיע אַרויסצוטרעטן מיט וואָפן קעגן דייטשישן שונא. שפּעטער ערשט האָבן זיי, אין נאָמען פון קאַפּיטאַן,

דער העלדנמוטיקער קעמפער פון אָסטראָווצער געטאָ
שלמה׳לע צווייגמאַן ע״ה.

צוגענומען אונדזערע מיט אַזויפיל מסירת נפש פאַרשאַפֿענע רעוואָלווערן מכלומרשט פעסטצושטעלן זייער טויגלעכקייט און אונדז געהייסן אַריינגיין אין די ערד שטיבלעך און וואַרטן.

לאַנג האָבן מיר אָבער נישט באַדאַרפֿן וואַרטן. נאָכן אויסנאַרן אונדזער געווער, האָבן זיי אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און געעפֿנט אויף אונדז אַ מבולדיק קרייץ־פייער פון אויטאָמאַטיש געווער און גראַנאַטן. איינער אויפֿן צווייטן זענען מיר געפֿאַלן אין קאַלוזשעס בלוט, מבולבלדיקע פון דעם פאַרעטע־רישן אַקט פון געמיינסטן ברודער־מאָרד. זאַלפֿן פון קוילן־סעריעס האָבן זיך צונויפגעמישט מיט לעצטע שמע־ישראלס און זיך איינגעשטילט צוזאַמען מיטן גסיסה כאָרכל פון די אָפּשטאַרבנדיקע.

ווען כ׳האָב צוריקבאַקומען דאָס באַוואוסטזיין איז שוין געווען פֿינצטער. אין אויגנבליק האָב איך זיך אַפילו נישט אָריענטירט, וואָס דאָ איז פאָרגע־קומען. אָבער באַלד האָב איך אין דער פולער מאָס באַגריפֿן די גאַנצע שוידער־לעכקייט פונם געשעעניש. מיט די לעצטע כוחות האָב איך זיך אָנגעהויבן אַרויסדראַפּען פון צווישן די נאָך וואַרעמע קערפּערס פון מיינע דערהרגעטע חברים. איך ווייס נישט מיט וועלכע קרעפֿטן עס איז מיר געלונגען דורכצופּויזן די צען קילאָמעטער צוריק אין געטאָ אַריין, אייך צו וואָרענען מער קיין מענטשן אין וואַלד אַריין נישט צו שיקן.

און מער האָט מען טאַקע קיין מענטשן אין וואַלד אַריין נישט אַרויסגע־שיקט די פּראָוואָקאַטאָרישע אויפפירונג פון די קיניוּוער „פריהייטס־פּאַט־ריאָטן", האָט דערשטיקט די לעצטע מעגלעכקייט פאַר די געוואַגסטע אין אָסט־ראָווצע, וועלכע האָבן זיך צום קאַמף געריסן און זענען אַזוי עקלהאַפטיק פאַרעטעריש דערמאָרדעט געוואָרן דורך די אייגענע אונטערגרונט סאָלדאַטן, וואָס זענען אַליין געווען אָסטראָווצער געבוירענע.

וואָס אַן אמת, האָט די נאָכמלחמהדיקע פּוילישע פּראָקוראַטור — אַ דאַנק דער העלדישער איניציאַטיוו און עדות זאָגן פון לייביש ראָזענבלאַט (איצט אַ טאָראָנטער תושב), וועלכע האָט ממש מפקיר געווען זיין לעבן צושטעלנדיק באַווייזן — געכאַפּט און פאַראורטיילט דריי פון די פאַרברעכער. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען נאָכן באַרימטן קיעלצער פּאָגראָם, טאַקע אין קיעלץ גופא, און די באַנדיטן נאָוואַק און באַלארסקי זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און דער דריטער רוצח פּעזשינסקי — צו אַ תפיסה שטראָף פון פופצן יאָר.

אָבער די גרופּע אין גרוילן אומגעבראַכטע גבורים איז שוין מער קיינער נישט פּעאיק געווען מחיה מתים צו זיין...

דאַכט זיך מיר איצט אויס, בשעת איך שטיי אַזוי צוגעפּרעסט צום וואַגאָן־פענצטער און קוק אַרויס אויפן שאַריעדיקן טאָג, ווי עס וואָלט צו מיר דורכן רעדער־געלויף פון די וואַגאָנען טראַנסמיטירט געוואָרן אַ הזכרהדיקער עכאָ פון די קיניוּוער בערגס אָפּהילך; און איך וואָלט געקאָנט שווערן, אַז דער אָפּ־שטייענדיקער געוואוי פון לאָקאָמאָטיוו האָט אין זיך אויסטערלעשע ענלעכ־

קייט צו יענעם לעצטן, הילפלאָזן אויסגעשריי פון מיינע העראָאישע **חברים:** חנן שערמאַן, קודלאָוויטש, מאיר לייביש וואָרטסמאַן, קלמן גרינבערג, מאָטל ווײַנשטאָק, דוד גרויסקאָפּ, אלימלך בראַפּמאַן, נאַשעלסקי, און אַנדערע, וועמענס אַגאָנישע זיפצן האָבן זיך באַשטימט אַזוי בהדרגהדיק געמוזט אויסלעשן, ווי עס פאַרלאַנגזאַמט זיך איצט סיסטעמאַטיש דער קרעכץ פון מײַן פּאַסאַזשיר צוג, וואָס פאַרהאַלט זיך אין פּראַנט פון אָסטראָווצער רויטן וואָקזאַל, קעגנאיבער אַ שילד מיט שוואַרץ־ווײַסע קידוש לבנה אותיות: אָסטראָוויעץ־שוויענטאָקזשיסקי.

3

דאָס לעצטע מאָל בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דעם וואָקזאַל מיט פופצן יאָר צוריק. עס איז דאַן געווען נאָכן צוריקקומען פון מײַנע וואַגאַבונדישע וואַנדערונגען אַלס אַריער, אויף פאַלשע דאָקומענטן, וועלכע עס האָט מיר אויסגעאַרבעט לוטעק אײַזען ע״ה, דער קאַנינער פון אַלעמען געאַכטעטער כלל־טוער. דער לשמהדיקער עוסק בצרכי־ציבור האָט מיר דורך זײַנע פאַרבינדונגען פאַרשאַפן אַ קריסטלעכע קענקאַרטע און איז אַליין שפּעטער נפטר געוואָרן אין אָסטראָווצער געטאָ אַן אַנגעשטעקטער מיט פלעקן־טיפוס, וועלכן ער האָט באַקומען אַרומוואַנדערנדיק צווישן זײַנע אַרויסגעטריבענע לאַנדסלייט, מיטן צוועק זיי צו העלפן מיט וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך.

(אַ קרבן פון דער זעלבער, ספּעציפישער געטאָ־מחלה, פון פלעקן־טיפוס איז אויך געווען דער אַנדערער, גוט באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער עסקן פון קאַנין: חיים פּיעקאַרטשיק — לוטעק אײַזענס אַן אינטימער פרײַנט.)

אַ פּאָר צענדליק צוריקגעקומענע אידן האָבן זיך דאַן פאַרזאַמלט אין לאָקאַל פון פּראָוויזאָרישן אידישן קאָמיטעט אין טומאה־געסל, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט אהרן פרידענטאַל. טייל פון די צוריקגעקערטע האָבן זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט דער פאַנטאַזיע אָפּצושאָקלען פון זיך דאָס אַש און זיך ווידער נעמען אויפצובויען אַ לעבן. זענען געקומען פאַרברעכערישע, אונטערוועלטישע אידן־האַסער און מיט רעוואָלווער־קוילן איבערגעהאַקט די לעבנס פון די, וואָס האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען פון היטלערס גאַז־קאַמערן, צעברעקלענדיק די לעצטע אילוזיע פונם ווידעראַמאָל זיך אײַנאָרדנען אין דער געוועזענער היימשטאָט. (צווישן די שוין נאָכמלחמהדיקע קרבנות זענען געווען: הייקע שפּיגל דעם אײַזן־סוחרס טאָכטער; פּייטשע קראַנגאָלד און דער זיבעצן־יאָריקער בן־יחיד ישראל לייביש לוסטיק, וועמענס פאָטער, יעקב לוסטיק, איז באַלד נישט לאַנג דערנאָך אויך אָפּגעשטאָרבן, באַקומענדיק אַ האַרץ־אַטאַק פון גרויס צער).

אָט די אַלע טרויעריקע דעראיבערונגען קומען מיר אײַן קאָפּ אַרײַן גראַד איצט ווען כ׳גיי צופוס אין שטאָט אַרײַן פון דער אָנגעקומענער באַן, פאַזע דעם רויט ציגלנעם פאַרקאַן פון דער אָסטראָווצער וואַגאָנען פאַבריק. אָט דאָ אונטער דער פאַרצוימטער מויער איז דערשאָסן געוואָרן מײַן טאַלאַנטירטער שול־

די פאַרוואַלטונג (מפקדה) פון קאנינער „בית״ר״. אונטן, פון רעכטס, דער מפקד לוטעק אייזען. שטייענדיק פון רעכטס: חיים פיעקאַרטשיק הי״ד. פון לינקס, זיצנדיק: משה לעווין, וועלכער געפינט זיך איצט אין ישראל. (פון די געפונענע בילדער)

קבר פון דערמאָרדעטן זיבעצן־יאָריקן ישראל־לייב לוסטיק, אויפן אָסטראָווצער בית־עלמין, אַרומגערינגלט מיט שטיינער. עס שטייען: דער פאָטער יעקב לוסטיק מיט זיין שוואָגער, אוריש לוסטיק.

ישראל-לייב לוסטיק אַלס קינד.

חבר פון וואַרשעווער מלוכהשן לערער סעמינאַר — דער פּאָעטישער משה גאָטמאַן, וועלכער וואָלט באַשטימט אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די גרעסטע דיכטער אין דער מאָדערנער העברעאישער פּאָעזיע. אויף יענער זייט פּאַרקאַן האָבן זיך געפונען די באַראַקן אין וועלכע עס זענען קאַשאַרירט געווען די סעלעקט־רטע, אַרבעטס פעאיקע דערוויל נאָך עקספּלואַרטירבאַרע אידן (באַראַק וו. ה. ווילאַדונקי הוטי און יעגערס באַראַק). ווי אַן אומגלויבלעך מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט, זעט מיר היינט אויס דער פּאַקט, אַז אין 1943 אין אָנבליק פון אונטערגאַנג און פורעניותדיקן חורבן איז נאָך אין באַ־ראַק וו. ה. אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אומלעגאַלע הערצלס יאָרצייט אַקאַדעמיע, אויף וועלכער עס איז אַפילו אויפגעטרעטן אַן אָרגאַניזירטער מוזיקאַלי־שער קוואַרטעט אין באַשטאַנד פונם האַרציקן ווינער אידישן דאָקטאָר פּעקער „טשעלאָ״ (האָט איבערגעלעבט די לאַגערן און געפינט זיך היינט־צו־טאָג צוריק אין ווין), סעווערין פּיעטרושקאָ, דיריגענט פונם לאָדזשער פילהאַר־מאָניע אָרקעסטער — ערשטע פידל; בייגעלמאַן — צווייטע פידל; און מיצ־מאַכער — דריטע פידל. קען זיך עמעצער פאַרשטעלן די באַדייטונג פון יענע אויפמונטערנדיקע התקוה קלאַנגען פאַר די פאַרשפּאַרטע לאַגערניקעס אונטער דער נאַז פון די היטלעריסטישע ווערק־שוץ.

יעדער שפּאַן נענטער צו די אַלייען רופט אַרויס זכרונות, וואָס וועקן זיך אויף מיט אַזאַ בילדלעכע בולטקייט, ווי ערשט נעכטן וואָלט עס פּאַסירט. דערמאָן איך זיך ווי מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק בין איך דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין אָסטראָווצע אין אַ גאַנץ אַנדערער שטימונג. איך בין דאַן אַלס דעם רבינס בן־יחידל, מיטגעפאָרן מיט מיין פאָטער אדמו״ר הרב אלכסנדר זושא אייזענשטאַדט הי״ד, וועלכער איז אויף דער איינלאַדונג פון זיינע חסידים געפאָרן פירן „טיש״ אין אָסטראָווצער בית־מדרש. ווי לאַנג כ׳וועל לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן יענע דערהויבענע גייסטיקע מאָמענטן, ווען דער אַלטער אָסטראָווצער צדיק ר׳ מאיר יחיאל האלשטאַק ז״ל און מיין פאָטער האָבן צוזאַמען אַ שלוש סעודות געפירט, תורה געזאָגט, און באַגייס־טערט דעם טויזנט־קעפּיקן עולם מיט דער וואונדערבאַרקייט פון חסידישער נגינה.

איצט אָבער גיי איך איינער אַליין אין אַ שבעה שטימונג און מיט יעדן טריט ווייטער הויערט אויף מיר אַלץ מער און מער אַ דערדריקנדיקע אבלות פונם בלויזן באַוואוסטזיין, אַז עס קען אַמאָל זיין, אַז איך גיי אפשר אין די געטרייע פוס־טריט פון מיינע אומגליקלעכע, הייליקע טאַטע־מאַמע, וועלכע זענען אויפן זעלבן וועג, נאָר אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג געטריבן גע־וואָרן מיט נאַגייקעס צו זייער לעצטער רייזע קיין טרעבלינקע אין די אויס־געכלאָרקטע פי־וואַגאָנען.

באַמי איך זיך צו באַהערשן אַ פּלוצלינגדיקן אימפּולס, וואָס דיקטירט מיר די שיך אויסצוטאָן און באָרוועסערהייט אַריינצוגיין אין שטאָט. שטאַרק איך זיך נישט מיטגעריסן צו ווערן פונם צודרינגלעכן געפיל וואָס עגבערט



דער אָסטראָווצער צדיק, אדמו״ר הרב ר׳ מאיר יחיאל
הלוי האלשטאק זצ״ל.



אבי מורי אדמו״ר הרב אלכסנדר זושא אייזענשטאַדט זצ״ל הי״ד.

אָסטראָווצער געטאָ־אָרקעסטער (מיט אינסטרומענטן אין די הענט און „יודען־בענדער" אויף די אָרעמס), אין די יאָרן 1940־41. דיריגענט: פּיעטרושקאַ; וויאָליניסטן: יעקב לוסטיק און פּנחס מיצמאַכער; פּיאַניסטין: חיה׳לע מושקעס; סאַקסאָפאָניטן: בייגעלמאַן און דר. מאלינגער׳ס טאָכטער; טשעליסט: דר. פּעקער; אַקאָרדיאַן: משה מיצמאַכער; באַס: יצחק בייגעלמאַן; פּאָרלעזער און דעקלאַמאַטאָר: וואָהל.

אין מיר: „של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא".

אויף די אַלעיעס (די „פּיפּט עווענױ" פון אַמאַליקן אָסטראָווצע) איז נאָך פּרימאָרגנדיק שטיל, אָבער מען זעט שוין גרופּקעלעך פון אַרבעטער שטיין אויף די ראָגן און וואַרטן אויף די אויטאָבוסן, וואָס קומען זיי אויפנעמען און אַוועקפירן צו די וויטער־אַוועק ליגנדיקע אָפּטיילונגען פון די אָסטראָווצער זאַקלאַדן. ווי מיט צוואנציק יאָר צוריק זעט מען אַהיימגייענדיקע אַרבעטער פון דער נאַכט־שיכטע. מען קאָן זיי דערקענען אין די צוויי קילאָדיקע רונ־דיקע לאַבנס ברויט, וועלכע זיי טראָגן פּונקט ווי אַמאָל אונטערן אָרעם. ווי אין די אַלטע פאַר דער קריג צייטן פאָרן אויך אַ סך אַרבעטער אַהיים אויף „בייסיקלעך". אין אַלגעמיין האָט אָסטראָווצע אין דעם טייל שטאָט פיל זיך נישט געענדערט. אַביסל ווייטער געפין איך אויס, אַז דער רעדער־פּאַרקער דורך די אַלייען צום מאַרק צו איז אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן, ווייל מען האָט צענומען די אַלטע האָלצערנע בריק איבער דער קאַמיענע, אויף וועמענס אָרט דער שטאָטראַט וועט איצט אויפבויען אַ פיל שטאַרקערע און באַקווע־מערע בריק, אַז אַפילו די שווערסטע טראַקטאָרן און לאָקאָמאָציע מאַשינען וועלן אָן שום געפאַר קענען דורכפאָרן. באַלד נאָך דער בריק, אויף דער רעכ־טער זייט, וואו די שפּיגלס האָבן אַמאָל געהאַט זייער אייזן־אונטערנעמונג, געפינט זיך נאָך אַלץ אָסטראָווצעס פאַרנעמסטער רעסטאָראַן, וואו דער „יודנ־ראַט" פלעגט אויפנעמען די ס.ס.־אישע פאַגראַמשטשיקעס פון דער קלימאַנ־טאָווער שטראָף־בריגאַדע און דורך די פיינסטע מאכלים און די טייערסטע וויינען ווירקן אויף די באַנדיטן, אַז זיי זאָלן פון זייערע ראַפּניקעס אָפּקייטלען די בלייערנע געוויכטן און שלאָגן מיט „רחמים".

אָנהייבנדיק פון די פּאָווראָזשניקעס און אַרויף דורכן טומאה־געסל צום מאַרק צו, זענען מערסטנס געוועזענע אידישע געשעפטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּריוואַט וואוינונגען. אַנדערש זעט שוין אויס אויפן מאַרק אַליין, וואו מען קאָן באַלד באַמערקן די פאַרגעקומענע ענדערונגען. קודם כל איז דער גאַנצער מאַרק־שטח אויסגעפלאַסטערט געוואָרן מיט שטיינער־פּלאַטן און מאַכט איצט דעם איינדרוק פון אַן אַמפיטעאַטער מיט דער „הויכער צאָל" אַלס בינע־פּאָדיום.

אינמיטן מאַרק, קעגנאיבער דער אַפּטייק, אויפן פּראָמינענטסטן אָרט, שטייט איצט אַ דאַנקבאַרקייט דענקמאָל פאַר דער באַפרייערישער רוסישער אַרמיי אין געשטאַלט פון אַ רויט־אַרמייאישן סאָלדאַט אין פולער באַוואָפענונג מיט אַ פאָן אין האַנט.

וואו קערבלס ביר־שענק איז אַמאָל געווען איז איצט פאַראַן אַ גרויסער קאָאָפּעראַטיווער שפּייז מאַגאַזין, וועלכער פאַרטרעט איצט די צענדליקער אידישע „ספּאָזשיוועטשע"־געוועלבלעך, וואָס האָבן זיך אין שטאָט געפונען, האַנדלענדיק מערסטנס אויף באָרג (קרעדיט) ביז צו סוף־חודש.

ראָזענצווייג פאַמיליע פון אָסטראָווצע—שיעננע גאַס נומער 107. פון לינקס: ירחמיאל ראָזענצווייג, די מוטער שרה־מירל, דער פאָטער שמואל־משה, און די עלטסטע טאָכטער שפרה. אונטן זיצנדיק לעבן טאַטן, די קליינע פייגעלע, אין קיילעכיקן חסידישן היטעלע, פון רעכטס, דער איינציק לעבנגעבליבענער פון דער גאַנצער משפחה, חיים יוסף ראָזענצווייג נ״י (איצט אין טאָראָנטאָ).

פייגע ראָזענצווייג, לעצטנס געוואוינט אין טשמיעלאָוו,
אויסגעזידלט צוזאַמען מיט איר עלטערע שוועסטער שפרה.
ביידע שוועסטערן האָבן מקדש השם געווען מיט זייער טאַט
פון נישט וועלן אַוועקגעבן זייערע קינדער צו די דייטשן,
בכדי צו קענען בלייבן לעבן.

פֿאַרשוואונדן זענען די שלום עליכמשע געסלעך פֿון דער „טילנע״ און „זאַטילנע״. אויף זייער אָרט זענען אויפֿגעבויט געוואָרן גרויסע, מאָדערנע אַפּאַרטמענט הייזער פֿאַר דער לאָקאַלער באַפֿעלקערונג. אויף דער קיניוועד גאַס איז נישט צו באַמערקן קיין שום ראַדיקאַלע ענדערונגען חוץ דעם, וואָס דער אַמאָליקער אידישער בית־עולם אויפֿן באַרג איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גוט־געפֿלעגטן גאָרטן, איבערלאָזנדיק קוים אַ שוואַכן שפּור פֿון זיין אַמאָליקן כאַראַקטער אַלס באַערדיקונגס פּלאַץ, אויף וועלכן עס האָבן זיך גע־פֿונען הונדערטער היסטאָריש זעלטענע מצבות פֿון אידישע פּערזענלעכקייטן.

אויפֿן הינטערגרונט פֿון אַ נייער קירכע שטייען פֿאַררוקט אין אַ ווינקל אַ ביסל פֿאַרלאָזענע מצבות, ווי אַ טרויעריקער נישט אָנזעעוודיקער „מעמענטאָ״ נאָכן אידישן אָסטראָוצע, וואָס איז פֿאַרשוואונדן. פֿון הייליקן אָסטראָווצער צדיקס אוהל איז אַפֿילו קיין סימן נישט געבליבן, אויסער דער אַלטער פֿיר־הונדערט יאָריקער בוים, וועלכער האָט מיט פֿענאָמענאַלער עקשנות זיך פֿאַר־וואָרצלט אין געוועזענעם אידישן „גוטן־אָרט״ און אויף צו להכעיס אַלעם פֿאַרגעקומענעם — גרינט ער נאָך אַלץ, טראָץ זיין טיפֿן עלטער.

ווי מיט אונטערגעהאַקטע פֿיס פֿאַרנעם איך זיך צו דער שיענער גאַס. אויך דאָ איז נישט צו זען קיין גרויסע שנויים. לעווקאָוויטשעס הויז שטייט נאָך אַלץ אין סאַמע צענטער שיענניענסקאַ, צווישן מאַרק און די בראָוואַרניע. נאָר אַנשטאַט די אידישע לאָקאַטאָרן פֿון וועלכע איך געדענק די אַלעקסאַנ־דראָוויטשעס און די לאַנדאַס הי״ד, האָט דער „שליאַכעצקע גאָספּאָדאַזש״ איצט קריסטלעכע איינוואוינער, וואָס צאָלן מן הסתם דאָס דירה געלט אין מאַגיסט־ראַט אַריין. אינדרויסן ביי זיין גרויסשטאָטישן בנין שטייט איינער פֿון די מי־כאַנסקי ברידער, נישט צו עלעגאַנט אָנגעטאָן, מיט האַמער און זעג אין דער האַנט און רויכערט אַ ביליקן פּאַפּיראָס. דאָס איז דער זעלבער באַלעבאַטישער מיכאַנסקי, וואָס האָט אידן קיין שלעכטס נישט געטאָן, אָבער אין קיין פֿאַל נישט געלאָזן אַ אָרעמען אידן נעמען אַ וויאַדרע וואַסער פֿון זיין הויף־ברונעם...

פֿונקט קעגנאיבער איז נומער פֿיר־און־פֿופֿציק שיעננאַ גאַס. דאָס איז געווען דאָס הויז פֿון ר׳ אליעזר ברוקירער הי״ד, וואו עס זענען באַגראָבן מיין פֿאָטערס כתבים, וועלכע איך באַמי זיך איצט אויף אייגענער האַנט אַרויס־צובאַקומען.

וואַרט איך שוין מיט אומגעדולד דער מאַגיסטראַט זאָל זיך עפֿענען, איך זאָל קענען אינטערוועניִרן ביים פֿאָרזיצער פֿון שטאָטראַט וועגן אַ דערלויבניש און פֿאָליציייִשע הילף אַריינצוגיין צו די נייע באַזיצער פֿונם באָדן, וואו די מאַנוסקריפּטן זענען אין אַ האָלצערנעם קאַסטן באַהאַלטן אונטער דער פּאָד־לאָגע פֿונם קליינעם אָפֿיצינע הייזל אין אונטערשטן טייל הויף.

דערווייל איז נאָך אָבער נישט קיין ניין אַזייגער, ווען עס הויבן זיך אָן די אָפֿיציעלע אַמט שטונדן. גיי איך זיך אינצווישנצייט איבער אויף די אַמאָל היימישע גאַסן און באַמערק צום ביישפּיל, ווי „סאָקאָלס״ ספּאָרט פּלאַץ איז



עזריאל הערש אייזענשטאַדט פון דער דרילזשער גאַס.

פֿאַרבויט מיט שפּאָגל־נייע הייזלעך פֿון ווייסן קאָליר. אויף דער דרילדזשער גאַס — וואו עס איז פֿאָרגעקומען דער לעצטער אַקט פֿון דער געטאָ־דראַמע — שטייט נאָך אַלץ די „יודנראַט" געביידע, אַן אויפֿגעפֿרישטע, מיט אַ רויט ווייסן אויפֿשריפֿט: דאָ געפֿינט זיך איצט די שטאָטישע, אינדוסטריעלע מיטל־שול. דערלעבן דערקען איך קאָנטאָרס אַמאָליקן פֿריזיר־אַנשטאַלט — אַן אָפּ־געלאָזענער מיט פֿאַרהאַקטע לאָדנס.

ווי אַנדערש זעען איצט אויס אין מײַנע אויגן די שטילע מיט שפּיציקע שטיינער ברוקירטע געסלעך, וואו עס האָט אַמאָל געווימלט מיט קאָלירפֿולן אידישן לעבן.

אַכט טויזנט אידן האָבן זיך דאָ געפֿונען ווען די מערדערישע באַצווינגער זענען אַריין קיין אָסטראָווצע: צען טויזנט אידן געווען דאָ אין 1940. עלף טויזנט צוזאַמען מיט די אַריינגעיאָגטע אין 1941. פֿון די פֿופֿצן טויזנט אידן, וואָס האָבן זיך דאָ אָנגעזאַמלט אין 1942, זענען קרוב עלף טויזנט דעם 12־טן אָק־טאָבער פֿונם זעלבן יאָר, אויסגעזידלט געוואָרן קיין טרעבלינקע, אונטער דער זאָרגפֿולער אויפֿזיכט פֿון די באַרימטע מאָרד־מאַניאַקס: פּיטער און ברונאָ, ביי דער מיטהילף פֿון די גירוש פּראָפֿעסיאָנאַלן: לאַנגער און ווײַלער פֿון דער לאָקאַלער ס.ד. (זיכערהייטס־דינסט), הויפּטמאַן שוואַרץ פֿון דער שוץ־פּאָליציי, שוין נישט רעדנדיק פֿון אַזעלכע נידערטרעכטיקע טיפּן פֿון דער „גראַנאַטע־נער פּאָליציי" ווי: קאַטשמאַרעק, וועלכע האָבן ווי היענעס נאָר געוואַרט אויף דעם מאָמענט זיי זאָלן קענען מאָרודירן די געבליבענע רעשטלעך פֿון אידישן האָב און גוטס.

אין דער צייט ווען די אויבנדערמאָנטע וואַמפּירן האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן פּראַקטישן אַדורכפֿירן פֿון די ליקווידאַציע אַקציעס — איז אין מאַגיסט־ראַט געזעסן אַ ספּעציעל פֿון בערלין דעלעגירטער רייכס־דייטש מיטן נאָמען מאַטשאַל, אין דער קאַפּאַציטעט פֿון שטאָט קאָמיסאַר איבער אָסטראָווצע. דער דאָזיקער מיטל־יאָריקער יונקער, צ׳וויל אָנגעטאָן אין אַ ווייכן פּילצענעם קאַפּע־לוש מיט די אַראָפּגעלאָזטע ראַנדן און אויסגעפּרעסענעם קיילעכיקן פּרצוף — איז אין דער אמתן געווען דער טעאָרעטישער, טיראַנישער צוגרייטער פֿון אַלע גירושים, וועלכע ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו פּובליצירן אויף גרויסע אַרויסגעקלעפּטע אַפֿישן, אונטערגעחתמעט מיט זיין אָפֿיציעלן טיטל אַלס קאָמיסאַר פֿון דער שטאָט.

זיץ איך איצט אין מאַטשאַלס קאַבינעט, וואָס איז היינט צו טאָג צוריק דאָס אַרבעטס־ביוראָ פֿונם סימפּאַטישן פֿאָרזיצענדן פֿון אָסטראָווצער שטאָט־ראַט. ווי אַנדערש אין באַנעמונג און אויסזען איז דער איצטיקער „ראש העיר" פֿון אָסטראָווצע. אַ הויכער, אַן ערנסטער מיט אַן אײדל געזיכט איז ער צו מיר אַרויסגעקומען פֿון אינמיטן אַ פֿאַרקומענדיקער קאָנפֿערענץ, דערפֿאַרנדיק, אַז כ׳בין אַ קאַנאַדער טוריסט און מיין פֿאָטער איז געווען דער אין אָסטראָוו־צע רעזידירנדיקער „סאַנדאָמיעזשער ראַבין".

אַן אויספלוג פון אָסטראָווצער יוגנטלעכע צו דער שוויענטאַקזשיסקער תפיסה. פון די אַלע פאָטאָגראַפירטע זענען נאָר לעבן געבליבן פאָלגנדיקע: ישעי׳ צוויגמאַן, בערל אַרבוס (טאָראָנטאָ), יחיאל מינץ (האַמילטאָן), די ברידער סארלזוסקי און מאיר קרענדל (ישראל), פנחס זינגער (וואדערבורי, אַמעריקע)



אָסטראָווצער מאַרק אין „היכל צאל" — פונדערוויטנס די געוועזענע געשעפטן פון די ייִהודיזעס, מינצבערגס, קאַצענעלענבויגנס, צוקערפיינס און פוקסעס.

שיענע גאַס נומער 54 — ר' לייזער ברוקירער'ס הויז הי"ד. פוילישע פאָליציאַנטן גראָבן, זוכנדיק די כתבים.

וואָס אַן אמת קווענקלט ער זיך אַ ביסל אין אָנהייב, נישט וויסנדיק אין פאַרלעגנהייט ווי צו רעאַגירן אויף מיין פאַרלאַנג, ער זאָל מיר צוהעלפן אויסגראָבן דעם באַהאַלטענעם קאַסטן שריפטן. אָבער ווען איך דערקלער אים, אַז עס זענען אין קאַסטן נישט פאַראַן קיין שום מאַטעריעלע ווערטפולקייטן, נאָר מאַנוסקריפטן פון רעליגיעזן אינהאַלט, און אפשר גאָר טעגלעכע פאַרצייכענונגען פון דער אָקופּאַנטן־תקופה, אַ שטייגער ווי דודל ראַבינאָוויטשעס העפטן — טעלעפאָנירט ער מאָמענטאַל צום קאָמיסאַר פון דער שטאָטישער פאָלקסמיליץ אויף די אַלייען און פאַראָרדנט אים מיר צו געבן עטלעכע מיליציאָנערן, וואָס זאָלן נישט בלויז האַלטן אָרדנונג און פונאַנדעריאָגן נייגעריקע, נאָר אויך טאַקע מיט לאָפּאַטעס אין די הענט העלפן גראָבן.

ליידער אָבער האָט מען כמעט גאָרנישט באַוויזן צו געפינען. נישט צוליבן נישט וויסן וואו דאָס באַהעלטעניש אָרט איז געווען. כאָטש דאָס קליינע הייזל אין אונטערשטן הויף איז געווען צענומען ביזן פונדאַמענט, האָב איך דאָך גלייך צוגעטראָפן צום פּלאַץ, וואו איך האָב עס מיט די אייגענע הענט אין 1942 געהאָלפן באַגראָבן. די ווייכע דורכגעזייפטע ערד אין וועלכע די לאָפּאַטעס זענען געזונקען אָן שום שוועריקייטן, האָט שוין אָבער געהאַט אַלע סימנים, אַז עמיצער האָט זיך שוין דאָ מטריח געווען פאַר אונדז, זוכנדיק ווערט־זאַכן און געפינענדיק אַפּנים באַשריבענע זידישע בלעטלעך, מיט אַנטוישונג זיי אַרויסגעוואָרפן.

פאָטאָגראַפיר איך די מיליציאָנערן אין אָנדענקונג פון זייער אָנטיילנעמען אין דער זוך עקספּעדיציע און בלית ברירה שטעל איך זיך צופרידן מיט מיין געפונענער, געלער „יודן־קאַרטע״, אַ ביסל בילדער, עטלעכע מיט בלייפעדער געשריבענע נאָטיצן פון מיין פאָטער זצ״ל, און אַ קליין פּעקל שריפטן, וועלכע מיר נעמען אַרונטער פון אונטער אַ שיכט ליים אויפן קאַפּליענעם אויוון אין געוועזענעם עס־צימער פון ר׳ אליעזר ברוקירער (אָפּגעזאָגט זיך צו גיין אין די וואַגאָנען אַריין און דערשאָסן געוואָרן פאַר שטעלן אַ ווידערשטאַנד).

צווישן די קוים לעזבאַרע ווערטער פון מיין פאָטערס אָפּגעריבענע האַנטשריפט דערקען איך און לייען אַ פלאַסטישן פראַגמענט פון אַ נישט־פאַרענדיקטן העברעאישן געטאָ־שיר: „מיין האַרץ איז איין האַרפע פון ביטערן פיין; מיין נשמה פול עלנדע קלאַנגען״.

דאָס איז טאַקע דער גייסטיקער צושטאַנד אין וועלכן כ׳געפין זיך. דאָס איז טאַקע די טרעפלעכסטע באַצייכענונג פאַר מיין איובדיקער שטימונג, אין וועלכער איך פאָר צוריק קיין וואַרשע.

ווערזשבניק-סטאַראַכאָוויץ – דאָס אָרט פון הערמאַן גערינגס שקלאַפן לאַגערן

אַ באַזוך אין איצטיקן „ווערזשבניק" — צוזאַמענשטויס מיט אַן אַנטי-אַמעריקאַנער. — קוימענרויך, וואָס דערמאָנט אינם אידישן גורל. — אומבאַקאַנטע פאַקטן פון אידישן מסירת נפש.

אין די פריערדיקע באַשריבענע שטעט און שטעטלעך פון היינטיקן פוילן, האָבן אוודאי די לייענער באַמערקט, אַז במשך פון מיין גאַנצן אַרומפאָרן איבער די געוועזענע אידישע קהילות איז מיר נישט אויסגעקומען אַפילו קיין איין מאָל זיך אָנצוטרעפן מיט ספּעציעלע אומאַנגענעמלעכקייטן בנוגע מיין אידישקייט. אויב איך האָב זיך ערגעץ־וואו אַמאָל צוזאַמענגעטראָפן מיט אומפריינטלעכע באַמערקונגען קעגן אידן — זענען זיי אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַן אַבסטראַקטער פאָרם און נישט געווען געצילט צו מיר פּערזענלעך.

אין דער גאַנצער צייט פון מיין אַרומוואַנדערן איבער די געוועזענע אידישע ישובים, איז מיר אויף אַ מאָמענט נישט איינגעפאַלן, אַז איך שטיי אפשר אין אַ געפאַר „פיזיש באַליידיקט צו ווערן" און איך ריזיקיר צופיל מיטן אַרומקריכן איינער אַליין אויף פלעצער און ערטער, וואו קיין אידיש פנים האָט זיך שוין זינט יאָרן נישט געוויזן.

עס איז געווען אַפילו אַ פאַל, ווען איך בין אויסטערליש פּראָוואָצירט געוואָרן פון אַ צעשויבערטן חברה־מאַן, וועלכער האָט זיך אומגעבעטענערהייט צוגעזעצט צו מיין טישל און אויף אַ ווילד, שרייענדיקן אופן מיר געשטערט צו טרינקען מיין טיי. די „פּאָרציע", וואָס איך האָב פון אים אַריינגעכאַפּט האָב איך אָבער נישט געקריגן אַלס איד, נאָר אַלס „קאָרופּטירטער" אַמעריקאַנער, צו וועמען מיין אָנפאַלער, זעט אויס, פילט אַן איינפאַכע זאָאָלאָגישע שנאה.

— איר פאַרשאָלטענע אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן — האָט ער אַ הייזעריקער געליאַרעמט. — איר פאַרברעכערישע מלחמה־צינדער! — האָט ער ווי אַ נישט־נאָרמאַלער געררעוועט. — דער חבר גאָמולקאַ, דער רעטער פון פּוילישן פאָלק וועט שוין וויסן ווי אונדז צו באַשיצן קעגן אייערע פאַרעטערישע אינטריגעס!

עס איז געווען אַ זייער נישט אַנגענעמע לאַגע אין יענעם וויערזשבניקער קאָאָפּעראַטיוון גאַסט־הויז, וואו איך בין צופעליק אָפּגעטרעטן צו כאַפּן אַ וואַ־רעמען טרינק. אַן איינאונאיינציקער איד אין דער אַנגערויכערטער קרעטשמע האָב איך זיך געפילט שרעקלעך אומבאַקוועם פון דעם פּלוצלינגדיקן צוטשע־פּעניש, וואָס האָט זיך אויף מיר אָנגעזעצט און מיך ממש געצוואונגען אויס־צוהערן זיינע זלזולים, וואָס זענען כסדר געוואָרן דראָענדיקער.

ווער ווייסט מיט וואָס דער פּיינלעכער אינצידענט וואָלט זיך געענדיקט, ווען צוויי יונגע, דאַנעבן זיצנדיקע אַרבעטער שטעלן זיך נישט אויף, נעמען דעם ריטשענדיקן „וואַגאַבונד" גוט־ברודעריש אונטערן אָרעם און שטעלן אים אַרויס אין דרויסן.

באַלד נאָך דעם האָב איך אויך פֿאַרלאָזט דעם מלוכהשן רעסטאָראַן און אַוועק כאַפּן אַ בליק אויף דעם אַמאָל אַזוי אַקטיוון און לעבעדיק שטעטל, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע תרבות־שולע אין קיעלצער געגנט און וועלכעס האָט געשמט מיט אירע אינסטיטוציעס און אידיש־באַלעבאַטיש איינגעפונדעוועטקייט פון דורות.

* * *

וויערזשבניק, וואָס איז פּאַקטיש אַ צווילינג־שוועסטער פון דערבייאיקן סטאַראַכאָוויץ, איז היינט צו טאָג ווידער אַקטיוו אין איר פּראָדוקציע פון שווער־אינדוסטריע. געניי וואָס מען אַרבעט אויס אין די רויט־ציגלנע האַלעס מיט די רויטע, צום הימל־גרייכנדיקע קוימענס, ווייס איך נישט און האָב נישט געוואָלט ריזיקירן צו פרעגן. (ביי די אָקופּאַנטן זענען עס מערסטנס געווען אַמוניציע פאַבריקן). וואָס מיך האָט אָבער גאָר שטאַרק אינטערעסירט איז געווען דער חשק פאַר אַ ווייל כאַטש אַרומצוואַנדערן איבערן מאַרק, אין די זייטיקע געסלעך, וועלכע זענען מיר נאָך באַקאַנט פון פריערדיקע פריילע־בערע צייטן.

האָב איך זיך פאַרנומען צו דער ריכטונג פון אַמאָליקן „ראַטוש", וואו עס האָט יאָרנלאַנג געוואוינט מיין קוזין שמואל אברהם אייזנשטאַדט (איצט אין ניו־יאָרק) און אויב איך בין זיך נישט טועה אויך די טענענבלום פאַמיליע, פון וועלכע צוויי זין, הערשל און מענדל, האָבן זיך געראַטעוועט און געפינען זיך היינט צו טאָג אין טאָראָנטע.

פון אויבנדערמאָנטן לאַנדמאַרק איז אָבער קיין זכר נישט געבליבן. אַנ־שטאָט אים, זעען זיך אַ פּאָר נייע אַפּאַרטמענט הייזער מיט באַלקאָנען, וואָס ציען די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן געקומענעם באַזוכער.

קעגנאיבער, אויף דער אַנדערער זייט מאַרק, האָט צוזאַמען מיט זיין שווער, יעקב קאָרנוואַסער, געוואוינט מיין פאָטערס אַ חסיד, ברוך צוקערבלום

הי״ד (מאיר רעליס זון פון צויזמער). אַביסל אַראָפּצוצו, געדענק איך, האָט געוואוינט אַ פלאַצקער פּליטים־פאַמיליע.

בכלל איז וויערזשבניק־סטאַראַכאָוויץ אין די מלחמה יאָרן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עיר־מקלט, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען אידן פון די וויטסטע געגנטן און פון די אַרומיקע קלענערע שטעט און שטעטלעך. נישט אַלע פון די דאָזיקע אידן האָבן דערלעבט צו זען די נאַצישע מפלה און זענען צום גרויסן ווייטיק אומגעקומען — ווערנדיק פאַרשלינגען אין די „פּיקרין״ פאַבריקן פון טרויעריק באַרימטן ווערק „צע״ אין סקאַרזשיסקאָ, אָדער אַוועק־געשיקט קיין טרעבלינקע.

* * *

גיי איך איצט אַרום איבער דעם אַמאָליקן וויערזשבניק, וואָס איז שפּעטער געוואָרן „מלכות הערמאַן געריגנג״, פון וועלכן ער האָט געצויגן קאָלאָסאַלע פּראָפיטן און — איז היינט פולשטענדיק אידן־ריין.

אָט איז די דרילדזשער גאַס. דאָ האָט אַ געסטאַפּאָוויעץ דערשאָסן טאָבטשע ווייסבלום פון אַפּט הי״ד (שמואל ווייסבלומס, דעם אייזן־סוחרס אַ טאָכטער). איר געקעפּטער קערפּער איז ערשט נאָכן קריג אויסגעגראָבן געוואָרן דורכן געזעלשאַפטלעכן עסקן, גרשון ראָזענוואַלד (אַליין געוועזן אין וואַלד מיט די פאַרטיזאַנער) און צוזאַמען מיט נאָך איבער הונדערט אַנדערע געפונענע קדושים איבערגעפירט געוואָרן אין אַ ברידער־קבר אויף די „מאַיאוווקע״.

ווי אין וואַרשע, ביאַליסטאָק און טשענסטאָכאָוו, האָט מען אין תחום פון די וויערזשבניקער געטאָ־געסלעך אויך געטרוימט און געפּלאַנט אַ באַוואָפנטן קאַמף מיט די דייטשן און וועגן פאַרטיזאַנער טעטיקייט.

אַריבער פיר הונדערט מאַן פון סטאַראַכאָוויצער לאַגער איז ביסלעכווייז געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין וואַלד אַריין, וואו זיי האָבן זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן אַ קעמפערישע איינהייט. אַ געוויסע צייט איז אַפילו אַרומגעגאַנ־גען אַ קלאַנג אין די באַזשעטשינער וועלדער וועגן אַ גבורהדיק, אידיש קראַש־ניקער אינגל, וואָס אָפּערירט אַלס פאַרטיזאַנער קאָמאַנדיר אונטער נאָמען „באַלעק״. שפּעטער זענען אָבער געקומען ידיעות וועגן זיין פאַלן אין שלאַכט בעת אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט דער זשאַנדאַרמעריע.

איבערמענטשלעכן הערויזם אין העלפן די קאָשערירטע לאַגערניקעס צו אַנטלויפן אין וואַלד אַריין האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ פּשוט פּאָלקס־אינגל, אַ טרעגערס אַ זון (מאיר די בירעטעס). זייענדיק פאַרוואונדעט אין פוס פון אַ גראַ־נאַט, האָט ער זיך מיט די לעצטע כוחות צוגעשלעפּט צו די שטעכל־דראָטן און זיי איבערגעשניטן, עפענענדיק אַן אַנטרינונגס־וועג פאַר די אַנדערע. די

רוצחים האָבן אַלס נקמה אים צוגעבונדן צו אַ פערדישן עק און אים געשלעפּט איבער די גאַסן ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

זעען מיר איצט די מאַרק שטיינער, אויף וועלכע דעם קדוש'ס גוף איז אַרומגעשלעפּט געוואָרן, נישט אויס ווי איינפאַכע „דוממ'ס" — נאָר ווי סימ־באָלישע, מיניאַטוריקע מצבה שטיינער, וואָס ווען זיי וואָלט געקאָנט רעדן, וואָלטן זיי דערציילט וועגן דער מלכותדיקער גבורה פון אַ לויטערער נשמה, וועלכע האָט זיך געאָפּפערט צו ראַטעווען זיינע ברידער...

* * *

אָנהייב קריג האָבן זיך אין וויערזשבניק געפונען דריי טויזנט און אין סטאַראַכאָוויץ דריי טויזנט צוויי הונדערט אידן. אין 1941 איז זייער צאָל צו־זאַמען מיט די צוגעקומענע פליטים געשטיגן צו דריי טויזנט זעקס הונדערט נפשות. אין 1942 האָבן זיך איןביידע פלעצער צוזאַמען געפונען בערך צען טויזנט אידן, אנשים, נשים וטף. דעם 26־טן אָקטאָבער פון זעלבן יאָר, זענען אַכט טויזנט פינף הונדערט פון זיי אַוועקגעשיקט געוואָרן אין כלאָרק־וואַגאָנען קיין טרעבלינקע, וואו זיי זענען אַלע פאַרניכטעט געוואָרן. גאָר אַ קליינער פּראָצענט פון די געבליבענע פופצן הונדערט האָבן איבערגעהאַלטן די לאַגערן. אַ נאָך קלענערע צאָל האָט אויסגעהאַלטן דאָס פּאַרטיזאַנער לעבן אין וואַלד.

די צווישן זיך ריוואַליזירנדיקע און טיילמאָל אַפילו זיך קעגנזייטיק באַ־קעמפנדיקע אָפּטיילונגען פון פאַרשידנאַרטיקן פּוילישן אונטערגרונט, האָבן זיך נישט אַלעמאָל פריינטלעך באַצויגן צו די אַנטרונענע פון געטאָ. אַפילו די איינהייטן פון דער פאָלקס־אַרמיי האָבן אויך נישט שטענדיק געוואָלט אַריינ־נעמען אידן אין זייערע רייען, צוליבן מאַנגל אין געווער. אַן אויסנאָם אין זיין הומאַניטאַרער און טיף מענטשלעכער באַציאונג צו די געליטענע און אָפּט־מאָל אויך באַרויבטע וואַלד־מענטשן איז געווען דער אַסטראָווצער לינקיס־טישער „אַרמיא־לודאָוואַ" פירער דזשובינסקי — פּסעוודאָנים „זעסטאַ". דער אויבנדערמאָנטער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מסירת נפש אין פּאַרטיידיקן אידן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. (נאָכן קריג איז דער זעלבער געוואָרן נאָמינירט אַלס קאָמענדאַנט פון דער שטאָט לאָדזש).

די ערגסטע, צרותדיקע געפאַרן פאַר די וואַלד־אידן זענען אָבער געווען די כסדרדיקע פאַרפאָלגונגען און אָבלאַוועס, וואָס די דייטשן האָבן איינגע־אָרדנט אין די אַרומיקע וועלדער, ביי דער מיטהילף פון די אַזיאַטישע, קרום־אויגיקע קאַלמיקן. די דאָזיקע שאַרפקיניגע, האַלב ווילדע „סטעפּ בריות" אין דייטשע אוניפאָרמען האָבן ווי חיות רעות פשוט הנאה געהאַט פון דעם „מענטשן יאַגד" און מיט ווילדן אייפער זיך געיאָגט נאָך די אומגליקלעכע, טיילמאָל פאַר טעג הונגעריקע און נישט ווי געהעריק אויסגעשטאַטע גרופּעס פון די אידישע ווידערשטענדלער.

טראָץ אַלעמען, האָבן אַ געוויסע צאָל וויערזשבניקער דאָך זיך באַוויזן אויסצובאַהאַלטן אין די שכנישע וועלדער און זענען אַ דאַנק זייער נישט אויס־פאָלגן די דייטשע באַפעלן און פּאַרקאָנספּירירטער טעטיקייט געבליבן לעבן. אין יאַנואַר 1945 זענען זיי אַנטגילטיק באַפרייט געוואָרן דורך דער אַוואַנ־סירנדיקער רויטער אַרמיי. קיינער פון די צוריקגעקומענע איז אָבער מער נישט דעצידירט געווען צו בלייבן אינם פון אידן אויסגעליידיקטן שטעטל. ספּעציעל נאָך ווען עס האָבן זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער אָנגעהויבן פאַרמערן די פאַלן פון אידן מאָרד מצד היימישע גענגסטערס. די קליינע שארית הפליטה האָט אָנגעהויבן אויסוואַנדערן, עמיגרירנדיק מערסטנס קיין ישראל און אַמע־ריקע. (אין ניו יאָרק דאַרפן זיך געפינען אַרום הונדערט געראַטעוועטע וויערזשבניקער). די יאָרהונדערטער אַלטע וויערזשבניקער קהילה האָט אויפ־געהערט צו עקזיסטירן און איז געוואָרן אַן ענין פון דער פאַרגאַנגענהייט.

נישט מער, — אַ טוריסט מיט פּאָעטישן דמיון, וואָס בלאָנקעט זיך אַרום איבערן אידנלערן שטעטל זוכנדיק סמנים פון אַמאָל — קען טיילמאָל אין די פליענדיקע פונקן און אינם קוימענרויך פון די אַרומשטייענדיקע פאַבריקן, נאָך זען טרויעריקע מיראַזשן פון דער פאַרגעקומענער טראַגעדיע... ווי עס וואָלט ערשטע נעכטן געשען...

אויפן מאַרק און גערעלער פונם אידיש היסטאָרישן שטעטל דרילדזש

גערבליבענע חורבות פון פוילישן קעניגטום. — דאָס אָנ־זעעוודיקע פעלן פון אידישער איניציאַטיוו. — פאַרקלאַפּטע לאַדנס פון אַמאָליקע אידישע געשעפטן. — זכרונות וועגן אידישן ווידערשטאַנד. — דער אַנטגילטיקער אומקום פון אַ אידישן ישוב.

אומגעפער האַלבוועגס צווישן וואַרשע און צוויזמער געפינט זיך דאָס שטעטל דרילדזש (אַן ערך עטלעכע און דרייסיק קילאָמעטער פון ראַדאָם). אויף פויליש־לשון הייסט דאָס מאָלערישע שטעטל: „אילזשא״ און איז אַ צוזאַמענשטעל פון צוויי באַזונדערע זילבן „איל״ און „לזשא״.

לויט אַלט פוילישע פאָלקלאָריסטישע מקורות, האָט דער אויבנאויפיק גאָרנישט מיינענדיקער נאָמען אַ טיפערן, רמזימדיקן זין. לויט פאָלקסטימלע־כער „מויל צו מויל״ לעגענדע איז „אילזשא״ אייגנטלעך אַ פאַרגרייזטער וואַר־יאַנט פונם פוילישן אויסדרוק: „יעי לזי״, וואָס מיינט אויף אידיש: אירע טרערן.

דאָס רעדט זיך וועגן די טרערן פון דער פוילישער קעניגין יאַדוויגאַ, וועלכע האָבן מיט איבער זעקס הונדערט יאָר צוריק אינספּירירט די דאַמאָלס־דיקע „מיעשטשאַנעס״ (שטאָטישע בעלי־בתים) אָנצורופן זייער וואוינאָרט מיט דעם דאָזיקן סימבאָלישן נאָמען אין צייכן פון סימפּאַטיע און מיטגעפיל צו זייער הערשערין — די מוטער פון „קאַזשימיערזש דעם גרויסן״.

נישט ווייַטיק פון וועלכער זייט איר פאָרט אַריין אין שטעטל מוזט איר באַמערקן די מערקווירדיקע איבערבלייבעניש פון קעניגין יאַדוויגאַס אַמאָלי־קער רעזידענץ. פון אַלע פיר זייטן זענען זיי אָנזעעוודיק די רעשטלעך פון אויפן באַרג שטייענדיקן פּאַלאַץ, וועלכער איז שוין וואָס אַן אמת אַביסל חרוב גע־וואָרן, אָבער פאַרמאָגט נאָך אַלץ אין זיך אַ געוויסן פאַרגאַנגענהייט־צויבער פון פוילנס אַמאָליקער מאַיעסטעטישקייט.

דאָ, צווישן די פעסטונג־אַרטיקע מויערן האָט אַוודאי נישט איינמאָל פאַר־בראַכט „קאַזשימיעזש וויעלקי״, דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער „פוילישער שלמה המלך״, וואָס איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון אידישער האַנדעלס איניציאַטיוו און אידישער שאַפונגס־גאונות. טאַקע ער, דער זון פון יאַדוויגאַ און וולאַדיסלאַוו לאָקעיטעק, פוילנס היסטאָריש טאַלאַנטפולער קיסר און דיפּ־

לאַמאַט איז געווען דער, וואָס האָט דערהויבן אידישע רעכט, פּראָפּאַגאַנדירט אידישע אימיגראַציע, און דערמוטיקט אידן פון אַלע שטאַנדן און פאַכן זיך איינצוגלידערן אין דער פוילישער עקאָנאָמיע.

אַלס אינטעליגענטער שטאַטסמאַן און גרונטלייגער פאַרן ערשטן פוילישן אוניווערזיטעט אין קראָקע, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מיטן נעמען אין שוץ די אידן, מיטן דערלויבן זיי קאָמערציעלע און אַנדערע פרייהייטן — וועט ער נישט בלויז פאַראייביקט ווערן אין דער געשיכטע אַלס הומאַניטאַרער און ברייטהאַרציקער מאָנאַרך — נאָר אויך אַלס קלוגער קאָאָרדינאַטאָר פון אַלע שעפערישע כוחות פאַרן אויפבוי פון אַ גרויס, פאַראייניקט פוילן.

האָט ער דעריבער מיט ערנסטקייט גערופן די פאַרפאָלגטע אידן זיי זאָלן קומען און באַלעבן די מדינה; קומען און מיט זייער פאָטענציעלער וויטאַליטעט אים העלפן אויפצובויען די דאַמאָלסטיקע, נאָך צוריקגעשטאַנענע, האָלצערנע שטעט און שטעטלעך, צווישן וועלכע עס האָט זיך באַשטימט אויך געפונען „אילזשאַ” — אָדער ווי מען רופט דאָס „פיקטורעסקע” שטעטעלע אויף אידיש: „דרילדזש”.

און זיי זענען געקומען די אידן און מיט איבערגעגעבענער לאָיאַליטעט בייגעשטייערט זייער שוויס און מי אויף די פאַרשידנאַרטיקסטע געביטן פון מסחר און מלאכה, וויסנשאַפט און פאַטריאָטיזם. אַזוי יאָרהונדערט נאָך יאָר־הונדערט, עפּאָכע נאָך עפּאָכע, משפחה נאָך משפחה — יעדער לויט זיין שטייגער און זיינע יכולתן.

ווען מען האָט געקענט איינפאַלן, אַז דאָס גוטע פאָטערלאַנד מיט אַ סטאַזש פון טויזנטיאָריקער אידישער קולטור געשיכטע וועט אויף אַ פאַטאַלן אופן פאַרוואַנדלט ווערן אין טעריטאָריעס, וואָס האָבן אין זיך איינגעזאַפּט ימים אידיש בלוט! ווער האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן, אַז דער אבי אבות הטומאה ימח שמו וזכרו וועט דווקא אויסקלייבן דאָס פוילנלאַנד אויפצושטעלן זיינע אינקוויזיטאָרישע מאָרד פאַבריקן!

און אַמווייטיקלעכסטן, ווער האָט זיך עס געקענט אויסמאָלן אַז די קאַזשימיעזשדיקע אידן־פריינטלעכקייט זאָל פאַרביטן ווערן אויף אויפגעבושעוועטער שנאה, רויב גיריקייט און אין בעסטן פאַל פאַרברעכערישן גלייכגילט.

2

אַרום צוויי טויזנט אידן זענען דאָ געווען אין דרילדזש, צוזאַמען מיט די „גולים” פון לאָדזש, קאַליש, קאָניך, בלאָזשיך, פרענדוטשיך, פענקיסלאַוו. אַ רירעוודיק „קוועקזילבערדיק” אידיש שטעטל מיט קנאַפּע פיר הונדערט אידישע פאַמיליעס פון וועלכע נאָר יחידים זענען איבערגעבליבן. און אויב מען רעדט שוין וועגן איינצלנע ווען עס איז פאָרט געלונגען איבערצושפּרינגען דעם טרויעריקן גורל, געפינען זיי זיך נישט מער אין זייער געבוירן־שטאָט, נאָר מערסטנטיילס אין ישראל און אין די אַמעריקעס. (אין טאָראָנטאָ דאַרפן זיין אַרום פופציק דרילדזשער לאַנדסלייט).

דרילדזש אַליין איז שוין אַכטצן יאָר אידנריין און וועט שוין וואַרשיינלעך דעם דאָזיקן סטאַטוס, צום רום און לויב פון אַלע ראַסיסטישע מנוולים, אָנ־האַלטן לעולם ועד.

דער פערטער נאָוועמבער, ניינצן צוויי־און־פערציק, איז דער דאַטום ווען די דרילדזשער קהילה קדושה איז אונטער נאַציסטישע באַגנעטן אַוועקגעטריבן געוואָרן צו דער 14־קילאָמעטער אַוועק ליגנדיקער באַן־סטאַציע „בראַדיס". (אין דעם זעלבן טאָג האָט אויך די פערפעקט פונקציאָנירנדיקע אייכמאַניס־טישע מאַשין „אויסגעזידלט" די וויערזשבניקער אידן). דאָרט האָט מען זיי אין היטלעריסטישן סטיל פאַרלאָדן אין די וואַגאָנען און אַוועקגעשיקט דער־שטיקט צו ווערן אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

נאָוועמבער דער פערטער, ניינצן צוויי־און־פערציק, איז געווען דעם אידישן דרילדזשס לעצטע, געצוואונגענע אסיפה אויף דער „טאַרגאָוויסקע". דאָרט אויפן רחבותדיקן פלאַץ האָט דער זשאַנדאַרמעריע קאָמענדאַנט באַאַק, מעשה רעפּרעזענטאַנט פון „דריטן רייך" אין נבול־פּהדיקער גאַסן־יונג שפּראַך אינסטרוקטירט די צונויפגעיאָגטע אידן, און אין אָנבליק פון זייער לעצטן טויטן מאַרש מיט זיי געקנעלט די לערע פון דיסציפּלין און רואיק זיך פאַרהאַלטן ווי „איירָאָפּעער".

דריי איך זיך איצטער אַרום אויפן שטח פונם דאָזיקן גרויסן מאַרק, איבער ראַדאָמער גאַס, נאָוואָ גאַס, אָסטראָוצער וועג... פאַר מיינע אויגן לעבן ווידער אויף און פילמירן ווידעראַמאָל דורך סצענעס פון אידישער סבלנות און מאַר־טירערטום; אידישער קדושה און גבורה, אַפילו אין אָנגעזיכט פון אומפאַר־מיידלעכן אומקום.

אָט איז כאַסקל פּויזנערס הויז אין וועלכן דאָס יאָרהונדערטער אַלטע קאַ־פּיטל אידיש־דרילדזש איז געקומען צום אַנטגילטיקן עפּילאָג. דאָ אינעווייניק האָבן געלעבט די לעצטע צוואַנציק יוגנטלעכע פון דער אַזוי־גערופענער „אויפרוים־קאָמאַנדאָ", וועלכע מען האָט ספּעציעל איבערגעלאָזן צו דערפילן אַ טאָפּלטע אויפגאַבע. ערשטנס, צונויפזאַמלען און אויסצואָרטירן דאָס פאַר־בליבענע אידישע „האָב און גוטס". צווייטנס, צוזאַמענצונעמען און קובר זיין די זיך אַרומוואַלגערנדיקע, האַלב נאַקעטע מתים. (ס'האָבן זיך אַלעמאָל געפּי־נען לאָקאַלע מאַרודערישע אַמאַטאָרן אויפן אָנטועכץ פון די דערהרגעטע).

איינער פון די דאָזיקע קאַשאַרירטע חברה קדישאַ'ניקעס, וועלכער האָט געהאָלפן ברענגען צו קבר ישראל די לעצטע שוין נאָך דער אויסזידלונג דער־שאָסענע, מענדל איטשע בעקער און יעקב ווינטראַוב (גאַלאַנטעריע־סוחר הי"ד — איז דער היינט צו טאָג אין טאָראָנטאָ זיך געפינענדיקער פּראָמינענ־טער „בילדער" און אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער עסקן — אברהמעלע בלימאַן.

ער איז אויך דער איינציקער פון די צוואַנציק קאָמאַנדאָניקעס, וואָס איז



דאָס שטעטל דרילדזש, געזען פון באַרג (פאַר דער אויסזידלונג). זיצנדיק אינדערמיט פון לינקס, ברכה קירשנבלום (בלימאַן), דערנעבן פון רעכטס, וועלוועלע מלאכס טאָכטער, עקסטרעם לינקס: דבורה שטייבהאָרם. עקסטרעם רעכטס: אַ אומבאַקאַנט דרילדזשער מיידל.

נאָכן אַדורכמאַכן פאַרשידענע קאַצעטן געבליבן לעבן און וועט שוין אַוודאי תמיד אין זיך אַרומטראָגן דאָס בילד פון זיין היימשטאָט ליקווידאַציע.

דאָ, אויף רינעק נומער פערצן, איז געווען זיין פאָטערס מאַנופאַקטור געשעפט (אהרן נתן קירשענבלום־בלימאַן). אין דער קלייט אָבער זענען נישט בלויז פאָרגעקומען ביזנעס־טראַנזאַקציעס. דאָ איז אויך אינמיטן פון די דייטשע גזירות אויסגעפּלאַנירט געוואָרן די איניציאַטיוו צו שאַפן די „מחזיקי־דת" ישיבה, וועלכע האָט טאָקע טראָץ אַלע פּורעניותן, אונטער דער אָנפירונג פון ליטווישן ראש־ישיבה הרב מעליץ, עקזיסטירט אין גערער שטיבל ביז צו דער סאַמע לעצטער מינוט פון פאַר דער אויסזידלונג.

פונקט קעגנאיבער, אויף דער אַנדערער זייט מאַרק, איז געווען דאָס כמעט אַלץ פאַרקויפנדיקע אייזן און פאַרבן געשעפט פון די טראַפּערס. די דאָזיקע חשובע פאַמיליע פון דורות לאַנגע סוחרים און ביר־לאַגערס אייגנטימער, איז נישט נתפעל געוואָרן פון זייערע מאַטעריעלע דערפאָלגן און אַ סך געטאָן לטובת הכלל באַווייזנדיק, אַז זייער אָסטראָווצער חסידות איז נישט נאָר אַ לפנימדיקע אויבערפלעכלעכע זאַך.

דאָס לעצטע מאָל ווען איך האָב זיי דאָ באַזוכט (צירקא ניינצן יאָר צוריק) האָבן זיי געהאַט צוגאַסט זייער גרעאַטן אייניקל פון אָסטראָווצע — דבורהלע טראַפּער הי"ד. דאָס הויך אינטעליגענטע, פּילזייטיק טאַלאַנטירטע מיידל איז אויך געווען אַן אויסערגעוויינלעך באַגאַבטע פאַרלעזעריין. ביי אַ גלעזל טיי מיט סאַכאַרין איז די היימישע אוידיענץ פון משפחה און פריינט געזעסן אונטער פאַרמאַכטע לאָדנס און זיך צוגעהערט ווי זייער „דאָבעלע" האָט צוזאַמען מיטן שרייבער פון די שורות אין „דועט" רעציטירט אַן אויפן אָרט אימפּראָוויזירט ליד, געווידמעט דעם גורל פון די געטאָ־קינדער:

יאַטן, יאַטן און יאַטעלעך
טאַטעס, מאַמעס און טאַטעלעך.
קינדער פון טאַטעס, דיקע הויך;
קינדער אין שמאַטעס בלאַסע אָן כח.
קינדער רייכע פון טאַטעס גבירים —
אין אַנצוגלעך, פוטערלעך, סחורות פון ביעלסק.
קינדער וויכע פון צער און יסורים
אין געטאָס פון וואַרשע, לאָדזש און נאַשעלסק!
יאַטן, יאַטן און יאַטעלעך
טאַטעס, טאַטעס און טאַטעלעך.
אַ טאַטע, אַ גרעב ווי אַ דעמבענער בוים,
מיט אַ גוידערדיקע גאָמבע צענטימעטערס די דיק!
אַ טאַטעלע, אַ דאַרס, פאַרשמירט און מיט שוים,
פאַרבאָדן אין צרות; פון נויט ער זיך שטיקט.

— דער אין פּאַלאַצן, דינער, לאַקייען —
ווײַן אויף טאַצן און כסדרדיק זיך פרייען.
— דער אין קעלער בלויז שמערצן און פּיין,
אויף די לונגען שוין אַ פעלער — געוואַלד וואָס וועט זיין?!
אַ פרוי אין אַ קלייד מיט אַ הערלעכן דעקאָלטע;
בריליאַנטן און זייד, אוירינגלעך פון גאָלד.
אַ אידענע אין אַ שייטל מיט אַן איינגעדאַרט פּנים,
איינגעהילט אין פליטל: „האָטס מיטלייד רחמנים״!
און אַלע ביידע האָבן קינדער...
יעדערע באַזונדער:
יאַטן, יאַטן און יאַטעלעך
טאַטעס, טאַטעס און טאַטעלעך.

נישטאָ מער די יאַטן און די יאַטעלעך, די מאַמעשיס און די טאַטעלעך! צעשטויבט און צעפּיצלט, פאַרסמט און קרעמירט, וואַלגערן זיך ערגעץ וואו די צוניפגעמישטע אַשן פון די פּשוטע איטשע־זונדעלס, די כלי קודשדיקע שלמה שטיינהאַרטס, די סעמיטיש אויסזעענדיקע רובינשטיינס און די קריסט־לעך־פּנימדיקע ברכה קירשענבלום (בלימאַן) וואָס האָט שוין אַרישע פּאַפּירן געהאַט, און זיך געקאָנט ראַטעווען, אָבער בעסער באַשלאָסן מיט איר אייגן לעבן מקיים צו זיין דעם „כבד את אביך ואת אמך״ און מיט טאַטע־מאַמע צו־זאַמען צום טויט מיטגעגאַנגען.

3

וועגן איצטיקן, קעגנווירטיקן דרילדזש איז באמת נישט פאַראַן צופיל וואָס צו שרייבן. מיט דער ערלעכסטער אָביעקטיוויטעט פון אַ נייטראַלן אָב־סערוואַטאָר מוז איך זאָגן, אַז אין מיין פּאָר שעהדיקן אַרומשפּאַצירן האָב איך אַבסאָלוט נישט באַמערקט עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אַן אויסלענדישן טוריסט אימפּאָנירן און פאַראַטן „פּראָספּעריטי״.

אין אויסערלעכן אויסזען האָט זיך דאָס שטעטל גאָרנישט געענדערט. די זעלבע מיט „דאַכוואוקעס״ באַדעקטע הייזלעך פון וועלכע נישט איינס נויטיקט זיך אין רעפּעראַטורן. דאָס זעלבע וואַסער־מילעכל אויפן אַסטראָווצער וועג. דאָס זעלבע קאָנקרעטענע בריקל ווי מען האָט דעם דרילדזשער רבס באַרד אונטערגעצונדן און נאָכהער מיט אַ ברענענדיק געזיכט אין וואַסער אַריינ־געוואָרפן. (באַלד ביים אַריינקום האָבן זיך די נאַציס איזדעקעוועט איבער ר׳ יחיאל אונגער ז״ל). דער זעלביקער פאַרשפּיצטער קירכן־טורעם, וואָס הייבט זיך אַריבער מיט זיין הויך איבער אַלע שטעטלשע געביידעס. אַלץ זעט אויס אַזוי מאָנאָטאָן שטיל, אַזוי מאָנאַסטיריש רואיק — כאָטש נעם און לייג זיך אַוועק שלאָפן אין מיטן גאַס ביזטו זיכער פון קיינעם נישט געשטערט צו ווערן...

ברכה קירשענבלום (בלימאַן) הי״ד, וועלכע האָט שוין גע־
לעבט אויף אַרישע פּאַפּירן, אָבער באַשלאָסן צוריק צו קו־
מען אין געטאָ אַריין, בכדי אין די לעצטע שוידערלעכע
מאָמענטן צו זיין צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע.

די אײנציקע אינסטיטוציע פון עפנטלעכן כאַראַקטער וואו דער פאַרקער איז אומאויפהערלעך אַ לעבעדיקער, איז דער שטאַטישער קאָאָפּעראַטיווער רעסטאָראַן, נישט ווײט אַוועק פון דער פּאָסט.

אַ פּאָר חדשים פאַר דער אויסזידלונג האָבן דרילדזשער אידישע פּאַרטיזאַנער, ווען מענס באַזע עס איז געווען אין די לובענער און שיענבער וועלדער דאָ דורכגעפירט אַ העלדנמוטיקע אַקציע. אונטער דער אָנפירונג פון האַראָוויץ, לאַנגער און כילעלע הי"ד זענען זײ באַפאַלן די אין דער פּאָסט זיך געפינענדיקע פּ.ק.אָ. קאַסע, און אויף אַ געלונגענעם אופן קאָנפיסקירט אַ גרעסערע סומע געלט פאַר דער ווידערשטאַנדס באַוועגונג און פאַרן אײנקויף פון געווער. לײדער זענען אָבער די דאָזיקע גבורים שפּעטער אומגעקומען, טײלווײז אין שלאַכט מיט די דײטשן, און טײלווײז צוליב פּראָוואָקאַטאָרישע דענונציאַציעס און פאַרעטערישע מסירות, אין וועלכע עס האָט געהאַט אַ גרויסן חלק דער דאַמאָלסטיקער, שטאָטישער „קאַזע־סטרוזש", וואָס האָט פאַר „בלוט־געלט" אָנגעוויזן די זשאַנדאַרמעריע, וואו זײ קענען מיט זײערע שפּיר־הינט געפינען די „סליאַדעס" פון די אידישע בונטאַרן.

איז שווער מסכים צו זײן מיט די יעניקע, וואָס האַלטן אַז אונדזער חורבן ליטעראַטור איז שוין געװנוג גרויס און פילט שוין אין אַ גענוגנדער מאָס אויס אַלע אַספּעקטן פון געדאַנק, טאַט און געשעעניש פון יענער תקופה. ווען מען וואַנדערט אַזוי אַרום איבער די געוועזענע אידישע ישובים שטויסט מען זיך אָן אין פאַקטן, און מען דערמאָנט זיך אין עפּיזאָדן, וועלכע וואָלטן מיט זײער גײסטיקע הערלעכקײט און דראַמאַטישע געוואַגטקײט אַפילו נאָך הײנט צו טאָג געקאָנט ווערן לײט־מאָטיוון אין קלאַסישע ווערק וועגן אידישע לײדן און אידישן העראָאיזם, אונטער די שטיוול פון דער גערמאַנישער טיראַניי.

אַזוי פיל באַוואוסטזיניקע, אידישע קידוש השם מאָמענטן נאָך פאַראַן צו פאַרשרײבן!...

אַזויפיל נישט אויפגעקליבענע פּערל פון מסירת־נפשדיקע אידישע נסיונות!...

נישט נאָר איז נאָך פאַראַן שפּאַנענדיקע טעמאַטיק פאַר אומדערשעפּלעכע „למען ידעו דורותיכם" ליטעראַרישע שאַפונגען פאַר דער צוקונפט. אין די איצטיקע פאַרנאַכלעסיקט אָפּגעלאָזענע, געוועזענע אידישע געסלעך פון דרילדזש, און אַנדערע אומגעבראַכטע אידישע שטעט און שטעטלעך; אויף די היסטאָרישע מאַרקן און אונטער די פּוילישע הימלען האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַזעלכע מין עפּאָפּייען, אַזעלכע מין „ונתנה תוקפדיקע" סאַגאַס וועמענס מינדעסטער קלאַנג און שטילסטער ניואַנס איז אוצרותדיק וויכטיק צו פאַראײביקן אי אַלס ערנווירדיקע גײסטיקע מצבה נאָך אונדזערע מאַרטירערישע שוועסטער און ברידער; און אי אַלס אומאויפהערלעכער וואָרנונגס „מעמענטאָ" נישט צו פאַרגעסן, וואָס דער דײטשישער עמלק האָט געטאָן צו אונדזער נאַציע.

אידיש לעבן אין די נייע פוילישע געביטן

אומגעבראַכטע דייטש־אידישע „געמיינדעס". — צוריק אויפגעלעבט דורך פון רוסלאַנד צוריקגעקומענע רעפּאַט־ריאַנטן. — עפּיזאָדן פון אַ רייזע איבערן זאַגלעמביער געגנט. — אידישע אינטעליגענץ אידענטיפיצירט זיך עפנטלעך מיטן כלל ישראל. — מאַטעריעלער און גייסטיקער צושטאַנד פון די באַנייטע קהילות. — שטימונ־גען צווישן דער געבליבענער שארית הפליטה.

איינע פון די אַנגעזעענסטע אידישע קהילות, אין פון די דייטשן באַפרייטע, פוילישע טעריטאָריעס — וואו עס קאָנצענטרירט זיך איצט די מערהייט פון די אין פוילן זיך געפינענדיקע אידן, איז היינט־צו־טאָג, בלי שום ספק, גליוויצע — אָדער ווי מען רופט עס אויף פּראָסט אידיש מאַמע־לשון: גלייוויץ!

טאַקע אין גלייוויץ האָב איך אויפגעכאַפּט אַ נייע פאַר מיר אינטערפּרע־טאַציע אויפן אויסדרוק: „פאַרוואָס עפּעס רופט מען אידיש־רעדן מאַמע־לשון"?

און דער ענטפער איז: אַז די מאַמע הויבט אָן צו רעדן — קען דער טאַטע שוין מער נישט קומען צום וואָרט!

און געהערט האָב איך דאָס גלייכווערטל פונם הויפּט „נאַטשאַלניק" פון דער גלייוויצער קאָנסערוון פאַבריק (איינע פון די גרעסטע אין לאַנד), וואו עס ווערן מאַרינירט צענדליקער טויזנטער פוד קירשן, עפּל, פאַפּריקאַס, קרויט, מערן, ציבעלעס פאַרן אינלענדישן געברויך און ספּעציעל פאַרן פוילישן עקס־פּאָרט.

דער אָפיציעלער באַלעבאָס פון דער דאָזיקער, ריזיקער רעגירונגס אונ־טערנעמונג, וואָס באַשעפטיקט טויזנטער אַרבעטער איז אַ היימישער איד מיט אַ סך איינגעבוירענער „ביזנעס" אינטעליגענץ. אַ דאַנק זיין אָרגאַניזאַטאָרישער איניציאַטיוו פאַרמאָגט דער גלייוויצער פּרעזערוו־קאָמבינאַט צענדליקער איי־גענע גרינוואַרג געשעפטן, הונדערטער איינקויף פּונקטן איבערן גאַנצן לאַנד און אַ פלאָטילע פון טראַקס, וואָס ברענגט אַריין דעם מלוכה אוצר מיליאָנען זלאָטעס הכנסה.

כאָטש ער איז נישט קיין פּראַקטיצירנדיקער רעליגיעזער איד — דער

דאָזיקער מיטליאָריקער, ענערגיע־שפּרודלדיקער אינדוסטריעלער — האָט ער דאָך געפונען פאַר נויטיק צוצוגרייטן אַ יום־טוב מיט אַלע פּיטשעווקעס.

אַקטיוו צוגעהאָלפן אין אָרגאַניזירן דעם פּסח ווי ס׳געהערט צו זיין, האָט אים די „פּאַני דירעקטאָראָוואַ״, אַ באַחנטע אידיש ווייבל פון קיעוו, וואָס שרייבט אַ הערלעכן, קאַליגראַפישן אידיש, נוסח מאָסקווע, אָן לאַנגע נונס, לאַנגע צדיקס און לאַנגע פייס... און שפּילט אידישע מאָט־יוון אויף דער פּיאַנאָ, אַז עס קען אַ שטיין רירן.

איז מיר טאַקע געפעלן דער דאָזיקער אָנגעזעענער מעדאַלן באַזיצער פאַר שלאָגלער־רעקאָרדן, וועלכער האָט זיך באַמיט צו האָבן גענוג מצות, ווייַן און כשר פלייש לכבוד דעם זמן חרותינו. און באַזונדער האָט ער ביי מיר אויסגע־נומען מיט דעם, וואָס ער באַהאַלט זיך חלילה נישט מיט זיין אידישקייט, ווי עס טוען דאָס נאָך היינט אַ געוויסע צאָל „שמענדריקעס״; און האָט נישט קיין מורא צו רעדן אידיש מיטן פולן מויל אַפילו אין זיין פאַבריקס־ביוראָ אין דער אָנוועזנהייט פונם גאַנצן שטאַב באַאַמטע און סעקרעטאַרינס.

זעט אויס, אַז דער גוטמוטיקער, זיך וויצלענדיקער הער דירעקטאָר ליידט נישט פון קיין מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס; באַהאַלט זיך נישט מיט זיין נאַציאָנאַליטעט; און קרעמפּירט זיך אַבסאָלוט גאָרנישט מיטן פאַקט, אַז זיין פאַמיליע נאָמען קלינגט עכט אידישלעך און דערמאָנט אין אַ פּראָמינענטע, אידישע משפּחה פון פאַרמלחמהדיקע פּרוכטן אימפּאָרטירער פון דער וואַר־שעווער פּטאַשיע גאַס.

* * *

גלייוויץ איז נישט ווייט אַוועק פון קאַטאָוויץ. לויט די אויפקלערונג פון אַן אָרטיקן איד, וואָס האַלט זיך פון די „יודע־פּאָליטיקע״ — איז די שטאָט, וועלכע איז ערשט צוריק „פּאָלאָניזירט״ געוואָרן נאָך היטלערס מפּלה, געווען דאָס היסטאָרישע פּלאַץ פונוואַנען דער מטורפדיקער טיראַן האָט דערקלערט קריג דער פּוילישער רעפּובליק אין 1939.

דער זעלביקער איד, אַ גלייוויצער תושב זינט 1945, האָט מיר אַפילו אָנגעוויזן אויף אַ מאַסיווער, שטיינערנער געביידע אין מיטן פון דער נצחון־גאַס (אוליצאַ זוויציענסטוואַ) פאַר וועלכער עס שטייען זיין נאָמען פון „קונסט״, איינע פון יענע שווערע גאָטישע מאָנומענטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ כאָפּטע מוסקולירטע פערד שטייענדיק אויף די הינטערשטע פיס; און מיך פאַרזיכערט, אַז פונדאַנען טאַקע, פון דעם בנין האָט דער פאַטאַלאָגישער מאַ־ניאַק געהאַלטן זיין אָפיציעלן מלחמה „ספּיטש״ צו דער וועלט — באַרעכ־טיקנדיק זיין בלוטיקע אינוואַזיע און פאַרשפּראָכן די „הערנראַסיקע דייטשע נאַציאָן״, נישט נאָר אַ בליציקן קריג, נאָר אויך דעם אָנהויב פון אַ זיך אויפ־בויענדיקן „טויזנט יאָריקן רייך אויף אימער אונד עוויג״.

איין־און־צוואַנציק יאָר זענען שוין דורכגעלאָפן פון יענעם פינצטערן מאָמענט זינט די נאַציסטישע האָרדעס האָבן אָנגעהויבן זייער מאָרד־אָרגיע

איבער איראָפּע, באַזירנדיק זייער נצחון אויף דער עקסטערמינאַציע פונם אידישן פאָלק, וועלכעס עס איז זיי לײַדער אויף 33 פּראָצענט געלונגען.

איז כאָטש יעדער איינער פון אונדז פּילט נאָך מיט דער גאַנצער עמ־פּינדלעכקייט דעם גרויזאַמען, געשעענעם פאָלקס־בראָך—איז עס דאָך אַ שטיקל סאַטיספאַקציע פאַר אַן „עמק־הבכא“־אידן, ווען ער קומט אַריין אין דער גע־וועזענער ריין־דײַטשער „רייכס־שטאָדט“ און זעט, אַז פונם טייוולאַנישן האַקנ־קרייץ איז דאָ אַפילו קיין שפור נישט געבליבן. דאַקעגן זענען אויף הונדערטער אידישע טירן אָנגעקלאַפּט כשרע מזוזות, און טייל נאָך אַפילו פון אמתער ארץ־ישראלדיקער אויסאַרבעטונג.

אָבער לאָמיר זיך באַמיען דאָס מאָל צו זיין אַ ביסל מער כראָנאָלאָגיש און אָנגיין מיטן באַשרייבן מיין וועג קיין גלייוויץ און די סיבה פון מיין אויס־ווילן דווקא די דאָזיקע פאַרקאָפּטשעטע שטאָט אין אויבערשלעזיע אַלס איב־טערעסן־פּונקט פאַר מיין באַזוך.

דעם אמת זאָגנדיק האָב איך געקענט יוצא זיין מיט אַ בלויזן טעלעפאָן־רוף קיין גלייוויץ אין וועלכן איך וואָלט אַ געוויסן יונגערמאַן אָפּגעגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון זיין קוזין אין טאָראָנטע, וועלכער איז מיינער אַ פריינט און אַ שול־חבר.

אָבער זעט אויס, אַז עס איז מיר דאָך באַשערט געווען צו זיין אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט קוילן־גרובנס, און אַז מען טוט אָן אַ ווייס העמד אין דער פרי, איז עס פאַרנאַכט — נישט האָבנדיק געטאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריין — שוואַרץ ווי סאַדזע.

האָב איך זיך דעריבער געלאָזן צורעדן פונם דריי־און־פופציק יאָריקן אידן, וואָס איז איינער פון די פיר אידישע דירעקטאָרן פון גאַר־גרויסע איב־דוסטריעלע מלוכה אונטערנעמונגען אין גלייוויץ; און צוליב טוענדיק זיין (ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט) בנפשדיקן וואונטש — אַוועק אויפן וואַר־שעווער וואָקזאַל און גענומען אַ בילעט קיין גלייוויץ.

ג.

אַרויסגעפאָרן בין איך פון וואַרשעס מערבדיקן וואָקזאַל, וואָס געפינט זיך אויף די יעראָזאָלימסקע אַלייען צווישן די גאַסן „טאָוואַראָווע“ און „זשעלאַז־נע“. ס׳איז געווען אַ הערלעכער, פרילינגדיקער נאָכמיטאָג, ווען די פּאַסאַ־זשירן פון דער קאַטאָוויצער ריכטונג האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען אויפן פּעראָן. די פאַרבינדונג אויף דער ליניע איז אַן ערשטקלאַסיקע און ווערט מערסטנס באַדינט מיט אַזוי־גערופענע בליץ־טאָרפּעדאָ־צוגן, וואָס לויפן איב־גאַנצן פיר שעה פון וואַרשע ביז גלייוויץ.

וואָנדער איך אַרום צווישן עולם וואַרטנדיקע, וועלכע באַשטייען מער־סטענס פון מיליטערלייט פון העכערן ראַנג; און ציוויליסטן מיט לעדערנע אַקטן־טאַשן אונטער די אָרעמס — ס׳העכערע באַאַמטנטום פון היינטיקן פּראָ־

לעטאַרישן פּוילן. צו דער פּאַראויסגעזעענער רגע שנײַדט זיך דער צוג מיט אַ סווישטש אַרײַן צום איבער די רעלסן ספּעציעל אויפגעבויטן איינטריטס־פּאַדיום. די עלעקטרישע טירן עפענען זיך אויטאָמאַטיש — און די וואַרטנדיקע מאַסע מענטשן הויבט אָן אײַנצושטײַגן.

דאָ שטופּט מען זיך נישט און מען קלעטערט נישט דורך די פענצטער ווי בײַם סקאַרזשיסקער צוג. די סאָציאַלע קלאַס און מענטאַליטעט פון די רייזנדיקע איז אַן אַנדערשטיקע. ממילא איז אויך די אויפפירונג אַ סאָלידערע. יענער איינער האָט זיך זײַן בלאָען פּלאַץ־נומער און איז זיכער, אַז זײַן רעזערווירט אָרט וואַרט אויף אים, און קיינער וועט עס נישט פאַרכאַפּן.

די אײַנאָרדענונג פון די וואַגאָנען איז רחבותדיק און עלעגאַנט. געזעסן באַדעקטע מיט לעדערעט מאַטעריאַל, טישלעך פון געפּרעסטע „פאָרמייקאָ" מיט מעטאַלענע באַפּיצונגען. אַן אַרט פּוילישע „ניו־יאָרק לאַין" מיט וועלכן דאָס איצטיקע פּוילישע באַן־מיניסטעריום איז שטאָלץ און נישט אָן באַרעכטיקונג.

אויף יעדן טיש שטייען אויסגעשטעלט עטלעכע פלעשלעך ווייס און שוואַרץ ביר, זאַלץ און פעפער, מושטאַרדע. דאָס איז פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די פאַרנדיקע, טאָמער ווילן זיי דערוויל כאַפּן אַ טרונק ביז דער רעסטאָראַן־וואַגאָן הייבט אָן זײַן טעטיקייט.

און אַזוי ווי מען הויבט נאָר טאַקע אָן צו פאָרן, באַווײַזט זיך אַ אײן־ווײַסן געקליידעטער קעלנער מיט אַ געהילף און טראָגן אויף פאַרצעלייענע „פול־מיסקעס" פאַרשידענע „האַרץ־דערכאַפּונגען" ווי: געהאַקטע לעבערלעך, וועמפּלעך, געבראָטענע פיש „פאָ גרעצקו". דער עולם רייסט איבער דאָס אָנגעהויבענע קאָרטן־שפּיל און „לענט זיך אונטער די הערצער" מיט די צוגרייטע פּאַרציעס פּיקאַנטעסן.

דער קעגנאיבערדיקער שכן מײַנער איז דאָס מאָל אַ מאַן מיט האַרטע געזיכטס־שטריכן, מיטעלער וואוקס, ברייט אַקסלדיק, איינער פון יענע פּנימער, וואָס דערציילן וועגן קענען זײַן ענערגיש און אַפילו ריקזיכטלאָז. ווען איך באַמי זיך צו פאַרבינדן אַ שמועס מיט אים, פּראָפּאָנירנדיק אַ קאַנאַדער סיגאַרעט — האָט ער מיר שנײַדיק אָפּ, אַז ער רויכערט נישט קיין אויסלענדישע פּאַפּיראָסן. מײַן „וויז־אַ־וויז" זעט אויס ווײַט פון צו זײַן אַן אינטעלעקטואַל. אויף דעם זאָגן אויך עדות זײַנע האַמעטענע באַוועגונגען, זײַן קוקן אין אַ זײַט בשעת ער רעדט צו אײַך, און די האַסטיקע אומגעפּאָלישטע מאַניערן מיט וועלכע ער זשלאָקעט אויס אין איין אָטעם־צוג זײַן פלאַש ביר. אָן אַ זײַ־געזונט פאַרלאָזט ער אויך מײַן טיש און לאַדנט זיך אַליין אײַן אַלס פערטע האַנט צו אַ פּאָקער־שפּיל, וואָס קומט פאָר בײַ די זעקס־פּערזאָניקע טישן אויף דער צפונדיקער זײַט פונם וואַגאָן.

— מילא — טראַכט איך אין פאַרלעגנהייט — האָב איך נישט געפידלט! כ׳וועל זיך נישט איבערנעמען צוליב דער אומפרײַנטלעכקייט פון עפּעס אַ

מרוקעוואַטן פאַרשוין, וואָס באַגרייפט נישט די נאָבלקייט פון דער „הכנסת אורחים" אידייע.

דער צוג פליט מיט בליציקער שנעלקייט. קוק איך אַרויס דורכן ברייטן פענצטער און זע אַ ספּעציפישע, פּוילישע פּאַנאָראַמע. דערפער, וועלדלעך, באַן־בודקעס, צעאַקערטע פעלדער, פריש אַרויסגשפּראָצטער גרין און אַן אַ שיעור קוימענס; געוואַלדיק הויכע ווי צום הימל גרייכנדיקע קוימענס. אויפריכטיק געזאָגט בין איך קיינמאָל נישט געווען קיין ספּעץ אין דער טאָפּאָגראַפיע פון פּוילן־לאַנד. און איך דערקען ערלעך נישט דעם אונטערשיד אין אויסזען פונם אינדוסטריאַליזירטן זאַגלעמביער געגנט דורך וועלכן מיר פאָרן איצער דורך — ביז צו דער מיט פאַבריקן אָנגעפּראַפּטער קיעלצער וואָיעוואודסטווע.

אָבער אינטערעסאַנט איז, אַז כאָטש איך בין אויף דער דאָזיקער ליניע נישט געפאָרן צו אָפט — האָב איך דאָך אַן אומדערקלערטן נאָענטקייט געפיל, ווי איך וואָלט דאָך עפּעס געהאַט אַ מיסטעריעזן צוזאַמענהאַנג מיט די אַלע דורכלויפנדיקע שטעט און שטעטלעך.

* * *

פּיעטריקואוו! די שטאָט וואו דער דף־היומי אידעאָלאָג ר׳ מאיר שאַפּיראָ זצ"ל איז געווען מרא דאתרא. די עיר ואם בישראל, וואָס האָט מיט טויזנטער חנען אַרונטערגעשיינט פון הונדערטער, טויזנטער שער־בלעטלעך פון אידישע ספרים. די פאָלקלאָרישע „נוטריקון", וועלכע מיר פלעגן אַלס חדר־אינגלעך פאַנטאַזיאָריש צוצונעמען אות ביי אות און עס שפּילעוודיק אויסטייטשן אינם פאָלקס זאָג: „פּיעטריקאָווער אידן, עסן, טרינקען, קויפן אַלץ וואָלוול!"

* * *

דאָמבראָווע! די שטאָט, וואָס האָט אַפילו אין אָנבליק פון „בלוטיקן מיטוואָך" אַרויסגעוויזן לאַמעדוואָווישע מידות. דערהויבן זיך די פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלטן פון די ראובן גלאַזענמאַנס ז"ל (לעכטציערס), די ישראלקע עדעליסטס הי"ד (דעם טאָראָנטער בוטשערס עדעליסטס אַ ברודער), די בערל רעכטס, די משה אייזענמאַנס. אַ פלעיאַדע פון פּאַרצייטישדיקע יראים ושלמים. די מרדכי לייב מיאָדאָוניקעס, די שלמה יוספּס סאַנאַליס! נצחיותדיקע, סימבאָלישע טיפּן פון דערהאַבנסטן קאַליבער קידוש־השם אידן.

שטייט אַ צעפלאַטערטער ר׳ משה בעריש גוטפריינט בשעת דער אויסזידלונג אין מיטן מאַרק און אָרגאַניזירט אונטער דער דייטשישער נאָז אַ דבקותדיק ריקודל מיט דער מעלאָדיע פון „הנה מה טוב ומה נעים".

טויכן אויף די מאַרטירערישע געשטאַלטן פון די ערשטע קרבנות, וואָס זענען געקעפּט געוואָרן קומענדיק בלויז טיילווייז צו קבר־ישראל (נאָר די קערפּערס, די קעפּ האָט מען ערגעץ־וואו אין אַ וואַסער אַריינגעוואָרפן). לייזער דאַפּניס אַ זון פון דאָמבראָווע, זיין איידעם, דעם זאָמבקאָוויצער שוחטס זון,

ר׳ מרדכי לעווענבערג, וועמענס שוואַנגערע פרוי האָט אַרויסגעוויזן אומבאַ־שרייבלעכן העראָאיזם אין אָנבליק פון דער טראַגעדיע און געהאַט כוח דעם ניי־געבוירענעם זון אַ נאָמען צו געבן נאָכן דערהרגעטן טאַטן, אומקומענדיק אַ ביסל שפּעטער, צוזאַמען מיטן עופעלע אויף אַ נישט וויניקער שוידערלעכן אופן.

לייכטן אויף די דאָמבראָווער אידישע פאָלקס־פּאַטריאָטן און מסירת־נפשדיקע שתדלנים: בערלינער און שוועד, וועלכע האָבן דאָס לעבן ריזיקירט ביים ראַטעווען אידן, אָנהאַלטנדיק אין די שווערסטע נסיונותדיקע מאָמענטן די גאָלדענע טראַדיציע פון „ישראל ערבים זה בזה״.

✶ ✶ ✶

בענדין! די אַריסטאָקראַטקע פון אידישע מעשים טובים. די שטאָט אין וועלכער עס פלעגט דערשיינען דאָס התעוררותדיקע אידישע וואָכנבלאַט „אונדזער רוף״. הונדערטער אידן האָבן פירסטנבערגס פאַבריקן באַזאָרגט מיט פּרנסה. אַ קאָלירפולער אידישער פילאַנטראָפּ, וועמענס איידעלע אַמביציע איז געווען: דאָס אויפבויען פון אידישע אינסטיטוציעס „למען תינוקות של בית־רבן״ (יבנה גימנאַזיום אין בענדין, יתומים הויז אין דאָמבראָווע).

✶ ✶ ✶

טשענסטאָכאָוו! שימערירט אויף אין מיין געדעכעניש די געוועזענע קהילה קדושה, וואָס איז אַריין אין היכל פון אידישן מסירת נפש און העראָ־איזם מיט זייער געוואַגטקייט פון הצלת־נפשות (4000 אידן האָבן זיך געראַ־טעוועט אין „האַסאַג״ לאַגער) בונט און נקמה קעגן די נאַצישע באַרבאַרן, וועלכע עס האָבן אַרויסגעוויזן די אויפשטענדלער פון געטאָ און לאַגער אונ־טערגרונט.

✶ ✶ ✶

סאָסנאָווצע! דאָס זיץ־אָרט פון ראַדאָמסקער רבין הי״ד, וועלכער איז אין טלית מיט דער עטרה איבערן קאָפּ דערשאָסן געוואָרן אין וואַרשע. דאָ האָט זיך געפונען די צענטראַלע „כתר תורה ישיבה״, דער קיבוץ גבוה און וועלכן מען האָט יומם ולילה געלערנט תורה לשמה. היינט איז דאָ אַפילו קיין דרדקי־חדר נישט פאַראַן. דעם רבינס הויז אויף עק „מאָדזשעיעווסקאַ״ און „טאַר־גאָוואַ״ שטייט אַן אָפּגעלאָזנס און אַ פאַרשעמטס.

דאָ אין רבינס געוועזענעם בנין האָט „מאַניעק־מאַרין״ מיט דער „פּאַני טשאַרנאַ״ געפירט זיין „יודענראַטישע מלוכה״ איבער די זאַגלעמביער שטעט און שטעטלעך, וועלכע זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן צום „דריטן רייך״.

פונקט ווי רומקאָווסקי אין לאָדזשער געטאָ, האָט ער געפירט און פאַר־פירט „ביד־חזקה״, אַרומפאַרנדיק שוויצעריש אין זיין אויטאָמאָביל און אַ באַרוישטער פון זיין „גרויסקייט־מאַניע״ — איז ער געווען שטאָלץ פון זיין „עולה לגדולה״ זיין (פון אַ וואַיאַזשאָר און מינדערוויכטיקן ספּאָרט־פענדל טרעגער פאַר פוטבאָל מאַנשאַפטן) צו דער פּאָזיציע פון „דער עלטסטער דער יודען״ אין זאַגלעמביע.

✶ ✶ ✶

לויפט דער צוג מיט שווינדלענדיקער שנעלקייט. פליען זכרונות פון צעשטערטע אידישע ימים־טובים, פון געשענדעטע אידישע הייליקטימער און אויסגעפליקטן אידישן עבר.

דאָ אין סאָסנאָוויץ, וואָס איז באַלד נאָכן אַריינמאַרש פון די היטלער־חילות אָנגעשלאָסן געוואָרן אין „דריטן רייך" — האָבן די אידן מאָמענטאַל (נאָך פריער פאַרן גענעראַל גאָווערנמענט) דערפילט די חיהשע לאַפּעס פון דעם דייטשישן מאָרד־מאַשין. באַלד אין ערשטן שמחת־תורה פון ניין־און־דרייסיקסטן יאָר איז אַ געכאַפּטער טראַנספּאָרט אָװעקגעשיקט געוואָרן אין די לאַגערן אַריין צו שקלאַפישע אַרבעט ביים בוי פון אויטאָסטראַדעס.

✶ ✶ ✶

קאַטאָוויץ! פוילנס פאַרמלחמהדיק פענצטער צו דער מערב־וועלט. דאָ האָט שוין נאָך פאַרן קריג געשמעקט מיט דייטשישקייט. דורך דאַנען זענען דאָס אומאויפהערלעך דורכגעפאָרן די פאַרקראַטעוועטע לאַסט־וואַגאָנען מיט „יודן־פראַכט" קיין אוישוויץ. אין 1945 איז דאָ געווען שטאַרק טעטיק די „בריחה" (אָרגאַניזאַציע פון דער אומלעגאַלער עליה קיין ישראל) פירנדיק אידן אויף קאָנספּיראַטיוון אָרט קיין בראַטיסלאַוואַ, טשעכאָסלאָוואַקיע, פון־וואַנען זיי זענען אָוועק צו די מעפּילים שיפן. היינט זענען נאָר סימבאָלישע שפורן געבליבן פון אַן אַמאָליקן, איינגעפונדעוועטן אידישן ישוב.

✶ ✶ ✶

פערציק קילאָמעטער אָוועק פון דאַנען געפינט זיך דאָס רויכערנדיקע גלייוויץ.

אין וואַגאָן איז נאָר איצט געבליבן אַ געציילטע פאָר מענטשן. די מערסטע פּאַסאַזשירן זענען אויסגעשטיגן אין קאַטאָוויץ. זיץ איך מיט אַ געפיל פון דערוואַרטונג און קוק דורכן פענצטער, ווי מיר דערנעענטערן זיך צום ענד־ציל פון דער רייזע. שוין לאַנג נישט געזען אַזויפיל אָנגעהויפטע בערג מיט קוילן ליגן צווישן רעלסן, אויף וואָקזאַלן, אין דערנעבנדיקע פעלדער. נישט בחינם שמעקט עס נישט די „גוטע", „פּאַציפיסטישע" דייטשן פון דער היינ־טיקער באָן־רעגירונג, וואָס אַזעלכע געוואַלדיקע קוילן־רייכע, אינדוסטריעלע געגנטן, זענען אויף דער „יאַלטאַ קאָנפערענץ" אָנערקענט געוואָרן אַלס פּוי־לישע טעריטאָריע; און אַלס אַזעלכע איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער פּוילישער רעפּובליקס מערב גרענעצן.

— מער ווי סטראַשען קענען זיי אָבער נישט — דערקלערט מיר הער מיכאַל (אַ גלייוויצער איפּעריקער „סטעמפּ־קאָלעקטאָר", וועמען איך פאַר־שפּרעך אָנצוהאַלטן קאָרעספּאָנדענץ פון קאַנאַדע לשם מאַרקעס־זאַמלעריי) — בשעת מיר פאָרן אַריין אין גלייוויצער וואָקזאַל. זיי וועלן מער נישט וואַגן, די שמוציקע פּאַשיסטן, זיך צו פאַרטשעפּען מיטן כוח פון פּראָלעטאַריאַט!

3.

אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונגס צאָל פון איבער הונדערט און צוואַנ־ציק טויזנט איינוואוינער אין גליוויץ, איז דער אידישער אַנטייל אַ מינימאַ־לער — בלויז זעקס הונדערט פאַמיליעס. מערסטנס זענען עס רעפּאַטריאַנטן משפחות פון רוסלאַנד, וואָס האָבן נאָכן צוריקקומען פון ראַטנפאַרבאַנד צוליב פאַרשידענע סיבות, באַשלאָסן דווקא דאָ, אין דער עקס־דייטשער שטאָט אויפצושטעלן זייערע געצעלטן.

אָבער ס׳איז נישט געפערלעך.

מיר אידן האָבן זיך קיינמאָל נישט צופיל גערעכנט מיט קוואַנטיטעט.

— די הויפּט־זאַך איז קוואַליטעט. און „איכות״ פעלט ברוך השם נישט ביי די גליוויצער אידן — זעלבסטפאַרשטענדלעך לויטן זאָג: „יפתח בדורו כשמואל בדורו״. פאַראַן אַפילו אַ אידישער ראַטמאַן אין גליוויצער שטאָט־ראַט, וואָס איז גלייכצייטיק אַ באַוואוסטזיניקער איד און האָט אָפּגעטיילט אַ ספּעציעל פּראָמינענטן פּלאַץ אין זיין אַפּאַרטמענט־סאַלאָן פאַר אידישע ביכער פון מאָסקווער פאַרלאַג.

אין צייכן פון פריינטשאַפט און אָנערקענונג פון ערנסטע שמועסן (אַזוי לויטעט דער צושריפט), האָב איך טאַקע פון אים באַקומען אַזאַ „יקר המציאות״, וועלכעס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער סאָוויעטישער הויפּט־שטאָט אין 1950; אַלס קינסטלערישע ליטעראַטור, צונויפגעשטעלט דורך אַהרן ווערגעליס, און פאַרטרעטירט דורך מ. גארשמאַנען. דאָס קנאָפּע פיר הונדערט זייטלדיקע בוך אין ווייסע טאָוולען מיט גליישטע גאָלדענע אותיות אויפן רוקן, איז אַ עלף קאַפּיטלדיקע זאַמלונג פון שלום־עליכמס אויסדער־ווילטע שריפטן און מאָנאָלאָגן אַרויסגעגעבן אין אַ טיראַזש פון דרייסיק טויזנט ביכער.

אויף וויפיל אַ גאַסט אויף אַ ווייל קען באַמערקן, געהערן צו דער שטאָ־טישער „עליטע״ אַ סך אידישע אינטעלעקטואַלן, וואָס פאַרנעמען זייער פאַר־אַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס אין אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. פאַראַן אין גליוויץ אידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן און — „קאָפּע־הויז־זיצערס״, וועלכע זיצן לויטן אַלטן אייראָפּעאישן שטייגער איבער אַ „האַלב־שוואַרצע״, זענען מעלה־גרה אַלטע, אויסגעדראָשענע וויצן פון פּאָניאַטאָווסקיס צייטן, קרעכצן אויף די אייגענע פאַרלוירענע טאַלאַנטן, וואָס זענען „נעבעך״ פאַרוויאַנעט געוואָרן און זיפצן מעלאָדראַמאַטיש אויף „ריזן געלעגנהייטן״, וואָס זענען נישט אויסגענוצט געוואָרן.

ווייס איך נישט צי די דאָזיקע שורות וועלן דערגיין צו מיינע אויבנ־אויסגערעכנטע כאַראַקטערן, אָבער יעדנפאַלס גלוסט זיך מיר זיי צו גרוסן פונדערווייטנס, און איבערחזרן שריפטלעך דאָס, וואָס איך האָב זיי געזאָגט מינדלעך:

„טייערע פריינט! טוט זיך אַליין אַ טובה און הערט אויף צו לעבן מיט דער גלאָריע פון דער פאַרגאַנגענהייט. זינט איר זענט אַרויס פון בונקער, צוריקגעקומען פון קאַצעט און סיביר, איז אַנטשטאַנען דאָס וואונדערבאַרע נס פון ווידעראויפגעלעבטן אידנשטאַט. נוצט־זשע אויס די געלעגנהייט, וואָס מען קען נאָך פון פוילן פאַרן קיין מדינת ישראל, בכדי איר זאָלט חלילה שפּעטער נישט האָבן קיין געוויסנס־ביסן, אַז איר האָט זיך אַליין פאַרפירט מיט אַמביציעס און אילוזיעס, וועלכע האָבן קיין האַפט נישט".

דערמאָנט זיך מיר אַן אָוונט אויף דער גאַס פון די געטאָ־גבורים (אוליצאַ באָהאַטעראָוו געטאַ) איינע פון גלייוויצס באַלעבטסטע גאַסן — צוגאַסט ביי אַ אידן, וועלכער איז אַ הויכער באַאַמטער אין דער פוילישער יוסטיץ־מאַשין. אַ איד אַ תלמיד־חכם מיט אַ קלאָרן געדאַנק און איינער פון די פילצאָליקע אַנגעטראָפענע, טראַגישע עקזעמפּליאַרן פון ר׳ יהודה־הלוים: „לבי במזרח ואנכי בסוף מערב".

אָבער וואָס קען ער טאָן, דער דאָזיקער סימפּאַטישער באַאיינדרוקנדיקער דזשענטלמען, אַז זיין פרוי, וועלכע איז אגב זיין קרובה, איז אינגאַנצן אַן אַנ־דערע מענטאַליטעט. וואָס קען ער טאָן, אַז זיין בעסערע העלפט, די „פּאַני מעצענאַסאָווא" איז נאָר אידיש לויטן געבורט — אָבער פאַרמאָגט נישט דאָס מינדעסטע פאַרשטענדעניש פון צוגעהעריקייט צום אידישן פאָלק; ממש ווי די דורכגעלעבטע גרויזאַמקייטן זאָלן האָבן אַטראָפירט אירע נאַציאָנאַלע געפילן.

ביי אַ יום־טובדיק גלעזל משקה (אימפּאָרטירט פון אונגאַרן מיט אַ הכשר פון בודאַפּעסטער ראַבינאַט) זענען מיר געזעסן און זיך צוגעהערט צו דער דיסקוסיע פונם הויכגעוויקסיקן קלוגן יוריסט — מיט אונדזער בשותפותדיקן פריינט, דעם אַנפירער פון אַ גרויסער לאָקאַלער פאַבריקס אונטערנעמונג.

— איך לעב זיך דאָ גאַנץ גוט אויס, אי מאַטעריעל, אי גייסטיק — האָט געטענהט דער ענערגישער, בלאָנדער רעגירונגס פאַרוואַלטער.

— כ׳באַזיץ אַ שיינע דירה (צוויי שלאָפצימער, ליווינג־רום און קוך); טע־לעוויזיע־סעט, אַן אייגענעם אויטאָמאָביל (קליין רוסיש מאָסקוויטשל פון 1955). אין סאָנאַצישן, פאַרמלחמהדיקן פוילן וואָלט איך אין לעבן נישט געוועזן דערגרייכט צו דער מדרגה, וועלכע איך פאַרנעם היינט־צו־טאָג אונטערן איצ־טיקן רעזשים.

— „שוחט שאַכטס מיר די הינער", — האָט דערויף געענטפערט דער טעמפּעראַמענטפולער געריכט־באַאַמטער.

— הער מיר אויף צו דערציילן בבא־מעשיות ווי גוט דו פילסט זיך אין אַלע הינזיכטן. מיך וועסטו דאָך נישט אָפּנאַרן „הער דירעקטאָר"! ווער עס ווייסט נישט, אָבער מיר איז גוט באַקאַנט די היפּאָקריטישע, חניפה ראָל, וואָס דו דאַרפסט נישט איינמאָל שפּילן; דאָס זיין אַלס איד „פויפסטלעכער ווי דער פויפסט", בכדי נושא חן צו זיין אין די אויגן פון דיינע העכערע אינסטאַנצן.

— זאָג מיר נאָר, „גוטער־ברודער", אַזוי פּה אל פּה! דו טײַלסט דאָך יעדעס יאָר אויסצייכענונגען דײַנע אונטערגעאָרדנטע אַרבעטער. וויפיל פון די אידן, וואָס אַרבעטן אין דײַנע אונטערנעמונגען למשל, האָבן שוין טראָץ זייער אויסערגעוויינלעכסטע „סטאַכאַנאָווישקייט" באַקומען פון דיר אַן אַרבעטס־מעדאַל? אַוודאי קיין איינער נישט!

פאַרוואָס? — דאַרפסט מיר נישט דערקלערן — איך ווייס עס ערשט־קלאַסיק. דו האָסט מורא, אַז מען זאָל „גאָט באַהיט" נישט זאָגן: זעסט, דער „זשידאָווסקי" דירעקטאָר טיילט „נאַגראַדעס" זײַנע „זשידקעלעך".

— אמת אַז די היינטיקע גאָמולקאַ רעגירונג טוט אַלץ אין דער וועלט צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם; פּראָפּאַגאַנדירט אומאויפהערלעך פעלקער־ברודער־לעכקייט און קעגנזייטיקע טאָלעראַנץ אַלס מילשטיין צו דער רעאַליזירונג פון סאָציאַליסטישן יושר. אָבער אַ לאַנגע, לאַנגע צייט וועט נאָך דויערן, ביז דער היטלעריסטישער סם וועט אויסגעוואָרצלט ווערן פון די פּוילישע מאַסן, פאַר וועלכע דער לעבנגעבליבענער איד, איז נאָך אַלץ אַ „יודאַש" און „ישו־קרייציקער", וועמען עס איז אַ מצווה עוקר מן השורש צו זײַן.

אַ פּאָר שעה האָט אָנגעהאַלטן דער דאָזיקער פּאָלעמישער דיאַלאָג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אין אָפּשפּיגלען די שטימונגען צווישן דער איצ־טיקער שארית־הפליטה פון פּוילישן אידנטום און דער פּועל יוצא איז גע־וועזן, אַז מען האָט זיך טראָץ דעם קעגנזייטיקן „אַריינזאָגן" הלילה נישט צע־קריגט — נאָר אין קעגנטייל, געטרינקען לחיים פאַר שלום אויף דער וועלט; און פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ישעיהוס „וכתתו חרבותם לאתים וחני־תותיהם למזמרות" (פאַרוואַנדלען די שווערדן אין לאָפּאַטעס; די שפּיזן אין אַקעראײַזנס), וועלכן עס ציטירן איצט פון אינטערנאַציאָנאַלע טריבונעס די העכסט ראַנגיקסטע פירער פון דער וועלט.

דער רוב מנין און רוב בנין פון גליוויצער אידן איז אָבער ווייט פון געהערן צו דער נאָר וואָר פאַרגעשטעלטער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ און אָנפירנדיקער אויבערקלאַס. „עמך, שער און אייזן" איז דער גרעסטער טייל פון די היינטיקע גליוויצער תושבים און מערסטנס פון זייערע פּראָבלעמען דרייען זיך אַרום אַזעלכע „בשר ודמישע" טאָג־טעגלעכקייטן ווי: דאגת־פּרנסה און טײַלווייז אַרום די מעגלעכקייטן פון עליה קיין מדינת ישראל.

קיין פּריוואַטער אַלגעמיינער אָדער אידישער האַנדל עקזיסטירט כמעט נישט און ווערט אויך אָפיציעל נישט דערמוטיקט. דער איינציקער לעגאַלער מסחר, וואָס איז דערלויבט איז: דער פאַרקויף פון די פון אויסלאַנד אַריינגע־שיקטע פּעקלעך פון קרובים. קיינער קען אייך נישט שטערן צום ביישפּיל צו נעמען אייער באַקומען שטיקל מאַנופאַקטור, עלעקטרישן ראַזיר־אַפּאַראַט, אָדער אַנדערן באַקומענעם געגנשטאַנד אָדער ווערטזאַך, און עס אַריינגעבן אין אַ רעגירונגס קאָמיס געשעפט צו פאַרקויפן לויט אייער פאַרלאַנגטן פּרייז.

אַזעלכע מסחרים זענען נישט נאָר דערלויבט, נאָר אַפילו אונטערשטיצט מצד די מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע זעען אין דעם אַ סאָרט פּאָזיטיווע דערשיינונג לטובת דעם וואוילזיין פון דער באַפעלקערונג. ווימלט עס אויף די הויפּט־גאַסן מיט אַזעלכע קאָמערציעלע רעגירונגס געשעפטן וואו די סחורה איז אַריינ־געגעבן פון פּריוואַטע מענטשן עס פּאַר זיי צו פאַרקויפן. אין אָט די קראָמען קענט איר קויפן אַ ציין־בערשטעלע פון האָנג־קאָנג און אַ „דיימאָנד" פון סאַוט־אַפריקע (האָלענדישער און אַפילו אַמעריקאַנער שליף); זון־גלעזער פון מערב דייטשלאַנד, קאָסמעטישע אַרטיקלען פון פּאַריז און אַפילו אַזאַ עקס־טראַוואַגאַנציע ווי: אַ כשרע פושקע קאָנסערוון־פליש פון אַביסיניע (עטיאָפּיע). ספּעציעל וואַרפט זיך אין די אויגן דער גרויסער אויסוואַל פון פאַרשידענע עלעקטרישע מאַשינדלעך ווי: ועסטינגהאַוז מישערס (מיקסערס), עלעקטרישע טיי און קאַווע־טעפּ, קליינע טראַנזיסטאָרדיקע אַמעריקאַנער ראַדיאָס, און אַן אַ שיעור פוטער־מאַנטלען פון אַלערליי קוואַליטעטן. (פּרייזן לויטן ווערט פון אַמעריקאַנער דאָלאַר זענען ממש מציאותדיקע).

אַן אַרט קאָמפּראָמיס דערשיינונג זענען די פאַראַנענע אידישע אַרטעלן און קליינע פאַבריקלעך, מערסטנס אין די אַזוי גערופענע „נאָדל מלאכות", וועלכע אַרבעטן אויף קאָלעקטיוויסטישע יסודות און געניסן אין אַ געוויסער מאָס סוחרישע זעלבסטשטענדיקייט. אומעטום, אין אַלע פאַכן זענען אחינו בני ישראל פאַרטרעטן. איר וועט זיי טרעפן נישט נאָר ביי די קאָמאַשן מאַ־כערישע און שניידערישע ניי־מאַשינען — נאָר אויך אַלס בעמיקער אין די פאַרמאַצעאוטישע פאַבריקן, אַלס שאָפערן אין די גלאָז־הוטעס, אַלס טעכ־ניקער אין די צעמענט מילן און אַפילו אַלס איינפאַכע אַרבעטער אין די שטאָ־טישע אייזן־גיסערייען.

דער יושב־ראש פון דער גלייוויצער קהילה איז דעריבער דער פּאָסיק־סטער רעפּרעזענטאַנט פון אָט דעם האַרעפּאַשנעם עולם אידן, וואָס איז היינט־צו־טאָג פאַראַן אין גלייוויץ; און איז אין דער גרעסטער מערהייט רעגיסטרירט אין דער אידישער גמינע אַלס מיטגלידער פון רעליגיעזן פאַרבאַנד.

אַליין אַ יגיע כפּימניק (קאָמאַשן שטעפּער) שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ מערקווירדיקן טיפּ פון אַ קהילה־פּרעזעס אונטער אַ קאָמוניסטישן רעזשים, וואָס אייניקט אין זיך הונדערט־פּראָצענטיקע לאָיאַליטעט צו די איצטיקע מלוכה־אָרגאַנען מיט טיפער אומדערשיטערלעכער אמונה אין „עול מלכות שמים".

ווען איך שטיי אַזוי מיט אים נאָך מעריב, אין דער גלייוויצער שול און מיר שמועסן (אַנגעלענט אין בעלעמער) ווי כ'וואָלט עס אָנגערופן אויף אַ פוטוריסטישן אופן; אויסמישנדיק פאַרשידענע טעמעס און ענינים וועגן וועלט, אידן און אידישקייט — כאַפּט זיך מיר אַרויס דער מאמר „חסד עשה ה' לישראל שפזרן בין האומות".

שפּרינגט מיין ראש הקהל אויף און מיט די זעלבסט־זיכערע בקיאות פון אַ געוועזענעם ישיבה־בחור מאַכט ער מיר אויפמערקזאַם: מיסטער אייזענשטאַדט,

איר מאַכט אַ טעות! עס שטייט נישט „חסד עשה ה׳ לישראל שפזרן בין האומות״ — נאָר „שהפיצן בין האומות״.

אַן אָריגינעלער יונגערמאַן דער שוואַרץ אויגיקער, איידעלער מנהיג פון דער גלייוויצער עדה אידן, וואָס קוקן צו אים אַרויף מיט ליבשאַפט און רעס־פעקט. (ערגעץ־וואו ביי אונדז אין טאָראָנטע דאַרף זיך געפינען זיינער אַ פעטער מיטן נאָמען ברוך אייזען — מיט וועלכן ער וואָלט זיך זייער געוואָלט שטעלן אין קאָנטאַקט).

— אונדזער פרעזעס האָט אַ געוואַלדיקן טאַלאַנט מוציא צו זיין מכוח אל הפועל — דערקלערט מיר זייטיק אַ איד אין אַ רוסישן קאַשקעט. — איר זאָלט הערן ווי ער לערנט מיט אונדז אַ שטיקל „עין יעקב״, אַ פרשה חומש־רש״י — פשוט אַ מחיה — סמאַטשקעט מיט די ליפּן דער עלטערער איד מיטן גראָען קמץ־בערדל. הייגט־זשע זיינע מאָדזשיצער ניגונים ביי שלוש־סעודות. בנאמנות, „קראַסאַטאַ״.

דער גלייוויצער ראש־הקהל ר׳ שלום פּאָמע־ראַנצענבלום מיט זיין פרוי און קינדער.

און איך ווייס, אַז ער זאָגט דעם אמת.

ר׳ שלום פּאָמעראַנצענבלום איז אַ הייסער איד און אַ בן־קדושים; אַ ווירדיקער יורש פון פּויליש־אידישע, רום־רייכע עסקנות לשם שמים; איינער פון יענע לעצטע מאָהיקאַנער פון ישראל־סבאַדיקן יהדות אויף פּוילישע טערי־טאָריעס, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די הייליקע מיסיע אונטער אַלע אומשטענדן און באַדינגונגען ווייטער צו פלעגן תורה־אידישקייט און טראַדי־ציאָנעל שטייגער לעבן, אַלס אומפּאַרטרעטבאַרן, גייסטיקן אַנהאַלט פאַר די פיל געליטענע, שבעה מדורי גיהנום דורכגעגאַנגענע רעשטלעך פונם אַמאָליקן אַזוי גרויזאַם פאַרניכטעטן פּוילישן אידנטום.

✻

אַ אָוונט אין וואַרשעווער אידישן מלוכה־טעאַטער

ווער זענען היינט צו טאָג די אַנסאַמבל־מיטגלידער אינם אידישן טעאַטער. — קאָמעדיע און טראַגעדיע אין רעפּערטואַר פון דער קאַמינסקי טרופּע. — ווי רעאַגירן נישט־אידישע צושויער בשעת דער אויפפירונג פון אַ חורבן־דראַמע. — איינדרוקן פון בייגעוואוינטע פאָרשטעלונגען.

נישט ווייט פון האָטעל „בריסטאָל" — בערך אַ פינף־מינוטיקער שפּאַצירגאַנג פון דער „קראָקעווער־פּאָרשטאָט" — געפינט זיך די געביידע פונם איינציקן, סטאַבילן, אידישן טעאַטער אין היינטיקן פוילן. (ערגעץ־וואו אין די מער קאָמפּאַקטע אידישע ישובים פון נידערשלעזיע, זאָלן נאָך זיין אַ פּאָר אַמאַטאָרישע דראַם־קרייזן ביי די לאָקאַלע אידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס).

כאָטש אין דרויסן ווינקען נישט קיין „נעאָן" רעקלאַמעס, און מען זעט אַפילו נישט קיין ספּעציעלע איבערשריפט אויפן פראָנט־איינגאַנג, אַז דאָ רעזידירט דאָס קינסטלערישע, אידישע וואָרט — ווייסט דאָך יעדער איינער אַז אינמיטן פון די פּראָמינענטסטע רעגירונגס־געביידעס אויפן געוועזענעם „פּלאַץ פּילסודסקיעגאָ" הויזט דאָס „קאַמינסקי טעאַטער", אויף וועלכן די נאָך אידיש רעדנדיקע וואַרשעווער אידן זענען אויסערגעוויינלעך שטאָלץ.

פיר מאָל אַ וואָך איז דאָס טעאַטער אָפן פאַרן אידישן פּובליקום, וואָס איז אינטערעסירט צו זען אַ אידישע פאָרשטעלונג אין „מאַמע לשון". (די איבעריקע דריי טעג זענען פאַרנומען פון פוילישן נאַציאָנאַלן טעאַטער, וואָס נוצט דעם זעלבן בנין צו שטעלן זיינע אייגענע פּיעסן). באַשיידענע אַפישן ווערן דאָן אַרויסגעהאָנגען אין די באַגלאָזטע פענצטער פאַרן טעאַטער, אַנאָנסירנדיק דעם פּראָגראַם פאַר די נאָענטסטע טעג, לויט וועלכן דער עולם קען זיך אויך אָריענטירן, וועלכע אַקטיאָרן עס באַטייליקן זיך און ווער עס „סטאַרעוועט" אין דער הויפּט־ראָל.

אין אַלגעמיין זעט אויס, אַז אין פוילן איז היינט פאַראַן אַ שטאַרקע טענדענץ צוריקצוהאַלטן און צו באַקעמפן נישט נויטיקע „פּאָמפּע" און האָליוואוד־מעסיקע, שרייענדיקע פּראָפּאַגאַנדע ווען עס האַנדלט זיך וועגן קולטורעל־דערציערישע ענינים, און אַפילו נאַציאָנאַלע ימים־טובים. צוליב דעם זעלבן מאָטיוו — האָט מען מיר אויפגעקלערט — איז היי־יאָר צוריקגערופן געוואָרן אויך דער טראַדיציאָנעלער פאָנען־פּאַראַד און מאַרש דעמאָנסטראַציע לכבוד דעם ערשטן מאַי.

איז טראָץ דעם, וואָס די טעאַטער דירעקציע צעשפּרייט זיך נישט צופיל די הענט מיט פּרסום. אַ חוץ פאַרמעלע מעלדונגען אין דער טעגלעכער פּרעסע, וואָס עס ווערט היינט געשפּילט, זענען דאָך כמעט אַלע בילעטן פון די בעסערע פּלעצער שטענדיק אויספאַרקויפט. עס וועט אייך גאַרנישט העלפן — ווי איך האָב עס אויף דער אייגענער הויט דערפאַרן — אין דער לעצטער מינוט פאַר דער פאַרשטעלונג צו אַפּעלירן צום קאַסע־פענצטערל מען זאָל אין אַכט נעמען אייער טוריסטישן סטאַטוס און אייך אויסנאַמוויז פאַרקויפן אַ בילעט.

— „פּראָשען פּאַנאַ, ניעמאַ״ — (ס׳איז נישטאָ, מיין הער) — קומט אַ העפלעכער, אָבער דעפיניטיווער ענטפער. אין אַזאַ פאַל העלפט נישט קיין „פּראָטעקציע״ און עס איז נוצלאָז צו אַרגומענטירן, אַז איר זענט אַן אויס־לענדישער גאַסט. אַלע אייערע טענות זענען אַ „ברכה לבטלה״. דאָס איינציקע וואָס בלייבט אייך איבער צו טאָן, איז מאַכן אַ קאָמפּראָמיס, און נעמען אַ בײ־לעט... אויף מאָרגן, באַנוגנדיק זיך דערווייל מיטן באַוואונדערן פון דער נאָענט די פּאָרטרעטן פון אַלע אידישע אַרטיסטן (ערשטקלאַסיק רעטושירט), וועלכע הענגען זייער בכבודיק אויף אַלע פיר ווענט פונם טעאַטער־לאָבי, שאַפנדיק אַן אָריגינעלן, דעקאָראַטיוון קוואַדראַט, פון אַלע היינט צו טאָג אין וואַרשע פאַראַנענע אידישע שוישפּילער.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דעם אויבנאָן אויף דער מזרח־וואַנט פאַרנעמט דאָס בילד פון אידאַ קאַמינסקאַ, וואָס איז די אָפיציעלע דירעקטאָרין (ווי רכילותניקעס זאָגן: „דיקטאַטאָרין״) פון טעאַטער אויף איר באַרימטער מוטערס נאָמען. די נאָענטסטע פאָטאָגראַפיעס זענען פון אַזעלכע אַלטע טעאַטער ווע־טעראַנען ווי: אברהם מאָרעווסקי, וועלט באַקאַנט פון זיין ראָלע אַלס „מיראָ־פּאָלער צדיק״ אין אַנסקיס „דיבוק״ (שוין אַ בן־שבעים, אָבער גייט נאָך גלייך). חבל בוזגאַן, וועמען וואַרשעווער געדענקען נאָך אַוודאי פון זיין שפּילן „חבר אָרלאָוו״ אין „סקאַלאַ״־טעאַטער אויף דזשעלנאַ גאַס; מאיר מעלמאַן — פרוי קאַמינסקאַס איצטיקער מאַן, וועלכער פאַרמאָגט אויך אַ היפּשן סטאַזש פון בינע טעטיקייט אין דער אידישער טעאַטער־וועלט.

די רעשט זענען בילדער פון שוין נאָך דער מלחמה אַנטדעקטע טאַלאַנטן ווי: רבקה שילער, פרידע סאַפיר, מאיר גאָלדשמידט, אינאַ טאַפער, און אַנד., צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך אַזעלכע נעמען ווי: סאָפיאַ סקזשעשעווסקאַ, טארו קאָוואַלסקאַ א.אַ. דאָס זענען ווי איר זענט זיך אַוודאי משער נעמען פון אמתדיקע, ריינבלוטיקע פּאָלאַקן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויסצולערנען אַן אימפּאָנירנדיקן, ליטעראַרישן אידיש, בכדי צו קענען מיטשפּילן אינם אַנ־סאַמבל פון אידישן מלוכה־טעאַטער.

קומט לכל הדעות די דאָזיקע נישט־אידישע שוישפּילער אַ גראַטולאַציע פאַר זייער פּערזענלעכן מוט אויסצווויילן אידיש־לשון אַלס זייער קאַריערע און אידיש טעאַטער אַלס זייער פּרנסה־קוואַל... ס׳איז יעדנפאַלס אַ מערקוויר־דיקע דערשיינונג, וועלכע וואָלט אינם אַמאָליקן פּוילן בשום אופן נישט גע־קענט גולד ווערן, און רופט דעריבער אַרויס פאַרשידענע רעפלעקסן.

איר פאַרטראַכט זיך: צי זענען דאָס פּאָזיטיווע סימפּטאָמען פון „אהבת מרדכידיקייט"? אָדער זענען עס גאָר נעגאַטיווע סימנים מצד דער אידישער יוגנט אַליין, אַז זי איז מער אינטערעסירט אין אַנדערע אַמביציעס ווי אין קולטיווירן און קרעפטיקן דאָס אַנעמישע ביסל אידישקייט, וואָס איז נאָך אי־בערגעבליבן אין פּוילן נאָכן גרויסן חורבן?

און דאָס איז נישט דער איינציקער סורפּריז, וואָס איבעראַשט אייך ווען איר קומט צו אַ פאַרשטעלונג אין אידישן טעאַטער אַריין...

שטעלט אייך נאָר ערלעך פאָר, צי איר האָט אַמאָל בכלל געהערט דערויף, אַז אויפן סאַמע חשובסטן אָרט אין דער שטאָט, קעגנאיבער די „עלף טויערן" (אגב נאָר דריי זענען נאָך די באַמבאַרדירונגען איבערגעבליבן), וואו עס געפינט זיך דאָס פאַרערטע קבר פון „אומבאַקאַנטן פּוילישן זעלנער", זאָלן זיך אידן צוזאַמענקומען הערן שלום עליכמס הומאָר אין דער אויפפירונג פון דער „סענדער בלאַנק" קאָמעדיע (דריי אַקטן, פיר בילדער).

ווי לאַנג איז עס דען, ווען פאַר אַ דערקענבאַרן אידן איז געווען לעבנס־געפערלעך אַדורכצוגיין אין דער דאָזיקער געגנט פון „זאַקסישן גאָרטן"?

ווי לאַנג דען איז, ווען ענדעקישע כוליגאַנעס פלעגן דאָ אַרומלויפן און זוכן אידישע פּנימער, פאַרוואַנדלענדיק דעם גאַנצן שטח פון דער „קראָלעווסקאַ" ביז צום אוניווערזיטעט אין אַ געפאַר־זאָנע וואו מען שפּאַלט אידישע קעפּ?

אַ נאָך גרעסערע פאַרוואונדערונג רופט אַרויס דער פאַקט, וואָס פון די אומגעפער פינף הונדערט פלעצער אינם געשמאַק איינגעאָרדנטן טעאַטער, זענען כמעט אַ העלפט שטענדיק פאַרנומען פון פּוילישע באַזוכער, וועלכע קו־מען זייער גערן אין „קאַמינסקי טעאַטער" אַלס ניי־דערוואָרבענע מעלאָמאַנען פון דער אידישער קונסט!

אַיי זיי פאַרשטייען דאָך נישט קיין אידיש? — וועט איר פרעגן. וואָס פאַר אַ הנאה קענען זיי דאַן האָבן פון אַ אידיש גערעדטן טעאַטער־שפּיל?

דאָ קומט שוין צוהילף דער טעכנישער לייטער פונם טעאַטער — יוזעף פּאַסמאַניק — און ליקווידירט אַלע שוועריקייטן דורכן אינסטאַלירן אַ ספּע־ציעלן איבערזעצונגס־סיסטעם פון אידיש צו פּויליש אויפן גרויסוועלטיקן שטייגער, פּונקט ווי אין דער ניו־יאָרקער יו־ען צענטראַלע. אויב עמעצער פונם עולם דענקט, אַז עס איז פאַר אים באַקוועמער נאָכצופאָלגן די געגעבענע פּיעסע אויף פּויליש (און אַזעלכע זענען פאַראַן זייער אַ סך) — באַקומט ער פאַרן מינימאַלן אָפּצאָל פון 3 אָדער 5 זלאָטעס (3 אָדער 5 סענט לויט דער דאָלאַר וואַלוטע) אַרויסגעבאָרגט עקסטראַ אויערן־טרייבלעך, וועלכע ער נעמט מיט זיך מיט צו זיין זיץ־אָרט. דאָרט ביי זיין אייגענער טעאַטער־שטול פאַר־בינדט ער זיך דורך אַן עלעקטרישן קאָנטאַקט מיט אַ קאָמפּעטענטן איבער־זעצער פון „הינטער די קוליסן" און דורך אַ אַראַנזשירטן ראַדיאָ־סיסטעם הערט ער אין פיינסטן פּויליש דעם גאַנצן פאַרלויף פונם סיפור־המעשה, וואָס קומט פאָר אויף דער בינע.

2

צוויי מאָל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען אידאַ קאַמינסקאַ אויפֿ־טרעטן אין דער צייט פֿון מיין צוויי־וואָכיקן פֿאַרברענגען אין פּוילן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי געהערט אַלס רעציטאַטאָרין אין אַ ליטעראַרישן מאָנטאַזש צוזאַמען מיט חבל בוזגאַן און מאיר מעלמאַן, לכבוד דער אָנדענקונג פֿון די געפֿאַלענע געטאָ־אויפֿשטענדלער, ביי דער ספּעציעלער יאָרצייט־אַקאַ־דעמיע אין דער וואַרשעווער פֿילהאַרמאָניע.

מוז איך ליידער זאָגן, אַז נישט נאָר איך אַליין (אַ איד פֿון דער מערב־העמיספּערע) בין נישט געוואָרן באַאיינדרוקט פֿון דעם שאַבלאָנישן דעקלאַמירן וועגן „מסירת־נפֿש" פֿון פֿיר הונדערט פּויערים, וואָס האָבן זיך בעסער גע־לאָזן אויסהרגענען, איידער צו גראָבן קברים פֿאַר „זייערע" שטעטלשע אידן...

נעבן מיר זענען געזעסן אָנגעזעענע, אידישע געזעלשאַפֿטלעכע טוער און האָבן אויך געדרייט מיט די נעז אין פּראָטעסט קעגן דער צונויפֿגעשטוקעווע־טער, פּיקטיוווער פּאָעמע, וועלכע איז ממש געווען אַ חוזקנדיקער פּאַרס, אַרויס־רופֿנדיק בייגעשמאַק.

אַ פּרישע מעשה! האָט צו מיר דאַן געטענהט אַן עלטערער פּראַגער איד. געקומען בין איך מזכיר זיין אונדזערע געטאָ־גבורים, אונדזערע הייליקסטע מאַרטירער. און דאָ אַנשטאָט צו הערן עפּעס אַ טרייסט־וואָרט, עפּעס אַן אויפֿ־מונטערנדיק ליד — אימפּראָוויזירט מען דיר גאָר „תהלות ותשבחות", „סאָ־נאַטעס" פֿאַרן הערֹאָאיזם פֿון די פּוילישע „כלאָפּעס", וואָס האָבן זיך איינפֿאַך „מקריב" געווען ביים ראַטעווען אידן!

אַ סך פֿון איר גלאָריפֿיצירטן פּרעסטיזש, האָט דאַן די אַזוי גערופֿענע „גראַנדיעזע דאַמע" פֿון אידישן טעאַטער דאַמאָלס ביי מיר פֿאַרלוירן...

דאָס צווייטע מאָל דאַקעגן האָב איך די באַרימטע טראַגיקערין געזען אין אַ דראַמע וועגן אידישן חורבן, ווי זי שפּילט אַלס אומגליקלעכע, האַלב וואַנ־זיניקע מאַמע, זוכנדיק איר דערשאָסענעם זון. דאָ, וועל איך זיך אַבסאָלוט גאָרנישט שעמען און מודה זיין, אַ כ׳האָב אַליין געהעשעט ווי אַ קליין קינד אַ טיף־גערירטער פֿונם „קאַמינסקי צויבער", מיט וועלכן זי האָט אַזוי קינסט־לעריש נאַטוראַל און רעאַליסטיש איבערצייגנדיק פּאָרטרעטירט דאָס צעבראָ־כענע געשטאַלט פֿון אַ אידישער מאַמע בימי היטלער...

ש. דיאַמאַנטס פּיעסע: „אין אַ ווינטער נאַכט", אינסצעניזירט פֿון אידאַ קאַמינסקאַ, איז בלי שום ספֿק — אין קעגנזאַץ צו אַלע פֿאַלשע, חניפֿהדיקע מאַכערייקעס — אַ געלונגענע קריטישע אָפּשפּיגלונג פֿון אומברחמנותדיקער האַרצלאָזיקייט מצד דער מערהייט פּוילישער דאָרפֿס־באַפֿעלקערונג, וועלכע האָט זיך איבערהויפּט „נישט צעריסן דעם יאַשטשיק" אויסצובאַהאַלטן זייערע געוועזענע אידישע שכנים. אַפֿילו דער געוויסנספּולער פּאַטריאָט און דייטשן־האַסנדיקן פּאַרטיזאַן „קאַזשימיעזש" צווייפֿלט אויך אין דער אידישער טויג־לעכקייט צום קאַמף.

— „אידן קענען שטאַרבן, אָבער קענען זיך נישט שלאָגן" — עס לוינט זיך דעריבער נישט צו פֿאַרדרייען דעם קאָפּ מיט זיי!..

ערשט די געוואַגטקייט פונם אינגן גראַבאָווצער איד (הענריק גרינבערג טעאַטער־סטודיע), וואָס ליקווידירט אַ דייטשן זשאַנדאַרם אויף דער בריק, עפּענענדיק אַ פרייען וועג פאַר דער אונטערגרונט־טראַנספּאָרטאַציע, איבער־צייגט אים, אַז מען קען דאָך נוצן אידישע בחורים אין פאַרביסענעם געראַנגל מיטן אָקופּאַנט.

עד כאן... דאָ ענדיקט זיך דער „סוזשעט" פונם שפּיל און די געמישטע אוידיענץ פון אידן און פּאָלאַקן שטעלן זיך אויף און פּאַטשן שטורמיש בראַוואָ...

מיין איך חלילה נישט צו זיין סאַרקאַסטיש און אַרויסוויזן אפּיקורסישן צווייפל, צי אַזעלכע פאַרשטעלונגען זענען פון אַ דערציעריש אויפקלערערישן שטאַנדפּונקט איצט נאָך וויכטיק? אָבער שאָדן — דענק איך — קען עס אויך נישט. עס מאַכט נישט אויס, אַז מען דערמאָנט אַמאָל דעם טרויעריקן אמת. פון דער נישט צו לאַנגער פאַרגאַנגענהייט.

די איינציקע זאַך, וואָס איך קען אָבער נישט פאַרגעסן, ווייל עס האָט זיך מיר עפּעס ווי איין ספּעציעלער „מעמענטאָ" איינגעקריצט אין זכרון איז: דער קאָלאָסאַלער אונטערשיד אין פאַרהאַלטן זיך, וועלכן איך האָב באָמערקט ביים אָבסערווירן די געזיכטער פון די אָנוועזנדיקע אין זאַל.

בשעתן שפּילן פון דער סענדער־בלאַנק קאָמעדיע, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט קאָמישע מאָמענטן, האָבן טאַקע אַלע, סיי אידן און סיי פּאָלאַקן געלאַכט אויפן קול, אַמוזירנדיק זיך ערשטקלאַסיק מיט די וויציקע סיטואַציעס. אַנ־דערש האָט שוין אָבער אויסגעזען אין דער טרויעריקער אויפפירונג פון „אין אַ ווינטער נאַכט". די אידן — און צווישן זיי אַ גרעסערע גרופּע אַמעריקאַנער טוריסטן — זענען געזעסן פאַרצערטע, דערשלאָגענע מיט פאַרוויינטע אויגן, און אַ טייל האָבן אַפילו ספּאַזמאַטיש געשלוכצט. דאַקעגן זענען די נישט־אידישע באַזוכער געזעסן שטילע, קאַרעקטע, נאָכפאָלגנדיק מיט אויפמערק־זאַמקייט די שוישפּילערס באַוועגונגען. אָבער, כ'וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ביי קיינעם פון זיי זענען די אויגן־לעפּלעך נישט פייכט געוואָרן פון אַ פאַר־גאַנגענער טרער אויפן אידישן אומגליק...

למען האמת מוז מען יעדנפאַלס אָנערקענען, אַז טראָץ אַלץ און אַלעמען איז דאָס וואַרשעווער אידישע מלוכה־טעאַטער אויפן נאָמען פון אסתר רחל קאַמינסקאַ אַ ווירדיקע, קולטורעלע אינסטיטוציע, וואו מען קען נאָך הערן אַ קינסטלעריש אידיש וואָרט, מיט וועלכן די אין וואַרשע און אין פּראָגע וואוינענדיקע פיר טויזנט אידן זענען זיך מחיה...

איז וואָס פאַר אַ פּאָליטישע השקפות איינער זאָל נישט האָבן, וואָס איינער זאָל נישט דענקען וועגן די אַלגעמיינע אידישע צוקונפט אין פּוילן, מוז ער צוגעבן, אַז עס איז זייער שיין פון די פּוילישע רעגירונגס אינסטאַנצן, וואָס זיי ווייזן אַרויס טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש, געבנדיק אַ פּערמאַנענטן בודזשעט אויסצוהאַלטן די איינציקע אַרטיסטישע טריבונע, וואו דאָס טעאַט־ראַלע אידישע וואָרט קען עפנטלעך און פריי געהערט ווערן דורך אַלעמען.

נאַכט-לעבן אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן

גאַסטראָנאָמישע אַנשטאַלטן און פאַרווײַלונגס-לאָקאַלן. — „פּראָלעטאַרישער" קאַבאַרעט אין וואַרשעס עלטסטן קוואַרטאַל. — אידישע מאָטיוון געשפּילט און געזונגען אויף פּויליש. — אין אַ וואַרשעווער „נאַכט-קלוב" אויפן היסטאָרישן „מקום".

פּינקטלעך צען אַזייגער בײַנאַכט, ווערן די מאַסיווע דעמבענע פּראָנט-טירן פון „בריסטאָל" צוגעשלאָסן און אַ פּאָרטיער אין אַ קאָנסערוואַטיוויער, ברוינער ליבעריע גיט אַכטונג, אַז באַזוכער, געסט און סתם „לאַבי-זיצערס" זאָלן מער נישט קענען אַרײַנקומען אין די באַבראָדלומטע זאַלן פון וואַרשעס אַריסטאָקראַטישן האָטעל.

אויף קראָקעווער פּאַרשטאָט נומער 44-42 איז איצט אָפיציעל נאַכט. נאָר רעגיסטרירטע אײַנוואוינער ווערן מיט העפלעכקייט — און „טיפּ"-דערוואַרטונג — אונטערטעניק באַגריסט פונם אוניפאָרמירטן שומר, וועלכער שטייט אויף זיך נאַכטיקן דיזשור פון רו און אָרדענונג.

כאָטש עס איז היינט צו טאָג שוין פאַראַן אין וואַרשע אַ פּיל מער מאָדערנער און עלעגאַנטערער האָטעל, וואָס איז מיט זײַן אויסערגעוויינלעך לוקסוריעזער אײַנאָרדענונג (האָטעל גראַנד) אַבסאָלוט נישט הינטערשטעליק פון די וועלט-באַקאַנטע, בורזשואַזע „סטאַטלער-הילטאָן" האָטעלן — איז נאָך אָבער דער „בריסטאָל-האָטעל" אַלץ דאָס פּאָווערייזירטע צוזאַמענטרעפונגס-אָרט פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, פּראָפעסיאָנאַלן, אַרטיסטן און שוואַרצע קאַווע ליבהאָבער, וועלכע געדענקען נאָך די פאַרמלחמהדיקע פּראָמינענץ פון דער דאָזיקער געביידע, וואָס איז אגב פון די איינציקע, גאַנץ געבליבענע בנינים אינם דורך די דײַטשן צעטרימערטן וואַרשע.

האָטעל בריסטאָל איז אַ צופעליק אָפּגעראַטעוועטער היסטאָרישער לאַנדמאַרק פון פּוילנס הויפּט-שטאָט, וועלכן די היטלעריסטן האָבן אין זייער אַנטלויפונגס-פּאַניק שוין נישט באַוויזן אויפצורייסן, אויסנוצנדיק ביז צו דער לעצטער מינוט די הויכסופיטיקע, געראַמע צימערן אַלס „אונטערקונפטס-קוואַרטיר" פאַר נאַצישע אָפיצירן פון דער „הערן ראַסע".

היינט, איז דאָס באַרימטע גאַסט־הויז צוריק אַ ציווילע אינסטיטוציע און שטייט אונטער דער דירעקציע פון דער מלוכהשער רייזע געזעלשאַפט „אָרביס״ — פּאַר וועמען ראַסע און קאָליר איז איבערהויפּט נישט אינטערעסאַנט און האָט גאָרנישט צו טאָן מיטן איינאָרדענען פון פאַרשידענע אויסלענדישע טו־ריסטן פון אַלערליי פעלקער און פאַרבן.

פונדעסטוועגן, טראָץ דעם וואָס מיין הויט איז דווקא אַ ווייסע, און מיין נאָז אַ „ריין־אַרישע״ (בין איך דאָך עפּעס עטלעכע יאָר געווען אויף קריסט־לעכע פּאַפּירן), האָב איך דאָך באַקומען אַ שטיקל אַנטיסעמיטיש אַנצוגע־הערעניש, באַגלייט מיט אַזאַ מכלומרשט האַלב־העפלעך, האַלב־ציניש חוזק־געלעכטערל.

געשען איז דאָס באַלד ביי מיין ערשטן אַריינקום אין האָטעל. צוזאַמען מיט מיר זענען ביים איינמעלדונגס־דעסק געשטאַנען אַ בורמעזער, אַ שפּאַניש־רעדנדיקער אַרגענטינער און אַ דייטש־רעדנדיקע פינישע זשורנאַליסטין. גענוי ווי פאַרן קריג מוז אויך איצט יעדער דורכגיין די אַלטמאָדישע פּראָ־צעדור פון איינמעלדן זיך, אָפּגעבנדיק די פּעסער, וועלכע ווערן לעגאַליסטיש דורכגעקוקט אויב אַלץ איז אין אָרדענונג. די דאָזיקע פאָרמאַליטעטן זענען אָבער אַ נאָרמאַלע רוטין און דויערן נישט לאַנג, ספּעציעל נאָך ווען אויפן אָרט אַסיסטירן עטלעכע באַאַמטינס מיט שפּראַכן־קענטעניש פון די פאַרשידנסטע לענדער. איר קענט רעדן יעדעס לשון, מעג עס אַפילו זיין כינעזיש, וועט זיך אויך פון צווישן פּערסאָנאַל געפינען אַן איבערזעצער גרייט זיך אַדורכצורעדן מיט אייך און דערליידיקן אייערע ענינים.

ווען מיין ריי איז אָנגעקומען, האָב איך נישט אָן שטאָלץ אַרויסגענומען מיין קאַנאַדישן פּאַס, רעדנדיק נאַטירלעך בשעת מעשה ענגליש — ווי אַ בירגער פון דער דאָמיניאָן דאַרף עס טאָן. פּאַר אַ ווײַלע האָט די מונדירטע אַדמיניסטראַטאָרין זיך מיט מיר זייער דרך ארצדיק דורכגעשמועסט אין דער „קעניגינס־שפּראַך״. אָבער מיטאַמאָל בלעטערנדיק מיין פּאַספּאָרט האָט זי באַמערקט, אַז מיין נאָמען איז אייזענשטאַדט און איך בין געבוירן אין סאָנ־דאָמיעזש.

אַ ספּעציפיש שמייכעלע האָט זיך דאַן באַוויזן אויף אירע אָנגעשמינקטע ליפּעלעך און אויסדרייענדיק זיך צו אירע חברטאָרינס אין צימער, האָט זי בקול־רם גיפטיק אַרויסגעשאָסן, אַקצענטירנדיק בכוונה די „רישן״ מיטן באַ־רימטן נאָכקרימערישן ניגונדל:

— דער העררר אייזענשטאַדט איז אַן אייגענעררר! ער שטאַמט פון דער לאָדזשער גובעררניע!

איך האָב זיך אָבער נישט פאַרלוירן און — נישט לאָזנדיק זיך פּראָוואָ־

צירן — מיט קאַלטבלוטיקייט איבערגעפּרעגט צי זי קען מיר איבערזעצן אויף ענגליש דעם גוטן, צווידייטיקן וויץ, וועלכע זי האָט אַוודאי נאָר וואָס דער־ציילט אירע כיכיקענדיקע „קאָלעזשאַנקעס״.

* * *

עס וואָלט אָבער נישט געווען אַנשטענדיק דעם פּאַראיינצלטן אינצידענט אָנצונעמען אַלס אַלגעמיינעם אילוסטרירנדיקן פאַקטאָר פון דיסקרימינאַציע קעגן אידישע האָטעל־געסט אין איצטיקן פּוילן. דער אויבנדערמאָנטער עפּיזאָד איז גיכער אַ ספּאָנטאַנער, אינדיווידועלער אַרויסטריט פון אַ כראָנישן שונא־ישראל, וואָס וועט פון זיין פּאַסקודנער מחלה זיך שוין קיינמאָל מער נישט אויסהיילן און פון צייט צו צייט רייסט זיך דער געמיינער אידנהאַס פון אים אַרויס בגוואַלט...

בדרך הכלל, ווערן אידן ווי אַמבעסטן באַהאַנדלט אין אַלע מלוכהשע האָ־טעלן. ווער שמועסט נאָך ווען עס קומט אַ גרעסערע, אָרגאַניזירטע טוריסטן גרופּע פון אַמעריקע, אָדער וועלכע עס איז אויסלענדישע אידיש דעלעגאַציע, טראָגט מען זיי ממש אַנטקעגן ס׳טעלערל פון הימל.

אידישע אָדלער־נעז, שוואַרץ־אויגיקע אידישע געזיכטער, ביים רעדן זשעסטיקולירנדיקע „עמך״ — זענען לכל הדעות וועלקאָמען אין היינטיקן פּוילנס גאַסטראָנאָמישע אַנשטאַלטן, באַזונדערס נאָך, ווען זיי באַצאָלן פאַר זייער אויפהאַלט מיט די גרינע דאָלאַרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמע־ריקע. עס איז גאָרנישט קיין זעלטענקייט אָנצוטרעפן אונדזערע אויסגעאַרבעטע אידן פון דער ניו־יאָרקער „איסט־סייד״ (אויפן וועג דורך מאָסקווע קיין תל־אָביב) אַרומשפּאַצירן אין די פלושענע חדרים פונם „בריסטאָל״ און טומלען אומגעשטערט טאַקע אויף פּשוטן אידיש וועגן „באַנדלעך״, „פּיסוואַרק״, סאָ־ציאַליזם וכדומה.

יאָ, אינם פּריצישן „בריסטאָל״, אינם עלעגאַנטן „גראַנד האָטעל״, אינם פּאָפּולערן „פּאָלאָניאַ״־האָטעל — וואו עס איז מסתמא אין פאַרמלחמהדיקן, סאַנאַציישן פּוילן גילטיק געווען די לאָזונג: „אידן און הינט — איינטריט פאַר־באָטן״ — שטייען איצט אידן איין פראַנק און פריי און רעדן (נישט פליסטערן) מאַמע לשון און עברית (אומצייליקע ישראל דעלעגאַציעס) צו זייער אייגענע באַקוועמלעכקייט און צו דער צעפּיקעניש פון די פאַרקאָנספּירירטע אידנ־פיינט, וואָס פּלאַצן פון גרימעניש, אָבער מוזן אָפיציעל שמייכלען פאַרן וואויל־זיין פון האָטעלס גוטן נאָמען און צוליב דער מורא נישט געסטעמפּלט צו ווערן אַלס רעאַקציאָנערער אַנטיסעמיט.

* * *

איינע פון די באַזונדערע אַטראַקציעס פאַר די אין פּוילן געבוירענע און ספּעציעל נאָך וואַרשעווער איז: דאָס באַזוכן די פּאַרצייטיקע היסטאָרישע אַלטשטאָט מיטן מאַרק, וועלכער איז צוריק רעקאָנסטרואירט געוואָרן הויז ביי הויז, גענוי ווי עס האָט אַמאָל אויסגעזען פאַר דער מלחמה.

דאָ, אויפן קוואַדראַטיקן מאַרק־פּלאַץ מיט די שאָטנדיקע, אַלטסטילעקע לאַמטערנעס, קאָנט איר נאָך טרעפן וואַרשעס איינצלנע „דראָשקאַזשעס״ (אַן אַמאָליקער קאָלירפולער צווייג פון אידישער פּרנסה), ווי זיי זיצן אויף די „קאָזלעס״ און וואַרטן אויף ראָמאַנטישע פּאַסאַזשירן, וואָס ווילן זיך איבער־פאָרן אין די לאַבירינטישע געסלעך פונם „מקום״. דאָ, געפינט זיך אויך וואַר־שעס אָריגינעלסטער נאַכט־לאָקאַל: „פּאָד־פּאָדראַשעם״, „אונטערן דעכל״ (פּאַרן קריג האָט דער זעלבער פּאַרוויילונגס לאָקאַל געהייסן: „פּאָד קזשיוואָן לאַטאַר־ניאָן״), וואוהין מיינע צופעליק דערוואָרבענע גוטע־פריינט, וואָרעמע אידן, וואָס באַגייסטערן זיך נאָך אַלץ מיט אַ חסידישן „וטהר לבנו״ — כאָטש זייערע פּסעוודאָנימישע נעמען ענדיקן זיך שוין מיט אַ וואוילקלינגענדיקן „סקי״ — האָבן מיך אַרויסגענומען, וועלנדיק מיר באַווייזן עפּעס מערקווירדיקערעס, וואָס איז אין קעגנזאַץ צו די שאַבלאָנישע נאַכט־פּאַרוויילונגען אין „בריסטאָל״ — אַ סך אינטערעסאַנטער און שטימונגספולער.

און ווידעראַמאָל קומט מיר אויפן געדאַנק דער טיפזיניקער, פילאָזאָ־פישער לערער מיינער, פּראָפעסאָר לימאַנד הי״ד, וועלכער האָט מיך אַלס תלמיד פון אידישן מלוכה סעמינאַר אין וואַרשע אַמאָל אינטערוויואירט, צי איך בין פעאיק אָנגענומען צו ווערן אין דער שולעס דראַמאַטישן קרייז:

— זאָג מיר דריי מאָל נישט מער ווי: „דאָס ציגלנע הויז״! — איז דאָן געווען זיין עקזאַמינירנדיקע פראַגע.

— ביים ערשטן מאָל זאָגסטו עס ווען אַ תפיסה. ביים צווייטן מאָל זאָגסטו עס ווען אַ פּאַרוויילונגס־פּלאַץ. ביים דריטן מאָל זאָגסטו עס, נאָכן זיין פאַר־בלאָנדזשעט אין אַ דזשאָנגל פאַר לאַנגע יאָרן; אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגע־שליסענער, און מיטאַמאָל — שוין אויפגעבענדיק יעטוועדע האָפענונג ווען עס צוריק אָנצוטרעפן אויף ציוויליזאַציע — דערזעסטו פּלוצלינג „דאָס ציגלנע הויז״!

* * *

קען זיין, אַז איך בין אפשר נישט אָביעקטיוו. קען זיין, אַז איך בין מעגלעך צוריקגעשטאַנען אין „גוטע זיטן און שיינע מאַניערן״ און כ׳האָב נישט קיין געשמאַק פאַר דעקאָראַציע און קלאַסישע אַטמאָספער.

בשעת איך בין געזעסן אין דער געזעלשאַפט פון מיינע אינטעלעקטועלע באַקאַנטע אונטער די געוועלבטע, האַלב־רונדיקע, רויט ציגלנע קעלער־סופיטן פונם „פּאָד־פּאָדראַשעם״ און געהערט די עלעגישע לידער ווען: „דער אידי־

שער מאַמען", „בעלז" און די קליינשטעטלדיקע „רעבעקאַ" — האָט זיך מיר אַבסאָלוט גאָרנישט געפילט ווי כ'זיץ אין אַן אונטערהאַלטונגס־לאָקאַל.

נאָך איבער פופצן יאָר זיין אַוועק האָבן די נאָסטאַלגישע מעלאָדיעס אין מיינע אויערן געקלונגען ווי אַבלדיקע קדיש־מאָטיוון נאָך אַן אויסגעשאָכטן, אומפאַרגעסלעך אידיש פוילן.

אין מיינע אויגן האָט די מאַסיווע, רויט־ציגלדיקע סטרוקטור פונם „נאַכט־קלוב" אויסגעזען טורמע־מעסיק! מיין געדאַנק האָט זיך עפּעס נישט געקאָנט באַפרייען פון אַ פּיינלעך געפיל, אַז אַזוי האָבן אַוודאי געמוזט אויס־זען די אינקוויזיציע קעלערן אין שפּאַניע. אַזאַ אומגעפער רויען, רויטן אָנ־בליק האָבן אַוודאי אויך געהאַט די קעלערן פון דער געסטאַפּאָ אויף אַלעיאַ שוכאַ.

האָב איך דעריבער נישט געהאַט קיין געדולד און שטימונג אויסצוהערן דעם טיף אין דער נאַכט אַריין זיך ציענדיקן קאַבאַרעט־פּראָגראַם. און ווען אַ לירישער קוואַרטעט (אין אַמאָליקן „כור דאַנאַ" סטיל) האָט אָנגעהויבן זינגען וועגן אַ מאַטראָז'ס אומגליקלעכע ליבע — האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט, באַ־צאָלט דעם רעכענונג, געוואונטשן אַ גוטע נאַכט אונדזערע לוסטיקע שכנים פון דער וואַרשעווער רומענישער אַמבאַסאַדע, און דיסקרעט זיך אַרויסגע־שלייכט אויף דער גאַס.

אינדרויסן האָט געטריפט אַ דראָבנע רעגנדל. פון דער נאָענט־ליגנדיקער ווייסל האָט אומעטיק געפייפט אַ ווינט — בשעת מיינע באַגלייטער האָבן מיך דורך דעם „פרעטע" געסל צוריק אָפּגעפירט אין האָטעל אַריין.

צווייטע טייל

טיפּן און געשטאַלטן פון אָנגעטראָפּענע אידן

געשטאַלטן פון איצטיקע פּוילישע אידן און זייערע אַדורכ־געמאַכטע ענויים. — טאַטע־מאַמעס זאָרגן אָנצוהאַלטן דעם אידישן שטאַם. — קאָנסעקווענצן פון אַ טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט. — אידן רעדן זיך אַראָפּ פון האַרצן.

פאָרוואָרט

אינם פאָרוואָרט פונם איצטיקן צווייטן טייל בוך האַלט איך פאַר וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז די נאָכפאָלגנדיקע גאַלעריע פּראָפילן איז נישט קיין פיקטיווע אויסטראַכטעניש פון מחבר.

אַזוי האָב איך געזען די אָנגעטראָפענע אידן פון היינטיקן פוילן און דאָס זענען די פאַרצייכענונגען וועגן מיינע געשפּרעכן מיט זיי, וועלכע זענען פאָרגעקומען ביי כלערליי געלעגנהייטן און אומשטענדן. מיינע „טיפּן און געשטאַלטן" זענען עכטע, לעבעדיקע אידן פון היינטיקן פוילן, וואָס איך האָב אויף פאַרשידענע אופנים אינטערוויואירט אָנהויבנדיק אין אַ טעאַטער־לאָבי, בשעת אַ מאַסן־אַקאַדעמיע, אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ וואַרטע־זאַל — וואו אַ שמועס איז געוויינלעך באַגרענעצט און בחפזונדיק — און ענדיקנדיק אין אַ מער פּריוואַטער, אינטימערע געזעלשאַפט אַלס איינגעלאַדענער גאַסט ביי אַ גלעזל טיי, וואו די אַטמאָספערע איז אַ סך מער אַנטשפּרעכנדיקער, די מענטשן צוגעלאָזענער און ממילא רעדט זיך אי פרייער און אי מער אַריינדרינגנדיקער אין דער טיפקייט פון די באַרירטע פּראָבלעמען.

די איינציקע פרייהייט, וואָס איך האָב זיך נאָר דערלויבט איז: דאָס ענדערן, האַלבירן און טיילמאָל אַפילו אינגאַנצן איבערטוישן די נעמען און אַדרעסן פון די געגעבענע פּערזאָנען, בכדי זיי נישט צו שטעלן אין פאַרלעגנהייט מיטן מפרסם זיין אין דער עפנטלעכקייט זייערע דורכגעמאַכטע ליידן און פּיין.

ס'איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך, אַז די מערסטע מענטשן, וועלכע האָבן מיט מיר זייער גערן גערעדט פאַר שטונדן־לאַנג און געדולדיק, מיט סבלנות, מיר איבערגעגעבן די אויסטערלישע פאַקטן פונם מאוימדיקן עבר, אָפּשטעלנדיק זיך אויף די קלענסטע דעטאַלן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט, אַז דער מינדעסטער פּרט זאָל נישט פאַרלוירן גיין — האָבן דאָך צום סוף מיך געבעטן אין פאַל פון באַשרייבן אונזערע צוזאַמענטרעפן, נישט צו דערמאָנען קיין אידענטיפיצירנדיקע איינצלהייטן...

טו איך צוליב מיינע נייע באַקאַנטע און האַלט די הבטחה פון אָנווענדן קיינמאָל נישט קאַליע־מאַכנדיקער דיסקרעציע אַ דאַנק וועלכן זיי פאַרבלייבן אומדערקענבאַר — אויסער אפשר צו דער אוממיטלבאַרער, גאָר נאָענטער סביבה זייערער.

דער אינטעלעקטואַל פון ווילנע; דער געוועזענער פּאָליטישער אַרעסטירטער פון כעלם; דער טאַקסי־דרייווער פון וואַרשע; דער אַנטוישטער פון גאַליציע; דער ספּעקולאַנט פון דער געגנטע גאָס; די וואַרטנדיקע מענטשן־מאַסע

אין ישראל־קאָנסולאַט; און די דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ אונטער פּאָלאָני־זירטע נעמען — זענען פֿאַר מיר אַלע (כאָטש פאָרגעשטעלט „אינקאָגניטאָ”) טײַערע, אומפּאַרגעסבאַרע אחינו בני ישראל, סימבאָלן פון מוט און אויסדויער, אַ דאַנק װעלכן ס׳איז זײ געלונגען איבערצולעבן די פּאַרטיליקונגס עפּאָכע.

באַמי איך זיך, אויף װיפיל עס איז מעגלעך אין סקיצירטע פּאָרטרעטן, זײ צו שילדערן, איבערדערצײלן װאָס זײ זאָגן, טראַכטן, שטרעבן און האָפן — און בין זיכער, אַז פון די קומענדיקע קאַפּיטלעך װעט זיך שאַפן אַ שטיקל בילד װעגן אַלגעמײנעם מצב פון די פּאַרשידנאַרטיקע שיכטן פון דער איצטיקער אידישער באַפעלקערונג אין הײַנטיקן פּוילן.

—דער מחבר

דער פענסיאָנירטער דירעקטאָר

אויסערלעך זעט ער איבערהויפּט נישט אויס ווי עמיצער, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג צוריק נאָך פאַרנומען אַזאַ הויכע, לייטנדיקע פּאָזיציע אין דער צעראַמיק אינדוסטריע, וועלכע איז איינע פון די וויכטיקסטע ביישטייע־רינס צו פּוילנס אויסלענדישן עקספּאָרט.

זיין קיילעכדיק, גוטמוטיק געזיכט מיט די גוטע, גרויסע אויסדרוקספולע אויגן, פאַרמאָגן לגמרי נישט יענע פאַרביסענע פאַריסנקייט, וועלכע איז גע־וויינלעך די ערשטע כאַראַקטעריסטיק פון אַ פּראָפעסיאָנעלן „נאַטשאַלניק״. אַנשטאָט אויפגעבלאָזענע, דירעקטאָרישע שטרענגקייט און איינגערעדטע גאווה, ווייעט פון דעם מענטשן מיט אַזויפיל נאַטירלעכע פריינטלעכקייט, מיט אַזויפיל צוגעלאָזנקייט און פשטות, אַז אינסטינקטיוו באַקומט איר צו אים עפּעס אַזאַ אומבאַגרענעצטן צוטרוי.

איר דערפילט, אַז איר האָט זיך אָנגעשטויסן אין איינעם פון יענע ווערט־פולע יחידים, וואָס כאָטש זייערע השקפות אויף פאַרשידנערליי געביטן זענען נישט אינגאַנצן געבוי ווי אייערע אייגענע אָנשויאונגען — און טײלמאָל נאָך אַפילו היפּש דער היפוך פון אייער גאַנצן לעבנסבאַנעם — אימפּאָנירן זיי אייך פונדעסטוועגן מיט זייערע פּערזענלעכע מאָראַלישע סטאַנדאַרטן און עטישע מידות, אַרויסרופנדיק רעספּעקט און אָנערקענונג.

אַ באַאיינפלוסנדיקער פאַקטאָר אין אַרויסרופן מיין אייגענע סימפּאַטיע פאַר דעם דאָזיקן מיטלוואוקסיקן, ליטעראַטור־ליבהאָבנדיקן „עקס־דירעקטאָר״ איז מסתמא געווען דער פאַקט, וואָס ער איז זייער אַ שטאָלצער איד. ער האָט אַבסאָלוט גאָרנישט בדעה צו רעפאָרמירן (אַפילו נישט אויף אַ קוצו של יוד) זיין עכט־אידיש קלינגנדיקן נאָמען מיט וועלכן מען האָט אים אַרום זעכציק יאָר צוריק אָנגערופן אין זיין היים־שטעטל כעלם.

זעט עס טאַקע אויס געוואָגט — און דערציילט וועגן כאַראַקטער־פעסט־קייט פונם נאָך איצט אָנגעזעענעם פּאַרטיי־חבר און געזעלשאַפטלעכן טוער, וואָס רעכנט זיך נישט דערמיט, וואָס ער וואוינט צווישן סאַמע „שמאַלץ״ אין איינעם פון וואַרשעס אַריסטאָקראַטישסטע קוואַרטאַלן. ער איז טאַקע דער איינציקער אידישער איינוואוינער אינם ניי־אויפגעשטעלטן הויז. אויף דער

פרישער לאָקאַטאָרן־ליסטע — אַזוי זאָרגפעלטיק איינגעראַמט אין אַ גאָלדע־נעם באַגלאָזטן קוואַדראַט — פיגורירט מיט באַשיימפערלעכע קלאָרקייט, אַז אין דער־אַ געביידע (פונקט קעגנאיבער איינער פון דער הויפט־שטאָטס פּראָ־מינענטסטע קירכעס), וואוינט דער הער — דאָ מוז איך זיך צוליב קאָרעקט־קייט טעמים זיך באַנוצן מיט אַ פיקטיוון נאָמען, וואָס וועט אָבער אין אויסדרוק געגוני אילוסטרירן דעם פאַנעטישן קלאַנג פון מיין באַקאַנטנס פאָר און ביי־נאָמען: — „משה חיימזאָן".

הער מ. ח'ס פאַרבינדונגען מיט די אַנפירנדיקע פערזענלעכקייטן פון איצטיקן רעזשים זענען נישט קיין צופעליקע, אַנטשטאַנענע דורך נאָכמלחמה־דיקע געלעגנהייטן, ווען פיל פיפיקע אָפּאָרטוניסטן האָבן זיך מיטאַמאָל צוליב זייער אייגענער טובה וועגן דעקלאַרירט אַלס פייערדיקע אָנהענגער פון דער נייער אָרדענונג. צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע היינטיקע פירער פון פוילן האָט ער פון זיין פריעסטער יוגנט אָן געהערט צו די, אין פּילסודסקישן פוילן פאַרבאָטענע, אומלעגאַלע אַרבעטער קרייזן, פון וועלכע ס'איז שפּעטער אויפ־געקומען דער פּ.פּ.ר. (פוילישע אַרבעטער פאַרטיי) און אויף סאָוויעטישער טעריטאָריע, דער פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן.

צוויי מאָל איז ער אָפּגעזעסן לאַנגיאָריקע תפיסה־טערמינען פאַר קאָמו־ניסטישער טעטיקייט, דורכגייענדיק אַלע שיקאַנעס פון אַ פּאָליטישן אַרעס־טירטן בימי „רידז־שמיגלי"; און פאַרזוכנדיק די ברוטאַליטעט פון היימיש־געמאַכטן, סאַנאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזאַ. מ. ח. איז נישט אָפּגעקומען בלויז מיטן לייענען פּראָגרעסיווע ביכער וועגן דער פאַ־זיטיווקייט פון סאָציאַליזם און דער וויסנשאַפטלעכער אויסגעהאַלטנקייט פון מאַרקס „קאַפּיטאַל". זיינע בעסטע יאָרן האָט ער צוזאַמען מיט זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין (אַ שוואַרץ־חנוודיקע אידישע פרוי, וואָס גייט נאָך איצט אין אַרטעל אַריין אַרבעטן), אַוועקגעגעבן אין אַקטיווער טעטיקייט פאַר דער באַוועגונג, וועמענס מענטשן עס שטייען היינט אין דער אָנפירערשאַפט פון פוילישן מלוכה־רודער.

אַוודאי וואָלט געווען אַ סך פריילעכער אויפן האַרצן צוריקצוקומען פון דער עוואַקואַציע אין ראַטנפאַרבאַנד, צו אַ לעבעדיק, ממשותדיק פוילישן אידנ־טום און זיך נישט אַנשטויסן אויף שריט און טריט אין בלויזע, עלנטע סימנים פון אַן אויסגעשאָכטן פאָלק!

באַשטימט וואָלט מען זיך געפילט אַ סך גליקלעכער ווען די אַמאָליקע, ברויזנדיקע, אידישע וואַרשע איז נישט קיין ענין פון דער פאַרגאַנגענהייט;

און טויזנט יאָר אידיש לעבן אין פוילן אַ פאַרשוואונדענער עפּיזאָד, רעדוּ־צירט פון אַ קוועליקער, שעפערישער דריי און אַ האַלב מיליאָניקער באַפעלקע־רונג צו דעם מיניאַטוריקן, האַרצשניידיקן סך־הכל פון דרייסיק ביז פערציק טויזנט צעוואָרפענע אידן.

בשעתן צעשמועסן זיך אויף דער טראַגישער טעמע פון אונדזער חורבן, זעט אונדזער פריינט עפּעס גאָרנישט אויס ווי אַ קאַלטבלוטיקער רעוואָלוציאָ־נער מיט שטאָלענע נערוון. זיין ברייט געזיכט מיט די עטוואָס אויסגעקרומטע ליפּן פון אַ פּאַראַליטישן אָנפאַל צוקן אויפגערעגט פון קרענקונג. איר דער־זעט פאַר זיך פּלוצלינג דעם האַרציקן אידישן פאָלקס־מענטש, וואָס איז נישט פעאיק צו מאַכן שוויצערישע אָנשטעלן און פילט אויך אַ נויטווענדיקייט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן.

וועגן זיין אייגענעם פּערזענלעכן גורל האָט ער חלילה נישט קיין טענות צו קיינעם. פון זינט זיין סקלעראָזע קראַנקהייט, צוליב וועלכער ער איז טאַקע עמעריטירט געוואָרן, צאָלט אים די רעגירונג עטלעכע טויזנט זלאָטעס חודש־לעכן געהאַלט, וואָס איז צוזאַמען מיט דער פּרויס פאַרדינסט גענוג אויסצו־קומען מיט פּרנסה. די קינדער פון וועלכע איינס קען נאָך רעדן אידיש, שטו־דירן אויף „פרייע פּראָפעסיעס" און וועלן אין אַ פּאָר יאָר אַרום — אויב עס וועט זיין שלום אויף דער וועלט — ענדיקן מיט דאָקטאָראַטן פון פאַרשידענע ספּעציאַליטעטן.

דאָס איינציקע, וואָס קוועלט איז: דער אומברחמנותדיקער פאַקט, אַז מען איז אַזוי שנעל פאַר דער צייט אַלט געוואָרן, און אויך די באַהאַלטענע, עק־בעדיקע מורא, אַז די צוקונפטיקע אייניקלעך וועלן שוין זיין מישלינגען פון געמישטע הייראַטן מיט פלאַקסענע קעפּעלעך און בלאָע אייגעלעך, נישט אַריינגעראַטנדיק אַפילו אויף קיין האָר אין די תמימותדיקע געשטאַלטן פון די חסידישע עלטער־זיידעס. אין אַזעלכע מאָמענטן זיצט פאַר אייך נישט דער מיליטאַנטישער פאַרווירקלעכער פון די אַרבעטער אידעאַלן, דער קעמפּע־רישער באַריקאַדן־פאַרטיידיקער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע — נאָר אַ פּשוטער, אידישער טאַטע, וואָס זאָרגט זיך וועגן אידישע חתנים פאַר די אונטערוואַקסנדיקע טעכטער. ער וואָלט געוואָלט דערלעבן אַ ביסל „אידישן נחת" פונם אויסערגעווייינלעך באַגאַבטן זון (אַ פיזיקס־סטודענט) וועלכער געדענקט שוין אָבער ליידער נישט אַפילו קיין צורת „אלף".

ביי אַזעלכע געלעגנהייטן האָט איר נישט מער צו טאָן מיט אַ דאָגמאַטישן פּאַרטיי־פאַנאַטיקער, פאַר וועמען עס עקזיסטירט גאָרנישט מחוץ דער קאָמו־ניסטישער אידעאָלאָגיע. אין דער צייט פון אַזעלכע אינטימע פּה אל פּה גע־שפּרעכן שעמט זיך חבר ה. חלילה נישט צו זיין פולשטענדיק אָפנהאַרציק און רעדן מיט אויפריכטיקן רעספּעקט (און פאַרבאָרגענעם בענקשאַפטלעכן צאַפּל) וועגן אידישן אויפבוי־ווערק אין מדינת ישראל, וועלכע ער באַמיט זיך טאַקע

צו קענען באַזוכן אַלס טוריסט, בכדי זיך צו זען מיט זיינע איינציק לעבנגע־בליבענע קרובים.

— אָבער „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט״ — ציטירט ער דאָס באַ־קאַנטע אידישע פאָלקס־ווערטל מיט גאָרנישט קיין פריידענקערישן טאָן.

קוקט איר אויף דעם גראַ־געוואָרענעם „בעל חלומות״ און איר פילט, אַז איר רעדט מיט אַ „איד פון אַ גאַנץ יאָר״ וועמען דאָס לעבן האָט פאַרפלאָכטן אין אַ נעץ פון אומשטענדן קעגן וועלכע עס איז כמעט אוממעגלעך זיך אַנט־קעגנצושטעלן — ווייל מען וואָלט דאַן באַדאַרפן צו ווייט צוריקצוגיין אַנצו־הויבן פונדאָסניי.

מען האָט צופיל דורכגעמאַכט! צופיל דורכגעליטן! איז מען מער נישט אימשטאַנד זיך איבערצואַנדערשן.

אויף אַ נייעם „בראשית״ איז מער נישט פאַראַן קיין כוחות!

* * *

די קראָקעווער אַלמנה

אַ הויכע, אין שוואַרצן געקליידעטע, האָב איך זי דאָס ערשטע מאָל געזען חול־המועד פסח ביי אַ זייטיק טישל אין בריסטאָל רעסטאָראַן. די איינציקע אין טרויער־פאַרבן אָנגעטאָענע פרוי אונטער די שימערירנדיקע קאַנדעלאַב־רעס פונם פרעכטיקן עס־זאַל, האָט זי געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. געזעסן איז זי אין דער געזעלשאַפט פון אַ קורצגעוויקסיקן, בלאָנדן יונגנמאַן, וועלכער האָט אָבער טראָץ זיין סלאַווישן אויסזען גאָרנישט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ריין־ראַסיקן אַריער. עפּעס האָט אים געפעלט די פריילעכקייט, די זעלבסט־זיכערע זאָרגלאָזיקייט און די רואיקע געמיטלעכקייט פון עמעצן, וואָס האָט נישט קיין פּראָבלעמען.

גערעדט האָט מען פויליש. אָבער גראָדע דאָס האָט מיך פאַראינטריגירט, וואָס אַן אויסלענדיש געקליידעטער הער מיט אַ שוועדיש עמבלעם־פענדל אין לאַץ, רעדט אַזוי פליסיק מיצקעוויטשעס לשון? נאָכמער פאַרשטאַרקט איז מיין קוריאָזיטעט געוואָרן, ווען כ׳האָב אויף זייער ווייס באַדעקט טישל דערזען שטיקלעך פון אַ צעבראָכענער מצה. דאָס האָט שוין אויסגעזען ווי אַ „קאָרפּוס־דעליקטי״, אַז מיינע חשדים זענען באַגרינדעט און כ׳האָב דאָ צו טאָן מיט נישט קיין הונדערט פּראָצענטיקע פּאָליאַקן.

אויפן זינען איז מיר געקומען אַ פּאָפּולערע פיגור פון וואַרשעווער געטאָ: שלמה דאָמב, דער פירער פון די עקסטרעם לינקע וואַרשעווער „דת ועבודה־ניקעס״ (אַ פראַקציע פון רעליגיעז געשטימטע אַרבעטער, פאַר וועמען דער החלוץ המזרחי איז נישט געווען גענוג פּראָלעטאַריש און זיי האָבן זיך דע־ריבער אָפּגעריסן פון דער „תורה ועבודה״ באַוועגונג שאַפנדיק זייער אייגענע

אָרגאַניזאַציע אויף זאַמענהאַף 38). אַט דער דאָזיקער שלמה דאַמב פלעגט אין די געטאָ־צייטן אויך אַרומגיין אויף דער קריסטלעכער זייט מיט אַ שווייצאַריש פענדל אין דער קלאַפּע. ווער עס איז געווען אויף אַרישע פּאַפּירן האָט נישט איינמאָל געזען דעם „אַלאַ היטלער מוסטאַזש" טראַגנדיקן הער דאַמב אַרומ־גיין פראַנק און פריי מחוץ דער געטאָ, ווייל אַלס שווייצאַרישער שטאַטס־בירגער האָט ער געהאַט אומבאַגרענעצטע רעכט זיך אַרומצודרייען וואו ער האָט נאָר געוואָלט אין זכות פון זיין רעגירונגס נייטראַליטעט.

שלמה דאַמבס מעשים פון יענער גרויליקער צייט זענען אַ שטיק לעגענ־דע; אַן אַרט אידישע „פּימפּערנעל" טעטיקייט אין ראַטעווען אידישע פאַר־מעגנס און הויפּטזעכלעך אידישע נפשות. ווי איינער מיט כמעט דיפּלאָמאַ־טישע אימוניטעט פלעגט ער כסדר אַרויסגנבענען מענטשן פון געטאָ און זיי אָפּפירן אין ספּעציעל צוגעגרייטע „מלינות". מיט באַזונדערע טאַלאַנטירטקייט פלעגט ער פאַראייניקן צעריסענע משפחות. רעדנדיק עטלעכע דייטשע דיאַ־לעקטן, פלעגט ער אַפילו אָפּט אימיטירן אַ ריכטיקן „יעקע" און איבערשמוגלען אויף פאַרשידענע אופנים פרויען צו זייערע מענער, קינדער צו זייערע על־טערן, איינקויפנדיק זיך ממש עולם־הבא.

(אַ שווערסטער הי"ד פון דעם שרייבער פון די שורות איז טאַקע דורך שלמה דאַמבן אַרויסגענומען געוואָרן פון וואַרשעווער געטאָ און איבערגעפירט גע־וואָרן קיין סאַנדאָמיעזש (צויזמער) פון וואַנען זי איז ליידער שפּעטער אויך אויסגעזידלט געוואָרן).

ליידער אָבער זענען די אַלע גוטע טאַטן, זעט אויס, אים נישט בייגע־שטאַנען. ווארום ענדע 1943 איז ער פּלוצלינג מיסטעריעז פאַרפאַלן געוואָרן. אין דער וואַרשעווער שווייצאַרישער קאָלאָניע האָט מען דאַן געשמועסט, אַז דער הער דאַמב זיצט אין די געסטאַפּאָ קעלערן אונטער די גאָר ערנסטע באַשולדיקונגען פון קאָנספּירירן מיטן „יודן־געזינדל" קעגן דער זיכערקייט פון „דריטן רייך". ביזן היינטיקן טאָג איז ער שפּורלאָז פאַרשוואונדן און מען ווייט נישט צי ער לעבט, אָדער די רשעים האָבן אים טאַקע דאַמאָלסט אומגע־בראַכט.

כ'וויס נישט פאַרוואָס אין מיין מוח האָט אויפגעבליצט די אַסאָסיאַציע פון זייביידע. קאָן זיין, אַז איינפאַך דערפאַר, וואָס ביידע האָבן זיי די נאַציאָ־נאַלע זשעטאָנען געטראָגן אין לינקן „לאַפּעל" און זענען אויך אפשר ענלעך געווען צו זיך מיטן טראָגן טונקעלע שטייגער־ברילן. סיי ווי האָב איך שוין געהאַט דעצידירט צופרידנצושטעלן מיין נייגעריקייט און באַשלאָסן, אַז עס וועט מיר גאָרנישט אָפּקומען, ווען איך וועל צוגיין צו זייער טיש׳ און אויפן אַלטן, אויסגעפּרואווטן וואַרשעווער שטייגער אַ פרעג טאָן: „עמך"?

— „אַ יאַקזשע" — איז צוערשט געקומען אַן ענטפער אויף פּויליש — נאָך וועלכן עס האָט נאָכגעפאָלגט אין אַ זאַפטיקן אידיש: — און וואָס האָט איר געמיינט, אַז מיר זענען טערקן?

מײַן אינטואיציע האָט מיך אַלזאָ נישט אָפּגענאַרט. זאַלבעדריט זענען מיר שוין שפּעטער צוזאַמען געזעסן און אין פּסחדיקער טראַדיציע זיך איבער־דערציילט די נסים ונפלאות פֿון אונדזער לעבן בלײַבן. דרײַ אידן פֿון דרײַ באַזונדערע לענדער, מיט דרײַ פֿאַרשידענע ביאָגראַפֿיעס, אָבער אַלע מיט דער זעלבער עמק־הבכאדיקער פֿאַרגאַנגענהײט.

עבדות מצרים מיט אַלע אירע ענוײם, האָבן אין אַנבליק פֿון די װידער־אויפֿגעלעבטע זכרונות אויסגעזען װי אַ קינדערשפּיל אין פֿאַרגלײַך מיט די אַלע װאַריאַציעס פֿון לײד און פּײַן, װאָס מײַנע מיטזיצער האָבן דורכגעמאַכט אונטער דער דײַטשישער אָקופּאַציע.

אַ ספּעציעל אומעטיקן צער האָבן אַרויסגערופֿן די דעראינערונגען פֿון דער מיטליאָריקער, אינטעליגענטער פֿרוי, װאָס האָט זיך בשעתן דערציילן באַמיט צו זײַן הומאָריסטיש און אַפֿילו שעלמיש. עס איז אָבער געװען אַן אַנ־שטעלערישער „גאַלגן־הומאָר" קעגן זיך אַלײן. װי זי האָט זיך נישט באַמיט צו זײַן בראַװ און װיציק, האָט מען דאָך פֿון צװישן די װערטער אַרויסגעפֿילט דעם גרענעצלאָזן װײטיק פֿון אַ אידישער פֿרוי, װאָס האָט אַראָפּקוקנדיק פֿון איר באַהעלטעניש אויף אַ בוידעם, מיט די אײגענע אויגן צוגעזען די בעסט־יאַלישע דערמאָרדונג פֿון איר מאַן.

— דאָס ליבסטע און טײַערסטע איז פֿון מיר אַװעקגענומען געװאָרן און איך האָב אַ הילפֿלאָזע געמוזט שװײַגן און זיך נאָך באַמיען צו באַרויקן מײַן זונדעלע, װעלכער האָט זיך פּונקט אין מאָמענט פֿון זײַן פּאָטערס אומקום צעװײנט, װי אַנענדיק עפּעס ליאַרמענדיק: איך װיל מײַן טאַטעשי!

אַכצן מאָנאַטן האָב איך מיט מײַן קינד זיך אָפּגעפּײַניקט צװישן אַ טאָפּלטע װאַנט אויף אַ פּויערישן בוידעם. אין אָנפֿאַנג האָבן מיר נאָך געהאַט אַ ביסל געלט, פֿלעגן מיר פֿון דער כיטרער פּויערטע נישט שלעכט באַהאַנדלט װערן. שפּעטער האָט זיך דאָס באַר־געלט אויסגעלאָזן, האָט זי אונדז אָנגעהויבן סטראַשען מיט אַרויסיאָגן אויב מיר װעלן איר נישט אָפּגעבן אונדזער גאָלדענע צירונג. נאָך אַ יאָר זענען מיר געבליבן באַרויבט נישט נאָר פֿון אונדזערע װערטפֿולע זאַכן, נאָר אַפֿילו פֿון אונדזער װעש און װאַרעמע קלײדונג. מײַן קינד און איך האָבן אָנגעהויבן אויסצוזען װי יענעװעלטיקע מאָנסטערס. מיט יעדן דורכגעגאַנגענעם חודש איז אונדזער באַלעבאָסטע געװאָרן אַלץ שרעק־לעכער און אומדערטרעגלעכער. זי פֿלעגט אונדז װי די חזרים קאַרמענען מיט געקאָכטע קאַרטאָפֿל שאָלעכץ. װען די רוסן האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן — און על פּי שכל האָט זי דאָך באַדאַרפֿן זיך פֿאַרבעסערן אין איר באַציאונג צו אונדז — איז גאָר געשען פּונקט ס'פֿאַרקערטע. זי האָט אָנגעהויבן װערן גרויזאַמער פֿון טאָג צו טאָג און מיט מײַן זעלבסטדערהאַלטונגס אינסטינקט האָב איך דערפֿילט, אַז מען פּלאַנט אונדז אומצוברענגען.

װי אַ טרינקנדיקער, װאָס כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, האָב איך מײַן געשטופּלטע װירטין צוגעזאָגט, אַז איך װיל איר נאָכן קריג אָפּשרײַבן אַ גרויס

פּאַרמעגן, און זי זאָל האָבן גאָט אין האַרצן און אַלס גלויביקע קריסטין נישט פאַרגיסן קיין אומשולדיק בלוט.

— איך קען דיר נישט געטרויען — האָט זי אַן אויפגעקאָכטע מיר געענטפערט. דו ביסט אַן אַדוואָקאַטס אַ פרוי און דו ווייסט שוין געפינען אַ פּאָר יורידישע דריידערלעך צוריק אָפּצונעמען די אַלע זאַכן פאַר וועלכע איך האָב דיך אין משך פון דער גאַנצער צייט אויסגעהאַלטן און געגעבן צו עסן. איר זשידעס זענט אַלעמאָל געווען פאַרעטער — האָט זי געצישעט ווי אַ שלאַנג. — זאָלן נאָר די „רויטע״ אַריינקומען וועסטו באַלד פאַרגעסן אַלע דיינע הבטחות און לויפן מיך פאַרמסרן, אַז איך האָב דיך געפּייניקט און שאַנטאַזשירט.

געשפּענסטיק טרויעריק איז געוואָרן אונדזער לאַגע. עס האָט אויסגעזען, אַז מיר זענען פאַרלוירענע און אונדזערע טעג זענען געציילטע. זענען מיר אין שלאָפלאָזע נעכט געלעגן הונגעריקע מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און אויפגעכאַפּט דעם מינדעסטן שאָרך, די קלענסטע באַוועגונג. יעדע מינוט האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז מען גייט שוין נאָך אונדז. אָבער ס'איז קיינער נישט געקומען.

ווי יעדער תקיפדיקער אויסוואורף, וואָס איז בעצם אין זיין כאַראַקטער אַ פּחדן, האָט אונדזער „גאָספּאָדיניע״ מורא געהאַט צו דערציילן די דייטשן, אַז אַ אידישקע מיט איר קינד זענען באַהאַלטן אויף איר בוידעם. אין איר שגעונדיקן האַס האָט זי דאָך געציטערט, אַז מיט מיין פּערפעקטן באַהערשן די דייטשישע שפּראַך, קאָן איך נאָך אַמאָל מקיים זיין מיין דראָאונג און אויסזאָגן וועגן צוגענומענעם צירונג, וועלכעס די דייטשן וואָלטן אַוודאי קאָנפיסקירט און מעגלעך אויך זי אַליין פאַרשיקט ערגעץ־וואו צום טייוול.

און אַזוי האָבן זיך דורכגעשלעפּט גיהנומדיקע טעג און וואָכן, ביז מיר האָבן ענדלעך אָנגעהויבן הערן דעם בפירושן עכאָ פון קאַנאָנען געברום, וואָס האָט אין אונדזערע אויערן אָפּגעקלינגען ווי די שענסטע און צאַרטסטע מוזיק. אין קורצן האָט מען שוין אַפילו אָנגעהויבן פילן די וויבראַציע פון דורכפליענדיקע גראַנאַטן. די ישועה איז געווען נאָענט און די עקלהאַפטע באַלעבאָסטע אונדזערע איז פּלוצלינג ווייך געוואָרן ווי פּוטער צוצולייגן צו אַ געשוויר. מיטאַמאָל האָט זי אונדז צוריק אָנגעפאַנגען אַרויפצוברענגען גאַנצע שטיקער ברויט, דערציילנדיק וועגן די ריזיקע נצחונות פון דער רוסישער אַרמיי. ווי אַ פאַלשע קאַץ האָט זי זיך צוריק אָנגעהויבן אונטערצולעקן, אַרויפברענגענדיק אונדז טיי, וואַסער זיך אַרומצוואַשן, פרישע העמדער זיך איבערצוטאָן.

— קינדערלעך — האָט זי איינמאָל מיט טריאומפאַנטישן פּאַטריאָטיזם אויסגעשריגן — לכבוד דעם נאָענטן זיג איבער די פאַרשאָלטענע „שוואַבעס״ (דייטשן) וועל איך אייך היינט אָוונט מאַכן אַ נאַכטמאָל, וועלכן איר האָט שוין נישט געגעסן פאַר אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. איך זאָג עקסטרע נישט וואָס, ווייל איך וויל אייך סורפּריזן מיט מיין אויפטו! נאָט אייך דערווייל אַ ברויטל ביז איך וועל צוריקקומען פון שטאָט, וואוהין איך פאָר איינקויפן. אינצווישנצייט זייט נאָר פאָרזיכטיק און קריכט נישט אַמאָל אַראָפּ פון בוידעם, וואָרום די כאַלערנדיקע „פריצעס״ (דייטשן), זענען נאָך דערווייל אַלץ דאָ, און איר קענט זיך נאָך אַליין אומגליקלעך מאַכן אין דער לעצטער מינוט פאַר דער באַפרייאונג.

מיין קליינער טאַדעק איז דאָ אונטן אין שטוב. אין פֿאַל טאָמער געשעט עפּעס אויסטערלישעס, וועט ער אייך אַרויפֿקומען זאָגן.

און באמת, ס׳האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט נאָך איר אַוועקגיין, ווי מיר האָבן דערהערט דעם צוועלף־יאָריקן, טאַמעוואַטן טאַדעק זיך פֿאָרען ביי דער לייטער אַרויפֿקריכנדיק צו אונדזער באַהעלטעניש.

— „פּראָשען פּאַני״! — האָט ער אַנגעקלאַפּט אין אונדזער וועגטל — די מאַמע איז אַוועק און ס׳איז מיר סמוטנע. קומט אַרויס און דערציילט מיר כ׳בעט אייך איינע פֿון אייערע שיינע מעשיות וועגן באָרוועסן פּאַסטוך מיטן פֿאַר־כישופֿטן פּייפֿל, וואָס האָט געמאַכט אַ פּרינצעסין זאָל זיך אין אים פֿאַרליבן.

יעדעס מאָל ווען די מוטער פֿלעגט אַוועקגיין האָט דער קליינער טאַדעק פֿאַר אַ לאַנגע צייט שוין — טראָץ דער מוטערס שטרענגסטן פֿאַרבאָט — זיך אַרויפֿגעגנבעט צו אונדז, בכדי צו דערקוויקן זיין קינדערישע פֿאַנטאַזיע מיט די אַנציענדיקע רויבער־געשיכטן איבער ימים און ווייטע לענדער, וועלכע כ׳פֿלעג פֿאַר אים אימפּראָוויזירן.

זעט אויס, אַז אין נאַאיוון, נאָך נישט קאַליע געמאַכטן הערצל זיינעם האָט זיך דעריבער אַנטוויקלט אַ געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט צו אונדז און ער האָט אויף אייגענער איניציאַטיוו זיך דעצידירט אונדז אויסצוזאָגן וועגן שרעקלעכן פּלאַן, וויאַזוי די מאַמע מיט איר שוועסטער האָבן אונדז באַשלאָסן צו דער־הרגענען.

— „פּראָשען פּאַני״! — האָט ער נאָכן אויסהערן מיין „זשולס ווערנישע״ געש־כטע אָנגעהויבן צו שטאַמלען. — די מאַמע מיט דער „טשאָטשע״ יאַד־וויגאַ האָבן היינט געשמועסט, אַז מען דאַרף אייך, זשידעס, פֿאַרטיק מאַכן און באַסטאַ. זיי וועלן אייך היינט אַרויפֿברענגען אַ גוטע קאַלאַציע פֿון געשמאַל־צענע קאַרטאָפֿל מיט פֿלייש און אייך געבן מילך צו טרינקען, אָבער אויף צופּריער וועלן זיי אַריינטאָן שטשאָרעס־סם אין אייער עסן, נאָך וועלכן איר וועט קיינמאָל מער נישט קענען אויפֿשטיין, ווייל איר וועט זיין טויט.

אויסגעבנדיק אונדז דעם שרעקלעכן סוד האָט זיך טאַדעקל אַליין אַ דער־שראָקענער פֿאַר דעם, וואָס ער האָט נאַר־וואָס אָפּגעטאָן, זיך שנעל אַרונטער־געלאָזן פֿון בוידעם איבערלאָזנדיק אונדז אַליין מיט אונדזערע פֿינצטערע רעיונות וועגן פֿאַרשטייענדיקן אַטענטאַט אויף אונדזערע פֿאַרפּייניקטע לעבנס.

אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס איך האָב דאַמאָלט מיט זיך נישט געהאַט קיין „טעיפּ־רעקאָרדער״ אויפֿצוכאַפּן די לאַקריצדיק זיסע שטימע און די אַלע האַפּערדיקע גוטע ריידעלעך, מיט וועלכן די נידערטרעכטיקע „שמאַלצאָווניטש־קע״ (אויספּרעסערין) האָט אַרויפֿגעבראַכט דעם דורך טאַדעקן פֿאַראויסגע־זאָגענעם מעניו! ס׳וואָלט געווען מאַטעריאַל פֿאַר פּסיכאָלאָגן, דעטעקטיוס און אויספֿאָרשער פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכער סטודיע וועגן פּראָוואָקאַטאָרישע, אינטרי־גאַנטישע פּרעמידיטאַציע פֿון אַ פֿאַרברעכערין דווקא אומצוברענגען אירע באַהאַלטענע אסורים אין אַנבליק פֿון אַ טאָג שפּעטער קומענדיקער פֿרייהייט.

אַ שאָד איז אויך, וואָס איך האָב דאַמאָלט נישט געהאַט קיין פֿילם־אַפּאַראַט אויפֿצוכאַפּן דעם פֿאַרציטערטן אויסדרוק פֿון די ווילד אַרויסגע־זעצטע אויגן פֿון מיין באַלעבאָסטע, וועלכע איז שוין געווען זיכער, אַז אונ־

דזערע פאַרשטייפטע קערפּערס ליגן פאַרגיפטעטע צווישן טאָפּלטן בוידעם־ווענטל. אַ בלאַסע ווי פאַרן קריגן אַן אַפּאָפּלעקציע, איז זי געשטאַנען צלמדיק זיך אומאויפהערלעך אויפן בייזן וואונדער פון אונדזער אויפשטיין תחית־המתים אין מיטן פון איר כאַטע, אַרומגערינגלט פון אַריינגעקומענע רוסישע פּראַנטאַוויקעס צווישן וועלכע עס האָט זיך שוין אויך געפינען אַ אידישער דאָקטאָר, וואָס האָט אונדז מיט זיינע מעדיקאַמענטן שנעל צוריקגעבערענגט צו די כוחות.

דאָס איז בקיצור מיין לעבנס־געשיכטע און דאָ האָט איר דאָס בילד פון מיין אַמאָליק זעקס יאָריק „מוזולמענעריל" אַלס סטודענט פון צווייטן יאָר מעדיצין אין קראָקעווער אוניווערזיטעט. צוליב אים בין איך דאָן לעבנגעבליבן. ער איז אויך איצט די אורזאַך פון מיין וויטערדיקן עקזיסטירן. ער איז מיין איינציקע טרייסט און פאַרגיטיקונג און נאָר צוליב אים און זיין אויסבילדונג האָב איך נישט פאַרלאָזט פוילן.

איך בין גענוג רעאַליסטיש צו וויסן, אַז אויב מיין קינדס קאַריערע איז מיר טייער, קען איך, אַ מיטליאָריקע פרוי אָן שום מאַטעריעלע רעזערוון, מיר נישט דערלויבן קיין עקספּערימענטן פון פרישער עמיגראַציע צו אַ ניי לאַנד.

צוליב דער זעלבער סיבה קען איך אויך נישט אָננעמען די פּראָפּאָזיציע פון מיין טייערן, בלאַנדן קוזין, וועלכער איז ספּעציעל געקומען צו פאָרן פון שוועדן מיט אַ הייראַטס־פאָרשלאַג. ליידער מוז מיין ענטפער צו אים זיין אַ נעגאַטיווער. איך מיין אים חלילה נישט ווי צו טאָן, אָבער איך מוז אים אויפריכטיק זאָגן, אַז כ'וואָלט בשום אופן נישט געקענט פאַרלאָזן מיין איינציקן זון מיט וועלכן איך בין אַזויפיל דורכגעגאַנגען, בכדי צו ווערן אַ שטיף־מאַמע צו זיינע פלוצלינג פאַריתומט געוואָרענע דריי קינדער.

* * *

דער אומגליקלעכער הער „שטשענשליווי"

אין דער ליטעראַטור זענען אונדז באַקאַנט אַ סך פאַלן פון קעגנזעצלעכע, אויסטערלישע פּאַראַדאָקסן; פון צושטאַנדן, וואָס פאָרן זיך אַבסאָלוט נישט מיטן חיצוניותדיקן אויסזען פון געגעבענעם העלד.

אָט למשל, ווייסן מיר וועגן איינעם פון די באַרימטע פילאָזאָפן־דיכטער, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן אויף אַ וואונדערבאַרן אַרט באַשריבן די פּרעכ־טיקע האַרמאָניע, די באַצויבערנדיקע שיינקייט פון דער נאַטור — און אַליין איז ער ליידער געווען אַ צעקרומטער הויקער. אויך אין דער וועלטס קלאַ־סישער בעלעטריסטיק האָבן מיר איינע פון די הערלעכסטע באַשרייבונגען פון דער עפּאָפּיי פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אויף וועמענס הינטער־גרונט אַ געוועזענע מגושמדיקער קאַטאָרזשניק, אַ צעיורענער ריז — וויזט

אַרויס נשמה רירנדיקע אײדלקייט מיט זיין דעליקאַטע, מסירת־נפשדיקע ליבע צו דעם קינד פון אַ פאַרפאַלגטער פרוי.

אָבער כ׳וואָלט זיך קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז אין ווירקלעכן לעבן — וואָס אַן אמת אויך אויפן הינטערגרונט פון אַ טרויעריקער, דראַמאַטישער „סאַגאַ", וואָס הייסט: קבר־אָבות באַזוך אויף די רעשטלעך פונם אומפאַרגעס־לעכן אויפשטענדלערישן וואַרשע — וועל איך זיך באַקענען מיט אַן אידישן יונגערמאַן, וואָס וועט גלייך ביים פאַרשטעלן זיך פאַר מיר, מיט סאַרקאַסטישע ביטערקייט אונטערשטרייכן:

— „עס זאָל אייך אַמאָל נישט איינפאַלן, אַז מיין סימבאָליש שיינער נאָמען שפּיגלט אָפּ מ״יין טאָג־טעגלעך לעבן. איר זעט — האָט ער מיט איראָניע אָנ־געוויזן אויף זיך אַליין — איך בין איינער פון די פענאָמענאַלע סתירות אין דער נאַטור. כ׳הייס: גליקלעך! אָבער, ליג טיף טייער אין דר׳ערד מיט מיין גאַנצער אומגליקלעכער עקזיסטענץ".

האָב איך געקוקט אויפן איבער זעקס פוסיקן, עלעגאַנט געקליידעטן יונגערמאַן אין די מיטעלע פערציקער און נישט באַגריפן פונוואַנען עס נעמט זיך צו אים אַזאַ אויפרייסנדיקע פאַרביטערטקייט, וואָס מוז אַוודאי זיין גאָר ווייטיקלעך, אויב ער שעמט זיך אַפילו נישט ווען דעם צו דערציילן עפנטלעך און נאָכדערצו אַ פרעמדן וועלכן ער זעט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך אין אַ אידישער אינסטיטוציע צופעליק ווידעראַמאָל אָנגעטראָפן דעם הער „שטשענשליווי" און אים איינגעלאַדן אויף אַ שוואַרצער קאַווע. צערעדנדיק זיך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז טראָץ קאָנ־טינענטן און גרענעצן איז די וועלט דאָך אַ קליין „פּלאַנעטל" און מיר האָבן גאָר בשותּפותדיקע באַקאַנטע אין טאָראָנטע, וועלכע שטאַמען אויך פון דעם זעלבן קליינעם שטעטל, וואו עס איז פאַר און נאָך אַפילו אינם קריג פאַברי־צירט געוואָרן כשרער וואורשט און וואו יעדער איד פלעגט אָנשטאָט דעם פּאָפּולערן „אידישן היטל" — אויפן גאַליציאַנער שטייגער טראָגן אַ שוואַרצן, רבנישן קאַפּעליוש.

דעם הער ש. לעבנס־געשיכטע איז טאַקע באמת אַ טראַגישע, כאָטש עס זענען אין איר פאַראַן אַ סך פּערזענלעכע מאָמענטן, איז עס אָבער מער ווי אַ פּריוואַטע עלעגיע וועגן אַן אינדיווידועל דורכגעפאַלן לעבן. זיין לעבנס ביאָגראַפיע אַנטהאַלט אין זיך עלעמענטן פון אַ באַשיימפּערלעכן וואָרענונגס־רוף קעגן געמישטע חתונות, און איז מתרה קעגן די קאָנסעקווענצן פון אַ שוידערלעכן לייכטזיניקן טעות, וואָס אַ איד באַגייט מיטן נעמען אַ נישט־אידישע פרוי, הייראַטנדיק מיט איר אויף דעם אַזוי־גערופענעם ציווילן אופן.

פון זיין פריסטער יוגנט אָן האָט י. ש. געהערט צו די פּראָגרעסיווע לינ־קע קרייזן פון זיין שטעטל, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דער „ספּאַרטאַקוס" אָרגאַניזאַציע. דער פּאָליטישער „אני מאמין" פונם דאָזיקן פאַרבאַנד איז גע־ווען: די פאַרווירקלעכונג פון די מאַרקסיסטישע אידעאַלן, פאַר וועלכע מען

האָט געאַרבעט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט; פירנדיק אַן אויפקלערונגס־טעטיקייט, טיילנדיק פאַרבאָטענע פלוג־בלעטלעך און אָרגאַניזירנדיק אומ־לעגאַלע דעמאָנסטראַציעס.

ווען די נאַצישע האָרדעס זענען אַריין קיין פוילן איז די מערהייט פון די קלוב־חברים אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. צווישן זיי איז זעלבסטפאַרשטענדלעך אויך געווען דער דאַן עטלעכע צוואַנציק יאָר אַלטער, ברוין־אויגיקער יאָסל שטשענשליווי, וואָס איז גלייך אַוועק טיף אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט אין ווייטן רוסלאַנד האָט יאָסל אַוועקגעלייגט אַלע קולטורעלע אַספּיראַציעס און די אויפקלערערישע „מויל־מלאכה" און מיט זיינע גוט אַנטוויקלטע ידים זיך גענומען אַרבעטן שווערע פיזישע אַרבעט, בכדי זיך צוצוגעוואוינען צום נייעם סיסטעם, אונטער וועלכן ער האָט געהאָפט צו דערגרייכן אַן אַנטשפּרעכנדיקע מדרגה אַלס וואונטשנסווערטער בירגער פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט. אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער איז ער שוין געווען אַ „סטאַכאַנאָוויעץ" (שלאָגלער) מיט די קוואַליפיקאַציעס פון אַ טעכניקער אין דער אויסאַרבעטונג פון צע־מענט, גיפּס און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן פאַר אויפבוי־אַרבעט. טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ „זאַפּאַדניק" (פון מערב געקומענער) און אין אַ געוויסן זין אַ שטיקל „אינאָסטראַניעץ" (אויסלענדער) האָט אים דאָך נישט געפעלט פון קיין „פויגל מילך". גוט געקליידעט אין די מיטגעבערענגטע אייראָפּעאישע מלבושים, מיט די רויטע בליענדיקע באַקן און אונטערגעשווירענע וואָנסעלעך — איז ער אומעטום געווען וועלקאָמען און איבעראַל גענאָסן פון די באַקאַנטע רוסישע גאַסטפריינטלעכקייט.

דאָס איינציקע, וואָס האָט אים פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אין טרויע־ריקע שטימונגען — איז געווען דאָס הערן די פינצטערע ידיעות, וואָס די היטלעריסטישע יאַנטשאַרן טוען אָפּ מיט די אומגליקלעכע אידן אין די געטאָס. אַ ברענענדיקער האַס האָט זיך אָנגעהויבן זאַמלען אין זיין יונג האַרץ, און וואָס אַמאָל האָט ער אַלץ מער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן נקמה אין די בעסטיאַלישע פאַרטיליקער פון זיין פאָלק. אַזוי זענען אַדורך וואָכן און מאָנאַטן ביז מיט־אַמאָל האָט זיך איבערן סאָוויעטן־לאַנד פונאַנדערגעטראָגן די אומגלויבלעכע בשורה, אַז די בלוטיקע פאַשיסטן זענען פּלוצלינג באַפאַלן די רויטע אַרמיי און כּאַרמעסטן זיך מלחמה צו האַלטן און באַזיגן דאָס רוסישע פאָלק.

יאָסלס פאַבריק איז איבערנאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קריגס־מאַ־טעריאַלן פּראָדוצירנדיקע אונטערנעמונג, אַרבעטנדיק מיט דער פולער פאַרע אויף גאַנצע דריי שיכטן. אַנשטאָט בוי־מאַטעריאַלן האָט מען איצט גאָר אָנ־געהויבן אויסצואַרבעטן צעשטערערישע וואָפן מכל המינים און קאָנקרעטענע פאַרטיידיקונגס בונקערס. די צייט איז דערווייל געלאָפן און די מערדערישע ברוינע חילות האָבן מיט אומבאַשרייבלעכן אימפּעט זיך געריסן פאָראויס, דערגייענדיק ביז אונטער די טויערן פון מאָסקווע און לענינגראַד. אַ רוף פון מאָביליזאַציע איז אַרויס, אַז אַלע פעאיקע צו טראָגן געווער זאָלן זיך מעלדן צו קעמפן קעגן גרויזאַמען שונא, וואָס שרפהט און פּלינדערט, פאַרסמט און

ברענגט אום מיט מאַניאַקישער רציחה אַלץ וואָס ער טרעפט אָן אויף זיין צעטראָמפּלענדיקן וועג.

מיליאָנען האָבן געענטפערט דעם רוף און זיך געשטעלט אין די רייען פון די ווידערשטאַנדלער. צווישן זיי זענען אויך געווען הונדערטער טויזנטער „יאָסלס" פון פאַרשידענע קרייזן און פּראָפעסיעס, ראַנגען און פּאָזיציעס. דער פאַשיסטישער מבול איז ענדלעך פאַרהאַלטן געוואָרן. ביי די טויערן פון סטאַ־לינגראַד האָבן די היטלעריסטן געליטן זייער ערשטע גרויסע מפּלה, וואָס האָט געמאַכט אַ ווענדע־פּונקט אינם גאַנצן פאַרלויף פון קריג. צווישן די נצחונדיקע זיגער איז אויך געווען דער צוויי מאָל פאַרוואונדעטער „סטאַרשי לייטענאַנט" יאָסל אַבראַמאָוויטש שטשענשליווי, אויסגעצייכנט מיטן אָרדן פון „רויטן שטערן" און פאַרשידענע אַנדערע מעדאַלן פאַר העלדישקייט.

אויף דער איניציאַטיוו פון דער באַרימטער שרייבערין וואַנדאַ וואַסי־לעווסקאַ, הויבט זיך אָן צו אָרגאַניזירן אַ נייע פּוילישע אַרמיי. יאָסל ווערט איבערגעשיקט אין דער ניי־געשאַפענער פּוילישער דיוויזיע מיט וועלכער ער קעמפט שוין ביזן דערגרייכן וואַרשע. אַנהויב 1945 דערגרייכט קאַפּיטאַן שטשענשליווי די הויפּט־שטאָט אַ דעקאָרירטער מיט „קזשיזש וואַלעטשניך" און "ווירטוטי מיליטאַרי" צווייטע קלאַס. פּוילן ווערט פריי פון בלוטיקן אָקופּאַנט. די מלחמה ענדיקט זיך און יאָסל אַ דעמאָביליזירטער, שטעלט אין קורצן פעסט דעם אומהיימלעכן פאַקט, אַז ער איז איינער אַליין געבליבן אין דער גרויסער וועלט פון זיין גרויס פאַרצווייגטער משפּחה, וואָס זענען אומ־געקומען ביזן לעצטן.

יאָסל, אַ דערשלאָגענער פון אַנגעטראָפענעם חורבן, באַשליסט מער זיך נישט אַרומצודרייען איינזאַם אַליין. נאָך אַלעמען, טראַכט ער זיך, בין איך דאָך שוין אַ גוטער בן־שלושים, איז שוין צייט אַ שידוך צו טאָן. ווי געטריבן פון עפּעס אַן אינערלעכער שטויס־קראַפט און ווי אַלעמאָל אין זיין גאַנץ לעבן אַן אימפּולסיווער, האַנדלט ער אויך איצט שנעל — „אומר ועושה".

אויף אַ טאַנץ־אָוונט פון געוועזענע אָפיצירן באַקענט ער זיך מיט אַ יונגע, שלאַנקע פּאַלקע. דאָס אַנציענדיקע פריילין איז וואָס אַן אמת אַ גלהס אַ שוועסטער, אָבער אַליין אַ פאַרגעשריטענע, אַ געוואַלדיקע אַנהענגערין פון טאָאווימען און פריי פון יעטוועדער רעליגיעזע פאַראורטיילן. דער ברייטפּליי־ציקער יאָסל געפעלט אויך מיט זיין שוואַרצע געקרייזלטע טשופּרינע, מיט זיין שטאַלטנע פיגור און מענערישקייט. עס אַנטוויקלט זיך אַ ליידנשאַפטלעכע ליבע און זיי באַשליסן חתונה צו האָבן — ספּעציעל נאָכדעם ווי ער ווערט טאַקע פון איר אַליין געוואויר, אַז זי איז אַן אויסגעשפּראָכענע אידן־פריינדין און האָט זייער פיל געהאָלפן די אומגליקלעכע „סטאַראָזאַקאָננע" אין די געטאָ־צייטן.

מר. און מרס. שטשענשליווי אָרדענען זיך איין אין אַ וואוינונג פון צוויי צימערן מיט אַ קוך, וועלכע דער שטאָטישער פאַרזאָרגונגס אַמט טיילט זיי צו. ביסלעכוויז הויבט מען זיך אָן צו פאַרשאַפן די אַנטשפּרעכנדיקע באַלע־

באַטישקייט נויטווענדיק פאַר אַ יונג פּאַרהייראַט פּאָרל. דריי יאָר נאָכן ציווילן „שלוב״ גייען דורך אין פולשטענדיקער האַרמאָניע. אין אָנהויב פונם פערטן יאָר ווערט געבוירן אַ שוואַרץ באַחנט מיידעלע מיט ברוינע, סאַמעטענע איי־געלעך, וואָס איז אַ הונדערטפּראָצענטיקע קאָפּיע פונם טיפּיש־אידיש אויס־זעענדיקן טאַטן. דאָס ניי־געבוירענע ווײַזנדל ווערט דעם טאַטנס ליבלינג און לויטן פּאָראויס אַדורכגעשמועסטן פּלאַן ווערט עס דערצויגן אַלס פרייער בירגער פון אַ מאָדערנער געזעלשאַפט — נישט געאידישט, און נישט גע־קריסטלט.

יאָסל ווערט ערנסטער, הויבט אָן פאַרגעסן די גלאָריע פון זיין מיליטערי־שער פאַרגאַנגענהייט און פּאַסט זיך צו צום נייעם צייט־פּעריאָד, אַרבעטנדיק אַלס טעכנישער אינסטרוקטאָר אין אַ בוי־פּראָדוקטן פאַבריק, און גיט אויך לעקציעס אין אַן אינדוסטריעלער שולע וועגן כעמישער קאָמבינירונג פון פאַרשידענע בוי־מאַטעריאַלן.

די צייט לויפט דערוויל ווייטער און דאָס נאָכמלחמהדיקע לעבן אין פּוילן הויבט זיך אָן צו נאָרמאַליזירן. וואַרשע בויט זיך צוריק אויף און שאָקלט זיך ביסלעכווייז אָפּ פון די גרוזן און חורבות פון דער צעשטערטער הויפּט־שטאָט. עס אַנטשטייען מלוכהשע געשעפטן אין וועלכע מען קען פאַר געלט באַקומען פון שענסטן און פון בעסטן. נישט יעדער אָבער געהערט צו די אויסדערוויילטע, וואָס קאָנען זיך דערלויבן די אַלע אויגן־אויפרייסנדיקע לוקסוסן אויסגע־שטעלט אין די שוי־פענצטער פון די ניי־אויפגעעפנטע מאַגאַזינען.

פרוי שטשענשליוואַ, וועלכע איז אַ געבוירענע אַריסטאָקראַטקע מיט אַ נאַטירלעכן דראַנג פאַר עלעגאַנץ, קען אָבער נישט אויסקומען מיטן באַגרע־נעצטן געהאַלט פון איר נישט גענוג — לויט אירע אַספּיראַציעס — פאַרדי־נענדיקן מאַן. מרס שטשענשליוואַ חלומט וועגן אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, קאָסטבאַרע מעבל, אויפנאַמעס, קאַבאַרעט־פּאַרווײַלונגען, אימפּאָרטירטע גע־טראַנקען און זי לאָזט וויסן איר אויף צוויי שטעלן שוין אַרבעטנדיקן מאַן, אַז זי וועט בשום אופן נישט אויפגעבן איר לעבנס־אַמביציע פון צו זיין אַ דאַמע.

— „קאָכאַני יאַסקו״! איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז כ׳האָב אַבסאָלוט נישט בדעה אָפּצואוועגעטירן מיינע בעסטע יונגע יאָרן אַלס קאַרטאָפל־שיילערין פאַר דייך „זשידאָוסקי טשאַלענט״! אָדער אַלס אַרעסטירטע ניאַנקע פאַר דיין צעבאַלעוועטער טאָכטער.

יאָסלען ווערט ביטער אויפן האַרצן. מיט גרויסע אָנשטרענגונגען, דורך אויסערגעוויינלעכער פּראַקטיקע באַקומט ער ענדלעך אַ מער באַצאָלטע אַר־בעט אַלס רייזנדיקער אינסטרוקטאָר אין די ניי־איינגעאָרדנטע אינדוסטריעלע שולן פון איבערשלעזיע. איצט גייען טיילמאָל אַוועק וואָכן, וואָס ער איז נישט אינדערהיים, וואָנדערנדיק אַרום פון שטאָט צו שטאָט מיט זיינע לעקציעס. עס אַרט אים נישט די פיזישע אָנשטרענגונג פונם אָפּטן אַרומרייזן מיט דער באַן. ער איז נאָך אַלץ אַ געזונטער מאַן, אַ ריז, און אַפילו נאָכן איבערשלאָפן זיך זיצנדיקערהייט אין פאַרנדיקן וואַגאָן פילט ער אין זיך גענוג ענערגיע איינצולייגן וועלטן.

דאָס אײנציקע, װאָס איז אים דערװידער איז, דאָס נישט קענען זײַן צו־זאַמען מיט פּרוי און קינד, װעלכע קוקן זיך אַוודאי אױס די אױגן װאַרטנדיק אומגעדולדיק אויף זײַן צוריקקומען.

ער װײסט נאָך נישט, אַז אַלע זײַנע באַמיאונגען מער צו פֿאַרדינען, בכדי צופֿרידנצושטעלן זײַן פּרויס פֿאַרלאַנגען זענען אַרויסגעוואָרפֿן. וואָרום זי האָט אים שוין פֿון לאַנג אָװעקגעשטעלט און נוצט אים בלויז אַלס ליפֿערער פֿון געלט, װאָס זי גיט אויס אונטער זײַנע פּלײצעס צוזאַמען מיט איר נײַ־געפֿו־נענעם נישט־אידישן באַקאַנטן.

װען ער קומט אַמאָל פֿלוצלינג אַהײם ווילנדיק פֿרײדיק איבעראַשן זײַן הײס געליבט װײַב מיט זײַן ראַפּטאָוונע צוריקקומען — כאַפּט ער אַזאַ מין סיטואַציע, װאָס לאָזט מער נישט איבער קײן צװײפֿל, אַז ער איז אַ מיאוס־פֿאַראַטענער פֿון אַ נידערטרעכטיקער, באַטריגערישער פֿרוי.

אַ פּריטשמיעלעטער װי די גאַנצע װעלט װאָלט אים פֿלוצלינג אונטער־געגאַנגען שטײט ער פֿאַר אַ װײַל אומפֿעאיק אַרויסצורעדן אַ װאָרט, קוקנדיק אויף דער אומפֿאַרשעמטער, פּרעך לאַכנדיקער מוטער פֿון זײַן קינד. װען ער באַקומט ענדלעך צוריק זײַן לשון און פֿרעגט זי אַ מבולבלער, װאָס דאָס באַדײַט? — באַקומט ער אַ קלאָרן ענטפֿער צוריקגעשמיסן גלײַך אין פּנים אַרײַן:

— „מײַן ליבטיקער", װען איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט האָב איך געמײנט, אַז אַלס איד װעל איך בײַ דיר האָבן דאָס לעבן פֿון אַ גרעפֿין און אונדזער זײַן צוזאַמען װעט מיט זיך פֿאַרשטעלן אײן לאַנגע קײט פֿון פֿאַר־געניגנס, בעלער, הוליאַנקעס, אָן צו טוען די האַנט אין קאַלטן װאַסער אַרײַן. װײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז כ'האָב געמאַכט אַ טעות. דו ביזט נישט מער װי אַ לויזיקער, שלימזלדיקער באַאַמטער, װאָס פֿאַרדינט צוגעטײלטע גראָשנס פֿון װעלכע כ'קען גאָרנישט דערװאַרטן. מעלדע איך דיר גאַנץ אָפֿיציעל, אַז פֿון הײַנט אָן און װײַטער דאַרף איך דיך פֿאַר אַ שײנע, רײנע כפּרה. איך װעל מיר פֿון איצט אָן מײַן שטעטל אַלײן באַשטײן און נישט דאַרפֿן זײַן אַ דינסט פֿאַר אַ פֿאַרשטינקענעם איד.

— אַזוי — טענהט צו מיר מײַן דערצײלער — האָט געפּלאַצט יאָסל שטשענשליװיס מכלומרשטע פֿאַמיליען־אידיליע. די צרה איז, װאָס ביזן הײַנ־טיקן טאָג זענען נאָך פֿאַראַן נאַכװײעניש, װעלכע קענען נישט אַזוי לײַכט ליקװידירט װערן.

מײַן קינד, װאָס איז שוין קײן ע"ה אױסגעװאַקסן און געװאָרן אַ באַ־טעמט עלף־יאָריק מײדעלע איז שרעקלעך צוגעבונדן צו מיר; און איך האָב מיר געשטעלט אַלס לעבנסציל זי צו דערציען אַלס גוטע אידישע טאָכטער, צוליב װעלכן איך קען זי נישט איבערלאָזן צו לאַנג אױפֿן באַראָט פֿון איר אויסגעלאַסענער מוטער. טראָץ אַלע מײַנע אױסצײכענונגען און מיליטער־שע פֿאַרדינסטן איז דער קריג שוין אַ פֿאַרגאַנגענהײטס זאַך און עס העלפֿט מיר לײדער גאָרנישט צו געפֿינען אַן אַנדערע דירה װוּהין זיך אַריבערצוציען. געפֿינען מיר זיך בעל כרחך װידער אַלע צוזאַמען װײַטער אין דער אַלטער װאױנונג, װאו איך מוז טאָלערירן די אַלע פֿאַרדעכטיקע טיפּן, װאָס קומען

אַרויף באַזוכן מיין געוועזענע פרוי און וויצלען זיך גאַנץ אָפּט אויף מיין אידישער קאָנטע.

ערשט די פּאַריקע וואָך זענען מיר געקומען צו אַ מינדלעכן הסכם ווי־אַזוי אַ סוף צו מאַכן צו דעם אומדערטרעגלעכן גיהנום. כ׳פּאַרהאָף, אַז די דעמאָראַליזירטע מכשפה וועט נישט חרטה האָבן ביז דער אַדוואָקאַט פירט אַלץ אַדורך שריפטלעך און פאָרמעל. דער אָפּמאַך צווישן מיר און מיין „עקס־וויַיב״, איז אַ פאָלגנדיקער:

זי וועט די געזעצלעכע אייגנטימערין פון דער גאַנצער וואוינונג מיטן מעבל, וואָס וועט איר אָפיציעל אָפּגעשריבן ביים נאָטאַריוס. אין קאָמפּענ־סאַציע פאַר דעם, באַקום איך אַ גט און אַ דורך עדות אונטערגעשריבענעם דאָ־קומענט, אַז זי גיט מיר גוטוויליק איבער אונדזער טעכטערל און איך מעג עס צו יעדער צייט דערציען ווי אַזוי איך וויל, זייענדיק באַרעכטיקט צו עמיגרירן אין וועלכן לאַנד איך געפין פאַר נויטיק.

ווי זאָגט דאָס אַלטע אידישע שפּריכוואָרט: „גאָטעניו, ווי האָלט מען שוין דערביי״! עס וואָלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, ווען כ׳בין שוין נאָך דער טראַנזאַקציע.

* * *

דער וואַרשעווער פילם־דירעקטאָר

אַנקוקנדיק אים אַפילו צום ערשטן מאָל, מוז מען מודה זיין, אַז ער האָט אַ נישט דורכשניטלעך אינטעליגענטן אויסזען. דאָס לענגלעך אויסגעצויגענע געזיכט מיט די דעליקאַטע בלאָע אויגן דערציילן וועגן אַ בעל־מחשבות, וואָס לעבט אין דער שענערער וועלט פון מענטשלעכע דערגרייכונגען. דער סימ־פּאַטישער יונגערמאַן מיטן נישט ספּעציעל אידישן אויסזען — טראַכט איר — מוז עפּעס האָבן צו טאָן מיט פּאָעזיע, טעאַטער, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע קונסט־טעטיקייט.

נאָכן באַקענען זיך מיט אים, שטעלט איר טאַקע מיט סאַטיספּאַקציע פעסט, אַז אייער זעקסטער חוש האָט אייך נישט אָפּגענאַרט! הער — (מיר וועלן אים דאָ אָנרופן) „פּאָלאַנסקי״ האָט שוין גאָר צו טאָן מיט דער וועלט פון קונסט. ער איז איינער פון די פּאָפּולערסטע פילם־דירעקטאָרן אין פּוילנס הויפּט־שטאָט. די איינציקע אומפּינקטלעכקייט, וואָס כמעט יעדער איינער מאַכט איז: דער מכלומרשטער „נישט אידישער״ אויסזען זיין, וואָס איז ממש אַ „יוסטיץ טעות״.

נישט נאָר איז רעזשיסער „פּאָלאַנסקי״ אַ באַוואוסטזיניקער איד, נאָר דערצו נאָך אויך אַ שטיקל יודע־ספר און אַן אייניקל פון איינע פון די שענסטע, יחוסדיקע אידישע משפחות אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע. כאָטש ער איז שוין ווייט אַוועק פון אַקטיווער אידישקייט און עס גלויבט זיך אים אַליין נישט, אַז

ער איז אַ געוועזענער ישיבה־בחור, פּערזאָניפיצירט ער אין זיך איין זאַך, וואָס איז אים נאָך איבערגעבליבן פון די „כותלי בית־המדרש" — און דאָס איז „התמדה".

אַ געוואַלדיקער דורשט נאָך לערנען ברוויזט אין דעם יונגן פּראָדוצענט, וואָס לייגט אַריין ראשו ורובו אין זיין שפּאַנענדיקער אַרבעט; און זיצט אין זיין פרייער צייט שטענדיק אַ געבויגענער איבער אינלענדישע און אויסלענדישע קאָמפּליצירטע, פאַכמענערישע ביכער, באַמיענדיק זיך צו אַבסאָרבירן וואָס מער ידיעות וועגן סטיל, עפעקט, סיסטעם און אָרגאַנזשירונג פון גוטע, איינ־האַלטסרייכע פילמען.

הער „פּאָלאַנסקי" איז אויך אַ סקריפּטן שרייבער פאַר פאַרשידענע טעלע־וויזיע און טעאַטער אויפפירונגען.

— „ווען איך הויב אָן פאַרפיקסירן אַ טעאַטער שפּיל אָדער אַ פילם — גיט ער מיר צו פאַרשטיין אין אַ ליטעראַרישן אידיש — נוץ איך תלמודישע אַנאַליטיק אין קאָנטראָלירן מיינע כאַראַקטערן צי זיי זענען באמת אַלס אַזעלכע פאַראַן אין רעאַלן לעבן. איך פרעג זיך אַליין צום ביישפּיל צי איז מעגלעך צו שילדערן אָן אָנגעשטאָפּטן גביר מיט אַ גאָלדן האַרץ פון רחמנות? אָדער עס איז מער לאָגישער צו אילוסטרירן דעם איינפאַכן מענטש, וואָס פאַרמאָגט איבערהויפּט נישט קיין אָנגעזאַמלטע אוצרות אַלס מיטפילנדיקן צו די נויט־באַדערפטיקע.

— ווי איר אָריענטירט זיך אַוודאי לויט מיין רעדן זענען מערסטנס פון מיינע קרעאַציעס געשאַפן אויף סאָציאַלע טעמעס, ווי: לוקסוס און נויט; אָרעם און רייך; זאַטע און הונגעריקע. אַ סך פון מיינע פּראָדוקציעס זענען אויך אויפן הינטערגרונט פון דער פאַרגעקומענע מלחמה. אויף דעם געביט בין איך איינפאַך אַ פאַנאַטישער זאַמלער פון דאָקומענטאַרע פילמען, וועלכע איך מאָנ־טאַזשיר צוזאַמען מיט שוישפּילערישן לעבעדיקן טעאַטער און איך בין זיכער, אַז אַזוי אַרום ברענג איך ערשטקלאַסיק אַרויס דעם געשיכטלעכן וואָרענונגס־רוף נישט צו פאַרגעסן, וואָס דער גערמאַנישער עמלק האָט געטאָן צו דער וועלט און ספּעציעל צו אונדז אידן.

די וועלט, און ספּעציעל איר אַמעריקאַנער, זענט שוין צוריק געוואָרן „גוטע ברידער" מיט די דייטשן, שטאָפּנדיק זיי מיט גאָלד און אויך מיטן מאָדערנסטן געווער, אויפשטעלנדיק אַ נייעם פּאָטענציעלן מערדער, וואָס איז ביטערע און פאַרעטעריש; און וואָס וועט באַשטימט אויסנוצן די ערשטע געלעגנהייט אָנצוצינדן אַ נייַ מלחמה־פייער.

איר זעט, מיין גאַנצע משפּחה איז אין אַמעריקע. דאָך האָב איך צוזאַמען מיט מיין פרוי, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, דעצידירט צו בלייבן אין היינטיקן, דעמאָקראַטישן פאָלקס־פוילן.

איך בין שוין געווען אויף אַ באַזוך אין ניו־יאָרק, וואו איך מוז אָנערקענען, אַז טעאַטער שטייט טאַקע אויף זייער אַ הויכן ניוואָ. עס געפעלט מיר אָבער נישט, וואָס מען רופט די „שוישפּילערישע" וועלט: „שאָו־ביזנעס"! מוז טאַקע אַלץ טראָגן דעם חותם פון „האַנדל־וואַנדל" און קאָמערציאַליזם?!...

מר. „פּאַלאַנסקי" זעט אויס צו זיין אַ גרויסער מאַמין אין נייעם סיסטעם. מיט ווידעראויפגעוואַכטן חסידישן טעמפּעראַמענט קומט ער אַרויס מיט אַ גאַנצע סעריע טענות קעגן דער זינלאָזיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אייערע שענסטע יאָרן אין לעבן גייען דאָך אַדורך מיטן שטענדיקן יאָגן זיך צו דערגרייכן וואָס מער געלט אויף אַ רעגנדיקן טאָג, בכדי נישט מורא צו האָבן, אַז אויף די עלטערע יאָרן וועט נישט זיין פון וואָס צו לעבן. אַ סך פון די מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט בשעת מיין באַזוך אין אַמע־ריקע זענען נישט צופרידן מיט זייערע באַשעפטיקונגען. מאַנכע האָסן אַפילו זייערע פּאָסטנס, אָבער מוזן ווייטער טאָן די אין האַרצן פאַרהאַסטע אַרבעט צוליב פּרנסה. איך וואָלט נישט געקאָנט לעבן אין אַזאַ מין סיסטעם וואו דער באַראָמעטער צו אַ מענטשנס געזעלשאַפטלעכן סטאַטוס איז: זיין איניציאַטיוו און פעאיקייט צו מאַכן געלט.

— איר זעט, איך און מיין פרוי, וועלכע איז אַ רעדאַקטאָרין פון אַ וואָכן־צייטונג, לעבן אפשר נישט אין שרייענדיקע באַקוועמלעכקייטן, אָבער דערפאַר לעבן מיר זיך גייסטיק אויס אַ סך גליקלעכער, וויל מיר טוען אַ שעפערישע אַרבעט, וואָס איז אונדז צום האַרצן און מיר האָבן דעריבער דאָס גוטע געפיל פון פּראָדוקטיווע מענטשן, וואָס טוען אַ נוצלעכע זאַך.

מרס. „פּאַלאַנסקאַ" שמייכלט טאַקטפול צו צו די באַהויפּטונגען, וועלכע איר מאַן דריקט אויס. אַליין איז זי אַן אָריגינעלער טיפּ פון אַ שטאָלצע, אידישע טאָכטער מיט דער גרויסער גלאָריע פון פּערזענלעכער באַטייליקונג אינם געטאָ־רעוואָלט. מיטן אָליוו־פּנימדיקן אויסזען פון אַ סאַברע אייניקט זי אין זיך אינטעלעקטועלע קוואַליפיקאַציעס פון אַ דר. מעדיצין, פילאָלאָגין, זשורנאַליסטין און — אחרון, אחרון חביב — איבערגעגעבענע פרוי און מוטער פון אַ צען־יאָריקע טאָכטער, וואָס פילט זיך גראַד נישט גוט און ליגט אויף אַן אויסלייג־בעטל (לעזשאַק) אינמיטן דער מיט אַן אַ שיעור ביכער אָנגעפּראָפּ־טער שטוב. קוק איך אויף דעם שוואַרץ־אויגיקן מיידעלע, וואָס הערט זיך אויפ־מערקזאַם צו צו אונדזערע געשפּרעכן און עס פאַלט מיר איין, איך וועל ביי מיין פריינטלעכן גאַסטגעבער אַזוי כלאחר יד אַ פרעג טאָן סאַראַ שטייגער צוקונפט ער פּלאַנט פאַר זיין איינציק קינד; און אויב עס אַרט אים נישט, אַז זי וועט חתונה האָבן מיט אַ גוי.

דאָ פאַרלירט מיין פריינט שוין דעם זעלבסטזיכערן טאָן און איז מודה, אַז דאָס איז דווקא יאָ אַ פּראָבלעם און ער פּערזענלעך איז ווייט פון פּראָפּאַ־גירן געמישטע חתונות. אָבער — גיט ער צו מיט אַ געמאַכט, בלאַס שמייכעלע — „די לך צרה בשעתה".

ביים אָוועקגיין געזעגן איך זיך גאָר האַרציק מיט זיי און דערמאָן זיי אין אַ ליד פון באַרימטן פּוילישן פּאָעט אַדאַם אַסניק, וועלכער וואָרנט די אַלע פּאַראויסמאַרשירנדיקע צו נייע אידעאַלן נישט צו שטירצן די אַלטע „מזבחות" פון אמונה און טראַדיציע אויף וועלכע עס טליעט דאָס קדושהדיקע פייערל פון געטלעכקייט.

עפּעס, דאַכט זיך מיר, שטימט דאָ נישט! — טראַכט איך בשעתן שפּאַצירן צו דער נאָענטסטער טעקסי־סטאַציע. עפּעס הײבט זיך מיר אָן דאַכטן, אַז דער גאַנצער פּאַטאָס מיט וועלכן הער „פּאָלאַנסקי" האָט אַזוי שלאָגפּאַרטיק אַרגומענטירט, איז נישט קײן הונדערט־פּראָצענטיקער.

איך האָב אַ געפיל, אַז ביים דערקלערן מיר זײנע השקפות װעגן געראַנגל פון מזרח און מערב, האָט ער נישט נאָר געװאָלט מיך איבערצײַגן אינם אומפאַרמײדלעכן זיג פון פּראָלעטאַריאַט, װעמענס צד ער האָט אויסגעקליבן — נאָר אויך זיך אַלײן זעלבסט סוגעסטירן און באַפרײַען פון עקבערנדיקע ספקות, װעלכע מאַטערן אים מסתמא און לאָזן נישט צורו.

אַ באַדײַטנדיקן גרונט אַזוי צו דענקען האָט מיר געגעבן דער פילזאָגנדיקער אויסדרוק זײַנער ביים אַראָפּבאַגלײטן מיך פון די שטיגן:

— אויב איך װעל שוין אַמאָל יאָ דעצידירן אַװעקצופאָרן פון פּוילן אין װעלכן כ'בין שטאַרק מסופק — קען איך אײַך פאַרזיכערן, אַז מײַן דעסטינאַציע װעט נישט זײַן אַמעריקע — נאָר דאָס לאַנד פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט — ארץ ישראל, װעלכע איך זע פאַר אַלס אַװאַנגאַרד פון דעמאָקראַטיע און פּראָגרעסיװקייט פאַרן גאַנצן נאָענטן מזרח.

* * *

דער „קאָמערסאַנט"

דרײַ מאָל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויפן דאַזיקן טשעקאַװען מענטשל, װעלכער װאָלט אַװדאי אין אַמעריקע געמאַכט אַ פאַרמעגן מיט זײַן נישט־מיד־װערנדיקע צודרינגלעכקייט.

קלײנגעװאוקסיק, מיט הויכע אַקסלען, װאָס מאַכן דעם קאַרק אויסזען קורצער, קוקט ער אויס מאָדנע מיט זײַן גאַנצער פיגור. מען קאָן אים נישט באַצײכענען אַלס בעל־מום. זײַנע שטריכן זענען אָבער אויך נישט הונדערט־פּראָצענטיק נאָרמאַל און סימעטריש. פון הינטערן דעפאָרמירטן, טונקעלן קאַפּעליוש שטאַרן אַרויס אַ פּאָר גרויסע אויערן, װאָס זעען אויס װי ספּעציעלע פילאַרן אונטערצוהאַלטן די פילצערנע ראַנדן פונם הוט. פון אונטער װעלכן עס קוקן אויך אַפילו דורכנעמענדיקע, זשװאַװע מאַנדל־אויגן.

אויף דרײַ פאַרשידענע אופנים און אונטער דרײַ פאַרשידנאַרטיקע אומשטענדן האָב איך אים אָנגעטראָפן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געזען בײַם פּראַװוען דעם סדר אינם קהילה־הויז אויף „טוואַרדע" זעקס, און איך מוז מודה זײַן, אַז טאַקע דאַן איז ער מיר געװען אַמסימפּאַטישסטן. דאָרט אויפן צװײטן שטאָק פון דער גמינע־געבײַדע איז ער געזעסן אַזוי פּשוט און בנעימותדיק אַרײַנגעקװעטשט צװישן די איבעריקע פאַרבענקטע אידן, װאָס זענען צוליב פאַרשידענע סיבות געקומען צום בציבורדיקן, פּסחדיקן מאָלצײַט.

דעמאָלט האָב איך באמת מיטגעפילט מיט די דאָזיקע אַלע צוזאַמען מיט אים אַרומזיצנדיקע אורחים, וועלכע קענען ליידער נישט אַליין, אויף דער אייגענער האַנט, אין זייערע שטובן פייערן בהרחבה דעם הערלעכן יום־טוב, וואָס דאַרף אידישע מענטשן פאַרוואַנדלען אין מלכותדיקע, סימבאָלישע געשטאַלטן פון פרינצן און פרינצעסינס.

אַ סך פון די באַטייליקטע אין יענעם מאָסן־סדר האָבן מיר דאַן אין פריוואַטע שמועסן טאַקע דערקלערט, אַז זיי וואָלטן בעסער דורכגעפירט דעם יום־טוב אויף אַ מער אינטימערן שטייגער ביי זיך אינדערהיים — ווען זיי וואָלטן נאָר געקענט זיך דערלויבן איינצוקויפן די ספּעציעלע פסחדיקע כלים; און אויך אַ ביסל מער געוואוסט וועגן דער צערעמאָניאַלער זייט וויאַזוי אָנצוגיין מיט די אַלע סדר־מנהגים...

אַנדערש האָט אָבער זיין אָנוועזנהייט ביים געזעלשאַפטלעכן סדר מאָטיווירט מיין אויבנדערמאָנטער, מערקווירדיקער „טיפּ", וועלכן איך וועל צוליב עטישע אורזאַכן אָנרופן מיטן רמזימדיקן נאָמען: „קליינמאַן".

— איר פאַרשטייט! — האָט ער צו מיר גערעדט אין אַ טאָן פון עמיצן, וואָס שאַצט זיך חלילה נישט אונטער. — איך האָב ברוך השם יום־טובדיק געפּעס אינדערהיים! אין מיין וואוינונג וועט איר געפינען: כוסות, קאַרפּינקעס, טעלער, עס־באַשטעק, טעפּ און טשייניקעס גענוג אויסצוסדרן אַ טיש ווי אַמאָל ביי מיין טאַטן ע"ה, דעם פּיאַסעצנער רבינס מקורב אויף דער פאַרמלחמדיקער גענוינע־גאַס!

וועט איר זיך דאָך אַוודאי וואונדערן און קלערן, אַז כ'בין געקומען צום אַלגעמיינעם סדר פּשוט דערפאַר ווייל נאָך אַזויפיל יאָרן פון גלגולים און נעוודנעם אַרומוואַנדערן איבער סיביר און אַזיע, האָב איך צווישן די „קאַזאַכן" און „טאַדזשיקן" איינפאַך פאַרגעסן דעם אופן פון פּראַווען אַ חסידישן סדר און בין מער נישט זיכער, אַז כ'וועל עס אייגנהענטיק אַליין קענען אַדורכפירן.

— וויל איך אייך זאָגן, „פּאַניע אַמעריקאַנער", אַז אויב איר דענקט אַזוי, מאַכט איר אַ גרויסן טעות! — „גירסא דינקותא לא משתכחא".

אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן בין איך אַ געוועזענער תלמיד פון דער וואַרשעווער „מתיבתא" און אויך פון דער ליובאַוויטשער ישיבה אויף „סאַפּיעזשינסקע" זיבעצן; און זייט זיכער, אַז כ'וואָלט אייך נאָך געקענט זאָגן פון אויסנווייניק אַ שטיקל גמרא מיט תוספות.

— די סיבה פון מיין קומען דאָ היינט ביינאַכט אָנטיילצונעמען אינם עפנטלעכן קהילה־סדר איז אויך נישט חלילה צוליב מאַטעריעלער דחקות, וואָס איך האָב זיך נישט געקענט דערלויבן פון מיין אייגענער קעשענע איינצוקויפן די יום־טובדיקע אַרטיקלען און דעריבער באַשלאָסן צו געניסן פון „דזשאָינטס" בודזשעט... איך וויס, אַז עס וועט אייך אפשר אויסזען אומגלויבלעך וואָרום איר אַמעריקאַנער האָט אַ שם אין דער וועלט פאַר נישט קיין סענטימענטאַלע מענטשן. אָבער, דער ערלעכסטער אמת איז, אַז מיין דאָ־זיין היינט ביינאַכט

איז באַוואויגן געוואָרן פון אַן אינערלעך געפּיל, וואָס האָט מיר דיקטירט ספּע־ציעל אַהערצוקומען און זיך מצרף זיין צו דעם „מתי־מעט”, וועלכער איז גע־בליבן פון אונדזערע וואַרשעווער אידן... עפּעס אַן אינערלעכער אימפּולס האָט מיך ממש געשטויסן צו קומען צום גמינע־סדר, בכדי צוזאַמען מיט אָט די אַלע טראַדיציאָנעלע אידן זיך אָפּיציעל צו אידענטיפיצירן מיטן עבר פון אונדזער פאָלק; מיט דער העראָאישער פאַרגאַנגענהייט פון אונדזער רומרייכער, חרוב־געוואָרענע וואַרשע, הינטער וועמענס געטאָ־מויערן מיינע עלטערע ברידער זענען אין יענעם אומפאַרגעסלעכן פּסח פון 1943 געפאַלן באַשיצנדיק דעם אידישן כבוד.

— „מיין אַהערקומען איז אַן אויסדרוק פון אינערלעכן דראַנג זיך צו גע־פינען פּסח ביינאַכט צווישן וואַרשעס לעצטע, אידישע „מאָהיקאַנער”, און צוזאַמען מיט זיי צו זאָגן דעם „שפוך חמתך על הגויים” קעגן די נאַצישע פאַרניכטער און זייערע מנוולדיקע אַרויסהעלפער — וואָס האָבן יעקבן אויפ־געפרעסן און זיין וואוינונג פאַרוויסט.

ווי אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר זיין פיזישער אומפּערפעקטקייט איז פאַר מיר געשטאַנען אַ יונגערמאַן מיט אַן אויסערגעוויינלעכן „חיתוך־הדיבור” און מיט ישיבה־בחורישן פּאַטאָס — וואָס האָט אים צוגעגעבן אַ געוויסן חן — געשליידערט ביטערע ווערטער וועגן אומגליקלעכן גורל פון אונדזער אומה, וועלכע איז ביים שטומשווייגן פון אַ רציחהדיקער וועלט געפירט געוואָרן צו איר זעקס־מיליאָניקער עקידה.

* * *

דאָס צווייטע מאָל האָב איך „קליינמאַנען” אומדערוואַרטעטערהייט באַלד נאָך פּסח אָנגעטראָפן טרינקען ביר מיט די פּאַרטיערן פון „בריסטאָל האָטעל” מיט וועלכע ער האָט אין אַ געדעמפטער שטימע זיך געסודלט, נישט קרעמ־פירנדיק זיך אַפילו אַרויסצוהעלפן מיטן באַרימטן געדריי פונם גראָבן פינגער. וואָס אַן אמת האָב איך אַפילו געוואָלט צוגיין צו אים און זיך באַגריסן. אָבער אויגנבליקלעך האָב איך זיך מישב געווען, באַמערקנדיק ווי נאָכן וואַרפן אַ זייטיקן בליק אין מיין ריכטונג, האָט ער זיך צו מיר אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע, ווי ער זאָל מיך כלומרשט נישט האָבן געזען.

מסתמא באַמיט ער זיך צו מאַכן עפּעס אַ שטיקל מסחר מיט די האָטעל־באַאַמטע — האָב איך געטראַכט און עס טויג אים נישט זיי זאָלן וויסן, אַז ער קען עמיצן פון די איינשטייענדיקע געסט. דאָס איינציקע, וואָס האָט אויסגעזען אַביסל מאָדנע איז געווען די שפּעטע שעה, כמעט צוועלף ביינאַכט ווען די דאָזיקע „ביזנעס־זיצונג” איז פאָרגעקומען. געגנוי צי ער קויפט, אָדער פאַר־קויפט האָב איך נישט געקענט וויסן. אָבער, לויט די שושקענדיקע פאַר־האַנדלונגען איז זיך נישט שווער געווען צו אָריענטירן, אַז קיין הונדערט־פּראָצענטיקע, כשרע טראַנזאַקציע איז עס יעדנפאַלס נישט.

אויף צומאָרגנס בין איך דורך איינעם פון די באַרעדעווודיקע האָטעל־דינער געוואויר געוואָרן, אַז דער „מאַלי זשידעק״ (אַ פּאַראיידלטער אויסדרוק אויפן וואָרט „איד״ וואָס וואָלט געגוי איבערזעצט אייגנטלעך באַדאָרפן הייסן „זשיד״) איז אַ „קאָמערסאַנט״ (פון רוסישן, אַן אויסגעפּיינטע באַצייכענונג פאַר אַ „שוואַרצהענדלער״), וועלכער קויפט אָפּ פון די האָטעל דינערשאַפט די פאַרשידענע מתנות, וואָס זיי באַקומען פון אויסלענדישע געסט ווי: סיגאַ־רעטן, וויסקי, און אַנדערע קליינע פרעמדלענדישע לוקסוסן, בכדי עס ווייטער דורך באַקאַנטשאַפט צו פאַרקויפן און מאַכן דערביי אַ פּראָפיט.

— ער איז אַ העכסט אַנשטענדיקער „זשידעק״ — האָט מיך מיין באַקאַנ־טער פּאָרטיער פאַרטרויליך אינפאָרמירט, אַ שטייגער ווי ער וואָלט אונטער אַ שבועה אָפּגעגעבן אַ כאַראַקטערדיקן עדות־ראַפּאָרט פאַר אַ געריכט. — מען קען זיך אויף אים הונדערט־פּראָצענטיק פאַרלאָזן. אַ וואָרט איז אַ וואָרט. ווען ער זאָגט עפּעס צו מעג דונערן און בליצן, וועט ער עס צושטעלן, אַפילו ער זאָל עס דאַרפן ברענגען פון טויזנט מייל אַוועק און נישט פאַרדינען דערביי קיין גראָשן.

קען זיין, אַז ווען „קליינמאַן״ אַליין זאָל פערזענלעך אויסהערן די דאָזיקע קאָמענטאַרן וועגן זיין סוחרישער „דזשענטעלמענישקייט״, וואָלט עס אים אימפּאָנירט און הנאה געטאָן. און אפשר טאַקע האָט אים אויך ערגעץ וואו דאָרט אין אָפּוועזנהייט זיך גערויטלט דאָס „רעכטע אויער״ פון די אַלע אויף זיין קאָנטע געזאָגט געוואָרענע שבחים.

איך בין אָבער בשום אופן נישט געווען באַגייסטערט פון די אַלע געהערטע קאָמפּלימענטן. איך האָב אין קיין פאַל נישט געקענט תופס זיי די ריזיקאַלישע אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ בעל־שכלדיקן יונגנמאַן, וואָס האָט אַזויפיל דורכגעמאַכט; געהאַט אַזעלכע ביטערע דערפאַרונגען אין לעבן; און באַגרייפט דאָך נישט, אַז אַלס מאַן און טאַטע פון קינדער, טאָר מען זיך נישט מפקיר זיין צו דער געפאַר איינגעזעצט צו ווערן אַלס ספּעקולאַנט, באשר בכן עס לאָקט די מעגלעכקייט פון פאַרדינען אַ „לייכטע״ פּאָר זלאָטעס... ווי לייכט־זיניק קען דען אַ מענטש ווערן אין געיעג נאָך אַ „פאַרדינסטל״, וואָס קען זיך נאָך „בחרפּתנו״ אויסלאָזן „באָקעם״.

איבערהויפּט האָב איך בכלל נישט געקענט משיג זיין דאָס „מנחם־מענדלשע״ אַרומפּלאָנטערן זיך פון אַזעלכע טיפן יונגעלייט ווי „קליינמאַן״, וואָס דעקלאַרירן זיך אַלס הייסע אידן, רעדן מיט פיעטעט וועגן יהדות, און דאָך נוצן זיי נישט אויס די נאָך פאַראַנענע, פּראַקטישע געלעגנהייט עולה צו זיין קיין ישראל, וואו זיי וואָלטן זיך געקענט אויסלעבן אַ נאָרמאַל, רואיק און פּראָדוקטיוו לעבן!

* * *

דאָס דריטע און לעצטע מאָל האָב איך אומגעריכט ווידעראַמאָל געזען „קליינמאַנען" צוויי טעג פאַרן אַוועקפאָרן פון פוילן און אייגנהויטיק דורכ־געמאַכט אַן אָפּענסיווע פון פּראָפּאַזיציעס איינצוקויפן ביי אים אַ פּאָר ווייס־בלאָע ברילי־אַנטלעך, וואָס וועלן מיר מינדעסטנס אויסשלאָגן די רייזע־הוצאות.

— ר' אַמעריקאַנער — איז ער מיר פון הינטערווייל עכטס אונטערגעקומען אויפן וועג אַהיים פון אידישן טעאַטער. — גיט נאָר אַ קוק! אַ ווילדע מציאה! זעכציק „ווייכע" (דאָלער) אינגאַנצן.

מיט זיינע דראַבנע, וואַקלדיקע טריטעלעך איז ער מיר פאַראויסגעלאָפן און נישט געפרעגט הערהייט, פאַר דער נאָז אַריינגעשטופּט זיין קליינעם פינגער פון וועלכן עס האָט אַראָפּגעבלישטשעט אַ פינקלענדיקער סיגנעט. — איבער אַנדערהאַלבן קאַראַט צען פונקטענדיקע שטיינדלעך בחצי חנם. ביליקער ווי באָרשט! נו! גיט אַ איד צו פאַרדינען אַ פּאָר דאָלער — האָט ער מיר שוין פאַראייַנוועגס געמונטערט די נאַציאָנאַלע געפילן.

אויף אַ־אַ מין עפנטלעכן פּראָפּאַגאַנדע אַטאַק אינמיטן „פּלאַץ פּילסודס־קיעגאָ", האָב איך שוין געמוזט רעאַגירן. האָב איך זיך בלית־ברירה אָפּגע־שטעלט און העפלעך אָבער אַנטשלאָסן אין אַ פּאָר ווערטער אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז אַ שאָד זיין ווערטפולע צייט, וואָרום איך בין נישט געקומען קיין פוילן איינצוקויפן שטיינדלעך און ער זאָל זיי אַפילו מיר אַוועק־געבן אומזיסט, אַלס געשאַנק, וועל איך זיי אויך נישט אָננעמען!

„קליינמאַן" איז אָבער נישט נתפעל געוואָרן פון מיין נעגאַטיוון ענטפער און ווייטער מיט מיר מיטגעשפּרייזט, באַמבאַרדירנדיק מיך פּסיכאָלאָגיש מיט אַזעלכע פראַזן ווי: „פרוי מיט קינדער", „מען דאַרף פרנסה", „קען נישט מאַכן אַ לעבן פון אָפיציעלן דזשאָב".

פונקט ווי אַלע פּראָפעסיאָנעלע מציאות־הענדלער פון פּאַריז, רוים און אַטענס, וואָס זענען פעאיק אייך נאָכצולויפן פאַר מיילן אין דער זיכערקייט, אַז סוף כל סוף וועלנדיק פון זיי פּטור ווערן וועט איר דאָך עפּעס קויפן. אַזוי איז אויך „קליינמאַן" נאָך אַלץ נישט אָפּגעשטאַנען און מיך ווי אַ פאַר־פאָלגנדיקער שאָטן מיטבאַגלייט אין דער ריכטונג פון האָטעל.

ערשט ביי עק „קראָקעווער פאַרשטאָט" האָט ער, זעט אויס געגומען צו קענטעניש, אַז זיין נאָכלויפן מיר איז אַ „תפילת שוא"; און פאַרשטאַנען, אַז איך בין איינער פון יענע האַרטנעקיקע „כאַראַקטערן", וואָס פאַרמאָגן נישט די אַמביציע פלוצלינג רייך צו ווערן פון אַ „שנעל געשעפטל". אַן אַ זיי־געזונט האָט ער זיך דאַן אויסגעדרייט און מיט פאַמעלעכקייט גענומען צוריקגיין אין דער זייט פון זאַקסישן גאָרטן.

ווען איך האָב אַ ווײַלע שפּעטער אינסטינקטיוו זיך אומגעקוקט זיכער צו מאַכן, אַז ער איז שוין טאַקע אַוועק — האָב איך פונדערווייטנס באַמערקט

ווי אויך ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיר האָבן דאָס לעצטע מאָל געכאַפּט אַ בליק איינער אויפן אַנדערן.

איך האָב אויף אים געקוקט מיט באַדויערן, באַגרייפנדיק, אַז ווען נישט דער שוידערלעכער חורבן וואָלט זיין לעבנס־וועג זיך באַשטימט אויסגעבאָגנט אויף אַן אַנדערער „ליניע"...

דאַקעגן איז מיר אוממעגלעך געווען צו אורטיילן, וואָס „קליינמאַנס" אויגן האָבן אויסגעדריקט בשעת ער האָט מיך פונדערווייטנס, ווי געזעגנט אָן ווערטער.

* * *

אימיגראַציע קאַנדידאַטן

ווען מען עפנט אויף די טיר פון ישראל־קאָנסולאַט אין וואַרשע, דער־קענט מען גאָמענטאַל, אַז דאָס איז נישט סתם קיין דעקאָראַטיווע אינסטי־טוציע לשם „פּאַבליק־ריליישאָנס", אָדער וועלכע עס איז אַנדערע געשעפטלעך פּראָפּאַגאַנדיסטישע צוועקן.

דאָס קליינע פּאַלאַצן אויף פּילטראָווע גאַס, מיטן אָוואַלן ישראל־עמבלעם איבערן אַריינגאַנג, איז אַבסאָלוט נישט איינגעאָרדנט מיט יענער עלעגאַנץ, מיט וועלכער עס זענען געוויינלעך אויסגעשטאַט אויסלענדישע פאָרשטייער־שאַפטן פון מדינות אין פרעמדע לענדער.

ווען נישט דאָס פאַרן טויער שטייענדיקע, מיט רויט־ווייס באַמאָלענע פּאָליציי־בודקעלע, אין וועלכן עס געפינט זיך שטענדיק אַ באַוואָפנטער שומר פון דער שטאָטישער מיליץ, וואָלט אייך אפשר אַפילו נישט איינגעפאַלן אונ־טערצושיידן דאָס העלע הייזל פון די אַנדערע שכנישע געביידעס פון דער געגנט. טרעט איר אָבער אַריבער די אינעווייניקסטע שוועל פונם קאָנסולאַט, דערפילט איר בפועל ממש, אַז איר זענט אויפן ריכטיקן פּלאַץ. איר דערזעט באַשיימפּערלעך, אַז איר געפינט זיך איצט אין דער שטאַטלעכער רעפּרע־זענטאַנץ פון מדינת ישראל, וואוהין איצטיקע פּוילישע אידן קומען זיך אָפּי־ציעל באַמיען צו באַקומען איינפאָר־וויזעס און דערליידיקן די אַלע פאָרמאַלי־טעטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן עולה זיין אין אידישן לאַנד אַריין.

ווי אַנדערש איז דאָ אַלץ פונם אַמאָליקן „פּאַלעסטינע אַמט" אויף קרו־לעווסקאַ גאַס — פאַרן חורבן. דאָרט אין יענעם „קאָנסולאַט" פון דער מלוכה־אונטערוועגנס, איז יעדע דאַמאָלסדיקע „סערטיפיקאַטן־וויזע" קמצנותדיק געוואָרן צוגעטיילט דורך די ענגלישע מאַנדאַטן־מאַכט, וואָס האָט אומאויפ־הערלעך געהאַלטן אין איין באַגרענעצן אַפילו די שוין באַשטימטע עליה־קוואָטעס. דעריבער איז אויף יעדן סערטיפיקאַט, אויף יעדער „המלצה", אויף יעטוועדן דאָקומענט דערמעגלעכנדיק עולה צו זיין — געווען טויזנטער גי־ריקע קאַנדידאַטן, און נאָר לאַנגיאָריקע חלוצים און פאַרדינסטפולע יחידי

סגולה האָבן זיך דערשלאָגן צום גרויסן גליק פון קריגן אַן אַריינפּאָר דער־לויבעניש קיין ארץ ישראל.

ווי איובדיק און איראָניש, אַז גראָד דאַן, ווען גרויסע, נאָך לעבעדיקע מיליאָניקע מאַסן פון פּוילישע אידן האָבן זיך געריסן צו פאָרן אין דאַמאָלסדיקן „פּאַלעסטינע" — האָבן די „גוטע" בריטישע אַפּטרופּסים געטאָן אַלץ אין דער וועלט צו פאַרשפּאַרן אַלע וועגן, בכדי חלילה נישט אויפצורייצן דעם מופטי, וועלכער האָט טאַקע אין דער שפּעטער אויסגעבראָכענער מלחמה אויס דאַנק־באַרקייט געמאַכט יד־אחת מיט היטלערן ימ"ש קעגן די אַליאירטע.

היינט צו טאָג געהערט שוין דאָס צו דער פאַרגאַנגענהייט. דער בריטישער מאַנדאַט איבער „פּאַלעסטיין" איז אַן ענין פונם עבר. די שוואַרצזעערישע „ווייס־ביכער" זענען אויך אַ זאַך פון פאַרשוואונדענעם אַמאָל. דאָס איינציקע, וואָס פאַרטראַגישט נעבעך דעם סך הכל איז אָבער דער אומברחמנותדיקער פאַקט, אַז עס זענען מער אויך נישט פאַראַן די דריי און אַ האַלב מיליאָן פּוי־לישע אידן, וועמענס שוידערלעכער אומקום עס איז אַן אומפאַרטרעטבאַרער, נישט קאָרעקטבאַרער פאַרלוסט, אויף וועלכן דאָס אידישע פאָלק וועט אייביק טרויערן און זאָגן קינות.

וואָס פאַראַ איכהדיקער פּאַראַדאָקס — טראַכט איר בשעת אייער באַזוכן דעם וואַרשעווער ישראל קאָנסולאַט. — גראָד איצט ווען די בלוי־ווייסע פאָן פון אידישער אומאָפּהענגיקייט פלאַטערט איבערן אויסגעקעמפטן פאָטערלאַנד; גראָד איצט, ווען אַ דעקלאַראַציע פון ישראלדיקן פּאַרלאַמענט לויטעט, אַז יעדער איד האָט די היסטאָרישע רעכט צוריקצוקומען קיין ארץ־ישראל, און אַ אידישער קאָנסול מיט אַ תנ"כישן נאָמען איז דער איינציקער, קאָמפּעטענ־טער באַפולמעכטיקער אַרויסצוגעבן ישראל־וויזעס — זענען מער ליידער נישט פאַראַן יענע קאָלאָסאַלע רעזערוואַרן פון פּוילישן אידנטום, וועלכע וואָלטן אין די הונדערטער־טויזנטער, אַפילו צופּוס געגאַנגען אין הייליקן לאַנד אַריין.

* * *

פאַרשידענע שטייגער מענטשן זיצן אין פאַרטערדיקן פאָדערצימער פונם א"י קאָנסולאַט, וואָס איז גלייכצייטיק דער „וואַרטע־זאַל" פאַר אינטערע־סאַנטן. אויף איינפאַכע האָלצערנע בענק, איבער וועלכע עס הענגען די בילדער פון פאַרשטאָרבענע ציוניסטישע מנהיגים און אויך, יבדלו לחיים, היינטיקע ישראלדיקע מלוכה פירער, זיצט מען און מען וואַרט, יעדער אויף זיין ריי, אָנגענומען צו ווערן פונם אַנטשפּרעכנדיקן באַאַמטן. אַ סך פון די „פּקידים" און, ווי מיר דאַכט זיך, די מערהייט פון ישראל געקומענעם פּערסאָנאַל, זענען אַליין געוועזענע פּוילישע אידן פון לובלין, באַריסלאַוו און ריישע, און רעדן נאָך גוט פּויליש, וועלכעס קומט זיי טאַקע צונוץ ביים פאַרשטענדיקן זיך מיט די יעניקע, וועלכע געדענקען שוין נישט דאָס אידישע לשון. אין אַלגעמיין איז אָבער צו באַמערקן ווי אידיש איז נאָך אַלץ פון די דאָמינירנדיקע שפּראַכן

אויף וועלכע די וואַרטנדיקע שמועסן זיך אויס איינער מיטן אַנדערן. אַ חוץ אידיש און פּויליש קען מען אויך אָפּט הערן רוסיש, וועלכן עס רעדן די לעצטנס צוריקגעקומענע רעפּאַטריאַנטן פון רוסלאַנד, וואָס מאַכן שוין די פּרעלימינאַרע הכנות צו פאָרן ווייטער.

דאָס אויסזען פונם דאָזיקן אידיש, פּויליש און טיילוויז אויך רוסיש רעדנ־דיקן עולם, וואָס פאַרהאַלט זיך פריי און עמכדיק, דערמאָנט אייך אין די פאַרמלחמהדיקע וואַרשעווער „לינת הצדקס", וואוהין מאַסן אידן פלעגן קומען צו געניסן פון צוגענגלעכער, מעדיצינישער הילף. פון אַזאַ שטייגער מענטאַ־ליטעט זענען אומגעפער געווען יענע פּאַציענטן אין די פאָלקס־אַמבולאַטאָריעס פונם אַמאָליקן וואַרשע אויף פּאַוויע 24, נאָוואָליפּקע 20, מוראַנאָווסקע 36, וועלכע פלעגן אויך זיצן שטונדן לאַנג מיט די „בומערלעך" אין דער האַנט, וואַרטנדיק אויפגענומען צו ווערן פון דאָקטאָר.

קאָן זיין, אַז עס איז אפשר אַן אויסטערלישער פּאַראַלעל. אָבער מיר קוקט אויס סימבאָליש אויסגעהאַלטן און גאָר נאָענט די „סמיכת הפּרשה" פון די דאַמאָלסדיקע און די איצטיקע, דאָ אין קאָנסולאַט וואַרטנדיקע אידן.

דער איינציקער אונטערשיד איז נאָר, וואָס פאַרן חורבנדיקן אומקום זע־נען אידן געזעסן אין די „פּאָטשעקאַלניעס" פון די וואַרשעווער „לעטשניצעס" און געוואַרט, אַז דער דאָקטאָר זאָל זיי מיט זיינע מעדיצינען ראַטעווען פון פיזישע געפאַרן, וועלכע באַדראָען דאָס קערפּערלעכע געזונט. היינט, נאָכן גרויסן פאָלקס־קאַטאַקליזם אונדזערן, זיצן רעשטלעך על פּי נס איבערגעבלי־בענע אידן אינם וואַרטע־זאַל פון דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט און וואַרטן, נישט אַזוי אויף אַ רפואת־הגוף — ווי אויף אַ רפואת־הנפש פאַר זייערע צע־וויטיקטע נשמות, וועלכע שטרעבן צוריקצובאַקומען זייערע גייסטיקע, אידי־שע גלייכגעוויכט מיטן עולה זיין קיין ישראל.

זיצן זיי דעריבער אַזוי די אידישע מענער און פרויען פון וואַרשע און לאָדזש, פון וואַלבזשיך און גליוויץ, און וואַרטן מיט סבלנות אויף דער דער־ליידיקונג פון זייערע פּאַפּירן. מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער פּסיכאָלאָג אַרויסצולייענען פון זייערע אויגן: דערוואַרטונג און זאָרג, האָפענונג און שפּאַ־נונג. און איבער אַלעם הייסער וואונטש, אַז די אַלע פאַרמאַליסטישע פּראָצע־דורן זאָלן זיך ענדלעך ענדיקן, און זייערע פּוילישע פּעסער זאָלן געשטעמפּלט ווערן מיטן העברעאישן, פּירקאַנטיקן וויזע־זיגל, וואָס באַרעכטיקט זיי לעגאַל צו אימיגרירן אין אידישן לאַנד, וואו די מערסטע דענקען זיך צו פאַראייניקן מיט די דאָרטן פאַראַנענע משפּחות און אָנהייבן אַ ניי לעבן.

* * *

דער רוב פון די אַפּליקאַנטן פאַר „עליה" זענען פאַמיליע־מענטשן אין באַשטאַנד פון עטלעכע פּערזאָן — דערקלערט מיר אַ פריינטלעכער סעקרע־טאַר אין אַ קורץ־דויערנדיקן אינטערוויו.

— איך דענק אָבער נישט, אַז עס וועט זיין נוצלעך לטובת אונדזער טיף הומאַניטאַרער אַרבעט מפרסם צו זיין איינצלהייטלעכע סטאַטיסטיקס, וויפיל אידן עס פאָרן אַרויס פון פוילן מאָנאַטלעך אָדער יערלעך — ווי איר שטעלט אייער פראַגע. דאָס איינציקע, וואָס איך קען אייך נאָר זאָגן איז, אַז די היינטיקע פוילישע רעגירונג איז אויסערגעוויינלעך טאַקטפול אין די פּראָבלעמען פון אידישער אימיגראַציע, און ווייזט אַרויס אַ סך פאַרשטענדעניש און קאָאָפּע־ראַציע אין ענינים וואָס האָבן צו טאָן מיט אידישער אויסוואַנדערונג קיין ישראל.

וואָס אָנבאַלאַנגט קולטורעלע פאַרבינדונגען — קען איך אייך דערקלערן מיט פולשטענדיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז די פּוילישע מיניסטעריומס פאַר בילדונג און קולטור, האַלטן אָן אָפיציעלע באַציאונגען מיט מדינת ישראל און טיילן זיך קעגנזייטיק מיט פאַרשידענע פּראָגראַמען און דערפאַרונגען אויפן געביט פון לערע און דערציאונג. צענדליקער דעלעגאַציעס פון ישראלדי־קע חינוך־טוער קומען איצט קיין פוילן אַלס פאַרמעלע געסט פון די פוילישע לערער־פאַרבאַנדן, און די העברעאישע שפראַך קלינגט אָפּ אויף פאַרשידענע קולטור־צוזאַמענפאָרן צוגלייך מיט אַלע אַנדערע לשונות.

— עס איז בלי ספק — פאַרענדיקט מיין אינפאָרמאַנט זיין אויפן אָרט אימפּראָוויזירטן „פּרעס־רעליס״ — אַז אויסער די טעכנישע מיסיע פון אַן אימיגראַציע אַמט דערפילט אויך דער ישראל קאָנסולאַט אין וואַרשע אַ גע־וואַלדיקע אויפגאַבע פון הויבן דעם אידישן פּרעסטיזש, און דאָס איז באַשטימט משפיע צום גוטן אויפן באַוואוסטזיין פון יעדן אין לאַנד זיך געפינענדיקן אידן, וועלכער ווייסט, אַז אונדזערע טירן זענען שטענדיק אָפן און מיר זענען אַלע־מאָל גרייט צו העלפן אונדזערע פיל־געליטענע ברידער אין זייערע באַמיאונגען עולה צו זיין קיין ישראל.

אַ וואַרעמער, קעגנזייטיקער האַנטדרוק, שלום! און מיר געזעגענען זיך. ער — צוריקגייענדיק צו זיין אַרבעט ביים דעסק מיט די אָנגעהויפטע קאַר־טאָטעקן. און איך — אין אַ שטימונג נאָך צו כאַפּן עפּעס אַ שטיקל שמועס, כאָטש מיט איינעם פון אָט די אַלע צענדליקער מענטשן, וואָס זיצן נאָך אַלץ און וואַרטן.

אַזאַ געלעגנהייט קומט מיר טאַקע מאָמענטאַל אונטער, ווען איך עפן נאָר אויף די טיר אַרויסצוגיין אויפן מיט שטאַכעטן אַרומגעצוימטן הויף. אינדרויסן, אָנגעלענט אין דער וואַנט, שטייט אַ יונגערמאַן אין אַ לאַנגן, ברוי־נעם מאַנטל מיט אַ „בערעט״ אויפן קאָפּ.

— שלום עליכם — שטרעק איך אויס אַ האַנט.

— עליכם שלום — ענטפערט ער מיר, און כהרף עין כאַפּ איך אויף זיין ליטווישן אַקצענט.

— אַ ווילנער איד? — פרעג איך.

— וואָדען! און איר מוזט אַוודאי זיין אַן אַמעריקאַנער — בלייבט ער נישט הינטערשטעליק. רעדן מיר פאַר אַ ווייל און מיין נייער באַקאַנטער בעט מיך אַ טובה, מיר זאָלן דאָס געשפּרעך פאַרזעצן אין ענגליש.

— „יו אַנדערסטענד" — איז ער מיר מסביר. — אַזוי ווי איך פאָר איצט קיין ישראל פריש איך אויף מיינע ידיעות אין עברית און אין ענגליש. העב־רעאיש געדענק איך גראָד נישט שלעכט, ווייל איך האָב געענדיקט אַ „תרבות" שולע. מיטן ענגלישן בין איך שוין נישט אַזוי זיכער, דערפאַר ווייל כ'האָב זיך אַליין געלערנט פון „בערליצענס" אַן אַלט אונטעריכטס ביכל.

טו איך צוליב דעם ברייטפּלייציקן ווילנער צייכענער (דרעפטסמען), וואָס איז אַן עטלעכע דרייסיק יאָריקער, אומפאַרהייראַטער בחור — און מיר פירן ווייטער אונדזער שמועס אויף ענגליש.

— „יו נאָו" — זאָגט ער מיר — איך האָב ערגעץ־וואו אין אַן ענגליש לערנביכל געלייענט אַ כאַראַקטעריסטיש מעשהלע, און איך וואָלט עס געוואָלט אייך איבערדערציילן.

„אַ באַן־אַרבעטער האָט אָפּגעאַרבעט 35 יאָר אויף זיין פּאָסטן און די די־רעקציע איז פון אים געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן. אינעם לעצטן טאָג פון זיין 35־יאָריקן דינסט רופט מען אים פייערלעך אין דער קאַנצעלאַריע, וואו דער הויפּט־דירעקטאָר נעמט אים פּערזענלעך אויף בסבר פּנים יפות. ער רומט שטאַרקט זיין איבערגעגעבנהייט און אינפאָרמירט אים גלייכצייטיק אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער שוין מער נישט דאַרפן אַרבעטן.

— פון איצט אָן מיין פריינט! — זאָגט דער דירעקטאָר מיט אָנערקענונג — באַקומסטו דיין געהאַלט אַלס עמעריטור־פּענסיע אין צייכן פון אָפּשאַצונג פאַר דיין מוסטערהאַפטער לאָיאַליטעט אין משך פון אַזויפיל יאָרן.

— צופרידן?...

— „יעס סער" — ענטפערט דער אַלטער באַן־וועטעראַן. אָבער, אויב דער הער דירעקטאָר וויל מיך אויף אַן אמת גליקלעך מאַכן — האָב איך צו אים אַ ביטע:

— מיין גאַנץ לעבן האָב איך פאַרברענגט אויף דער באַן, און איך בין שוין אַזוי צוגעוואוינט צו די וואַגאָנעס, אַז עס וועט מיר איצט אויף דער על־טער זיין זייער טרויעריק אָן זיי. וואָלט איך געוואָלט פון אייך איר זאָלט מיר באַוויליקן אַן אַלטן, פאַר שמעלץ שוין באַשטימטן וואַגאָן, וואָס פאַר אייך איז ער כמעט ווערטלאָז. אָבער פאַר מיר וועט עס זיין אַ סימבאָל פון מיינע אָפּגעַ־אַרבעטע יאָרן אינעם באַן־וועזן, אין וועלכן איך וועל מיר איינאָרדענען אַ זו־מער קאָטעדזש.

דעם פּענסיאָנירטן באַן אַרבעטערס וואונטש איז דערפילט געוואָרן. ער האָט באַקומען אַ וואַגאָן, וועלכן ער האָט אַרויסגעשלעפּט הינטער דער שטאָט

צו זיינס אַ שטיקל פּלאַץ לעבן אַ טייכל. יעדן טאָג איז ער איצט געלאָפן צו זיין באַליבטן וואַגאָן, אים געפּוצט, געמאָלן, געפּאָלישט, פאַרוואַנדלענדיק אין משך פון אַ קורצער צייט די אַלטע „בודע" אין אַ עלעגאַנטן סאַלאָן, אין אַ מיניאַטור „פּאַלאַצל".

ווען דער זומער איז געקומען, פלעגט ער כמעט מער נישט זיין אינדערהיים. נאָר גאַנצע טעג און נעכט פאַרברענגען אינם נייעם „עסטעיט" זיינעם ביים וואַסער. מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ פלימעניק זיינער קומט צו פאָרן פון ווייט אַוועק, גייט אויפן באַקאַנטן אַדרעס, וואַרט אָפּ שטונדנלאַנג — אָבער בחנם. דער בעל־בית קומט נישט אַהיים און די דירה שטייט אַ פאַרשלאָסענע. ווען ער הויבט אָן חוקר ודורש זיין ביי די שכנים, דערקלערן זיי אים, אַז דער אַלטער האָט זיך איינגעאָרדנט אַן אייגן זומער־הייזל הינטערן שטאָט ביים וואַסער, וואו ער וועט אים באַשטימט געפינען. פאַרפאַלן, טראַכט זיך דער יונגערמאַן. ס'איז אַפילו נישט אָנגענעם פאַרנאַכט צו גיין זוכן עמיצן הינטערן שטאָט, ספּעציעל נאָך ווען אינדרויסן איז דער הימל פאַרוואָלקנט ווי פאַר אַ שטורם.

עס ווילט זיך אָבער דאָך זען דעם אָנקל. באַלאַמוטשעט ער נישט, לאָזט זיך באַלד אין וועג אַריין און ווערט טאַקע פאַרכאַפּט פון אַ שלאַקס־רעגן פאַרן דערגרייכן דאָס אויסגעמשלטע אָרט. ווען ער קומט שוין ענדלעך צו אַ „פּיטש נאַסער" צום אויסדעקאָרירטן וואַגאָן און עפנט אויף די טיר, ווערט ער ערשט אויפסניי איבעראַשט. אַלץ איז פּרעכטיק שיין אויפגערוימט — נאָר לײַדיק! דער אָנקל איז דאָ אויך נישטאָ.

אַ פאַרביטערטער לויפט ער צוריק אַרויס און ערשט איצט באַמערקט ער ווי אויף דער אַנדערער זייט לעבן וואַגאָן זיצט עמיצער אינמיטן געוויטער, מיט אַן אַריבערגעצויגענעם זאַק איבער קאָפּ און פּיפּטשעט אַ ליולקע. יאָ! עס איז זיין אָנקל, וועלכער זיצט אַ האַלב אויסגעווייקטער אויף אַ קעסטעלע און לאָזט אַרויס כמאַרעס רויך פון זיין טאַבאַק.

— אָנקל! — שרייט אויס דער דענערווירטער פלימעניק. — וואָס טוט זיך מיט דיר! האָסט אַזאַ הערלעך אויסמעבלירטן וואַגאָן מיט אַלערליי באַקוועמלעכקייטן, וואַרעם און טרוקן — זיצסטו גאָר אינדרויסן אויפן רעגן און מאַרדעוועסט זיך צו רויכערן דיין נאַסע פּיפּקע?

— „יעס מאַי סאַן" — ענטפערט דער אַלטער מיט אַ שמייכעלע. — ווי דו ווייסט, בין איך אַ מענטש מיט פּרינציפּן. „יו סי" — אין דיין אויפגעקאָכטקייט האָסטו נישט באַמערקט אַז מיין וואַגאָן איז אויסשליסלעך פאַר „נאָן־סמאָקערס"...

* * *

— וויל איך אייך דאַנקען — האָט מיין ווילנער באַקאַנטער רעזומירט — נישט נאָר פאַרן געדולד מיט וועלכן איר האָט מיך אויסגעהערט און געגעבן

אַ געלעגנהייט איבערצוחזרן מיין ענגליש! נאָר איך וויל, איר זאָלט אויך וויסן, אַז אינם דערציילטן וויציקן געשיכטעלע זענען פאַראַן אַ סך עלעמענטן, וואָס האָבן אַ שטאַרקן צוזאַמענהאַנג מיט מיר אַליין, און כ׳וואָלט געזאָגט אויך מיט די מערסטע פון די אין דריגען וואַרטנדיקע אידן.

— איר פאַרשטייט! מיר אַלע זענען שוין מיד פון אַרומוואַנדערן און אַרומוואַגלען זיך אויף באַנען און וואַגאָנען. פון ווילנע ביז טאַשקענט; פון אַשכאַבאַד ביז וואַרשע. מיר ווילן שוין אויך עמעריטירן פון אונדזער גלות. ווי יענער אַלטער וועטעראַן, וועלכער האָט פון אַ „שברי כלי״ זיך אויפגעבויט אַ זעלבסטשטענדיקע היים — בענקען מיר אויך נאָך עפּעס פּערמאַנענטעס און אייגנס, צו וועלכן מיר זאָלן האָבן אַ טיפערן נשמהדיקן סענטימענט.

— דאָס איז די סיבה, וואָס מיר באַלאַגערן אַזוי די „קונסוליה ישראלית״ אין וואַרשע. מיר ווילן עולה זיין קיין ישראל, וואָס וועט, ווי מיר גלויבן זיין דער לעצטער, פאַרגיטנדיקסטער עטאַפּ פון אונדזער נע־ונד לעבן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

* * *

דער אַפּגעפונענער פאַטער

אין דער גאַלעריע פון כאַראַקטעריסטישע געשטאַלטן, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין וואַרשע, מוז איך אַריינרעכענען אַ איד, וואָס איז ווערט דערמאָנט צו ווערן נישט בלויז צוליבן אויסערלעכן, נישט־דורכשניטלעכן אויסזען זיינעם, נאָר הויפּטזעכלעך צוליבן משונהדיקן דערנער־וועג, וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט, נישט וויסנדיק במשך גאַנצע צוואַנציק יאָר, אַז זיין פרוי און קינדער האָבן איבערגעלעבט היטלערן און געפינען זיך אין קאַנאַדע.

מיין צוזאַמענקומען זיך מיטן דאָזיקן פיל־געפּרואוווטן מענטש, וועמענס לעבנס־געשיכטע איז צו פאַרגלייכן מיט דער סאַמע פאַנטאַסטישער פיקציע — איז, אין קעגנטייל צו אַלע מיינע אַנדערע צופעליק־אָנגעטראָפענע פּער־זאָנען, געווען אַ פון פאַראויס־פּלאַנירטע.

אין טאָג בלויז פאַר מיין אַוועקפאָרן פון טאָראָנטע איז צו מיר געקומען דעם אויבנדערמאָנטנס עלטסטער זון (אַליין שוין אַ טאַטע פון קינדערלעך קיין ע״ה) און מיר מיט זיין געבעט ווידעראַמאָל געצוואונגען ענדערן מיין באַשלוס מער נישט צו פירן קיין בריוועלעך, מתנות און, דער עיקר, מזומן־געלט, מיט וואָס אַלע מיט־שיקער האָבן אַ טבע צו וועלן באַזאָרגן זייערע ווייט־אָפּגעזוכטע קרובים — נישט חלילה לויטן אָפיציעלן דעוויזן קורס פון געגעבענעם לאַנד, נאָר לויטן נישט־כשרן, פאַרבאָטענעם, אָבער דערפאַר מער טייערן בערזע־פּרייז פון שוואַרצן מאַרק... (פאַרן זעלבן פּראָבלעם שטייען אויך אָפּטמאָל טוריסטן קיין ישראל, וועלכע ווערן שטענדיק פון געוויסע פריינט געבעטן צו טאָן אַ „גרויסע טובה״ און אָפּגעבן אַ פּאָר דאָלער צו משפּחה, לויטן מקח פון תל־אביבער „רחוב ליליענבלום״...)

— נעמט פון מיר אַ „צוואַנציקערל" פאַרן טאַטן מײַנעם — איז דער יונגערמאַן פון מיר נישט אָפּגעטראָטן. — עס האַנדלט זיך נישט אינם ווערט פון די פּאָר זלאָטעס, משטײַנס געזאָגט! וואָרום, וואָס איז דען צוואַנציק „שמאַ־לאַרעס"? עס גייט נאָר אין דעם, אַז מײַן פֿאָטער זאָל זען אונדזער אינטערעס אין זײַן וואוילזײַן, ער זאָל דערפֿילן אונדזער געטרײַשאַפֿט צו אים, נישט גע־קוקט אויף דעם וואָס מיר האָבן אים נישט געזען פֿאַר אַזויפֿיל יאָרן. לאָזט אײַך צורעדן, מיסטער אייזענשטאַדט! אַזעלכע מצוות מאַכן זיך נישט יעדן טאָג. איר ווייסט דאָך: „כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא"...

נו, האָב איך זיך געלאָזט אײַנרעדן — אָן עצה האָב איך געהאַט? — איז דאָך עפּעס דעם יונגנמאַנס שווער מײַנער אַ פּערזענלעכער פֿרײַנט, מיט וועלכן עס איז מיר אויסגעקומען צוזאַמען דורכצולאָזערן די נאָכמלחמהדיקע „די־פּי" קעמפּס, און דערצו האַלטן מיר נאָך אָן די פֿרײַנטשאַפֿט ביזן הײַנטיקן טאָג. איז וואָס־זשע טוט מען נישט פֿאַר אַ גוטן־ברודער? האָב איך גענומען דעם אַדרעס פֿונם פֿאַרלוירענעם טאַטן, וועלכער איז פֿון דער נאַטור אַליין נישט קיין גרויסער בריוו־שרײַבער, און פֿאַרשפּראָכן אים צו באַזוכן ווי נאָר איך וועל אָנקומען קיין פּוילן. פֿון געלט פֿירן האָב איך זיך אָבער אַנטשלאָסן אָפּ־געזאָגט, מאָטיווירנדיק מײַן באַשלוס מיטן פּשוטן שכל, אַז צוליב אַזאַ סומע לוינט זיך נישט אויסצונוצן קיין „פּראָטעקציע". אויב, ווידער, איך וועל זען אויפֿן אָרט, אַז ער נויטיקט זיך ווירקלעך אין אַ פּאָר דאָלער, וועל איך אַליין עס אים אויסבאָרגן פֿון מײַן אייגענער קעשענע...

(אידן וועלכע האָבן נאָך קרובים אין פּוילן דאַרפֿן טאַקע ווייסן, אַז אויב מען וויל זיי שיקן אַ פּאָר דאָלער איז עס אַמבעסטן צו טאָן דורך די פּוילישע אימפּאָרט־געשעפֿטן אין טאָראָנטע, וואָס דערלײַדיקן דאָס מיט דער וואַרשעווער פּ.ק.אָ., אויסצאָלנדיק די אָנגעגעבענע קרובים אַנשטאָט 24 זלאָטעס ווי עס איז דער אָפּיציעלער קורס — 72 זלאָטעס פֿאַרן דאָלער).

אַלס צייכן פֿון דאַנקבאַרקייט איז דעם אַנדערן טאָג געקומען אַ האַלבע משפּחה מיך צו באַגלייטן צום לופֿט־פֿעלד מיט מזל־ברכה וואונטשן, און בינו לבינו האָט זיך מײַן לאַנג־יאָריקער ידיד צוגעבויגן צו מיר פֿאַרן געזע־גענען זיך און מיר בסוד אײַנגערוימט אין אויער:

— למען השם, ווער טאַקע געוואָר צי עס איז אמת, וואָס געוויסע מענטשן זאָגן וועגן מײַן מחותן, אַז עס פֿעלט אים אַ פּוס און ער גייט אַרום אויף אַ קינסטלעכע פּראָטעזע. אפשר איז דאָס טאַקע די סיבה, צוליב וועלכער ער האָט נאָך ביז איצט נישט באַקומען די קאַנאַדער וויזע. איז אויב דו קענסט עפּעס צולייגן אַ האַנט דורכן אינטערווענירן פֿאַר אים אין קאַנאַדער קאָנסו־לאַט, שיפֿס־געזעלשאַפֿט, אָדער אין אַנדערע עפֿנטלעכע אינסטאַנצן, טו עס צוליב מײַן מחותנתטע, וועלכע האָט זיך שוין די אויגן אויסגעוויינט, האָפֿנדיק נאָך צו האָבן איר מאַן און פֿאָטער פֿון זייער כלה־מיידל אַלס אונטערפֿירער ביי זייער טאָכטערס חתונה, וואָס דאַרף פֿאָרקומען אין עטלעכע חדשים אַרום.

— מילא, איך דאַרף דאָך דיר נישט אויפקלערן, וואָס עס מיינט צוזאַ־מענברענגען אַ צעריסענע משפּחה, וואָס איז דורכן וויסטן גורל צעשיידט געוואָרן אויף אַזויפיל יאָרן, אויפהאָדעוועגדיק קינדער, וואָס האָבן זיך גע־האַלטן פאַר יתומים און זייער שווער האָרעוועגדיקע מאַמע, ווי אַ לעבעדיקע עגונה... קומסט דאָך אַליין אויך פון „יאָמער־טאָל" — האָט מיין פריינט מיך מעורר געווען. — זע־זשע עפּעס צו טאָן פאַרן דאָזיקן עלנטן מענטש און פאַר־געס אויך נישט אים מחזק צו זיין, אַז ער זאָל זיך נישט שרעקן פאַר די קאָנ־סעקווענצן פון אַ צוואַנציק יאָריקע אָפּוועזנהייט. גיב אים צו פאַרשטיין, אַז נישט געקוקט אויף אַלץ וואַרטן אויף אים מיט כבוד־אָב און ליבשאַפט גע־פילן לייטישע, דערוואַקסענע קינדער, וועלכע וועלן צוזאַמען מיט זייער מוטער אים אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס, און זיין לעבן וועט באַשטימט צוריק אָנ־געפילט ווערן מיט זין און אינהאַלט. אפשר פאַרלאַנג איך פון דיר צופיל? וואָרום כ'ווייס, אַז דו האָסט דיינע אייגענע קאָמפּליצירטע, לעגאַליסטישע פּראָב־לעמען, וועלכע דו מוזט אין אַ באַגרענעצטער צייט דערליידיקן. אָבער — האָט מיין חבר פּאַטעטיש פאַרענדיקט — ביסט דאָך עפּעס אַ איד אַ מאמין! דערמאָן־זשע זיך אינם מאמר חז"ל: „כל המתפלל בעד חברו והוא צריך לאותו דבר, הוא נענה תחילה"...

* * *

אומגעפער אַרום זיבן פאַרנאַכט האָב איך אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון מיין אַדרעסאַנט אויף דער קאַזשימיעזשאַווסקע גאַס אין וואַרשע. געעפנט האָט מיר — ווי איך האָב פאַרגעפילט און וואָס עס האָט זיך טאַקע שפּעטער אַרויס־געוויזן פאַר ריכטיק — מיין בעל דבר אַליין. ווען איך האָב אַזוי, אָן צערע־מאָניעס, אַ זאָג געגעבן, אַז איך בין פון קאַנאַדע, און איך ברענג אַ גרוס פון טאָראָנטע, האָט מיין באַלעבאָס געגעבן אַ שפּרונג אין דער לופטן, אַ שטייגער ווי אַ הויך־עלעקטרישער וואָלטאַזש וואָלט אים אָנגערירט. אינם שפּרונג און פון דער פלינקייט מיט וועלכער דער פעסט־געבויטער איד איז אַ צעחושטער געלאָפן הין־און־צוריק, נישט וויסנדיק אין אויגנבליק וואָס צו טאָן מיט מיר — האָב איך גלייך דערקענט, אַז די געשיכטע מיטן אַמפּוטירטן פוס איז אַ פון פינגער אויסגעזויגענע בבא־מעשה, וואָס אַ דערפינדערישער רכילותניק האָט אַליין אויסגעטראַכט.

— קומט אַריין! קומט אַריין! „פּאָזשאַליוסטאַ" — האָט ער מיך אַרומ־געכאַפּט און כמעט ווי אַריינגעטראָגן אין גרויסן עס־צימער. „פּאָניעמאַיעטע"! אַזאַ ליבער גאַסט, אַזאַ איבעראַשונג!

— „אָנו, מינוטעטשקו" — איז ער אויף אַ מינוט פאַרשוואונדן אונטער אַ פאָרהאַנג פון אַ טונקל זייטיק צימערל, צוריק אַריסקומענדיק נאָך אַ וויילע מיט אַ פלעשל מאָנאָפּאָלאָווע בראָנפן און אַ טעלער געפילטע פיש.

— אַליין אָפּגעקאָכט, לכבוד שבת שוין. פאַרזוכט! ביי מיר איז כשר. איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן. איך מאַך אַלץ מיט די אייגענע הענט. מען

איז במשך צוואַנציק יאָר אַ שטרויענער אלמן — האָט ער זיך געפּרואווט וויצלען — לערנט מען זיך אויס אַ סך זאַכן וועגן וועלכע מען האָט פריער קיין אַנונג נישט געהאַט. איר זעט! איך וואוין דאָ אין דער דירה אַלס סובלאָקאַטאָר ביי מיינעם אַ לאַנדסמאַן, וועלכער טוט עס נישט צוליב געלט־זאַכן, נאָר פשוט אויס מענטשלעכקייט. איך זאָל זיך ביז מיין אָוועקפאָרן נישט דאַרפן אַרומוואַלגערן ערגעץ וואו אין דער פרעמד. אַלץ האָב איך דאָ! אַפילו אַן אייגן עלעקטרישע פּליטקעלע (ראַנדזשעטל) אויף וועלכן איך קאָך מיר מיינע „מעדנים" און שטעל אַוועק מיין שבתדיק טשאָלנט. אָפיציעל געהערט מיר נאָר דאָס קליינע אַלקערל. אָבער נישט געזאָרגט, כ׳בין דאָ ווי ביי זיך אינדערהיים. איבעריקנס, פאַר אַן איינפּערזאָניקע ווירטשאַפט איז עס פולשטענדיק גענוג...

אַ מבול פון ווערטער האָט געפּלייצט פונם דאָזיקן דיקלעכן, רויט־פּנימדיקן איד, וועמענס קיילעכיקער פּראָפיל מיטן וואָרצעלע אויף דער לינקער זייט פאַריסענער נאָז האָט אים שטאַרק ענלעך געמאַכט צו אַן אמתן, רוסישן „מוזשיק". מיט מיר איז געזעסן אַ קרעפּקער, גבורהדיק אידל פון עטלעכע פופציק יאָר און גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער — ווי ער וואָלט זיך וועלן אויסלאָדן פון אַלע נישט־אַרויסגעזאָגטע דיבורים במשך פון די צוויי צענדליק יאָר, זינט זיין פאַמיליע איז אים פאַרלוירן געגאַנגען. אין אַ רוסיפיצירטן אידיש האָט ער צומערשט מיר דערציילט וועגן די שטורמישע איבערלעבונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט פון אָנהויב מלחמה מיט די דייטשן ימ״ש, ווען ער איז טאַקע מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי אַריין, ווערנדיק אַזוי־אַרום פונאַנדערגעשיידט פון זיין הויז־געזינד, וואָס ער האָט שפּעטער מער נישט געקאָנט געפינען.

— ווי־זשע „פאָניעמאַיעטע"! אין אַלע אונדזערע צרות זענען שולדיק די „פראָקליאַטע" דייטשן. אין איינאונפערציקסטן יאָר האָבן מיר געוואוינט אין אַ דאָרף פון סטאַלינאָגראַדסקער „אָבלאַסט". ווען די פאַרשאָלטענע „יעקישע" מענטשפרעסער האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן, האָב איך, זייענדיק אויפן פראָנט, נישט געוואוסט, אַז אין צווישן־צייט איז מיין פאַמיליע אויף אַ צופעליקן אופן עוואַקואירט געוואָרן קיין „סאַמאַרקאַנד", אַזיע. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די טראַגעדיע פון שלימזלדיקן, קעגנזייטיקן אַרומזוכן. איך האָב געמיינט, אַז מיינע בני־בית האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן פון די ברוינע משחיתים און זענען שוין מער נישט פאַראַן צווישן די לעבעדיקע. געווי דאָס זעלבע האָבן אַוודאי געטראַכט מיין פרוי און קינדער וועגן מיר, אַז כ׳בין אומגעקומען אין די שלאַכטן, און אַזוי אַרום זענען כחלום יעוף אַדורך אונדזערע בעסטע יאָרן אין אומגליקלעכער, דורכן גורל אַרויפגעצוואונגענער „נזירות". איין גאָט אין הימל ווייסט דעם אמת, אַז איך האָב שוין געטאָן אַלדאָס מעגלעכע אויסצוגעפינען וועגן מיין פאַרשוואונדענער משפחה — אָבער „אין קול ואין עונה". קיינער האָט פון זיי נישט געהערט און קיינער האָט זיי נישט געזען.

די לעצטע פראַזע האָט פאַרמאָגט עפּעס אַזאַ מין סמוטנעקייט אין טאָן און האָט מיך געמאַכט זיך צו פאַרטראַכטן, אַז ווי באַרעדעוודיק אַ מענטש

זאָל נישט זיין, זענען דאָך פאַראַן טיף־אינטימע ענינים פון ספקות און קומער, וועלכע מען וואָגט נישט, און מען קען נישט אַרויסזאָגן, כאָטש ווי עס זאָל זיך נישט וועלן אַראָפּרעדן פון האַרצן.

איך האָב דעריבער געהאַלטן פאַר פּאַסיק איבערצושלאָגן די טרויעריקע שטימונג און דערציילן מיין מכניס־אורח וועגן דער אַנדערער זייט פון דער מטבע. ווי אַזוי זיין פרוי און קינדער האָבן אים אויך יאָרנלאַנג אומדערמידלעך אַרומגעזוכט, שרייבנדיק צו אַלערליי סאָלדאַטישע אינסטיטוציעס קיין מאָסקווע; זוכנדיק אים צווישן די ליסטעס פון די פאַרוואונדעטע אין די שפּיטאָלן, צווישן די „אַמנעזיע" קראַנקע אין די אינוואַלידן־היימען. אָבער שטענדיק, נאָך אַ לאַנגער צייט פון האַרצקלאַפּנדיקן וואַרטן, איז אַלעמאָל צוריקגעקומען דער זעלבער „פּזמונדיקער" ענטפער: „ניעט"; פיגורירט נישט אין אונדזערע רשימות.

— זייט גליקלעך! — האָב איך זיך באַמיט הומאָרפול אים צוריקצוקיבעצן —וואָס אייער אידענע האָט נישט גענומען קיין „היתר מאה רעבעצינס" און איך אויסגעטוישט אויף אַ צווייטן. אויף דעם האָט זיך מיין בלוי־אויגיקער פריינט צעשמייכלט, ענערגיש זיך געגעבן אַ שטעל אויף און מיך צוגעפירט אין אַ ווינקל פון צימער:

— „פּאַסמאָטריטיע"! — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ באַרג מיט פּעק־לעך אָנגעלייגט שיכטנווייז איינס אויפן צווייטן צווישן קרעדענץ און דער וואַנט צוגעדעקט מיט אַ טישטוך. דאָס איז אַלץ פאַר מיין פרוי און קינדער. די שענסטע פאַרצעלאַן־מתנות, וועלכע מען קען נאָר היינט־צו־טאָג באַקומען אין פוילן. די בעסטע לייוונטער פון טייערסטן קוואַליטעט. כ'וועל חלילה קיין קאַנאַדע נישט אָנקומען מיט ליידיקע הענט... גלויבט מיר ערלעך, פאַר זיך אַליין דאַרף איך גאָרנישט. אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן, וועל איך אַוועק, ווי איך גיי און שטיי — אין מיין איבערגעניצעוועטן מלבוש, און אין דער אַלטער, אָפּבלאַקירטער „שליאַפּע" (הוט). כ'בין נישט מער קיין יונגער־מאַנטשיקל פון צוואַנציק יאָר, כ'זאָל זיך גיין אויפּוצן אין נייע בגדים, ווי „חוהלע צום גט". בעסער פאַר די פאָר זלאָטעס, וואָס איך האָב, איינצוהאַנדלען נאָך אַ פאַרצעלייענעם „סערוויס", וואָס, ווי כ'האָב געהערט, מען קען אין קאַנאַדע פאַרקויפן פאַר דאָפּלט געלט...

די לעצטע סוחריש־קלוגע, אָבער אין רעאַליטעט שטאַרק־נאַאיווע מסקנות האָב איך שוין נישט געטאָרט אַדורכלאָזן אומרעאַגירט, ווייל כ'האָב געפילט, אַז זייער פאַרווירקלעכונג קען נאָך אַמאָל גורם זיין אַ ווייטיקלעכע אַנטוישונג.

— ר' איד! — האָב איך אים דעריבער נישט צו איידל איבערגעריסן זיינע „מנחם־מענדלשע" האַנדלס־פּלענער. — איר זאָלט אייך נישט וואַגן אָפּצוטאָן אַזאַ מין זאַך און אָפּפאַרן צו אייער משפחה ווי אַ „קרוע ובלועניק". איר פאָרט איצט נישט קיין קאַנאַדע צו מאַכן פּראָפיט. איר פאָרט איצט זיך צוריק צו פאַראייניקן מיט אייער פרוי און קינדער, וועלכע איר האָט נישט געזען פאַר

קײלעכדיקע צוואַנציק יאָר!... דאָס מינדסטע, וואָס איר קענט דעריבער טאָן איז כאָטש נישט צו צעשטערן די אילוזיע פון אײערע אײגענע, אַז זײ קריגן ענדלעך צוריק אַ מאַן און אַ טאַטן... קענט איר אײך דען פאָרשטעלן די פאַר־שעמונג פון אײערע נאָענטסטע, װעלכע װעלן אײך באַשטימט צוזאַמען מיט פרײַנט און באַקאַנטע פײַערלעך קומען אָפּוואַרטן צום פלי־פעלד — אײך, זײער העלד פון אַזױפיל אָנשטרענגונגען; און מיטאַמאָל װעלן זײ דערזען אַ מיטל־וואוקסיקן, צעקנײטשטן איד אין אַן אַלטן צעשמאָדערטן מאַנטל מיט אַ צעפאָרענעם קאַפעליוש אויפן קאָפּ אַלס זײער אויסגעטרוימטן ראש המשפחה?

— אַזעלכעס טאָר אין קײן פאַל נישט פּאַסירן. און איר מוזט טאַקע זען, אַז דער ערשטער, עיקרדיקער אײַנדרוק פון אײער דערשײַנען, װאָס איז בעצם דער װיכטיקסטער, זאָל זײַן אַ רעפּרעזענטאַנטפולער. זאָגט זיך בעסער אָפּ פון אײַנקױפן נאָך מציאות און זעט זיך אויסצוקלײַדן, װי געהעריק, בכדי אײער באַװײַזן זיך נאָך אַזױפיל יאָרן, זאָל אײער פרוי און קינדער פאַרשאַפן אַ געפיל פון שטאָלץ און לײַטזעליקײט, אַז די אַלע באַמיאונגען אײך אַראָפּצו־ברענגען זענען נישט געװען לאיבוד; און פון איצט אָן און װײַטער האָבן זײ אַ גוט־אויסזעענדיקן, ענערגישן פאַמיליען־פאָטער און נישט עפּעס אַן אים־פּאָרטירטן „עובר בטל”, אַן אָפּגעשלאָגענע „הושענה”...

* * *

אויף װי װײַט איך בין באמת געװען אינסטרומענטאַל אין דער דער־לײדיקונג פון מר. —ערס רײזע־פּאַפּירן (כ׳שרײַב נאָר אַרויס די העלפט פון נאָמען אָנצוהאַלטן דעם „אינקאָגניטאָ”) װײס איך נישט עד־היום. אָבער קאַליע געמאַכט — מיט מײַנע ענגליש־גערעדטע אינטערװענציעס — האָב איך זיכער נישט. אַלס אַ „בריטישער אונטערטאַן” איז מיר דאָך לײַכטער געװען אָנצו־קומען אין די אַלע אימיגראַציע־אינסטיטוציעס, װײַל די ביוראָקראַטישע באַאַמטע האָבן דאָך מער אָפּשײ פאַר אַ פרעמד־לענדישן מענטשן, צו װעלכן זײ זענען געדולדיקער און העפלעכער.

יעדנפאַלס האָב איך אויף אַזױפיל זיכער געפּועלט, אַז אויב מיר האָבן נישט געקריגן קײן קאָנקרעטן ענטפער אויפן אָרט, האָט מען אונדז דאָך אינטעליגענט פאַרזיכערט, אַז אַלץ איז נאָרמאַל. דאָס דויערן איז נאָר צוליב געװײנלעכער פּראָצעדור; און אין דער נאָענטער צוקונפט װעט מען אונדז זיכער לאָזן װיסן װעגן אַ פּאָזיטיװער ענדערונג לטובת דער אַנטגילטיקער דערלײדיקונג פון מײַן פרײַנטס דאָקומענטן.

פיל דערפרײַלעכער בין איך שוין געװען אויפן געביט פון עצות געבן און לײסטן געזעלשאַפט. יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט פלעגט דער פּלומפּער „בילגאָרײער” בן־עיר אַרױפקומען צו מיר אין האָטעל, דערצײלן אַ ביסל „עניני דיומא”, פרעגן אַ פּאָר רוטינאָװע שאלות און מיר פלעגן זיך זאַלבעצװײ אַרויסלאָזן אין שטאָט אַרײַן „אויסצומעסטן די גאַסן”... זעלבסטפאַרשטענדלעך,

אַז די טעריטאָריע פון אונדזערע שפּאַצירן זענען מערסטנס געווען די געוועזענע, אידישע געטאָ־גאַסן אין דער צפונדיקער געגנט פון שטאָט. דער בלאָנדער, איבער פינף־פוסיקער מר. —ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער שמועסער און ליב געהאַט ביידע זאַכן — אי צו הערן, אי צו דערציילן. זיינע פינף יאָר דינען אין דער רוסישער אַרמיי, זינט וועלכע ער האָט במשך צוואַנציק יאָר פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זיין משפחה — זענען געווען אַ קוואַל פון באמת האַרץ־רייסנדיקע מעשיות אין וועלכע ס'האָט זיך אָפּגעמאָלט זייער בולט געפילט דער אידישער מאָמענט פון העראָאיזם קעגן די נאַציס. די געפּאַרפּולע מלחמה־איבערלעבונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, און דער אופן פון זיין דערציילן בשעת וועלכן דאָס גוטמוטיקע, אָבער דורכאויס נישט־אידישע, פאַרהאַרטעוועטע געזיכט פלעגט באַקומען אַ מאָדנעם, צערייצטן אויסדרוק, — האָט מיך שטענדיק דערמאָנט אין די צאַרישע „קאַנטאָניסטן", אָוועקגעריסענע פון זייערע היימען — אויך אויף צענדליקער יאָרן...

כאָטש ער האָט געשלונגען איטלעכעס וואָרט, וואָס כ'האָב אים איבערדערציילט וועגן זיין פרוי, זין, טעכטער און אייניקלעך, וועלכע איך האָב נישט איינמאָל פערזענלעך געטראָפן, איז ער דאָך קיינמאָל נישט געווען דער ערשטער אָנצוהויבן אַ געשפרעך וועגן זיינע „בני־בית", וואָס האָט מיר אויסגעזען אויסטערליש און נישט נאַטירלעך. זיין מאָדנע פאַרהאַלטן זיך אין דער הינזיכט האָט מיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו איבערצייגן, אַז עפּעס אַ באַהאַלטענער קאָמפּלעקס ליגט אין הינטערגרונט פון זיין שטענדיקער אויסמיידענדיקייט נישט צו זיין דער איניציאַטאָר פון אַזעלכע טעמעס... אַוודאי וואָלט אַ געניטן פּסיכאָלאָג נישט שווער אָנגעקומען זיך צו דערגרונטעווען די אמתע, שורשדיקע סיבה פון מר. —ערס זאָנדערלעכער באַנעמונג.

איך אָבער האָב מיט פּשוטן מענטשלעכן אינסטינקט אַרויסגעפילט, אַז דאָ האַנדלט זיך, זיכער, נישט חלילה וועגן בייזוויליקייט, אָדער פאַראַכטונג צו זיין אייגן בלוט און פליייש. לויט מיינע השערות, איז עס גיכער געווען אַזאַ מין מינדערווערטיקייט־געפיל און נישט געוואַגטקייט מצד אַ מענטשן, וואָס איז מער נישט זיכער מיט זיך אַליין, אויב ער האָט די מאָראַלישע רעכט צו פרעגן קשיות און צודרינגלעך געגוי צו וועלן וויסן וועגן זיינע קינדערלעך, וואָס זענען פּאַקטיש אויפגעוואַקסן אָן אַ טאַטן; און וועגן זיין פרוי, וועלכע האָט פאַר אַזאַ לאַנגע צייט פון זיין אָפּוועזנקייט, געטראָגן די שווערע, פּיל־פאַכע עולן פון פּרנסה און דערציאונג, בלייבנדיק אים דערצו געטריי, און וואַרטנדיק ווי אַן אמתע „אשת חיל".

וואָס לענגער מיר האָבן צוזאַמען שפּאַצירט, אַלץ מער איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער באַגלייטער מיינער גייט אַדורך אַן אינערלעכן געראַנגל פון פאַרשידענע הרהורים, וועלכע ער באַמיט זיך אין קיין פאַל נישט אַרויסצוווייזן אָפן. נישט איינמאָל האָב איך אים אָבזערווירט און באַמערקט אין זיינע פאַרזשמורעטע אויגן — אַרומגעריימט מיט דאגות־קנייטשן — ווי ער וואָלט

מיט זיין בליק ערגעץ וואו געוואַנדערט אין ווייטע מרחקים, זוכנדיק לייזונגען און ענטפערס פאַר די פאַרשטייענדיקע פּראָבלעמען און נסיונות, וואָס דערוואַרטן אים אין דער צוקונפט. ער פלעגט דאַן אַ שטילינקער מיטשפּרייזן מיט מיר, האַלטן די אויסגעמאַזאָליעטע הענט אין די טאַשן פון זיין פאַרקנעפּלטן, געלבלעכן אויבערמאַנטל און מעלאַנכאָליש זיך אונטערזינגען: „ווי נעמט מען יענע זיבן גוטע יאָר; אויב נישט זיבן זאָל זיין כאָטש אַ פּאָר"!...

מען האָט נישט באַדאַרפן דאַן צו זיין קיין „מוזיקאָלאָג" צו דערפילן אינם אַרויסגעבורומטן ניגון: בענקשאַפט, אומזיכערקייט, צער, האָפענונג און תפלה, אַז אַלץ זאָל זיך פאַרענדיקן צום גוטן...

איינאונאיינציק מאָל נאָר — ווען מיר זענען געשטאַנען קעגנאיבער די געבליבענע געביידע פון „פּאַוויאַק" און געשמועסט וועגן דער חרוב־געוואָרענער, אידישער וועלט אונדזערער — האָט ער מיך ראַפּטום, אַזוי אומגעריכטערהייט, פּלוצלינג געגעבן אַ פרעג?

— „גאָספּאָדין אייזענשטאַדט"! — וואָס דענקט איר? וועל איך דאַנקבאַר בלייבן יענע קיעווער באַקאַנטע מיינע, וואו כ'האָב דאָס ערשטע מאָל צופעליק דערזען מיין פרויס פּאָטאָגראַפיע, אַ דאַנק וועלכער מיר האָבן זיך צוריק געפונען. אָדער?... דאָ האָט ער זיך פאַרהאַקט און שטיל געבליבן נישט פאַרענדיקנדיק דעם זאַץ. איך האָב אָבער קלאָר פאַרשטאַנען דעם הי̇פּוכדיקן מיין פון די נישט־אַרויסגעזאָגטע ווערטער, וועלכע ער האָט זיך דערשראָקן אַרויסצוברענגען פאַרן מויל.

— עס איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון אייך אַליין! — האָב איך אים דעמאָלט געענטפערט. — אויב איר ווילט טאַקע באמת צוריק אויפשטעלן אייער צעשפּאָלטענע היים, מוזט איר זיך אָנגאַרטלען מיט זייער אַ סך געדולד, באַהערשונג און אויסדויער... איר אַליין מוזט זיך אינערלעך צוגרייטן צו קאַרדינאַלע ענדערונגען אין אייער גאַנצן ביז איצטיקן לעבנס־סיסטעם. צי עס וועט אייך פון שטאָטישע „קאַמאַשנמאַכעריי" אָנקומען לייכט דאָס איבערשיכטן זיך צו דאָרפישער „מילך־פאַרמעריי" אין קאַנאַדע, איז אויך אַ פראַגע פון אייער אייגענעם שטאַרקן ווילן און דעטערמינאַציע צוריק אַריינצופּאַסן זיך אין דער „אַלט־נייער" סביבה פון אייערע נאָענטע, צו וועלכע איר זענט אַלס מאַן און פאָטער זייער אַ סך פאַרפליכטעט.

ווי איצט, געדענק איך נאָך דעם טויט־ערנסטן אויסדרוק פון זיין סלאַווישן געזיכט מיט די סימעטרישע, קליינע אויערן, וואָס זענען דאַן אוודאי רויט געוואָרן פון שפּאַנונג און נערוועזיטעט, בשעת מיר זענען אַזוי אַ טאָג פאַרן אַוועקפאָרן געשטאַנען אויפן הינטערגרונט פון דער וואַרשעווער אַמאָליקער גרעסטער תפיסה, וועלכע איז איצט אַ סימבאָל פון דורכגעגאַנגענע ענויים און מאַרטירערטום.

אויפצומאָרגנס, פליענדיק אין „לאָט״-עראָפּלאַן אויפן וועג קיין מערב פּוילן, האָב איך נאָך געטראַכט וועגן דער אייגנאַרטיקער, אידישער דראַמע, וואָס האָט זיך פאַר מיר צופעליק אַנטפּלעקט. אין האַרצן האָב איך אַליין גע־בעטן, אַז מיסטער —ער זאָל האָבן די גייסטיקע קראַפט בייצושטיין און אויס־צוהאַלטן זיין פאַרשטייענדיקן עקזאַמען, ווען ער וועט זיך צוריק ווידער באַ־געגענען מיט זיין פאַמיליע.

מיט מיין איינפאַכן שכל האָב איך באַגריפן, אַז אידער אַלץ וועט זיך איינשטעלן און נאָרמאַליזירן, וועט מיין פריינט דאַרפן דורכגיין אַ פּסיכישע „געפאַר־זאָנע״ און זיך באַפרייען פון אַ סך רגילותן, צו וועלכע ער האָט זיך צוגעוואוינט לעבנדיק במשך צוואַנציק יאָר אַן איינזאַם לעבן...

אַ פיפטל יאָרהונדערט עקזיסטענץ, אַפילו אַלס געצוואונגענער „בעטש־לאָר״, איבט אויך אויס אַ דעמאָראַליזירנדיקע השפּעה, וועלכע פאַרלאַנגט פיל זעלבסטבאַהערשטקייט, סבלנות און מסירת־נפש זיך צו קענען קאָנטראָלירן פון פאַרשידנערליי שעדלעכע געוואוינהייטן.

אויף וויפיל איך האָב קענען געלערנט מיסטער —ערן — האָב איך גע־וואוסט, אַז ער האָט גאָר גרויסע שאַנסן מצליח צו זיין.

* * *

צעלינאַ קזשעמינסקאַ

די פאָלגנדיקע באַשרייבונג מיינע איז געווידמעט אַ זעלטן אידעאַליסטיש געשטאַלט פון אַ רעטערין, וועלכע האָט ממש מפקיר געווען איר לעבן, דורכ־געליטן אומבאַשרייבלעכע פאַרפאָלגונגען, באַמיענדיק זיך צו ראַטעווען אידישע קינדער פון טויט.

עס האַנדלט זיך דאָ אין אַן אויטענטישן סיפור המעשה וועגן אַן אמתער פּאָלאַטשקע פון שטאַרקן כאַראַקטער, וואָס איז דורכגעגאַנגען גיהנומדיקע יסורים מצד דער געסטאַפּאָ און זיך דאָך נישט איינגעבראָכן אויסצוגעבן איר אידישן באַלעבאָס קינדער, כאָטש מען האָט איר פאַרמשפט צום הענגען.

די דראַמאַטישע לעבנס־געשיכטע פון פרוי צעלינאַ קזשעמינסקאַ פון דאַ־שינסקיעגאָ 81 אין בענדין, איז אַ ליכטיקע כראָניק פון יענער מאַוימדיקער, פינצטערער צייט פון אידן־מאָרד. זי איז אַ באַווייז, אַז עס זענען דאָך געווען איינציקע חסידי אומות העולם, וועלכע האָבן נישט מורא געהאַט צו ריזיקירן זייער לעבן און טראָגן אַלע טויט־דראָענדיקע געפאַרן געהאָלפן די אומגליקלע־כע אידישע קינדער, אַרויסגנבענענדיק זיי פון געטאָ אין דער לעצטער מינוט פאַר דער „אויסזידלונג״.

דאָס אידעלע באַנעמען זיך פון דער אויבנדערמאָנטער קריסטלעכער פרוי האָט אין זיך אַ געוויסן ענלעכקייט ניצוץ צו דער לעגענדאַרער געשטאַלט

פונם קדוש דר. יאַנוש קאָרטשאַק, וועלכער איז אויף שטענדיק פאַראייביקט געוואָרן אין אונדזערע הערצער צוליב זיין דעמאָנסטראַטיוון אַוועקמאַרשירן צום „אומשלאַג־פּלאַץ" מיט צוויי יתומימלעך אויף די הענט, טראָץ דעם, וואָס ער פּערזענלעך, אַלס געוועזענער פּוילישער פּאָלקאָווניק האָט זיך גאָר לייכט געקאָנט אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט.

ליידער אָבער זענען אַזעלכע „קזשעמינסקאַס" געווען אַ קליינער מיעוט און צוליב דעם טאַקע איז די צאָל ניצול־געוואָרענע אידישע קינדער אַזאַ מינימאַלער.

אָבער, דווקא דערפאַר, וואָס נאָר יחידישע נישט־אידן האָבן מקדש־השם געווען מיט זייער געוואַגטקייט און טיף מענטשלעכן באַגער צו ראַטעווען אונדזערע תינוקות של בית רבן, דאַרפן זיי לכל הדעות פאַרצייכנט ווערן אין דער הייליקער רשימה פון מסירת־נפשדיקע הומאַניטאַריער, וואָס האָבן בלב ובנפש אַזוי העראָאיש געקעמפט אַרויסצוררייסן די מינדעריאָריקע קרבנות פון די נאַצישע נעגל.

איז כאָטש עס וועלן זיך אוודאי געפינען „יש אומרים", וועלכע וועלן קריטיקירן, באשר־בכן, צעלינאַ קזשעמינסקאַ איז אַ געבוירענע גויע און פאַסט זיך דעריבער נישט אַריין אינם ציקל באַשרייבונגען וועגן פּראָפילן און כאַראַקטערן פון אידן אין איצטיקן פּוילן. פונדעסטוועגן דערלויב איך מיר — נאָר צוליב דעם אַליין, וואָס די טיר פון איר וואוינונג אין בענדין, ווערט אַפילו היינט צו טאָג נאָך אָפטמאָל באַמאַלעוועט מיט מגן־דודס און „זשידאָווקאַ" צייכנס, — זי צו קלאַסיפיצירן אי אַלס געליטענע פון געשפּענסטיקן היטלע־ריזם און אי אַלס גרויסע אוהבת ישראל, וואָס האָט מיט איר טאַט פון איר מיטגיין אין געטאָ אַריין צוזאַמען מיט אירע באַלעבאַטים זיך אָפיציעל אי־דענטיפיצירט מיטן גורל פון אידנטום אין יענער שוידערלעכער צייט.

עס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אַז אינם היכל פון אידישער גבורה, בשעת דער תקופה פון חורבן און אויפשטאַנד, וועלן אַלע אונדזערע ווייניקע פריינט און אחים לצרה, וועלכע האָבן אונדז אַקטיוו צוגעהאָלפן אין אונדזער געראַנגל מיט די נאַציסטישע פאַרטיליקונגס־פּלענער, און אין דעם באַ־פרייאונגס קאַמף פאַר דער אידישער מדינה — גלייכבאַרעכטיקט פאַרנעמען די ערטער פון רעספּעקט און באַוואונדערונג און אַלס אַזעלכע דערמאָנט ווערן מיט יראת הכבוד אין די ווייטערדיקע דורות.

* * *

פרוי צעלינאַ קזשעמינסקאַ שטאַמט פון פּראַשקאַ, וויעלונער פּאָוויאַט. אַלס קינד פון אָרעמע עלטערן איז זי אַליין גאָר יונג געוואָרן אַ יתומה און זיך, אין איר פריעסטער יוגנט, שוין געמוזט אַליין פאַרזאָרגן, אַנטרעפנדיק זיך פּנים אל פּנים מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַרומוואַלגערנדיק זיך אַן אַ היים און אָן אַ באַשיצער, האָט דאָס יונגע עלנטע מיידל זייער פרי דערפילט דעם טעם צו זיין הפקר און אויסגעשטעלט צו פאַרשידענע אומאַנגענעמלעכקייטן, דערנידעריקונגען און פורעניותן.

טראָץ דעם, וואָס איר אַפּשטאַמיקייט איז געווען פון פּשוטע פּויערים, וועלכע זענען בטבע נישט קיין פיינפילער, איז זי דאָך געוואַקסן אַן אויסערגע־ווינלעך סענסיטיווע. די קליינע צעלינקע האָט שטאַרק געליטן פון באַליי־דיקונגען און געהאַסט אירע פּייניקער, אָבער גלייכצייטיק האָט זי אין זיך אַנטוויקלט געפילן פון געוואַלדיקער דאַנקבאַרקייט פאַר אַ בעל־טובה, ווע־מען זי איז שטענדיק גרייט געווען אָפּצודינען כפל־כפליים.

זעט אויס, אַז טאַקע דעמאָלט, אין יענע הימלאָזע, נע־ונד טעג — ווען דער הייסטער חלום פון דער פאַרשטויסענער צעלינע איז געווען אָפּצוזוכן פאַר זיך אַן אָרט, וואו זי זאָל קאָנען געפינען משפחה־וואַרעמקייט, האָבן זיך אין דעם פרימיטיוון דאָרפס־שיקסל אָנגעהויבן אויסצוקריסטאַליזירן אירע מיי־נונגען וועגן וועלט און מענטשן, און זי האָט אָנגעהויבן באַקומען געפילן פון מיטלייד צום באַוואוּלהטן און רחמנות צום געליטענעם.

אַ ווענד־פונקט צום גוטן איז דעריבער געווען דער מאָמענט, ווען די זיבעצן יאָריקע קזשעמינסקאַ האָט באַקומען אַ פּאָסטן אינם הויז פון אַנגע־זעענעם בענדינער אידישן פאַבריקאַנט און סוחר, דוד שיקמאַן, אויף קאָש־טשושקאַ גאַס נומער צוויי.

דאָ, אין דער באַלעבאַטישער, אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע, איז די אָנגעקו־מענע אַרבעטאָרין אויפגענומען געוואָרן בסבר פנים יפות און די טאַקטפולעווירטין, פרוי לאה שיקמאַן, האָט איר באַלד געלאָזט וויסן, אַז זי זאָל זיך נישט באַטראַכטן ווי אַ געדונגענע דינסט־פרוי, נאָר ווי אַ פולבאַרעכטיקטער מיט־גליד פון דער שיקמאַן משפחה.

און אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ צוטרוילעכע, וואונדערבאַרע פאַמיליע באַ־ציאונג, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן פאַר גאַנצע צוואַנציק יאָר. די איינציקע מיס־פאַרשטענדעניש צווישן די שיקמאַנס און די קזשעמינסקאַ איז נאָר געווען צוליב דעם, וואָס צעלינקע האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן און אָפּגעוואָרפן אַלע הייראַטס פּראָפּאָזיציעס מיטן מאָטיוו, אַז זי האָט גאָרנישט בדעה צו פאַר־לאָזן איר היים, און זי זוכט נישט קיין נייע גליקן.

ווען פרוי שיקמאַן האָט איר איר מסחרס אָנגעלעגנהייטן געמוזט אָוועקפאָרן קיין דאָמבראָווע, בכדי אָנצופירן דאָרט מיט זייער ניי איינגעאָרדנט געשעפט, איז צעלינקע געוואָרן די פאַקטישע באַלעבאָסטע און דערציערין פון די שיק־מאַן קינדערלעך. אויף אירע הענט זענען אויסגעוואַקסן דריי באַחנטע מיידע־לעך און אַ באַטעמט, שאַרף־קעפּלדיק אינגעלע. מיט איר דערוואָרבענעם אידיש לשון פלעגט זי מיט זיי קליינערהייט אַפילו זאָגן מודה אני און קריאת־שמע; און מיט שטאָלץ פלעגט זי זיי אָפּפירן אין חדר אַריין און אין דער בית־יעקב שולע. אַ באַזונדערע ליבשאַפט האָט זיך פאַרקנופּט צווישן צע־

לינקאַן און דעם מוזיניקל אין דער פֿאַמיליע — מינדעלע. ווי עפּעס אַן אינערלעכער אינסטינקט זאָל איר פֿאָראויסזאָגן, אַז זי וועט נאָך מיטן דאָזיקן קינד אַ סך דאַרפֿן דורכגיין — האָט זי איר אַרויסגעוויזן ספּעציעלע אויפֿמערקזאַמקייט. פֿאַר שטונדן לאַנג איז זי בכוח געווען צו זיצן, קעמען מינדעלעס לאַנגע, בלאָנדע צעפּעלעך און אַרײַנקוקנדיק איר אין די בלאָע אויגן שעפּן נחת...

— דו זעסט דאָך אויס פּונקט אַזוי ווי איך — האָט זי אַ צופֿרידענע געמורמלט...

אָבער פּלוצלינג איז אַ פֿינסטערער שטורעם אויסגעבראָכן. די היטלעריסטישע טײַוולאָנים זענען די גרענעצן אַריבער און איך משך פֿון געציילטע טעג זענען זיי געווען אין בענדין, אָנהייבנדיק זיך צו איזדעקעווען איבער דער אידישער באַפֿעלקערונג. אויף די גאַסן האָבן זיך באַוויזן אויסגעקלעפּטע העצערישע קאַריקאַטורן פֿאָרשטעלנדיק די אידן אַלס אַ מינדערווערטיקע אומה און גערופֿן צו זייער פֿאַרניכטונג. ווי אַ רעגן פֿון אומגליקן האָט איין מערדערישע גזירה נאָכגעפֿאָלגט די אַנדערע. קאָנטריבוציעס, זאַקלאַדניקעס, געלע־לאַטע, קאָנפֿיסקאַציעס פֿון פֿאַרמעגן און ענדלעך אייכמאַנס קרוין אידייע — געטאָ. אידן הויבן זיך אָן צונויפֿצושטופּן צו עטלעכע פֿאַמיליעס אין אַ צימער אין דעם פֿאַר זיי אָנגעצייכנטן שטח. הונגער, קרענק און עפּידעמיעס גייען האַנט בײַ האַנט מיט דערשיסונגען און בײַנאַכטיקן, פּלוצלינגדיקן פֿאַרשוואונדן ווערן פֿון פּראָמינענטע אידן. אויף אַזאַ אַרט איז אויך געהיימניספֿול אַוועקגעקומען פֿרוי שיקמאַן און צעלינאַ קזשעמינסקאַ איז מיטאַמאָל געוואָרן די אויפֿפּאַסערין אויף דער גאַנצער, דערשלאָגענער משפּחה. מיטן העראָאיזם און לאָיאַליטעט פֿון אַ מאָדערנער רות נעמט זי אויף זיך אַלע עולן פֿון האַלטן די פֿאַמיליע צוזאַמען און זיי באַזאָרגן מיטן נויטיקסטן, נישט אויסצוגיין פֿון נויט. צעלינע ווערט די פּרנסה געבערין און טוישט אויס אָנצוגער, העמדער, טישטעכער פֿאַר שפּייז־אַרטיקלען, וועלכע זי שמוקלט אַרײַן אין געטאָ צו די שיקמאַנס. אויך צענדליקער פֿון אַנדערע אידן זענען איצט מיט זייער נעבעכדיקער חיונה אָפּהענגיק פֿון צעלינאַס איניציאַטיוו און קוקן צו איר אַרויף ווי צו אַ מלאך המושיע...

די לאַגע ווערט אָבער וואָס אַמאָל אַ שווערערע און אומדערטרעגלעכערע. אין שטאָט הייבט מען אָן רעדן וועגן פֿאַרשליסן דאָס געטאָ און אויסזידלונגען אויפֿן מזרח. די קזשעמינסקאַ איז פֿעסט אַנטשלאָסן צו בלײַבן אין געטאָ און מיטפֿאָרן מיט איר הויז־געזינד. אָן צערעמאָניעס, מיט איר נאַטירלעכער פּשטות דערקלערט זי:

— וואוהין איר וועט גיין — וועל איך גיין! וואו איר וועט נעכטיקן — וועל איך נעכטיקן! איין גאָט איז נאָר פֿאַראַנען אויף דער וועלט און ער וועט נישט דערלויבן שלעכטס צו טאָן אומשולדיקע מענטשן...

שיקמאַנען שטייט איצט פֿאַר אַן אויסערגעוויינלעך שווערע אויפֿגאַבע איבערצוצייגן די איבערגעגעבענע דינערין זי זאָל זיך אַליין נישט פֿאַר־

משפּטן צו אַן אומבאַקאַנטן גורל, וואָס זעט אויס ווייט פון צו זיין ראָזאַ... אין קעגנטייל — טענהט ער אײן מיט דער אײַנגעשפּאַרטער „גאָווערנאַנטקע", — מיט דײַן בלײַבן אין געטאָ פאַראורטיילסטו זיך אַליין און אויך אונדז צו אונטערגאַנג. סיי על פּי דין און סיי על פּי עטיק האָט נישט קיין שום צוועק דו זאָלסט צוזאַמען מיט אונדז אומקומען. דו ביסט אונדזער איינציקע פאַרבינדלערין מיט דער דרויסנדיקער וועלט. זע־זשע בעסער זיך צו פאַרשאַפן ערגעץ וואו אַן אַנטשפּרעכנדיקע דירה און שטיי מיט אונדז אין קאָנטאַקט, כאָמער וועט כאָטש געלונגען אַרויסצוראַטעווען די קינדער און זיי אויסבאַהאַלטן פון די פאַרברעכערישע רוצחים.

אַ וואָך שפּעטער איז דוד שיקמאַנס טרויעריקע אינטואיציע לײַדער מקויים געוואָרן הונדערט־פּראָצענטיק. ווי די מלאכי חבלה האָבן די פאַרשאָלטענע היטלעריסטישע פאַרברעכער אין אַ בלוטיקן מיטוואָך זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן געטאָ, און אין איין טאָג ליקווידירט די עיר ואם בישראל, שיסנדיק און הרגנדיק טויזנטער אידן מיט גרויזאַמער בעסטיאַליטעט אויפן וועג צו די כלאָרק וואַגאָנען, אין וועלכע די אומגליקלעכע האָבן באַדאַרפן דורכמאַכן זייער לעצטע רייזע צו די קאַלך אויוונס.

מיט דער מסירת־נפש פון אַ פאַרצווייפלטער לייביכע האָט צעלינע נישט אָפּגעטרעטן פון די געטאָ דראָטן, אײַנגעריסן וועלטן און ריזיקירנדיק איר לעבן אין דער לעצטער מינוט באַוויזן אונטערצוקויפן אַ וואַכמאַן, וועלכער האָט זיך געמאַכט אַוועקקוקן בעת זי האָט דורכן געטאָ־פאַרקאַן אַרויסגעקריגן די אינגסטע צוויי שיקמאַן־קינדער — יודל און מינדעלע. וועלנדיק זיין זיכער אין אָנהאַלטן קאָנספּיראַציע, האָט זי זיי פאַרבאַבלטע אין איר גרויסן פויערישן טוך אויפאינדערשטיל אַוועקגעפירט אין קריסטלעכן געגנט צום קעלער פון אַ באַקאַנטע, וואָס איז צופעליק נישט געווען אין דער היים. פון דאָרט האָט זי געהאָפט אומבאַמערקטערהייט אײַנצלווייז זיי אַריבערצופירן צו זיך אין דער ניי־פאַרשאַפענער וואוינונג. נישט מאַכנדיק זיך קיין אילוזיעס, האָט צעלינע זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז אין דער אַרומיקער, פאַרסמטער אַטמאָספערע פון אידן־האַס, מוז זי זיין אויסערגעוויינלעך פאָרזיכטיק מיטן אַריבערברענגען די ניצול געוואָרענע קינדער אין דער נייער דירה. האָט זי זיי אויף דערווייל באַזאָרגט מיט עסן, איבערגעלאָזן אין קעלער און אַליין איז זי אַוועק אויסשפּירן די סיטואַציע און צוגרייטן אין איר שטוב כאָטש אַ שטיקל באַהעלטעניש פאַר אַ נויטפאַל, טאָמער קומען אַריין נישט געוואונטשענע שכנים און מען דאַרף זיך שנעל פאַרבאָרגן.

מיט איר געזונטן, פויערישן אינסטינקט האָט זי פאַרשטאַנען, אַז פאַרלויפיק טאָרן די קינדער בשום אופן דורך קיינעם נישט געזען ווערן, ווייל כּהרף עין וואָלטן זיי — מיט די דערשראָקענע פּנימער און פחדפולע אויגן — זיך אַליין פאַראַטן. מען וועט מוזן עפּעס אויסקלערן ווי אַזוי צו לעגאַליזירן זייער דערשיינען. אפשר וועט איר געלונגען זיי צו פאַרשאַפן אַרישע פּאַפּירן אַלס אירע קרובים פון פּראָשקאַ. אויב נישט, ווען מען מוזן ערגעץ־וואו צו־

גרייטן אַ גוט פּאַרמאַסקירטן בונקער און זיי דאָרט דערוויילע איינאָרדענען. אינצווישנצייט וועט אַלס מעלינע מוזן דינען די אַלטע, דעמבענע שאַנק, וועלכע זי האָט איינגעהאַנדלט און ספּעציעל אָוועקגעשטעלט דיאַגאָנאַל איבער אַ טיר פּאַרטיפונג. צייטווייליק וועט דאָס דאָזיקע אויסגעהוילטע שטיקל פּלאַץ צווישן וואַנט און שאַפע מוזן שיצן קעגן בייזע אויגן און לויערנדיקע סכּנות.

אַ באַרואיקטע אַביסל, אָבער נאָך אַלץ מיט אָנגעשפּיצטער וואַכזאַמקייט, האָט זיך צעלינע פאַרנומען צוריק צום קעלער און אונטערן שויץ פון דער צוגעפּאַלענער נאַכט, צומערשט מיט האַרצקלאַפּעניש אַהיימגעפירט די פלאַקסנ־האַריקע מינדעלע, וועלכע האָט רואיק געקענט אָנגיין פאַר אַ קריסטלעך קינד. דערגרייכנדיק בשלום די שטוב האָט צעלינע אַרונטערגעלאָזן די ראָלעטן, אַרומגענומען דאָס קליינע פאַרשמאַכטע מיידעלע און אָן ווערטער האָבן זיך ביידע צעהעשעט איינע אין דער אַנדערערס אָרעמס, אויסקלאַגנדיק מיט פאַר־שטיקט געוויין דעם דורכגעלעבטן מוראדיקן טראַר פון פאַרגאַנגענעם טאָג. ווען צעלינע איז אַביסל שפּעטער ווידעראַמאָל צוריקגעקומען צום קעלער בכדי אַהיים צו שמוגלען „אידעקן" — האָט זי אים שוין דאָרט מער נישט גע־טראָפן. אָנשטאָט דעם אומגליקלעכן פערצניאָריקן אינגל האָט זי אויף דער טיר אָראָפּפירנדיק אונטן איבערגעלייענט אַ וואָרנונגס־אויפשריפט פון אַן אַנאָנימען מסור: פאַרשאָלטענע אידן־שיצערין! איך בין אויף דיינע שפּורן און וועל דיר נישט דערלויבן צו אָרגאַניזירן אַ נייע סינאַגאָגע! ווער עס העלפט די זשידעס — פאַרדינט אַליין אַ שוואַרצן סוף!...

* * *

פונקט ווי אַ טונקעלע כמאַרע פאַרשטעלט דעם זונענשיין, אַנוואַרפנדיק אַ פאַראומערנדיקע מרה־שחורה, געגוי אַזוי חושכדיק האָט דער „אַריינפאַל" פון אידלען געווירקט אויפן געמיט פון דער פאַרביטערטער צעלינען. אָבער דווקא דאָס באַוואוסטזיין, אַז זי איז אַרומגערינגלט מיט אַן אַ שיעור געפאַרן אויסגעליפערט צו ווערן צו די דייטשן; דווקא דער שאַנטאַזש סיגנאַל פונם נידערטרעכטיקן פאַרברעכער, וואָס האָט געסטראַשעט מיט פאַרפאָלגונג און נקמה — האָט זי באַאײנפלוסט נאָך פאַרביסענער צו ווערן אין איר באַשלוס פאַר יעדן פּרייז אָפּצוראַטעווען דעם לעצטן, צוועלפיאָריקן מיטגליד פון דער שיקמאַן משפּחה, וועמען זי האָט איצטער מיט נאָך מער איבערגעגעבנהייט און מוטער־ליבע געהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג.

נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכטן פון די הויז איינוואוינער מכּוח אירע איינקונפטס־קוועלן, איז זי יעדן טאָג אַוועק צו דער אַרבעט אַלס אויפרוימערין ביי די פאַרמעגלעכערע פּאָלאַקן, וועלכע האָבן זיך געקאָנט דערלויבן אַ משרת.

— פּאַני צעלינאַ, זעצט זיך אַוועק און נעמט עפּעס אין מויל אַריין — פלעגן די גאָספּאָדיניעס פאַר איר אַוועקשטעלן אויפן טיש פאַרשידענע מאכלים און זי דערמוטיקן צום עסן. צעלינע האָט זיך אָבער שטענדיק אַרויס־

יודל שיקמאַן הי"ד, פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיט זיין שוועס־
טער מינדעלע שיקמאַן — די איצטיקע פרוי טענענבוים.



צעלינאַ קזשעמינסקאַ

געדרייט מיטן אויסרייד, אַז זי האָט נישט ליב צו עסן אין מיטן דער אַרבעט און זי וועט זיך בעסער איר חלק מיטנעמען אַהיים וואו זי קען עסן רואיק און אָן איילעניש. און אַזוי איז זי טאָג־איין, טאָג־אויס, אָנשטעלנדיק אַ זאַרגלאָזע מינע אַוועק אין שטאָט אַריין פאַרשליסנדיק פון דרויסן די טיר, און אָנזאָגנדיק די הויז־וועכטערין צו וואַרפן אַן אויג אויפן ביסל האָב און גוטס אירן.

מיט יעדן דורכגעלאָפענעם טאָג איז זי געוואָרן זעלבסטזיכערער אין איר דאָפּלטער ראָל אַלס לעגאַלע דינסט בייטאָג, און אומלעגאַלע מאַמע ביינאַכט. אויך מינדעלע שיקמאַן, וועלכע האָט איצט שוין געהייסן מאַריאַ קזשעמינסקאַ, האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צוגעוואוינען צו דער טראַגישער לאַגע פון געצוואונגענעם אַרעסט. די אַדורכגעלעבטע שרעקן, די צוגעזעענע ברוטאַלי־טעטן האָבן אַ סוף געמאַכט צו איר קינדישער נאַאיוויטעט און ראָמאַנטיק. מיט־אַמאָל האָט זי אָנגעהויבן צו דענקען ווי אַ דערוואַקסענע און פאַרשטאַנען, אַז איר לעבן איז אָפּהענגיק פון אירע פעאיקייטן צו אימיטירן אַ שאָטן, אַ גייסט, אַ „רואה ואינו נראה“...

מיט אַ פאַרקלעמטן האַרצל פלעגט זי פאַרנעמען די זיך דערטראָגנדיקע קלאַנגען פון אינדרויסן שפּילנדיקע קינדער און זיך מיט אַלע כוחות איינגע־האַלטן נישט נאָכצוגעבן דעם וואָס אַמאָל אַלץ מער שטייגנדיקן פאַרלאַנג כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט אַרויסצוגיין אויפן גאַס... דאָס אַליינזיין אַ גאַנצן טאָג, דאָס שאַרכלאָזע, שטענדיקע אַרומקריכן אויף די שפּיץ פינגער האָבן אָבער וואָס אַמאָל מער דענערוווירנדיקער געווירקט אויף איר. זי האָט זיך שוין קוים געקענט דערוואַרטן עס זאָל ענדלעך טונקל ווערן און אין דער טיר זאָל זיך ווידער דערהערן דער קלאַנג פון איבערגעדרייטן שליסל, אָנזאָגנדיק, אַז צע־לינע איז צוריקגעקומען.

— קינדעלע טייערס! — פלעגט זי צעלינע אין די אָונטן באַגריסן, קאַר־מענדיק מיט די אַהיימגעבראַכטע גוטע זאַכן. — האַרץ מיינס! — פלעגט זי אַ פאַרטרערטע שעפּטשענדיק אויסקושן דעם קאָפּ פון דער צו איר צוגעפּאַלע־נער מינדעלען. — זאָרג זיך נישט! איך וועל דיך אָפּראַטעווען פון די באַנ־דיצקע מערדער. דערווייל אָבער, אוצר מיינער, מוזסטו זיך פּרובירן אויס־לערנען דעם קאַטעכיזם און די קאַטוילישע „פּאַטשעזשעס“, בכדי אויף יעדן פאַל צו קענען „באַווייזן“ אַז דו ביזט אַן אמתדיק קריסטלעך קינד. זאָלסט נישט מיינען איינציקע, אַז איך וויל דיך טאַקע אויף אַן אמת אָפּטויפן און מאַכן דיך פאַר אויס אידישקע! נייך! טויזנט מאָל נייך! איך ווייס, אַז דו ביסט אַ געוועזענע בית־יעקב שילערין און די טאָכטער פון פרומע אידישע עלטערן. זאָג איך דיר צו, אַז באַלד ווי די אכזריותדיקע קריג וועט זיך נאָר ענדיקן, וועסטו צוריק זיין דאָס, וואָס דו ביסט פריער געוועזן און אומגעשטערט און אָפן וועסטו ווײ־טער קענען פאָרזעצן דעם שטאַם און גלויבן פון דיין פאַרפייניקט פאָלק.

— זאָלסט אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז דער בעסטער דאָקומענט דיינער איז: דאָס באַהעלטעניש אויף יענער זייט שאַנק, וואוהין דו דאַרפסט מאָמענטאַל פאַרקריכן ווי נאָר עמיצער קלאַפּט אין טיר... מיר מוזן זיך צו־

גרייטן צו פאַרשידענע עווענטואַליטעטן און מיטביידע הענט זיך אָנהאַלטן אין לעבן... מיר מוזן אַדורכשטופּן טאָג נאָך טאָג. יעדער דורכגעגאַנגענער מעת־לעת — איז אַ טריט צו דער שוואַבישער מפּלה. יעדע דורכגעלאָפענע וואָך איז אַ פאַרגרעסערונג פון אונדזערע שאַנסן די פינסטערע בראַדיאַגעס איבערצולעבן...

נאָך אַזאַ מין דערמוטיקונג פון צערטלעכקייט און קוראַזש פלעגן זיי זיך אונטער אַ פאַריגלטער טיר לייגן שלאָפן און צוזאַמען שפּינען פלענער און חלומות וועגן דער צוקונפט, ווען מען וועט אויסגעלייזט ווערן פון די היטלע־ריסטישע משחיתים.

ס'איז זיי צומאָל נישט איינגעפאַלן, אַז דער ביטערער גורל האָט נאָך פאַר זיי אין רעזערוו פאַרשידענע אויפטרייסלענדיקע עינויים, וועלכע זיי וועלן דאַרפן דורכגיין פאַרן באַפרייט ווערן. פונוואַנען האָבן זיי געזאָלט וויסן, אַז דער זעלבער געהיימער מאַניאַק, וואָס האָט אויסגעגעבן אידעקן, האָט איצט דערפאַרן צעלינעס אַדרעס און זי פאַרמסרט אין דער פּאָליציי, אַז זי באַהאַלט אויס אַ זשידוואָוקעלע...

* * *

גאַנץ אומדערוואַרטעט איז געקומען דער קריטישער אָוונט, ווען אַ זשאַנ־דאַרם האָט מיט געפילדער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און מיט רוגזה געשריגן: אויפמאַכן! ווי פייל פון בויגן איז מינדעלע פאַרשוואונדן אין איר נאָרע אונ־טער דער שאַנק. אין צימער איז אַרייַן אַן אויסגעפּעצטער, נאַצישער סאַטראַפּ פון דער „שוץ פּאָליציי" און זיך צעריטשעט:

— צעלינאַ קזשעמינסקאַ! דו ווערסט באַשולדיקט אין אויסבאַהאַלטן אַ אי־דישקע פון געטאָ. וואו איז זי? גיב אויס דאָס אָרט וואו זי איז פאַרשטעקט, און מיר זענען דיר מוחל דיין עובר זיין אויפן געזעץ. אויב נישט, ווערסטו אַרעסטירט און איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ, וועלכע וועט שוין פון דיר מיט „געהעריקע מיטלען" סיי ווי סיי אַלץ אויסגעפינען.

צעלינעס רעאַקציע איז געוועזן אַ הויך קאָקעטיש געלעכטערל, מיט וועלכן זי האָט פאַרקלונגען דאָס גאַנצע צימער. אין אויגנבליק האָט זי מיט אַלע אירע חושים דערפילט, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן לעבן און טויט, און באַשלאָסן צו שפּילן „וואַ באַנק" — אָדער, אָדער...

— הער וואַכמייסטער — האָט זי קודם רואיק צוגעמאַכט די טיר און אים אונטערגעטראָגן אַ שטול צום זיצן. — „נעמען זי פּלאַץ און ביטע רעגען זי זיך נישט אויף. זי זעען אויס צו זיין אַ פיינער מענטש און מען קען אַלעס דערלעדיקן רואיקערהייט. צוערשט פאַרזוכן זי אָבער פון דעם זעלטענעם אייער־קאָניאַק, וואָס איך באַזיץ נאָך פון פאַרמלחמהדיקן מאַרק; און נאָכהער וועל איך אייך ענטפערן אויף די נאַרישע פּליאָטקעס, וואָס עפּעס אַן אידיאָט דאָרט האָט אויסגעקלערט..."

די אומדערשראָקנקייט מיט וועלכע צעלינע האָט זיך באַנומען און דער אַלקאָהאָל־געטראַנק אין פּאַרפלאָמבירטן פלעשל האָבן זעט אויס געהאַט דעם געהעריקן עפעקט. דער פּאָליציסט האָט נאָכגעלאָזן פון זיין רעוועגדיקער שטרענגקייט, אויפגעקנעפּלט זיך דעם גרינעם שינעל, זיך באַקוועם אַוועקגע־זעצט און אָנגעגאָסן אַ פול טיי גלאָז מיט שנאַפּס...

— זי פאַרשטייען דאָך! — האָט ער זופנדיק מיט הנאה שוין געדעדט מיט אַ ווייכערע שטים. „איך מוז דערפילן מיין פליכט ווען מען שיקט מיך אַדורכצופירן אַן אויפגאַבע. זי וויסן דאָך דיסציפּלין... קריגס־צייט... מיט יעדן אויסגעטרונקענעם כוס איז זיין צונג געוואָרן אויפגעבונדענער און ער האָט צעלינען דערציילט, אַז מען האָט אים אַהערגעשיקט אונטערצוזוכן די קלאַנגען, אַז זי האָט ערגעץ וואו באַהאַלטן אַ אידיש קינד.

— זי פאַרשטייען, מיר פערזענלעך איז דאָס „גאַנץ עגאַל"... אָבער, באַפעל איז באַפעל און טראָץ דעם, וואָס זי זענען זייער אַ סימפּאַטישע פרוי און איך וואָלט אייך געוואָלט העלפן, מוז איך זי דאָך פאַרהאַפּטן און מיטנעמען מיט זיך אין באַצירק אַריין פאַר ווייטערדיקע אויספאָרשונג. „עס טוט מיר לייד" — האָט ער שוין אַביסל אַ בגילופנדיקער געשטאַמלט — „זי זינט אַ פיינע פער־זאָן... אָבער ניכטס צו מאַכן..."

אָריענטירנדיק זיך לויט די לעצטע ווערטער, האָט צעלינע פאַרשטאַנען, אַז טראָץ דעם אויסגעזויפטן פלעשל בראָנפן גרייט ער זיך דאָך זי מיטצופירן אויף דער פּאָליציי־סטאַציע, וועלכעס זי מוז פאַר יעדן פרייז אויסמיידן.

האָט זי פלוצלינג זיך דעצידירט צו אַן אַנדערע טאַקטיק. מיט דער האַנט איבערן מויל איז זי ראַפּטאָוונע אויפגעשפּרונגען פון אָרט, צוגעלאָפן צום וואַסער־קראַן און זיך געמאַכט ווי עס וואָלט איר נישט גוט געוואָרן. וואַק־לענדיק זיך מכלומרשט אויף די פיס האָט זי אויף זיך געגומען שפּריצן קאַלט וואַסער, נאָכגעמאַכט ווי עס וואָלט זי געשווינדערט און בשעת מעשה אַפּעלירט צום שכורן זשאַנדאַרם:

— הער וואַכמייסטער! זי זינד דאָך אַ קאַוואַליר! ביטע־שען, איך פיל זיך קראַנק, טוען זי מיר אַ געפעליקייט און לאָזן זי מיך היינט נאָך שלאָפן צו האַוזע. איך גיב אינען מיין ערן־וואָרט, אַז מאָרגן פרי שטעל איך זיך אַליין צו אין דער שוץ־פּאָליציי אַריין. ביטע! זאָגט נישט אָפּ דאָס געבעט פון אַ שוואַך פרויענצימער, אויף וועלכן איר וועט באַשטימט קיינמאָל נישט באַדויערן..."

— „נו יאָ! דאָס קען איך פיליכט שאָן מאַכן" — האָט ער ענדלעך אַרויס־געבורטשעט. — „איך וועל זיי זאָגן די האָכע הערן, אַז כ'האָב דיך נישט געַ־טראָפן אינדערהיים. אָבער געדענק! מאָרגן פרי מוזטו זיך פרייוויליק מעלדן אין קאָמיסאַריאַט אַריין אויסצומאַכן אַן אויספאָרשונגס־פּראָטאָקאָל — זאָנסט ווירסט דו ערשאָסען! — הייל היטלער!

די טיר האָט זיך מיט אַ קרעכץ צוגעמאַכט און פון די שטיגן האָט זיך

געהערט דאָס געטראַמפּל פון סאָלדאַטסקע שטיוול, וואָס האָבן זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער דערווייטערט.

איצט, אָדער קיינמאָל נישט — האָט זיך צעלינע אַ ריס געטאָן פון אָרט. מיטן אימפּעט פון אַ בליץ האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַ קאָץ, אויסגעשפּרייט אויפן בעט און זי גענומען אָנשטאָפּן מיט וועש, קליידער, פּיזשאַמעס, — די בעסטע זאַכן, וועלכע זי האָט נאָר פאַרמאָגט. אינדערגיך האָט זי צוזאַמענגעקנוילט אַ פּעקל, אין אַ קיישל אַריינגעוואָרפן אַביסל עסן און אָפּערקריגנדיק די צום טויט איבערגעשראָקענע מינדעלע, זי געכאַפּט ביי דער האַנט, פאַרוואָרפן דעם קלומיק אויף דער פּלייצע און אַוועק צום וואָקזאַל.

אויף צומאָרגנס איז צעלינע צוריקגעוועזן אין שטאָט און זיך ווי צוגע־זאָגט געמאָלדן צו דער פּאָליציי. קיינעם איז אָבער נישט איינגעפאַלן, אַז אין משך פון דער נאַכט איז איר געלונגען איינצואָרדענען „מינדעל־מאַריאַ קזשע־מינסקאַ״ אַלס פּאַסטוכין אויפן דאָרף ביי פּאַטריאַטישע פּאָלאַקן, וועלכע האָבן גערן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע אַכטונג צו געבן אויף איר. די פּשוטע דאָרפס־פּויערים זענען געריירט געוואָרן פון צעלינאַס אימפּראָוויזירטע גע־שיכטע, אַז זי מוז גיין אָפּזיצן אַ לענגערע תפיסה שטראָף פאַר ווידערשפּעניקן די דייטשן.

— זאָרג זיך נישט טייערע! — האָבן זיי איר מיט מיטגעפיל געטרייסט.
— מיר וועלן זיך מיט דיין יתומה פאַרנעמען ווי מיט אַן אייגן קינד ביז דו וועסט זי ווידער קומען אָפּנעמען.

* * *

זעקס פעליקע מאָנאַטן איז צעלינע געווען אין די געסטאַפּאָס הענט. אין אָנהייב האָט מען מיט די „באַרימטע״ גוטע ריידעלעך געוואָלט פון איר אַרויס־באַקומען דעם סוד, וואו זי באַהאַלט אויס דאָס „יודען־קינד״.

— זאָג אונדז וואו דו האָסט פאַרשטעקט דיין אידישן באַלעבאָס טעכטערל און מיר באַפרייען דיך זאָפאָרט און דו באַקומסט נאָך צען קילאָ צוקער, און אַ „בעצוג־שיין״ פאַר אַ נייעם מאַנטל... „זייט נישט איינגעשפּאַרט — האָט אַ געשטופּלטער געסטאַפּאָ־יונג אין איר אַריינגעטענהט מיט אַ לאַקריצדיקע, זיסע אײדלקייט. — איך גיב דיר דאָס ערן־וואָרט פון אַ „רייכס־דייטש״, אַז דיין זשידוואוקעלע וועט נישט אַראָפּפאַלן קיין האָר פון קאָפּ. אַלץ וואָס מיר ווילן נאָר מיט איר טאָן איז: איזאָלירן זי פון דער ריין־אַרישער סביבה און אָפּשיקן אין אַ ספּעציעלן קינדער־לאַגער פון „אויסדערוויילטע יודען״ וואו זי וועט באַקומען צו עסן און טרינקען און דערצויגן ווערן אַלס פּראָדוקטיווער עלעמענט.

צעלינע האָט גוט באַגריפן, אַז נאָך דער דאָזיקער מכלומרשטער גוטסקייט וועט נאָכפאָלגן אַ מבול פון פאַרשידענע פּייניקונגען, אָבער מיט אַנטשלאָסנקייט האָט זי אויפן הויכן קול דרייסט געגומען אָפּלייקענען אַלס בלבולים די אַלע

פֿאַנטאַסטישע קלאַנגען, אַז זי, אַ גוטע קריסטין פֿון דור דורות באַמיט זיך גאָר אויסצובאַהאַלטן אַ אידיש קינד. „ס׳איז דאָך לעכערלעך — האָט צעלינגע פּרו־בירט אָנווענדן לאָגיק אין איר אַרגומענטאַציע — אַ גאַנץ לעבן האָב איך אָפּ־געאַרבעט ביי די זשידעס און דורך זיי אויסגענוצט געוואָרן, וועל איך איצט גאָר בשעת עס גייט זיי מיט דער פּוטער אַראָפּ — און מיין האַרץ פֿרייט זיך פֿון נקמה — משוגע ווערן און נעמען פּלוצלינג ראַטעווען די פֿאַרשאָלטענע אומגלויביקע".

נישט לאַנג אָבער האָט די דאָזיקע קאַץ און מויז שפּיל פֿון וועלן איבער־כיטרעווען איינער דעם צווייטן אָנגעהאַלטן. דער אונטערוועלטניק אין שוואַרצן אוניפֿאָרם איז אַרויס פֿון די כלים, מוראדיק אַ בריל געטאָן אַן אויסגעלאַסענעם עפּיטעט אויף צעלינגעס אַדרעס, און קריצנדיק מיט די ציין איר געלאָזט וויסן, אַז זי האָט אַ וואָך צייט זיך איבערצוקלערן, וואָס זי דערצידירט.

— וואַרף זי אַראָפּ, די צויג, אין אַ קעלער קאַמער — האָט ער אינסטרוק־טירט דעם אַריינגערופֿענעם וועכטער — און זע, אַז זי זאָל זיך נישט איבער־עסן, בכדי זי זאָל פּעאיק זיין צו האָבן קלאָרן ישוב הדעת און באַשליסן צי זי וויל אונדז ווייטער אַרומפֿירן ביי דער נאָז אָדער זי איז גרייט צו ענדערן איר שטעלונג און איינצלהייטלעך דערציילן ווען און וואו זי האָט באַהאַלטן איר „יודען־ממזר"...

— „לאָוס! לאָוס! געט מאַל!" — האָט אַ הייזעריקע שטימע אַרויסגעמרו־טשעט און באַפֿוילן צעלינגען אים נאָכצוגיין. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז זי שוין געווען איינע אַליין אין אַ דעמפּיקן קעלער־צימער, וואָס האָט פֿאַרן קומענדיקן האַלבן יאָר באַדאַרפֿן ווערן איר היים. אַ פֿאַרשמאַכטע איז זי אַוועקגעפֿאַלן אויף דער הילצערנער נאַרע און זיך ספּאַזמאַטיש צעוויינט. די אָנגעשטרענגטע נערוון, די דורכגעגאַנגענע דערנידערונגען און אומאויפֿהערלעכער פּחד דע־מאַסקירט צו ווערן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויסן יאָמער פֿון אַ געטריי צעוויטיקט האַרץ, און מער נישט געקאָנט צוריקהאַלטן דעם געפֿלייץ פֿון טרערן, וואָס האָבן זיך געריסן דורך די רויטע, נישט אויסגעשלאָפֿענע אויגן.

— אַ גאָט! האַר פֿון דער וועלט — האָט זי שטיקנדיק זיך אין איר קלאָגן געבעטן. — דו ווייסט דאָך, אַז איך בין איבערהויפּט נישט קיין העלדין, נאָר אַ שוואַך מענטשלעך באַשעפֿעניש, עמפּינדלעך צו פּיין און יסורים. העלף מיר פֿאָטער אין הימל, און שטאַרק מיך איך זאָל קענעןביישטיין די באַפֿאָר־שטייענדיקע נסיונות און נישט צוזאַמענברעכן אונטערן דרוק פֿון די בלוטיקע מערדער, וועלכע ווילן פֿון מיר אַרויסקריגן מיין הייליקסטן סוד און פֿאַרניכטן דעם איינציקן זין אין מיין לעבן...

אַ דערשעפּטע איז זי איינדערמיט פֿון איר תפילה אַנטשלאָפֿן געוואָרן מיטן שלאָף פֿון די געדערכטע. ווי אַ פֿאַרגיטיקונג צו דער טרויעריקער ווירק־לעכקייט זענען אירע חלומות געווען פֿול מיט אָפּטימיסטישע בילדער וועגן

אַ נאָענטן מלחמה סוף, וועגן אַ שנעלע באַפרייאונג דורך די זיך דערנענטערנ־דיקע רוסן, וועגן מזלדיקן, געלונגענעם אַפּראַטעוועץ פון איר מינדזשען. אַלץ איז געווען אַזוי בולט קלאָר, אַזוי איינפאַך און רעאַליסטיש, אַז מען האָט אין אַלע גלידער געקאָנט פילן די פרייד און דעם אַריינדרינגנדיקן בטחון, וואָס די געטרוימטע זעאונגען האָבן אַרויסגערופן.

ווען זי איז אויפגעשטאַנען איז זי עפּעס געווען מאָדנע דערפרישט. טראָץ די פייכטקייט פון די גראָע שמוציקע ווענט, טראָץ דעם פּאַסקודנעם אויסזען פון איר „קוואַרטיר" און דעם אומבאַשטרייטבאַרן פּאַקט, אַז זי געפינט זיך פולשטענדיק אין רשות פון די געסטאַפּאָ־קאַניבאַלן — איז זי דאָך געווען גייסטיק געשטאַרקט און אַן אומבאַשרייבלעך געפיל פון דערהויבנקייט האָט אין איר געוועלטיקט. אין איר הינטערבאַוואוסטזיין האָט זי געפילט, אַז זי וועט נאָך האָבן אויסצושטיין אַ סך צרות, דאַרפן אויסהאַלטן אַ מענגע מיט ליידן. אָבער, עס לוינט זיך דאָס אַלץ מיטצומאַכן וואָרום אין דער ענדע וועט דער פינאַל זיין אַ גליקלעכער און זי וועט ווידער קענען זיין צוזאַמען מיט איר באַליבט מינדזשעלע...

מיט פאַרביסענע ליפּן און מיט דער גבורה פון אַ תמימותדיק האַרץ האָט צעלינע דורכגעטראָגן אַלע ראַפינירטע, חיהשע אינקוויזיציעס, וואָס די שוואַר־צע נוגשים האָבן איבער איר אָדורכגעפירט. אַ קראַנקע מיט היץ און די־זענטעריע איז זי געפּייניקט געוואָרן מיט די אַלע קאָנווענציאָנעלע געסטאַפּישע מיטלען ווי: אומברחמנותדיקע קלעפּ, שפּילקעס אונטער די נעגל, איינקלעמונג פון די הענט אין די לאַנגזאַם פאַרמאַכנדיקער טיר. די פינף־און־דרייסיק יאָריקע דאַרפס־פרוי האָט אָבער אַרויסגעוויזן מאַרטירערישע, אידישע קשה־עורפדיקייט און געשוויגן ווי אַ פיש, כאָטש מען האָט זי צעקאַטעוועט ביז באַוואוסטלאָזיקייט.

ווען זי איז אַזוי איינמאָל נאָך אַן אויספאַרשונג סעסיע געלעגן אויף איר נאַרע אַ צעהרגעטע, האָט זיך די טיר מיט אַ געקלימפּערײַ געעפנט און עס איז אַריינגעקומען אַ גלח.

— טאָכטערשי — האָט דער גייסטלעכער מיט צערטלעכקייט אויסגע־רעדט. — כ'בין דיר געקומען געבן דעם לעצטן סאַקראַמענט. די געסטאַפּאָ האָט מיר געמאָלדן, אַז זיי האָבן דיך פאַראורטיילט צום טויט און וועלן דיך קירצלעך הענגען. זיי זשע זיך מתוודה מיין קינד און באַזין זיך טאָמער זאָלסטו דאָך נישט זיין איינגעשפּאַרט און אויסזאָגן זיי, וואָס זיי פאַרלאַנגען בכדי צו ראַטעווען דאָס אייגענע נפש? מעגלעך, אַז זיי וועלן אפשר דאָך האַלטן וואָרט און נישט אומברענגען דיין אויסבאַהאַלטן קינד, נאָר עס פאַרשיקן אין אַ לאַגער וואו זי וועט אַרבעטן און איבערלעבן דעם קריג.

פאַר אַ מאָמענט האָט זיך צעלינע — וועלכע איז בטבע געווען אַ שטאַרק רעליגיעזע — אַ וואַקל געטאָן, טראַכטנדיק צו בעטן דעם ערנווירדיקן קירכס־פאַרשטייער ער זאָל זיך נאָך איר טויט פאַרנעמען מיט איר יתומל, וואָס בלייבט

איינע אַליין אין דער גרויער, אומפּריי־טלעכער וועלט מיט שונאים. אָבער אויגנבליקלעך האָט זי זיך באַרעכנט, אַז עס קען אַמאָל געמאָלט זיין דאָס דער הער אין שוואַרצן סורדוט איז גאָרנישט קיין פּריסטער, נאָר אַ פאַרשטעלטער, אונטערגעשיקטער שליח פון די מחבלים, וועלכע ווילן אויף אַ פּראָוואָקאַ־טאָרישן אופן פון איר אַרויסבאַקומען דאָס געהיימניש פון מינדזשעס אויפהאַלט.

— איך ווייס פון גאָרנישט — האָט זי דעריבער מיט די לעצטע קרעפטן אַרויסגעקרעכצט. — כ׳בין קיין שום עברות נישט באַגאַנגען. און אויב עס איז מיר באַשערט צו שטאַרבן, איז פאַרפאַלן. מסתמא איז אַזוי מיין פינצטע־רער שיקזאַל און איך מאַך שלום דערמיט. דאָס איינציקע וואָס דו קענסט טאָן פאַר מיר, הייליקער פאָטער, איז בעטן פאַר מיין נשמה וועגן און דערמאָנען מיך צום גוטן פאַרן אַלמעכטיקן...

עטלעכע טעג שפּעטער איז ענדלעך געקומען אַ סוף צו צעלינעס מוראדיקע אַגאָניעס. אַן אַוואַנסירטער פאָרפּאָסטן פון רויטאַרמייער אין דער שפּיץ פון אַ אידישן לויטענאַנט האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט, פאַרנומען די פּאָליצי־סטאַציע און צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אסורים איז אויך צעלינע אין סאַמע לעצטן מאָמענט געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

* * *

אומבאַשרייבלעך דראַמאַטיש איז געווען דאָס ווידעראַמאָליקע צוזאַמענ־טרעפן זיך פון צעלינען מיט מינדזשעלען. דאָס מענטשלעכע לשון איז צו אָרעם, די בלומענשפּראַכיקסטע ווערטער זענען צו קאָלירלאָז איבערצוגעבן דאָס האַרצרייסנדיקע „תחית המתימדיקע״ באַגעגענען פון „מאַמע און טאָכטער״, וועלכע האָבן שוין געהאַט רעזיגנירט ווען עס איז זיך נאָך צו זען לעבע־דיקערהייט... ביידע האָבן זיך אין דער דורכגעלאָפענער צייט אויף אַזויפיל געענדערט, אַז עס איז זיי שווער געווען צו דערקענען. צעלינע, די אַמאָליקע לעבנסלוסטיקע, גוט אויסזעענדיקע בלאָנדינקע — האָט איצט אויסגעזען ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן. אויסגעדאַרט ווי אַ טובערקולאָזע מיט ברוינע און בלאָע פלעקן אויף איר אַמאָליק רונד געזיכט, וואָס איז איצט געווען איינגעפאַלן און באַדעקט מיט אַ קרענקלעכער מאַטקייט. דאָס איינציקע אין איר וואָס האָט זיך נישט געטוישט איז נאָר געווען דער אויסדרוק פון אירע העלע בלאָע אויגן, וועלכע האָבן פּונקט ווי אַלעמאָל, ווידער אַרויסגעשיינט מיט גוטסקייט און רחמנות טראָץ אַלע איבערגעלעבטע גרויזאַמקייטן.

אויך מינדזשע, דאָס אויסגעצערטלטע, בלאַסע מיידעלע האָט איצטער גאַנץ אַנדערש אויסגעזען. דאָס דאָרפישע לעבן, די שווערע פיזישע אַרבעט, דאָס כסדרדיקע זיין אין פעלד מיט די בהמות, האָבן ווי אַוועקגענומען פון איר דעם אַריסטאָקראַטישע אָנבליק, אָבער דערפאַר זי באַשאָנקען מיטן ספּעצי־פישן חן פון געזונטקייט, וועלכעס האָט געשפּראָצט פון איר גאַנץ וועזן.

— טייערע צעלינע! — איז מינדזשע איצט נישט אָפּגעטרעטן פון איר

אויף אַ מינוט, אומאויפהערלעך זי געהאַלדזט און געקושט. — איצטער איז מיין ריי אויף דיר אַכטונג צו געבן און דיך צוריקברענגען צום געזונט. און באמת האָט די זאָרגפעלטיקע פלעגע און די ליבשאַפט מיט וועלכער מינדזשע איז איצט ווי אַ פולשטענדיק דערוואַקסענע אַרומגעגאַנגען אַרום צעלינען באַוויזן וואונדער. פון טאָג צו טאָג האָט זיך אין צעלינען געזען אַן ענדערונג צום בעסערן. נישט נאָר איר אויסערלעכער אויסזען האָט אָנגעהויבן ווערן שענער, נאָר אויך איר אינערלעכע שטימונג איז געוואָרן אַ לעבהאַפטיקערע און פריילעכערע. אַלע סימנים האָבן געוויזן, אַז זי איז צוריק אויפן וועג צו הונדערט־פּראָצענטיקער געזונטהייט...

אין קורצן האָט זיך אויך פונאַנדערגעטראָגן די דערפרייענדיקע בשורה פון געפאַלענעם בערלין און היטלערס זעלבסטמאָרד, וואָס האָט ווי באַלזאַם געווירקט אויף אַלע קרבנות פון מאָנסטערישן נאַציזם. די היטלעריסטישע בעסטיע איז געלעגן אַ צעשמעטערטע אונטערן אָנגריף פון די אַליאירטע אַרמייען. די טויערן פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן האָבן זיך אויפגעפּראַלט און רעשטלעך פון טויט אַנטרונענע אידן האָבן אָנגעהויבן צו קומען אַהיים. זענען זיי זאַלבעצווייט, מינדזשע און צעלינע, אַרומגעגאַנגען איבער פּליכט־לינגס־קאָמיטעטן, רויטן קרייץ ביוראָען, רעקאָנוואַלעסצענטן היימען פאַר קאַצעטלער און געזוכט, געבענטשט, זיך נאָכגעפרעגט אויף טאַטע־מאַמע, משפּחה, נאָענטע. די אָפּגעזונטענע שוידערלעכע גרוסן פון די לאַגערן האָבן אָבער נישט געגעבן קיין גרויסע האָפענונגען, אַז עמיצער זאָל זיך נאָך באַ־וויזן. דער ברוינער דעמאָן איז טאַקע געוואָרן צעטרימערט, אָבער דריי און דרייסיק פּראָצענט פונם עם־ישראל, די הייליקסטע, די ריינסטע, די טייערסטע זענען דורך אַלערליי מיתות משונות פאַרניכטעט געוואָרן ביים שטילשווייגן פון אַ מערדערישער וועלט.

די ראַסיסטישע, קורץ דויערנדיקע „דריטע רייך אימפּעריע” איז טאַקע געלעגן אין חורבות, אָבער אירע אידנהעצערישע טעאָריעס און אַנטיסעמי־טישע גיפטן זענען נאָך אַלץ געווען אויסערגעוויינלעך שטאַרק און באַדראָט דאָס לעבן פון די איינצלנע געראַטעוועטע אידן.

אין קיעלץ האָבן פּוילישע פאַשיסטן אויף אייגענער האַנט דורכגעפירט אַ מוראדיקן פּאָגראָם, לינטשנדיק אַ גרעסערע צאָל אַהיימגעקומענע קאַצעט־ניקעס. אַ כוואַליע פון העסלעכסטן אידן־מאָרד, אָנגעפירט פון נ.ס.ז.־באַנדיטן (ענדעקישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע) האָט אַרומגענומען צענדליקער שטעט און שטעטלעך. ווידעראַמאָל האָבן זיך אונטער צעלינעס טיר גענומען באַ־וויזן געהיימניספולע דראָאונגס בריוולעך מיט חוזקנדיקע באַליידיקונגען און סטראַשונקעס פון רעוואַנזש אין אַלע אידן און זייערע „שקלאַפישע” אַרויס־העלפער.

אָט די דאָזיקע וואַקכאַנאַליע פון היימישע בעסטיעס האָבן צעלינען אויס־טערליש אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט און זי באַוואויגן צום באַשלוס, אַז מינדזשע דאַרף אַוועקפאָרן פון פּוילן. ווי יענע העלדין פון דער באַרימטער

שלמה המלך געשיכטע, וואָס האָט זיך בעסער דעצידירט אָוועקצוגעבן איר קינד צו דער פאַלשער מוטער אַבי עס זאָל נישט צעשניטן ווערן, אַזוי האָט אויך צעלינע זיך דערהויבן צום העכסטן ניוואָ פון אָפּפערוויליקייט און נאָך לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט דעצידירט אַריינצוגעבן מינדזשען אין אַ ציוניסטישן קיבוץ, וואו מען זאָל זי פאַרבאַרייטן פאַר אימיגראַציע קיין ארץ ישראל.

אָן אצבע אלוקים אין דער דורכפירונג פון דער אויבנדערמאָנטער החלטה איז אויך געווען דאָס פּלוצלינגדיקע באַוויזן זיך פון אַ פון רוסלאַנד צוריקגעקומענער מומע, וועלכע האָט אויך שטאַרק אונטערגעשטיצט דעם פּלאַן פון מינדזשעס חלוצישער דערציאונג, זעענדיק אין דעם אַ גליקלעכע געלעגנהייט פאַר איר צוריקקער צום אידנטום, פון וועלכן זי איז פאַר אַ לאַנגער צייט געווען אָפּגעריסן.

מיט איבערנאַטירלעכן העראָאיזם צו וועלכן עס זענען נאָר פעאיק אַזעלכע נאָבעלע געשטאַלטן ווי די קושעמינסקאַ, איז מינדזשעס טאַקע דורך צעלינען אַליין רעגיסטרירט געוואָרן אין דער ערשטער אַרויספאָרנדיקער גרופּע פון קינדער עליה... מיט איר פעלזנפעסטן כאַראַקטער איז צעלינאַ אַפילו אָן אויסגעפּוצטע זי געקומען באַגלייטן צום צוג און זיך מיט איר געזעגנט רירנדיק, מיט טרערן פאַרלאָפענע אויגן, אָבער אָן היסטעריע, אָן ביטערניש...

— „מינדזשוניו קאָכאַנאַ"! הארץ מיינס! פאַר געזונטערהייט און פאַרגעס נישט צו שרייבן דיין מאַמען. עס זאָל דיר אויף אַ מינוט קינד מיינס נישט איינפאַלן, אַז איך זאָג זיך חלילה אָפּ פון דיר. פּונקט פאַרקערט. אונדזער זעלישער בונד איז אַן אייביקער און קען קיינמאָל נישט איבערגעריסן ווערן. די לאַגע איז נאָר אַזאַ, וואָס פאַרלאַנגט, אַז דו מיין קינד זאָלסט זיך געפינען צווישן דיינע אייגענע. אָבער געדענק, מיין אוצר! ווי נאָר דו וועסט זיך איינאָרדענען און פילן, אַז מיר קענען ווידער זיין צוזאַמען — זאָלסטו נישט רוען און אָנווענדן דיין גאַנצע איניציאַטיוו און ענערגיע דיין צעלינען אַריבערצוברענגען צו זיך! וואו דו זאָלסט זיך נאָר נישט געפינען, כאָטש אין עק וועלט, ווען דו וועסט מיך וועלן האָבן — זאָג איך דיר צו, אַז כ'וועל אַפילו צופוס צו דיר קומען...

* * *

פופצן יאָר זענען אַדורך זינט מינדזשעס שיקמאַן — אַליאַס מאַריאַ קושעמינסקאַ — איז אַוועק פון בענדין. פאַרשידענע גלגולים איז איר פון דאַן אָן אויסגעקומען דורכצומאַכן. אַ וועלט אַ גאַנצע באַשערט געווען אויסצוואַנדערן. אָבער איינע פון אירע ערנסטסטע אַמביציעס אין לעבן איז נאָך אַלץ די פאַרווירקלעכנוג פון צעלינעס געזעגענונגס וואונטש: זיך ווידער צו פאַראייניקן און זיין צוזאַמען. דאָס איינגסע טעכטערל פונם בענדינער קדוש ר' דוד שיקמאַן הי"ד, וועלכע איז אַ דאַנק דער מסירת־נפשדיקער קרבנות גרייטקייט פון איר „ביאַניע" געבליבן לעבן — און איז שוין איצט אַליין אַ מוטער פון דריי גראַציעזע אידישע קינדערלעך — האָט איבערהויפּט נישט פאַרגעסן אין איר רע־

טערין און מאַכט כסדר אַלערליי אָנשטרענגונגען זי אַראָפּצובערענגען צו זיך קיין טאָראָנטע. די אַדורכגעלאָפענע יאָרן האָבן נישט נאָר נישט אָפּגעקילט די באַציאונגען, נאָר אין קעגנטייל פאַרשטאַרקט די קעגנזייטיקע בענקשאַפט.

מרס. מ. טענענבוים (אַמאַליקע מינדזשע שיקמאַן) איצט אַ סטאַבילע איינוואוינערין פון קאַנאַדע און די פרוי פון אַ אָנגעזעענעם בוי־אונטערנעמער, קען זיך ממש קיין אָרט נישט געפינען, זוכנדיק וועגן ווי אַזוי צו פועלן ביי די געהעריקע מלוכה־אָרגאַנען, אַז זיי זאָלן איר באַוויליקן אַן אַריינפאָר וויזע פאַר צעלינע קזשעמינסקאַ, וועלכע איז אינצווישנצייט אַלט געוואָרן פופציק יאָר. אין אירע אומצייליקע ביטעס — וועלכע אַנטהאַלטן נשמה־רירנדע פראַגמענטן פון צעלינעס איבערמענטשלעכע טאַטן אין יענער שוידערלעכער עפּאָכע — אַפּעלירט פרוי טענענבוים צו די גרויסצעבערישע אויטאָריטעטן, מען זאָל אין איר פאַל זיך נישט רעכענען בלויז מיט טרוקענע קאָדעקס־פּאַראַגראַפן, נאָר דער עיקר מיטן טיף הומאַניטאַרן אַספּעקט פונם גאַנצן ענין. אויך מר. טענענבוים שטייט ביי זיין פרוי אין אירע באַמיאונגען אויסצואווירקן אַן אויסנאַמדיקע אימיגראַנטן־וויזע פאַר זיין פרויס באַשיצערין, וועלכע ער פאַרפליכטעט זיך אויסצוהאַלטן מיט כל־טוב ביז צו דער ענדע פון אירע טעג.

ליידער אָבער פאַרשטייען געוויסע אימיגראַציע באַאַמטע אַנדערש. פאַר זיי איז צעלינע, וועלכע האָט מקריב געווען איר לעבן און איז די פּאַקטיש איינציק לעבנגעבליבענע פּערזאָן טייער צו מרס. טענענבוים — נישט קיין בלוט פאַרוואַנדטע, נאָר העכסטנס אַן אַדאָפּטירטע „מוטער" פון אַן אַנדערע נאַציאָנאַליטעט, און קען דעריבער אַלס אַזעלכע לויט די אָפּיציעלע פאַרשריפטן זיך נישט קוואַליפיצירן אַריינגעלאָזן צו ווערן אויף דער אַזוי גערופענער „עלטערן קוואָטע". אויסער דעם איז אין זייערע קאַרטאָטעקן פאַראַן נאָך אַ מיט רויטן בליישטיפט פאַרצייכנטער חסרון אין צעלינען, און דאָס איז: אויפריכטיקייט...

נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף די יאָרנלאַנגע פּראָצעדורן און אָפּיציעלע אינטערפּרעטאַציעס אויב צעלינע קען יאָ באַטראַכט ווערן פאַר אַ מוטער, אָדער נישט; נישט האָבנדיק מער קיין געדולד אויסצואוואַרטן דאָס אויסערגעוויינלעך לאַנגע דויערן פון קריגן אימיגראַנטן־פּאַפּירן — האָבן די טענענבוימס באַשלאָסן אַנטקעגנצוקומען צעלינעס אַלאַרמירנדיקע בריוו וועגן אירע שרעקלעכער איינזאַמקייט און זי פּאַרלויפיק אַריבערברענגען אויף אַ באַזוך.

אַלץ איז שוין געווען דערליידיקט. דערלויבענישן געגעבן, עראָפּלאַן ביילעטן רעזערווירט — אָבער צעלינעס אמתדיקע ערלעכקייט האָט אין דער לעצטער מינוט אַלץ קאַליע געמאַכט.

ווען דער קאַנאַדער קאָנסולאַט באַאַמטער אין וואַרשע האָט זי פאַרן סטעמפּלען דעם פּאַס אַזוי צופעליק אַ פרעג געטאָן, ווי לאַנג זי האָט בדעה צו פאַרברענגען אין טאָראָנטע און ווען זי פּלאַנט צוריקצוקומען — האָט צעלינע מיט איר נאַטירלעכער איינפאַכקייט געענטפערט, אַז זי וועט זיך באַמיען דאָרט צו בלייבן.

מער האָט מען נישט באַדאַרפן. ס'איז געווען אַ קלאָר מודה זיין זיך אין וועלן אומלעגאַל פאַרבלייבן אין לאַנד אויפן סמך פון אַ טוריסטן וויזע. אַ בפירוש אַרויסגעוויזענער חשק צו ברעכן דאָס געזעץ... צעלינעס דערלויבעניש איז אויפן אָרט אַנולירט געוואָרן און זי האָט מער נישט געקענט פאָרן, בלייבנ־דיק אַ דערשיטערטע און אַנטוישטע נאָענט צו אַ נערוון צוזאַמענברוך.

וואָס פאַראַ פאַטאַליסטישער פּאַראַדאָקס. צעלינע, די מוטיקע, שלאָגפער־טיקע העלדין, וועלכע האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דער געסטאַפּאָ און מיט אַזאַ מין ראַפינירטקייט זיי שטענדיק באַוויזן איבערצוקליגן — איז דאָס מאָל אומשולדיקערהייט טראַגיש דורכגעפאַלן. טראָץ אַלע דורכגעלעבטע גרוילן איז די פיל געליטענע פרוי דאָך געבליבן נאַאיוו, נישט וויסנדיק, אַז נישט אַלעמאָל מעג אַ מענטש אויסאײנערן זיינע אמתדיקע כוונות און אַספּיראַציעס וועגן דער צוקונפט . . .

בלייבט נאָך איבער צו האָפן, אַז די דערדריקנדיקע און דערשטוינענדיקע דעציזיע נישט אַריינצולאָזן אין אונדזער גרויס לאַנד אַזאַ מין קאַליבער פּערזענלעכקייט וועט געענדערט ווערן, און די באַרופענע אויטאָריטעטן אונ־דזערע, וועלכע זענען באַרימט אין דער וועלט מיט זייער מיטפילנדיקייט און הומאַניזם, וועלן נעמען די געהעריקע שריט מתקן צו זיין אַן אויסטערלישע עוולה.

צעלינא קושעמינסקאַ האָט זיך מיט אירע העלדנמוטיקע, טיף מענטש־לעכע מעשים נישט נאָר פאַרדינט אַ דערלויבעניש זיך צו פאַראייניקן מיטן קרבן וועלכן זי האָט אָפּגעראַטעוועט — נאָר אויך מאַראַליש זיך דערהויבן צו אַ מדרגה, וואָס רופט אַרויס רעספּעקט און באַוואונדערונג און קען נאָר צו־געבן פּרעסטיזש און כבוד דער מדינה אין וועלכער זי וועט איינוואַנדערן...

* * *

תינוקות שנשבו בין הגויים

איינע פון די ווייטיקלעכסטע נאָכווייענישן פון אונדזער פאַרניכטונגס טראַגעדיע איז דאָס פּראָבלעם פון נישט אויסגעלייזטע אידישע קינדער.

נאָך ביזן היינטיקן טאָג — אַזויפיל יאָרן שוין נאָך דער מלחמה פאַרענ־דיקונג — בלאָנקען זיך אידישע קינדער נאָך אַלץ אַרום אין גויאישע היימען און מאָנאַסטירן, נישט וויסנדיק אַפילו, אַז זיי זענען די איינציקע אַנטרונענע פון חורבן; און די איינציק געבליבענע ביים לעבן אָנצוהאַלטן דעם זכר פון זייערע פאַרפייניקטע קדושים־עלטערן.

אַוודאי האָבן די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע אין אָנבליק פון גרויזאַמען חורבן אין דער ערשטער ריי געוואָלט ראַטעווען זייערע קינדער פון פיזישן אומקום. אַוודאי האָבן די צום טויט געיאָגטע פאָטער און מוטער קודם כל גע־וואָלט זייערע קינדער זאָלן כאָטש בלייבן לעבן.

אָבער ווער פון אונדז עס איז געווען אין עמק־הבכא און מיטגעמאַכט געטאָ ליקווידאַציעס און אויסזידלונגען ווייסט, אַז אין יענע לעצט־מינוטיקע, אַנגסטיקע אָנשטרענגונגען פון אַוועקגעבן די קינדער צו פּאָליאַקן איז אויך געווען אַן עיקרדיקע, טיפערע כוונה פון איבערלאָזן נאָך זיך אַ געדעכעניש; פון אינסטינקטיוון, אינערלעכן שטרעבן ס׳זאָל כאָטש בלייבן אַ יורש, וואָס וועט אָנהאַלטן דעם נאָמען און פאָרזעצן דעם שטאָם.

איז עס אַ האַרצווייטיק און אַ דערדריקנדיק געפיל צו דערפאַרן בשעתן אַרומפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן אַז אַ גאַנץ גרויסע צאָל פון קיילעכדיקע אידישע יתומים געפינען זיך נאָך אונטערן אַפּוטרופּסות פון קריסטלעכע אויפפּאַסער, וועלכע פאַרשוויגן באַוואוסטזיניק די קינדערס פאַר־גאַנגענהייט, און נישט נאָר וואָס זיי גיבן זיך נישט די מינדסטע מי אָפּצוגע־פינען געבליבענע קרובים — שטערן זיי נאָך און באַקעמפן (אין מערסטע פאַלן) יעטוועדער באַמיאונג עפּעס צו טאָן וועגן זייער צוריקקער צום אידנטום.

אין וואַרשע, לאָדזש, קראָקע און אַנדערע שטעט קענט איר איצט אָנטרעפן אויף אַ נייעם וואַריאַנט פון „תינוק שנשבה בין הגויים״, וועמענס אינהאַלט איז אַ סמוטנער באַוויז פון אייגננוציקע חשבונות און אומטאָלעראַנץ צו אַלע גע־געבענע הבטחות וועגן בלויזן אויסבאַהאַלטן פאַר די דייטשן און נישט פּרובירן אויסנוצן די סיטואַציע אָפּצורייסן די מאַרטירער־קינדער פון זייער פאָלק און גלויבן..

אין דער צייט פון מיין באַזוך אין פּוילן איז מיר פערזענלעך אויסגעקומען בייצוואוינען אַ צוזאַמענטרעף מיט אַזאַ מין בת־קדושים, וועלכע האָט ביז איצטיקן צוואַנציקסטן לעבנס־יאָר אירן נישט אָנגעהויבן צו אַנען, אַז זי איז אַ אידישע טאָכטער און דאָס אייניקל פון אַ גרויסן ערלעכן איד און תלמיד־חכם פון וועמענס גאַנצער פאַמיליע ס׳איז אַפילו קיין שריד ופליט נישט געבליבן.

יאַנינאַ ק. איז ביים איצטיקן מאָמענט אַ סטודענטין אויפן דריטן יאָר מע־דיצין אין מלוכהשן אוניווערזיטעט. אין קומענדיקן יאָר וועט זי גראַדואירן אַלס דאָקטאָר פון פּסיכיאַטריע. איר פּראָפעסיע וועט זיין צו העלפן גייסטיק גע־שטערטע מענטשן און זיי היילן פון פאַרשידענע פּסיכישע חולאתן. דערוייל אָבער איז די אינטעליגענטע אַקאַדעמיקערין אַליין אַ היפּש ביסל צעשרויפט פון דער פּלוצלינגדיקער אַנטדעקונג, אַז זי, די בלאָנדע הויכגעוואוקסיקע „פאָלקע״ — איז גאָר אַ אידיש קינד וועמענס עלטערן זענען אויף אַן אַכזריותדיקן אופן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס. לויט ווי מיין איינדרוק איז דאַן געווען, נויטיקט זיך די צוקונפטיקע מעדיצינערין פאַרלויפיק אַליין אין עמעצן, וואָס זאָל איר בייהילפיק זיין איבערצוואוונדן דעם אויסגעפונענעם סוד און איר מיט אַ סך געדולד דערקלערן אַז עס איז איבערהויפּט גאַרנישט אַזוי שרעקלעך בימינו צו זיין אַ איד. איר דערפאַרענע אָפּשטאַמונג דאַרף זי חלילה נישט אַריינ־וואַרפן אין קיין מרה־שחורה אַרויסרופנדיק אַ מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס.

פאַר גאַנצע אַכצן יאָר האָבן אירע אַזוי גערופענע עלטערן — דאָרפס־פּויערים אין קיעלצער געגנט — זיך פאָרגעשטעלט אַלס אירע לעגאַלע, געזעצ־

לעכע טאַטע־מאַמע, נישט געפינענדיק פאַר נויטיק כאַטש ברמיזה צו דערמאָנען אַז זי איז נאָר אַן אַדאָפּטירט קינד. די שלאַנקע יאַנינאַ, וועמענס אמתער נאָמען עס איז יוכבד, קען זיך עס נישט שענקען. פון איין זייט איז זי דאַנקבאַר און האָט שטאַרק ליב די מענטשן, וועלכע האָבן זי אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. פון דער צווייטער זייט, וויינט זי שוין מיט אידישע טרערן, אויפן שרעקלעכן גורל פון אירע ווירקלעכע עלטערן צו וועמען — ווי זי אַליין דריקט זיך אויס — זי פילט זיך צוגעבונדן מיט טויזנטער אומזעבאַרע פעדים.

איצט קלינגט מיר נאָך אין די אויערן דער כאַראַקטעריסטיש טראַגישער ענטפער, וועלכן דאָס צאַרטע מיידל האָט דעמאָלט געגעבן צו דער דריי־פּערזאָניקער דעלעגאַציע, וואָס האָט זיך מיט איר געטראָפן.

— איך מוז האָבן צייט צו דענקען! ס'איז אַן אויסטערלישער פּלאָנטער פון וועלכן כ'קען זיך אויף אין דער שנעל נישט אַרויסוויקלען. מיין תשובה צו אייך איז פאַרבונדן מיט ערנסטערע דעציזיעס, וואָס פאַרלאַנגען ישוב־הדעת.

— איך וויל אָבער איר זאָלט וויסן אַז איך שעם זיך נישט מיט מיין פאַרגאַנגענהייט, און איך רעספּעקטיר דעם אָנדענקונג פון מיינע הייליקע עלטערן פאַר וועמענס נשמה וועגן איך וועל ביי דער ערשטער געלעגנהייט אָנצינדן ליכטלעך און תפילה טאָן.

★ ★ ★

די געשיכטע פון יאַנינאַ ק. איז נאָר אַן איינצלנערביישפּיל פון אָנשטרענגונגען מצד יחידים וועמען אַ אידיש נפש איז טייער, און וועלכע טוען אויף אייגענער האַנט דאָס מעגלעכסטע צוריקצובריינגען די דורך טרויעריקע אומשטענדן פאַרבלאָנדזשעטע יתומים צום אידישן מקור.

צום באַדויערן ווערט אָבער דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעך וויכטיקן געביט פון ראַטעווען אידישע נשמות נישט געשאָנקען קיין געהעריקע אויפמערקזאַמקייט, און די לעצטע שאַנסן פון צוריקגעווינען די אָפּגעפרעמדטע קינדער ווערן פאַרנאַכלעסיקט.

צווישן די אַלע אָפיציעלע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין היינטיקן פוילן איז ליידער נישט פאַראַן קיין איין אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך אינטענסיוו פאַרנעמען מיטן דאָזיקן העכסט אָנגעווייטיקטן ענין פון הצלת נפשות... עס פעלט דער ענטוזיאַזם, עס פעלט די קנאות פון אַמאָליקע פוילישע אידן, וועלכע וואָלטן אין דעם פאַל מרעיש עולמות געווען און מיט זייער התלהבות און אָפּפערוויליקייט בכח געווען איבערצוקומען אַלערליי צוימען און שטרויכלונגען אינם געראַנגל צו ראַטעווען אונדזערע קדושים־קינדער פון פערמאַנענטן שמד.

עס ווערט קאַלאַמוטנע אויפן האַרץ ווען מען זיצט אַזוי אין ביוראָ פון אַן אָנגעזעענעם אידישן געזעלשאַפטלעכן טוער און מען הערט זיינע — אין בעסטן פאַל — דעפּעטיסטישע השקפות בנוגע דעם דאָזיקן גאָר ערנסטן און פאַרפליכטנדיקן פּראָבלעם.

דער יונגערמאַן, וועלכער איז אין טאָג טעגלעכן לעבן גאָר שטאַרק אַקטיוו אין פּראָפּאַגאַנדירן און טאָקע טאָן ממשותדיקע אַרבעט צו פאַרשטאַרקן אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ צוזאַמענהאַנג מיט אידישע קולטור און אידישן המשך — האַלט פּערזענלעך זייער שוואַך פון פּרובירן אָפּגעפונען די דאָזיקע „לעצטע מאָהי־קאַנער" פון אַן אומגעבראַכטן שטאַם און זיי צוריקקערן צום אידנטום.

— איר פאַרשטייט! — איז ער מיר רוֹאיק אויף אַ פּראָגרעסיוון אופן מסביר זיין אַנשויאונג. — איך בין נישט קיין פאַנאַטיקער. איך בין אַ מאָדערנער מענטש און נישט קיין שאָוויניסט. און דעריבער, בין איך גאָרנישט אַזוי שטאַרק זיכער, אַז מען טוט דעם קינד (וואָס איז אין מערסטע פאַלן שוין איצט אַ יוגנט־לעכער פון אַ צוואַנציק יאָר) אַזאַ געוואַלדיקע טובה מיטן מגלה זיין אים דאָס ער איז גאָר אַ איד; און די מענטשן, וועלכע האָבן אים דערצויגן זענען נישט זיינע עלטערן נאָר פרעמדע פאַרשוינען, וואָס האָבן אים אַריינגענומען צו זיך ווען ער איז נאָך געווען אַ פּיצעלע, צוליב רחמנות.

— אמת, אַ סך פון די קינדער, וועלכע געפינען זיך נאָך איצט אין קריסט־לעכע היימען זענען אין אָנהייב נאָר געווען אַ טרוקענער „ביזנעס־דיל" פון אַראַנזשירן אַ באַהעלטעניש פאַר וועלכן די אידישן טאַטע־מאַמע האָבן אָוועק־געגעבן זייערע פאַרמעגנס. אָבער, „מתוך שלא לשמה בא לשמה".

אין לויף פון יאָרן איז אַנטשטאַנען אַן אינטימע צוגעבונדנקייט פון די קינדער צו זייערע אַפּוטרופּסים און עס וועט פאַר זיי זיין אַן אויסערגעוויינלעכער קלאַפּ מיטאַמאָל געוואויר צו ווערן, אַז זיי געהערן גאָרנישט צו דער פאַמיליע וואו זיי זענען אויפגעוואַקסן נאָר זענען גאָר לעבעדיקע יתומים, אָן משפּחה, אָן לייב און לעבן — איינע אַליין אין דער גרויסער וועלט.

אַזוי רעדט צו מיר אַ איד, וועלכער איז אַליין דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום. אַזוי דריקט זיך אויס אַן עפנטלעכע פיגור אין דער וועלט פון שעפע־רישער אידישער טעטיקייט, וואָס דעקלאַרירט זיך אָפט אַלס אומקאָמפּראָמיס־לעכער מאמין אין דער צוקונפט פון עם ישראל און אין דער אייביקייט פון אונדזערע גייסטיקע ווערטן — אַפילו אין פוילן.

זעט אויס אַז אונדזערע חכמים זענען געווען זייער טרעפלעך אין זייער שילדערן צוויי סימבאָלישע געשטאַלטן און באַגריפן פון אַ „נאה דורש און אַ נאה מקיים!"

דאָס זענען די רעאַליסטישע פאַקטן פון לעבן.

מען קען שטיין אויף עפנטלעכע טריבונעס און האַלטן פלאַם פייערדיקע רעדעס וועגן ווירדיקע דענקמאָלן פאַרן קיינמאָל נישט פאַרגעסענעם אָנדענקונג פון די אויסגעהרגעטע אידן. מען קען שרייבן וואונדערלעכע אַרטיקלען וועגן דער נויטווענדיקייט פון פאַראייביקונגס מאָנומענטן פאַר אַ מיליאָן אויסגעמאָר־דעטע אידישע קינדער. אָבער ווען עס קומט צו פּראָסט פּשוטע מעשים, וואָס פאַרלאַנגען אַ ביסל מסירת נפש און קרבנות גרייטקייט — פאַרשווינדט דער פּאַטאָס, וועפּט זיך אויס דער איפער און מען באַהאַלט זיך אונטער דער באַ־קוועמער פאַרהאַנג פון פאַרגעשריטנקייט און אויפגעקלערטע אָביעקטיוויטעט.

מיינט דען באמת יענער הויך אינטעלעקטועלער עוסק בצרכי ציבור, אַז עס איז פֿאַראַן אַ הערלעכערע, גייסטיקע מצבה אין זכרון פֿון אונדזערע קדושים ווי דאָס אויפֿזוכן, אָפּגעפֿינען און טאַקע צוריק אַרונטערנעמען אונטער די פֿליגל פֿון יהדות יענע פֿאַרשטויסענע נפֿשות וועמענס עלטערן זענען מיט שמע ישראל צו די הימלען געגאַנגען אַנטקעגן טויט.

דענקט דען יענער העכסט פֿעאיקער כּלל־טוער, אַז עס עקזיסטירט אַ פּרעכטיקערער חסד של אמת פֿאַרן גערעכטיקייט, ווי דאָס צוריקברענגען פֿון זייערע קינדערלעך צום אידנטום?

* * *

נישט נאָר פֿון רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט וואָלט די „פּדיון־הנפֿש" אַקציע פֿון די „תּינוקות שנשבו בין הגויים" באַדאַרפֿן פֿילפֿאַכיק פֿאַר־שטאַרקט ווערן. עס איז נישט בלויז קיין פֿראַגע פֿון טענדענציעזן ווילן מציל זיין דאָס אידישקייט פֿון געגעבענעם קינד. אין אַ גאַר גרויסע צאָל פֿאַלן האַנדלט עס זיך אויך איינפֿאַך אין ראַטעווען דעם אַלגעמיינעם, מענטשלעכן פּרצוף פֿון אומגליקלעכן יתום, וועלכער איז אַריינגעפֿאַלן אין זייער נישט קאָמפּעטענטע הענט פֿון „דערציער", וואָס האָבן אפֿשר גוטע הערצער — אָבער זענען טונ־קעלע „חברה־לייט" פֿון צווייפֿלהאַפֿטער אויפֿפֿירונג און אין טייל פֿאַלן כראָנישע אַלקאָהאָליקער.

אין יענע שווידערלעכע טעג פֿון אונדזער קאַטאַקליזם, ווען דער טויט איז געשטאַנען פֿאַר די אויגן, האָבן אידישע עלטערן נישט געקענט זיין איבער־קלייבעריש אין אויסוויילן וועמען אָנצוגעטרויען דאָס טייערסטע וואָס זיי פֿאַר־מאָגן. איין אַלטערנאַטיוו איז נאָר דאָן געווען: אָדער מיטשלעפּן מיט זיך די קינדער צום אומקום, אָדער אָוועקגעבן זיי צו וועמען עס לאָזט זיך נאָר, אין דער האָפֿענונג, אַז עס וועלן געשען נסים און דאָס קינד וועט שוין ווען עס איז אַמאָל אויסגעפֿינען זיין ריכטיקע אָפּשטאַמיקייט און זיך אַליין צוריק דערשלאָגן צום שורש.

ווי אַ כאַראַקטעריסטישער עקזעמפּליאַר פֿון אַזאַ מין קאָמפּליצירטער סיטואַציע קען דינען דער האַרצרייסנדיקער בריוו, וואָס אַ חשובער טאָראָנטער איד האָט מיר כמעט אַ צוזאַמענגעבראָכענער געגעבן. אינם דאָזיקן קורצן, נישט ליטעראַרישן בריוו, וועלכער איז געשריבן מיט פּשוטע ווערטער שפּיגלט זיך אָפּ אַ ים פֿון אידישער טראַגעדיע, באַלייכטנדיק אויך אין אַ געוויסער מאָס דעם טרויעריקן אַספּעקט פֿון יענע קינדער, וואָס זענען אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון ווייט נישט פֿאַסיקע „מחנכים".

דאָס איז דער אינהאַלט:

„טייערער! מיט גרויס פֿרייד האָב איך ערשט איצט זיך דערוואוסט, אַז איר — דער איינציקער פֿון אייער פֿאַמיליע — זענט געבליבן לעבן. צוליב צוויי סיבות פֿריי איך זיך, וואָס איר לעבט. ערשטנס, וואָס איך קען אייך אַזוי גוט.

צוויטנס, וואָס אויף אייך ליגט אַן אויסערגעוויינלעך גרויסער חוב, וועלכן איר וועט איצט האָבן די געלעגנהייט צו דערפילן.

אַלזאָ! כ׳וויל זיך מער נישט שפּילן און איך טרעט מאָמענטאַל צו צו דער זאַך.

ווי איר ווייסט איז אייער שוועסטער העניע אַוועקגענומען געוואָרן אין 1943, איבערלאָזנדיק איר מיידעלע „רישיאַ" ביי אַ געוויסן שוסטער אין לעמ־בערג, וועלכער האָט צומערשט געוואוינט אויף לעוויאַ גאַס און שפּעטער אויף מיאַדאָווע גאַס נומער 2, 4, 6, 8.

לײדער קען איך אייך מיט קיין גענויעם אַדרעס נישט דינען, ווי אויך נישט מיטן פאַמיליע נאָמען פון יענעם שוסטער. איר מוזט זיך אָבער מיט דעם עניך פאַרנעמען וואָרום דאָס קינד האָט אויסער אייך קיינעם נישט אויף דער וועלט.

איר זאָלט אייך נישט אָפּשרעקן פאַר קיין שום שוועריקייטן, ווייל איך האָב מיין קינד, וואָס איז פיל קלענער אויך אָפּגעזוכט און האָב עס שוין מיט זיך. דער גורל פון דער קליינער „רישיאַ" ליגט מיר זייער אויפן האַרצן. כ׳האָב צוגעזאָגט איר מוטער און מיין טייערע חברטאָרין, אַז ווער פון אונדז עס וועט איבערלעבן וועט זיך פאַרנעמען מיטן גורל פון די קינדער, איך, אָפּיציעל אַ פרעמדע האָב אָבער גאָרנישט געקענט אויפטאָן, ווייל העניע הי״ד האָט מכלומרשט דאָס קינד אַוועקגעשאָנקען. איר אָבער — אַלס איר איינציקער אָנקל האָט די פולע רעכט אָפּצונעמען די פּלימעניצע. שטעלט אייך נאָר פאָר, וואָס פאַראַ דערציאונג און וואָס עס קען אַרויסוואַקסן פון אַזאַ הערלעך מיידעלע ביי אַ שוסטער אַן אונטערוועלטניק און אַ שיכור.

איך באַשווער אייך ביים אָנדענקונג פון אייערע טייערסטע, אַז איר זאָלט טאָן אַלץ וואָס איז נאָר אין אייער מאַכט צוריק אַרויסצוקריגן דאָס קינד. שווע־ריקייטן מיטן דערציען וועט איר לגמרי נישט האָבן, וואָרום איך וועל דאָס קינד גערן נעמען צו זיך.

וועגן אייער משפּחה ווייסט איר שוין באַשטימט אַלץ... קיינער לעבט נישט! העניע האָט דורכגעמאַכט די ליקווידאַציע פון געטאָ און זיך אַריינגעקריגן אין „יאַנאָווער" לאַגער. פון דאָרטן איז זי שפּעטער אַנטלאָפן, אויף דער גאַס דער־קענט געוואָרן אַלס אידישקע, ווערנדיק דערשאָסן אויפן אָרט.

דאָס איז די געשיכטע פון העניען.

דאָס קינד הייסט ביים איצטיקן מאָמענט „קריסיאַ". איז אַלט אַרום צוואַנ־ציק יאָר, אַ בלאָנדינקע מיט בלאָע אויגן. דער אויבנדערמאָנטער שוסטער האָט געוואוינט אויף לעוויאַ גאַס און נאכהער האָט אים העניע געדינגען אַ דירה אויף מיאַדאָווע גאַס (לעוויאַ—טעמפּלען — אינדערהויף אַ קליין געסעלע).

די גרעסטע שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס קינד געפינט זיך אין לעמבערג, צו וועלכן מען קען נישט פּערזענלעך פאָרן. כ׳האָב געמוזט

שרייבן צום קאָמיטעט און מאַכן אַלץ, איר זאָלט זיך מיט דער זאַך פאַראינ־טערעסירן. דער גוטער גאָט זאָל העלפן דאָס קינד זאָל צוריקקומען צו אייך".

✶ ✶ ✶

גלויב איך, אַז מען דאַרף דאָ מער נישט קאָמענטירן, נאָר זיך אָנשליסן אין די וואונטשן פון אַ „סיעתא־דשמיא" פאַר אַלע געליטענע פונם יאָמערטאָל און האָפן, אַז דאָס נצחיותדיקע „פינטעלע איד", וואָס ברענט אין אידישע הער־צער וועט מעורר זיין דאָס געוויסן, אינספּירירן די ענערגיע און צוגעבן מוט און קוראַזש די אַלע אומדערמידלעכע טוער, וואָס באַטייליקן זיך אין דער גרויסער, דערהאבענער מצווה פון אויסלייזן אידישע קינדער און זיי צוריק־ברענגען אין די רייען פון אידישן פאָלק.

✶ ✶ ✶

צוויי שוועסטערלעך

צווישן די אָנגעטראָפענע אידישע קינדערלעך אין הייַנטיקן פוילן האָבן זיך מיר ספּעציעל איינגעקריצט אין זכרון צוויי מערקווירדיקע מיידעלעך פון דער אַנדערער זייט ווייסל אין פראַגע. דורך אַ צופאַל האָב איך זיך באַקענט מיט זייער פאָטער אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע בשעת די פייערלעכקייטן לכבוד די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ.

אַ הויכער, אַ בלאָנדער מיט שפּיציקע וואָנסעלעך, איז מיר אין אָנהויב לגמרי נישט איינגעפאַלן, אַז דער דאָזיקער עטלעכע פערציק יאָריקער יונגער־מאַן איז אויך אַ מיטגליד פון אונדזער „אתה בחרתנו" נאַציע. גיכער האָט ער מיר אויסגעזען ווי איינער פון די פּילצאַליקע פּאָליאַקן, וואָס זענען געקומען זיך באַטייליקן אין דער אַקאַדעמיע לזכר די געטאָ־גבורים. לויט זיין אויסערלעכער פיזאָנאָמיע וואָלט איך קיינמאָל נישט געוואָגט אים חושד צו זיין אין אידיש־קייט. אַ שאַרף פאַריסענע נאָז, אַ שלאַנקער מיט אַ גראָדער פּלייצע און העלע אויגן, האָט ער העכסטנס געקענט אָנגענומען ווערן אַלס אַ נישט־אידישער סימפּאַטיקער, וואָס איז אויך געקומען ערן דעם אָנדענקונג פון וואַרשעס געטאָ־בונטאַרן.

מיין מיינונג האָט זיך אָבער אָנגעהויבן ענדערן מיטן מאָמענט, ווען איך האָב באַמערקט מיט וואָס פאַרא אויפמערקזאַמקייט ער האָט זיך צוגעהערט צו די אין אידיש געהאַלטענע רעדעס. אַזאַ אינטערעס — האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן — קען נאָר אַרויסווייזן עמיצער, וואָס אָדער ער פאַרשטייט מאַמע־לשון, אָדער ער איז באַהאַוונט אין דער דייטשער שפּראַך און אָריענטירט זיך אַזוי אַרום וועגן וואָס עס ווערט דאָ גערעדט.

לאַנג האָב איך נישט געדאַרפט צו וואַרטן, אַז די אינטריגירנדיקע מיס־טעריע זאָל זיך אויפקלערן. ווען דער אָפיציעלער טייל פון די רעדנער און באַ־

גריסונגען האָט זיך געענדיקט — האָבן זיך צווישן אַנדערע געזאָגגען אויך דערהערט די טענער פון הערש גליקס פּאַרטיזאַנער ליד: „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג"! מיין שכן האָט געקענט די ווערטער פון אויסנ־ווייניק און זיי מיטגעברומט מיט אַן עכט־וואַרשעווער דיאַלעקט, אונטער־שטרייכנדיק די „צירהס" און די „יודן" פּאַרן „גימל", וואָס האָט מער נישט איבערגעלאָזן קיין שום צווייפל, אַז ער איז אַ משלנודיקער.

— אַנטשולדיקט, — האָב איך אים פריינטלעך פּאַרטשעפּעט. — איר זענט אַ וואַרשעווער?

— יאָ און ניין. — איז געקומען אַ אידישלעכער ענטפער. — דאָס הייסט, אורשפּרינגלעך בין איך טאַקע אַ וואַרשעווער, אָבער באַלד פון נאָך דער מלחמה אַן וואוין איך אין פּראַגע, וואו עס איז לייכטער געווען צו באַקומען אַ וואוינונג.

— איר ווייסט, — האָב איך אים מיט אַ שמייכל מודה געווען — איך האָב אייך פאַרדעכטיקט, אַז איר זענט אַ ריינער „אַריער".

— איר זענט נישט דער ערשטער און כ'מיין, אַז אויך נישט דער לעצטער, וואָס נעמט מיך אָן פאַר אַ הונדערט־פּראָצענטיקן גוי. און לאָמיר אייך זאָגן, אַז אַ דאַנק דעם דאָזיקן שקצישן אויסזען מיינעם בין איך אין דער „אָקופּאַציע־צייט" איבערגעקומען סיטואַציעס און אינצידענטן, וואָס נאָרמאַלערהייט, אַלס איד, וואָלט איך אַפילו נישט געהאַט קיין שאַנס אַרויסצוקריכן פון זיי אַ לע־בעדיקער. אויב איר אײַלט זיך נישט — און עס אינטערעסירן אייך פּאַסירונגען פון די „ימי־השואה", וועלכע איך בין זיכער, אַז איר האָט זיי נאָך נישט געהערט — קומט צו מיר אַהיים פאַר אַ גלעזל טיי און מיר וועלן זיך אומגעשטערט קע־נען אַדורכשמועסן.

— אדרבא, — האָב איך נישט לאַנג קלערנדיק איינגעשטימט. — מהיכא־תיתי. וואָס קען נאָך זיין פּאַסיקער אין פאַרענדיקונג פונם „יזכור־אָוונט", ווי דאָס פאַרברענגען אין דער סביבה פון וואַרשעווער לאַנדסלייט און דערמאָנען דעראינערונגען פון פאַרשוואונדענעם אַמאָל.

* * *

לויט אַלגעמיינע וואַרשעווער באַדינגונגען האָט מיין ניי־באַקאַנטער פריינט געוואוינט אין גאָרנישט קיין שלעכטן אַפּאַרטמענט. דריי צימערן מיט אַ קוך, זעלבסטשטענדיק באָד־צימער און טואַלעט אויפן דריטן גאָרן פון אַ פינף שטאָ־קיקער געביידע.

— אויף מיין מאַטעריעלער מערכה באַקלאָג איך זיך נישט — האָט ער ווי אַ זאָרגלאָזער געפּלאַפּלט. — איך האָב אַ גוטן פּאָסטן אַלס פּאַרוואַלטער אין אַ מלוכהיש געשעפט פון עלעקטרישע אַרטיקלען און איך קען זיך איבערהויפּט נישט פּאַרזשאַלעווען מכוח טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ. איר זאָלט אָבער נישט מיינען, אַז איך בין אינגאַנצן פריי פון דאגות. איך האָב מיר מיינע פּראָבלעמען, וואָס זענען אַ סך מער ערנסטער און קאָמפּליצירטער ווי פּרנסה זאָרגן.

— קומט װעל איך אײך עפּעס װײַזן.

האָב איך נאָכגעפֿאָלגט מײַן מכניס־אורח, װעלכער איז אויף די שפּיץ־פֿינגער צוגעגאַנגען צו דער שלאָפֿצימער טיר און זי געעפֿנט. אין שײַן פֿון אַ קלײנטשיק נאַכט־לעמפּל האָט ער מיר אָנגעװיזן אויף אַ דאָפּל־בעט אין װעלכן צװײ קינדער זענען געשלאָפֿן. — קוקט זיך גוט צו — האָט ער מיר אַרײַנגע־שעפּטשעט אין אויער, — דאָס איז מײַן פֿאַרמעגן.

האָב איך אויפֿמערקזאַם אָנגעקוקט די אין שלאָף פֿאַרזונקענע קינדער און באַמערקט, אַז אין קעגנזאַץ צום טאַטנס רײן סלאַװישן אויסזען — איז דער אויסדרוק פֿון די באַחנטע, קײַלעכדיקע פּנימלעך אַ טיפּיש סעמיטישער.

— זײ זעען אויס פּונקט װי אײער פּרוי — האָב איך צוריק אַרויסקומענדיק פֿון צימער זיך אָנגערופֿן. — כ׳האָב גאָרנישט געװאָוסט, אַז אין װאַרשע איז אויך מאָדערן אָפּצוגאָלן קינדערשע קעפּלעך אין אַמעריקאַנער סטיל פֿון „יול ברינער״. װי אַלט זענען דען אײַערע אינגעלעך?

פּאָר אַ װײלע איז מײַן גאַסט־געבער אַנטשװיגן געװאָרן. אָבער באַלד איז ער צו זיך געקומען, ביטער זיך צעלאַכט, שאָקלענדיק אומעטיק מיטן קאָפּ.

— יעדער אײנער נעמט זײ אָן פֿאַר אינגעלעך. אומגליקלעכע טעכטערלעך מײַנע! קײנעם פֿאַלט טאַקע בײם ערשטן אָנבליק נישט אײַן, אַז זײ זענען גאָר הונדערט־פּראָצענטיקע, שװאַרצאויגיקע מײדעלעך. — איר פֿאַרשטײט — דאָס איז מײַן טראַגעדיע. מײַנע קינדער זענען געבוירן געװאָרן פֿולשטענדיק נאָר־מאַל, אָבער אָן אַ שמץ פֿון האָר אויף זײערע קעפּעלעך.

— נישט פֿאַראַן קײן הויט און האָר ספּעציאַליסט אין פּוילן, װעלכן איך האָב שוין נישט אויספּרובירט אין זוכן אָן עצה עפּעס צו טאָן װעגן דעם ענין. אַלע באַרימטסטע דאָקטוירים שטײען פֿאַר אַ רעטזלהאַפֿטער דערשײַנונג און שטעלן פֿעסט, אַז מײַנע קינדער זענען אין יעדער הינזיכט אָרגאַניש פּערפֿעקט, אַ חוץ דעם, װאָס אויפֿן קאָפּ פֿאַרמאָגן זײ נישט קײן האָר װאָרצלען. לויט די השערות פֿון גרויסע פּראָפֿעסאָרן קען אַמאָל זײַן, אַז מײַנע טעכטערלעכס האָר־לאָזיקײט איז אַ פּראָדוקט פֿון די אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען אין װעלכע מײַן פֿרוי האָט געלעבט בשעת דעם פֿינצטערן נאַצי־פּעריאָד, זײַענדיק פֿאַר יאָרנלאַנג אויסבאַהאַלטן אין אַ פֿאַרעיפּושטן קאַרטאָפֿל־גרוב. די פֿיזישע עינויים, אומאויפֿהערלעכע שרעקן און כסדרדיקער הונגער — האַלטן זײ — האָבן געקאָנט עפּעס צעשטערן אינם מעטאַבאָליסטישן סיסטעם פֿון מײַן פֿרויס קערפּער; און די קינדערס פֿליכעװאַטעקײט איז מעגלעך אַ פּועל־יוצא פֿון די יאָרנלאַנגע איבערנאַטירלעכע לײדן, װאָס זײער מוטער איז אויסגעשטאַנען. דער אָפּטער מאַנגל אין אָקסידזשען, דאָס שטענדיקע פֿעלן פֿון װיטאַמינען האָבן געקענט גורם זײַן אויסטערלישע דעפֿעקטיװע אײַנפֿלוסן, װעלכע טוען אָפּ באַהאַלטענעם שאָדן.

— נו, מילא, — האָט מײַן פֿון האַרצן זיך אַראָפּרעדנדיקער איד אַ בלאָזן שמײכל געגעבן, — אפשר איז עס גאָר אָן אצבע אלוקים מיך צו דערמאָנען

אין מיין אָפּשטאַם? אפשר איז עס אַ צייכן פון הימל, אַז כ׳בין אַן אייניקל פון גרויסן חסידישן יחוס און בעל כרחך וועל איך מוזן חתונה מאַכן מיינע טעכטער פאַר אָרטאָדאָקסישע יונגעלייט, וואָס ווילן האָבן פרויען מיט שייטלען. די פראַגע איז נאָר: וואו נעמט מען אַזעלכע שטייגער חתנים אין איצטיקן פוילן?...

* * *

אַ גאַנצע „וואָכנאַכט" האָב איך פאַרבראַכט מיט דער דאָזיקער פיל געפרוווטער, האַרציקער אידישער פאַמיליע, וואָס האָט אַמאָל געוווינט אינם האַרץ פון וואַרשעווער צפון געגנט אויף מילע נומער עלף. (פּאָפּולערער דורכגאַנגס־הויף און באַזאַר פאַראייניקט מיט זאַמענהאָף פיר־און־פערציק). באַגינען האָב איך זיי ערשט אָפּגעדאַנקט פאַרן כיבוד, וואָרעם זיך געזעגנט און זיך אַוועקגעלאָזן איבער דער „קערבעדזשאַ" בריק צוריק קיין וואַרשע.

אינם קאַיאָר פון אויפגייענדיקן פרימאָרגן האָבן די פּאַרטאַגיקע לערע גאַסן אויסגעזען ווי צעשניטענע וועגן צווישן צוגעפּגעדראָטעוועטע מיט שטאָלערנע טראַמוויי־רעלסן. פונדערווייטנס האָט זיך געשלענגלט די ווייסל איבער וועלכער וואַרשעווער רעליגיעז־נאַציאָנאַלע יוגנט פלעגט זיך אין ל״ג בעומר שיפן קיין „מלאָטשין". אין מיינע אויגן האָט זי איצט מער נישט געהאַט דעם כישוף פון יענע פריטאָגן, ווען מיר, וואַרשעווער ישיבה־בחורים זענען אין די „בעדלעד" אַריין געלאָפן לכבוד שבת. פוילנס גרעסטער טייך — אין פאַרגלייך מיט דער טאָראָנטער „אָנטעריאָ", אָדער ניו־יאָרקער „האָדסאָן־ריווער" — האָט איצטער אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס אַ קליין פּראָווינציעל וואַסערל.

פונדעסטוועגן האָט יעדער אַנטקעגנקומענדיקער לאַנדמאַרק אין מיר אויפגעוועקט אַ שלל מיט זכרונות. פלעג איך דאָך עפּעס אַלס יוגנטלעכער פאַר אַ לאַנגע צייט שפּאַצירן יעדן שבת נאָכמיטאָג אויף די דאָזיקע טראָטואַרן, קיין פראַגע צו דער זאַמבקאָווסקע גאַס, וואו עס האָבן זיך געפונען די לאָקאַלן פון השומר הדתי און ברית החשמונאים, אין וועמענס טעטיקייט איך האָב גענומען אַזאַ אַקטיוון אָנטייל.

היינט זענען מער נישט פאַראַן אין פוילן קיין אידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון דעם מין.

אין אַנגעזיכט פון די זיך דערנענטערנדיקע, גלאַנציקע קירכס־קופּאָלן פון קראָקעווער פאַרשטאָט, קומט מיר ווידעראַמאָל אויפן געדאַנק די נאַקעטקייט פון די צוויי מיידלשע קעפּעלעך, וואָס זענען אַזאַ אויסטערלישער „מעמענטאָ" פון דורכגעלעבטע, אידישע צרות. רבונו דעלמא כולא — טראַכט איך — אַבי איך האָב געמיינט, אַז מיר זענען שוין באַקאַנט אַלערליי עטאַפּן און פאָרמען פון אידישע פּיין בימי היטלער. זע איך אָבער איין, אַז כ׳האָב געמאַכט אַ גרויסן טעות מיטן דענקען, אַז כ׳ווייס שוין אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען. מה דאָך איך, וואָס כ׳בין געווען אין געטאָ און אין אונטערגרונט — מעדיטיר

איך שוויגענדיקערהייט — האָב ערשט פּאָריקע נאַכט דערפֿאַרן זאַכן, וועלכע כ׳האָב ביז איצט נישט אָנגעהויבן צו וויסן — מכל שכן יענע מיליאָנען אידן אין דער וועלט, וואָס ווייסן נאָר פֿון דער טראַגעדיע דורכן נאָכדערציילן און דורך דער חורבן ליטעראַטור.

אַוודאי האָב איך געוואוסט, אַז צווישן אידישע דערשלאָגענע פּאַסיוויטעט און אידישן בונטאַרישן ווידערשטאַנד זענען אויך געווען אינדיווידועלע פּרואוון פֿון געוואַגטקייט אין וועלן זיך ראַטעווען פֿון אומקום. אידן האָבן זיך געמאַכט אַרישע, פֿאַלשע פּאַפּירן אויף גויאישע נעמען; באַהאַלטן זיך אין גריבער און בונקערס; געווען אַפֿילו אַזעלכע מענער, וועלכע האָבן אויף זיך דורכגעפֿירט פּלאַסטישע אָפּעראַציעס, בכדי זיך צו אַנטאידישן. אָבער וועלכע פּען איז בכוח צו באַשרייבן יענע סצענע, וועלכע עס האָט מיר אין דער נעכטיקער „ליל שמורים" געשילדערט די מאַמע פֿון די צוויי שוועסטערלעך, וועגן אומגלויבלעכן פּאָרפֿאַל, וואָס האָט פּאַסירט מיט איר מאַן סוף ניינצן־פיר־און־פערציק אין אַ קליין שטעטל הינטער וואַרשע.

✶ ✶ ✶

— געשען איז עס האַרט פֿאַרן פּוילישן אַלגעמיינעם רעוואָלט קעגן די נאַציס. מיין מאַן האָט אויף קריסטלעכע פּאַפּירן געאַרבעט אַלס לייטער פֿון אַ האָלץ־טאַרטאַק, וואָס האָט צוגעשטעלט בוי־מאַטעריאַלן פֿאַר דייטשע אונטערנעמונגען. זיין אַמט אין דער האָלץ־בראַנזשע און די גוטע קענטענישן פֿון דער דייטשער שפּראַך האָבן אים לייכטער געמאַכט אויך דאָס באַוועגן זיך קיין וואַרשע און צוריק, וואָס ער פֿלעגט אויסנוצן זיך צו פֿאַרשטענדיקן מיט אין „מעלינעס" באַהאַלטענע פֿריינט און מיטן באַזוכן מיך אין מיין לעבעדיקן קבר אין וועלכן כ׳בין געלעגן. מיט דער צייט איז אים אויך געלונגען אַריבערצוברענגען אינם טאַרטאַק אַריין זיין ברודער און אויך עטלעכע אַנדערע אידן אויף נאָכגעמאַכטע דאָקומענטן, וועלכע ער האָט איינגעאָרדנט ביי פֿאַרשידענע אַרבעטן. אַלץ איז געגאַנגען כשורה, און מען האָט געהאָפֿט בקרוב צו דערלעבן היטלערס געחתמעטן סוף, ווען סמנים עס האָבן זיך שוין בולט אָנגעזען.

מיטאַמאָל דערפֿילט עפּעס מיין מאַן מיט זיין אויסגעשאַרפֿטן אינסטינקט ווי די יעקישע נאַטשאַלניקעס זיינע אָבסערווירן אים, ווי זיי וואָלטן אים אין עפּעס פֿאַרדעכטיקט. רוט ער שוין נישט, נעמט באַלד נישטערן און זוכן ביז ער דערוואוסט זיך טאַקע דורך אַ ווינער עסטרייכער, מיט וועלכן ער איז שטאַרק באַפֿריינדעט, אַז דער פּוילישער „וואויט" (דאָרפֿס־בירגערמייסטער) האָט אים אויסגעגעבן פֿאַרן דייטשן קאָמענדאַנט, אַז ער איז אַ פֿאַרשטעלטער איד, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ. איר קענט אייך פֿאָרשטעלן ווי אַזוי מיין מאַן האָט זיך געפֿילט, געוואויר ווערנדיק די „גוטע נייעס", און דערפֿאַרנדיק, אַז אין אַ טאָג, צוויי, וועט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אַרונטערקומען דעם ענין צו אונטערזוכן.

עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט נישט בלויז אין זיין אייגן לעבן, נאָר אויך אין לעבן פֿון זיין ברודער, עטלעכע אַנדערע אידן, ובתוכם טאַקע אויך איך

אַליין פאַר וועמען ער איז געווען דער איינציקער פאַרבינדלער מיט דער לע־בעדיקער וועלט.

וואָס־זשע טוט מען? ווי אַזוי געפינט מען אַ מיטל איבערצוציי‎גן די כיטרע מחבלים, אַז ער איז פאָרט נישט קיין איד. אַלע פאַבריצירטע „קענ־קאַרטעס" זענען דאָס מאָל געווען ווערטלאָז, ווייל מיין מאַן האָט שוין געוואוסט, אַז די תלינים וועלן אים איינפאַך הייסן אַראָפּלאָזן די הויזן און פעסטשטעלן צי ער איז געמלט.

ווי אין קדחתדיקן פיבער האָט דער געדאַנק געאַרבעט, אָבער גאָרנישט געקענט אויסטראַכטן עפּעס פּראַקטישעס אויסצומיידן די אַנרוקנדיקע קאַ־טאַסטראָפע. און דאַן האָט אין זיין אַנגעשטרענגטן מוח פּלוצלינג אויפגעבליצט אַן איינפאַל, וואָס האָט אויסגעזען פאַנטאַסטיש־ווילד. מיין מאַן האָט באַשלאָסן נישט צו וואַרטן ביז מען וועט אים רופן, נאָר דעצידירט פאַראויסצולויפן די געסטאַפּאָ דעם וועג און אַליין באַווייזן די אומזיניקייט פון דער מסירה. ווי אין די „טויזנט און איין נאַכט" מעשיות האָט ער אין זיין קעלער מאָמענטאַל גענומען עקספּערימענטירן מיט די אינגעוויידן פון פאַרשידענע עופות. נאָך פילצאָליקע פּראָבעס האָט ער ענדלעך פעסטגעשטעלט, אַז די גראָבע קישקע פון אַ גאַנדז מיט אַ ביסל פּודער, קען אים העלפן דורכפירן זיין פּלאַן, פון זיך פאַרוואַנדלען אין אַ הונדערט־פּראָצענטיקן „ערל".

און אַזוי איז טאַקע געשען. אין שאָטן פון טויט האָט מיין מאַן דערפינדן אַ מיטל ווי אַזוי אין משך פון מינוטן, טעכניש זיך צו דעקאָרירן אַלס „טאַנ־דעטנער" גוי.

באַלד נאָכדעם זענען טאַקע אָנגעקומען די דערוואַרטעטע „געסט". אויס־געפינענדיק דאָס, האָט מיין מאַן נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות. אָפּגעזאָגט שטילערהייט „ודוי" און מיט דער מינע פון אַ באַליידיקטן פּוילישן פּריץ אַוועק גלייך צו דער „אָרטס־קאָמענדאַטור", וואו די גאַנצע באַנדע צוזאַמען מיטן דאָרפס־„וואויט" זענען שוין געווען פאַרזאַמלט.

— דאָנערוועטער! — איז ער מיט געמאַכטער רוגזה אַריין אין אָרטס־קאָמענדאַנטס צימער און אויגנבליקלעך באַמערקט ווי אַ זשאַנדאַרם האָט גלייך איבערגעדרייט דעם שליסל אין דער טיר.

— „וואָס גלאָובען זי דאָס איך בין איין דרעקיקער יודע?"

— „ביטע שעהן" — האָט ער מיט פאַראַכטונג אויסגעשריגן און מיט מכלומרשטער רציחהדיקער פרעכקייט זיך אַנטבלויזט פאַר אַלעמען אין די אויגן. — „היער ביטע"! זינד זי צופרידן?!"

אַ געוואַלדיקע קאָנסטערנאַציע איז אַנטשטאַנען אין צימער. די נאַציס זענען געבליבן זיצן געפּלעפטע, אָבער נישט אויף לאַנג. אַ מאָמענט שפּעטער זענען זיי צו זיך געקומען און נישט קוקנדיק מיין מאַן אין די אויגן קודם כל דערלאַנגט אַ פּאָר געזונטע כמאָל דעם אָנוועזנדיקן „וואויט", פון וועלכע ער האָט זיך באַלד באַגאָסן מיט בלוט.

— דאָס איז „פּאָלנישער שווײַן" ־פֿאַרן אויסקלערן אַ נידערטרעכטיקן בלבול אויף אַ רײנעם אַריער! „פֿערשווינדע בעפֿאָר דו ווירסט דערשאָסן, דו הונט דו".

איצט האָבן זיי ערשט אַרומגערינגלט מײַן מאַן, גענומען אים מכבד זײַן מיט „ראָוכוואַרן" און אים איבערגעבעטן פֿאַרן מיספֿאַרשטענדעניש און די אומאַנגענעמלעכקייטן, אונטערשטרייכנדיק, אַז זיי אַליין האָבן באַלד אין אָנהייב נישט געגלויבט אין דעם שמוציקן פֿאַלעס „קוואַטשערייען".

— הייל היטלער! — האָבן די מונדורירטע באַנדיטן זיך פֿרײַנטלעך גע־זעגנט, קלאַפּנדיק מײַן מאַן גוט־ברודעריש אין דער פּלייצע.

— הייל היטלער! — האָט מײַן מאַן ווי אַן אויסגעשולטער אַקטיאָר, צו־ריקגעענטפֿערט דעם נאַצישן סאַלוט, און פֿאַררייכערנדיק איינעם פֿון די גע־שענקטע סיגאַרעטן זיך געלאָזט גיין אַהיים. אַ גליקזעליקע דערלייכטערונג האָט אין אים געוועלטיקט. כאָטש ער האָט נאָך געשווידערט און זיך געפֿילט ווי יענער ביבלישער דניאל, וועלכער איז נאָר וואָס אַרויס פֿון לייבן־גרוב. פֿונ־דעסטוועגן איז זײַן האַרץ פֿול געווען מיט שירה און דאַנקבאַרקייט צום באַ־שעפֿער, וואָס האָט אים געשטאַרקט מיט גייסטיקער קראַפֿט, אַזוי מייסטערהאַפֿט אויסצושפּילן זײַן ראָל אַ דאַנק וועלכן מיר זענען אַלע געבליבן לעבן.

* * *

אָט אַזעלכע שטייגער געשיכטעס פֿון כמעט לעגענדאַרן תוכן קענט איר אָפּטמאָל הערן פֿון צופֿעליק באַקאַנטע אידן, וואָס איר טרעפֿט אָן זייענדיק אַלס טוריסט אין הײַנטיקן פּוילן.

דער אויבנדערמאָנטער, אויפֿטרייסלענדיקער סיפּור־המעשה, וועמענס דערציילערין צוזאַמען מיט איר מאַן און אירע צוויי אָריגינעלע טעכטערלעך זענען שוין (לויט די דאַמאָלסדיקע צוגרייטונגען) באַשטימט אין ישראל — אַנטהאַלט אין זיך אַ חוץ די עלעקטריזירנדיקע, דראַמאַטישע מאָמענטן אויך אַ טיף באַלערנדיקן, דאָפּלטן נמשל.

ערשטנס: אַז אידן וואָס האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און נישט מורא געהאַט אָפּצונאַרן דעם פֿאַרשאָלטענעם דייטש, נאָר געווען געוואָגט און אַפֿילו הפקרדיק — האָבן געהאַט פֿיל גרעסערע שאַנסן איבערצולעבן דעם גיהנום.

צווייטנס: אַז עס זענען נאָך פֿאַראַן אומצייליקע עפּיזאָדן פֿון אידישע לייד און פּיין, וועמעס אינהאַלט עס איז נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג נישט פֿאַראייביקט געוואָרן אין די חורבן־פּנקסים פֿון אונדזער טראַגעדיע.

פּונקט ווי אויפֿן שטח פֿון געוועזענעם וואַרשעווער געטאָ זענען נאָך נישט אַלע חורבות געוואָרן אויפֿגעגראָבן און מענגעס ווערטפֿולקייטן פֿון אידישן שאַפֿן ליגן נאָך צווישן די טרימערן אומאַנטדעקטע, וואַרטנדיק אויף זייער גואל.

אַזוי אויך זענען נאָך פֿאַראַן טויזנטער נישט פֿאַרשריבענע פֿאַקטן פֿון אידישן אויסדויער און גבורה אומבאַקאַנט דער אידישער עפֿנטלעכקייט, וואָס וואַרטן אויף „תיקון" רעגיסטרירט צו ווערן צווישן די בלעטער פֿון אונדזער אייראָפּעאישער „עמק־הבכא" געשיכטע — „למען ידעו דורותיכם!"...

לעצטע מינוטיקע איינדרוקן

אַ טאָג פאַר מיין אַוועקפאָרן פון פוילן קיין ישראל (דורך בודאַפעסט, בעלגראַד, אַטענס, ניקאָסיאַ, תל־אָביב) בין איך אַרויפגעגאַנגען צו אַ פריינט זיך געזעגענען און — אַנגעטראָפן אויף אַ סורפּרייז: אַן אָפּשייד־באַנקעט לכבוד דער פאַרזעצונג פון מיין רייזע.

וואָס אַן אמת בין איך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט הונדערט־פּראָצענטיק זיכער צי דאָס מסיבהלע און די געדעקטע טישן זענען טאַקע בכוונה געמיינט געווען אַלס צאתכם לשלום פייערונג פאַר מיינעטוועגן, אָדער — דער ידיד מיינער האָט אין דער לעצטער מינוט באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען אַ צופעליקע גאַסט־אויפנאַמע אין אַ „באָן־וואָיאַזש פּאַרטי״.

יעדנפאַלס האָב איך זיך דאָך געפילט געשמייכלט פון דער וואַרעמער אויפנאַמע, וואָס דער פאַרזאַמלטער עולם האָט מיר געגעבן און גערן זיך באַקענט מיט די נייע מענטשן:

— אייזענשטאַדט;
— וואָיציקעוויטש;
— קוואַשניעווסקי;
— סאָקול;
— ווילענסקי;
— ראַדזאַנאָוויטש;
— קאָזשיקעוויטש;
— לאָסקאָווסקי;
— גרינבערג.

מערסטנס פון די אַרויסגעזאָגטע נעמען האָבן זיך געענדיקט מיט אַ ריין פּוילישן „איטש״ אָדער „סקי״. פון די פּנימער האָב איך אָבער געקענט אַראָפּלייענען, אַז נישט אַלעמענס אורשפּרינגלעכע נעמען זענען טאַקע פון שטענדיק אָן געווען אַזוי פּערפעקט פּאָלאָניזירט. כאָטש כ׳האָב געוואוסט, אַז מיין לאַנדסמאַן אין זיין געזעלשאַפטלעכן סטאַטוס (פאַרוואַלטער פון עטלעכע גאַסטראָנאָמישע אונטערנעמונגען און גאַסט־הייזער) האָט זייער אַ סך נישט אידישע באַקאַנטע. פונדעסטוועגן האָב איך געהאַט אַ מאָדנעם פאַרגעפיל, אַז טראָץ דעם ליטעראַרישן גערעדטן פּויליש און די אויסערגעוויינלעכע פאַרנעמלעכקייט, איז דער רוב פון די איינגעלאַדענע געסט, מיט וועלכע איך האָב זיך אָקאָרשט באַקענט — אַן אידישער.

און כך הוה.

נאָך די „נאַ זדראָוויעס” און ווינשעוואַניעס, ווען דער עולם האָט זיך אַ ביסל צעוואָרעמט און גענומען צוביסלעך, האָבן אָנגעהויבן נאָכקומען עכט אידישע „לחיימס”. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן דער גאַנצער גרופּע איז בסך הכל פאַראַן איין אמתער פּאָלאַק, וואָס איז אויך נישט אינגאַנצן „כשר”. וואָרום פּונקט ווי דער פּרעמיער מיניסטער פון דער מדינה, גאָמולקאַ, איז ער אויך פאַרהייראַט צו אַ אידישער פרוי — טאַקע דורך אים אַליין אָפּ־געראַטעוועט פון די נאַציס.

דער דאָזיקער הער אין די אָנהויב פערציקער יאָרן, אַ פּראָפעסאָר אויפן וואַרשעווער אוניווערזיטעט, האָט מיר צומערשט אויסגעזען נישט צו זיין קיין צופיל באַרעדעוודיקער. אָבער ווי זאָגט דאָס פּוילישע ווערטל „פּאָזאָרי מילאָן” (אָנבליקן נאַרן). אַ ביסל שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „פּאַן פּראָפעסאָר” איז שוין גאָר אַ ליידנשאַפטלעכער שמועסער. האָב איך אים געלאָזן רעדן און ער האָט דערציילט, אַז פון זיין פריעסטער יוגנט אָן איז ער שטענדיק פאַראינטערעסירט געווען מיט דער שיינקייט פון די אידישע ימים־טובים, וואָס אויסער זייער רעליגיעזער סימבאָלישקייט שטעלן זיי מיט זיך פאָר פייער־טעג פון אַרבעט און פּראָדוקטיוויטעט. — „מיין נייגעריקייט האָט זיך נאָך אָנגעפאַנגען אַלס קליין אינגל, ווען כ׳פלעג צוויי מאָל אַ יאָר מיטפאָרן מיט מיין טאַטן דעם פאַרמער קיין וואַרשע פאַרקויפן אַ ספּעציעל אידיש אַר־טיקל „שאַוער” (גרינס) פאַר די „זיעלאָנע שוויאָנטקע” (שבועות) און „פּול־קאָשקעס” (געפלאָכטן סכך) פאַר די „קוצקעס” (סוכות)”.

— אַלס אַ וואַרשעווער דאַרפט איר נאָך געדענקען דעם פאַרמלחמהדיקן זשורנאַל „דער רוף פון געוויסן” („זעוו סומיעניאַ”). איך בין געווען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער ערנסטער אויסגאַבע און אַלס אַזעלכער אין די שפּעטער־דיקע יאָרן פיל געלערנט וועגן אידישקייט. ווי איר ווייסט אַוודאי איז די דאָ־זיקע באַלערנדיקע פּובליקאַציע, וועלכע האָט אָפט ציטירט מאמרים פון תלמוד און פסוקים פון תנ״ך — רעדאַגירט געוואָרן פון פּראָפעסאָר טאַדעאוש זאַ־דערעצקי, דעם גרויסן געלערנטן און הומאַניטאַריער. איך בין באמת שטאָלץ, וואָס אַלס יונגער סטודענט האָב איך געהאַט די ערע מיטצואַרבעטן מיט אַ תלמיד־חכם פון אַזאַ קאַליבער. אויב איר זענט אַן אָביעקטיווער מענטש דאַרפט איר וויסן, אַז דאָס אינטעלעקטועלע פּוילן איז נישט באַשטאַנען בלויז פון אַזעלכע פאַרשוינען ווי דער גלח „טשעטשאַק”, נאָר אויך פאַרמאָגט וואָגיקע, פּוילישע וויסנשאַפטלער מיט ווירקלעכע ידיעות אינם ים פון אידישן וויסן.

— און „ווייס ווערסאַ” — רופט זיך עמיצער אָפּ פון די אַרומזיצנדיקע געסט. — אין יעדער עפּאָכע האָבן מיר אויך שטענדיק געהאַט אין פּוילן אידן, וואָס זענען געווען באַהאַוונט אין „פּאָלאָניסטיק” און טאַקע אויך גאָר היפּש בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון פּוילישן קולטור־אוצר. נעמט למשל

דעם ערשט נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם פּאָעט, יוליאַן טובים — זעצט ווייטער פאָר דער „צווישן־רופער". — איך דענק, אַז פּויליש לשון און ליטעראַטור וועלן נאָך פאַר אַ לאַנגע, לאַנגע צייט זיין פאַרבונדן מיט די אומגעהויערע גייסטיקע ביישטייערונגען פונם דאָזיקן איד, וועלכער איז דעמאָנסטראַטיוו צוריק אַהיימגעקומען שטאַרבן אויף דער פּוילישער ערד.

— אַז איר רעדט שוין וועגן אידישע פּאָעטן, וואָס האָבן געדיכטעט אין פּויליש, דאַרף מען דערמאָנען איינעם פון די באַגאַבסטע אחרונים פונם אונטערגייענדיקן פּוילישן אידנטום: וולאַדיסלאַוו שלענגעל הי״ד — רופט זיך אָפּ מיין שכנטע פון דער לינקער זייט, אַ לערערין פון אַ וואַרשעווער מלוכהשער גימנאַזיע.

— „דער כראָניקער פון דער אונטערגייענדיקער שיף" — אַזוי האָט זיך אַליין אָנגערופן דער דאָזיקער מאָדערנער מקונן, וואָס האָט מיט זיין געוואַלדיקער אויסדרוקס־קראַפט פון דער פּוילישער שפּראַך פאַראייביקט אין זיין אָפּגעראַטעוועט שרייבן די טרויעריק אויפשוידערנדיקע מאָמענטן און סצענעס פון געטאָ־לעבן אין זיינע פאַרשידנסטע אַספּעקטן. פּונקט ווי יצחק קאַצענעלסאָנס „ליד פון אויסגעהרגעטן אידישן פאָלק" — זענען אויך שלענגעלס שריפטן אַן אומפאַרגעסלעך, ברענענדיק לייבן־געשריי אויפן אומקום פון דריי און אַ האַלבן מיליאָן פּוילישע אידן.

די לעצטע אַרויסגעזאָגטע פראַזע וואַרפט פּלוצלינג אַן אַ מאָדנע אומעטיקייט. עס דאַכט זיך מיר ווי דער איניציאַטאָר פונם געשפּרעך, דער סימפּאַטישער פּראָפעסאָר מיט דער געקרייזלטער, טונקעלער טשופּרינע, בלייבט זיצן אָפּהענטיק מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אַ מערקווירדיקע סיטואַציע — טראַכט איך. — ער מוז זיך אַוודאי פילן „כתינוק שנשבה בין האידן". דער דאָזיקער באַברילטער, שוואַרץ־אויגיקער געלערנטער, וועלכער באַזיצט אַ שטאַרקן סענטימענט פאַר דעם טיפּזיניקן, מאָראַלישן קאָדעקס פון יהדות.

די שווערע שטימונג לייטערט זיך אָבער באַלד אויס, ווען מיין פריינט, דער באַלעבאָס, וואָס פּרעטענדירט נישט צו זיין קיין אינטעלעקטואַל, מישט זיך אַריין, אונטערטראָגנדיק יעדן איינעם אַ גלעזל טיי מיט צובייסנס.

— לאָזט אָפּ אַ פּאָר מינוט מיט דער חורבן־טעמאַטיק און זייט זיך משמח — ווענדעט ער זיך צו די אַרומיקע.

— פריינט אייזענשטאַדט, זאָגט מיר, איז עס טאַקע אמת, וואָס אַ באַקאַנטער האָט מיר דערציילט, אַז ביי אייך אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט שטייט די האָטעל־אינדוסטריע אין אידישע הענט? לויט ווי כ׳האָב געהערט זאָל דער גרעסטער האָטעל־מאַגנאַט זיין אַ איד מיטן נאָמען מ אָ ט ע ל, וואָס שעמט זיך נישט מיט זיין אָפּשטאַמונג און רופט אָן די גאַנצע נעץ פון זיינע

גאַסט־הייזער, וועלכע זענען צעשפּרייט איבער הונדערטער אַמעריקאַנער שאָ־סייען: מאָטעלס.

אין פּלוג האָב איך געמיינט, אַז דער גוטמוטיקער מכניס־אורח ווילצט זיך. אָבער באַלד האָב איך זיך לויט דעם ערנסטן אויסדרוק פון זיין פּנים איי־בערצייגט, אַז ער גלויבט טאַקע באמונה שלימה, אַז דאָס נאָר וואָס אַרויסגע־זאָגטע איז אַן אמתער פאַקט.

פאַר אַ ווייל האָב איך זיך געפילט אומבאַקוועם און אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט וויסנדיק וואָס פאַראַ תשובה צו געבן. נישט וועלנדיק אַרונטעררייסן דעם פּרעסטיזש פון מיין פּריינטס אינפאָרמאַטאָר, און אַליין הנאה האָבנדיק פון דעם „מילכיקן טוביה" אויסטייטש, האָב איך באַשלאָסן זיך אַרויסצודרייען מיט אידישער דיפּלאָמאַטיע און געענטפערט:— די אַמעריקאַנער אינוועסט־מענט־קאָמפּאַניס האָבן אַ טבע, צוליב קאָנסערוואַטיווע ביזנעס־מאָטיוון אָנצו־האַלטן די אַלטע נעמען פון אַפילו נאָר וואָס אָפּגעקויפטע אונטערנעמונגען. אָט, למשל, ווייסט איר דאָך אַלע וועגן דער וועלט־באַרימטער „מאַנישעוויץ" קאָמפּאַני, וואָס ספּעציאַליזירט זיך אויסשליסלעך מיטן פּראָדוצירן כשרע, אידישע עס־אַרטיקלען פאַר פּסח. פאַר מיין אַרויספאָרן פון קאַנאַדע האָב איך געהערט שמועסן, אַז די אויבנדערמאָנטע, קאָלאָסאַלע פירמע איז אָפּגעקויפט געוואָרן דורך נישט־אידן, וועלכע האַלטן נישט נאָר בלויז אָן ווייטער דעם נאָמען „מאַנישעוויץ" — נאָר באַשעפטיקן אויך ווייטער דעם גאַנצן שטאָב מיט רבנים און משגיחים אויפצופּאַסן, אַז זייערע פּראָדוקטן זאָלן אויף להבא אויך פאַבריצירט ווערן בתכלית הכשרות אַפילו למהדרין מן המהדרין.

— אַ מערקווירדיק לאַנד, אייער אַמעריקע, פול מיט קאָנטראַסטן און ווידערשפּרוכן, וואָס זענען טיילמאָל אומגלויבלעך און אומבאַגרייפבאַר — האָט זיך אַן אויבנאָן זיצנדיקער כעמישער אינזשיניער אָפּגערופן, מער מיט באַ־וואונדערונג ווי מיט קריטיק. — ביי אייך באַקן נישט־אידן מצות, איטאַליענער טוען אָן יאַרמולקעס און זינגען „כל נדרי", נעגערשע אָרקעסטערס שפּילן די התקוה און אני־מאמין. אפשר! ווער ווייסט? מעגלעך, אַז טאַקע אין דעם קאָליר־פולן, אַמעריקאַנער פּלוראַליזם ליגט דער גרויסער סוד פון אייער שטאַרקייט — האָט ער מיט דעם שמייכעל פון אַן אינטעליגענטן בעל־מחשבה צוגעגעבן.

עמיצער האָט פאַרצויגן אַ ניגון. דער גאַנצער עולם האָט מיט געפיל אונטערגעכאַפּט. ס'איז געווען דאָס באַרימטע ליד וועגן וואַרשע, וועמענס רעפריין־סטראָפע איז מיר געבליבן אין זכרון:

„וואַרשע מיין,
דו וועסט ווידער זיין
אַ אידישע שטאָט ווי געווען!...

בשעת כ'האָב זיך אַן אָפּגעזעגנטער און אָנגעוואונטשענער אומגעקערט אין האָטעל אַריין מיט די באַקומענע מתנות, אַ פלעשעלע מאָסקווער פאַרפיום

מיטן נאָמען: „ז׳נאָווים גאדאם״ (מיטן נייעם יאָר), און אַ פּרעכטיקן אידישן בילדער אלבום וועגן שלום עליכם, אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע — האָט מיך נאָך אַלץ פאַרפאָלגט די אומעטיקע מעלאָדיע פונם טיף־סענטימענטאַלן ליד וועגן דעם אַמאָליקן האַלב־מיליאָניקן אידישן וואַרשע, וואָס דער דיכטער איז מבטיח, אַז עס וועט נאָך צוריקקערן צו איר פאַרגאַנגענע גלאָריע און זייַן ווי געוועזן...

איז עס טאַקע מעגלעך — האָב איך געטראַכט — אַז די אַרום פיר טויזנט אידישע איינוואוינער אין דער פוילישער הויפּטשטאָט וועלן נאָך צוריק פאַרוואַנדלט ווערן אין דער ברויזנדיקער און שעפערישער אידישע קהילה פון אַמאָל?...

הלוואי!

◆ ◆ ◆

דריטע טייל

אָפּגעפונענע מאַטעריאַלן, דאָקומענטן און לידער



„נרות רש״י למאור״ איז דער נאָמען פונם שער־בלעטל וועלכעס איך האָב געפינען אינם בונקער, וואו מיין פאָטער זצ״ל הי״ד איז געזעסן פאַרן אויסגע־זידלט ווערן קיין טרעבלינקע.

ווי עס א־ז לעזבאַר פון די פאַר אָנגעצייכנטע ווערטער, זעט אויס, אַז עס האָט באַדאַרפן זיין דער אַריינפיר צו אַ ספר געווידמעט דעם „ביאַלאָבזשיקער״ צדיק ר׳ שרגא יאיר, וועלכן מיין פאָטער האָט שטאַרק פאַרערט אַלס גרויסן הייליקן איד.

ליידער, האָב איך טראָץ מיין נישטערן אין אַלע פאַרבאַרגנסטע ווינקעלעך מער גאָרנישט געקענט געפינען, אויסער אַ פאַר אויסגעפליקטע דפים, וואָס איך בין זיך משער, אַז זיי שטאַמען פון דעם געפּלאַנטן, נישט פאַרענדיקטן ווערק.

ברענג איך עס מיטן געפיל פון אַ זון, וועמען עס איז טייער יעטוועדער אות פון זיין טאַטנס שריפטן; און זאָל עס באַקומען אַ תיקון אַלס ערשט בלעטל צווישן די אַנדערע פראַגמענטן פון די אָפּגעראַטעוועטע כתבים, וועלכע עס איז מיר געלונגען אַרויסצוברענגען מיט זיך פון פוילן בשעת מיין איצטיקן באַזוך דאָרטן.

זאָלן די אין געטאָ געשריבענע, כולו קודשדיקע שורות פון פּאָעזיע און פּראָזע — אין וועלכע מיין הייליקער פאָטער ברענגט צום אויסדרוק זיין לעבנס השקפה פון אומקאָנדיציאָנעלער איבערגעגעבנהייט צום רבונו של עולם — דינען פאַר אַ תמיד׳דיקן יאָרצייט־ליכט נאָך: אָבי מורי אדמו״ר הרב אלכסנדר זושא אייזנשטאַדט, נולד בשנת תרמ״ד ט׳ בסלו; און נאָך זיין געטרייע לעבנס באַגלייטער־ין, מיין טייערע גאָטספאַרכטיקע מוטער, הרבנית ליבע אייזנ־שטאַדט, נולדה בשנת תרנ״א ט׳ תמוז — וועלכע איז פון אָסטראָוועצער געטאָ, אין דער צייט פון דער צווייטער ליקווידאַציע, צוזאַמען מיט אים אָוועקגעגאַנגען אויפן לעצטן מאַרש צו דער עקדה.

— דער מחבר

בריוו פון הרב ראָזענבלום

הרב דר. נח ח. ראָזענבלום,
רב דק״ק „בני ישראל״,
ברוקלין, ניו־יאָרק*)

ליבער אמנון,

די לענגלעך־שמאָלע פּאַפּיר בויגן מיט די שירים־פראַגמענטן פון דיין הייליקן פאָטער הי״ד, געשריבן אונטער אומבאַגרייפלעכע און איבערמענטש־לעכע אומשטענדן אין אַ פלאַמענדע וועלט, האָב איך געלעזן מיט קדושה־ציטער. איך באַטראַכט זיי ווי יריעות פון אַ געשענדעטע־פאַרברענטע ספר תורה, וועלכע דערמאָנען דעם שוידערלעכן מאַרטירער טויט פון זעקס מיליאָן חנינא בן תרדיון׳ס אויף די גרעסטע און גרויזאַמסטע עקדה אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

פאַר מיר פערזענלעך זענען די גוילין־נשרפין־פראַגמענטן געווען אַ טיפע עמאָציאָנעלע איבערלעבונג. קוקנדיק אויף זיי האָבן איר מיר אויפגע־טויכט פיל דעראינערונגען פון דער וועלט פון מיין קינדהייט שוין לאַנג באַ־דעקט מיט שטויב־שיכטן פון אַ שנעל־לויפנדע צייט. אין דער דאָזיקער וועלט פון מיין קינדהייט האָט דיין פאָטער זצ״ל געקיניגט מיט שימרירענדן און גלאַר־רייכן פראַכט און גלאַנץ און האָט מיט זיין הייליקער פערזענלעכקייט באַצוי־בערט און דאָמינירט מיין גאַנצן וועזן און געדאַנק. די טראַגיש־פאַרבליבענע שורות האָבן איר מיר אויפגעשטורעמט לאַנג־באַגראָבענע זכרונות, טיף באַ־האַלטן אין די ממעמקים־קאַמפּאַרטמענטן פון מיין אונטערבאַוואוסטזיין און

*) דעם בריוו פון הרב ראָזענבלום גיב איך — ווי שוין דערמאָנט אין מיין אייגענעם אַריינפיר באַלד אין אָנהויב — אַלס הקדמה צו דעם איצטיקן טייל פון בוך, וואָס באַשטייט הויפּטזעכלעך פון מיין טאַטנס אָפּגעפינענע כתבים.

הרב נח נ. ראָזענבלום איז אַליין אַ צווזמערער אייניקל (ר׳ יחזקאל ראָזענ־בלום ע״ה איז געווען זיין זיידע), איז אָבער דערצויגן געוואָרן אין וואַרשע, וואו ער האָט געלערנט אין דער מתיבתא און שפּעטער אין תחכמוני אויף גזשיבאָוור־סקאַ ניינצן.

זיין אַקאַדעמישע בילדונג האָט דר. ראָזענבלום באַקומען אין ירושלימער אוניווערסיטעט און שפּעטער קומענדיק קיין אַמעריקע אין ישיבת רבינו יצחק אלחנן, וועלכע ער גראַדואירט מיט סמיכה און פאַלגנדיקע דיפּלאָמען: מאַס־טער אָף אַרטס, דאָקטאָר אָף היברו לאָו, און אַ דאָקטאָראַט אין פילאָסאָפיע (פי.עידזש.די.)

היינט צו טאָג געפינט ער זיך אין ניו יאָרק און אויסער זיין רבנות און פראָפעסאָרן־שטעלע אין „האַנטער קאָלעדזש״ פאַרנעמט ער זיך מיט ערנסטן ווישנשאַפטלעכן שרייבן אויף פאַרשידענע טעמעס.

— דער מחבר

האָבן ספּאָנטאַניש אַרויסגעבראַכט בליצנדע אַסאָסיאַציעס פון דערהויבענע הייליקע מאָמענטן פון תפארת שבנצח און הוד שבמלכות, ווען מיר אַלס קליינע קינדער האָבן געשוועבט מיט אונדזערע עלטערן אין אַ רוחניות׳דיקער אומענדלעכקייט און געקלעטערט אויף דער לייטער פון די ספירות. טראָץ אונדזער קליינעם פאַרשטאַנד און נאָך ווייניקער ערודיציע אין קבלה און חסידות האָבן מיר אינטואיטיוו געשפּירט ווי מיר שטייגן אַלץ העכער און העכער אויף דער קאָסמישער לייטער פון דעם סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, גרייכנדיק אין אין־סוף.

דיין הייליקן פּאָטערס כתב האָט פּלוצלונג פאַר מיר רעקאָנסטרואירט און ווידער אויפגעלעבט די דאָזיקע מאָמענטן מיט זייער גאַנצער פאַרברייכקייט און אַלע זייערע דימענסיעס. די געשטאַלטן, די פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, די אויפּפאַסונג און אַפילו די זמירות ביים דאַווענען און „ביים טיש״. קלאָר און דייטלעך קלינגען נאָך אין מיינע אויערן די טענער פון פרייטאָג נאַכט, ווען דיין פּאָטער זצ״ל האָט ביי קבלת שבת אַריינגעזונגען אין ארון קודש דעם זוהר פראַגמענט „כד עיל שבתא״ פון כגונא און ווי מיר אַלע מיט טיפער ערנסטקייט האָבן מיטגעזונגען דעם זאָץ „ואתעטרת בכמה עטרין לגבי מלכא קדישא״. מיר האָבן געפילט דאַן ווי מיר אַלע שטייען אַרום דער הייליקער שבת מלכתא, וועלכע איז באַצירט מיט די שענסטע און קאָסטבאַרסטע אויסשטאַטונגען פון דער וועלט און דיין גרויסער פּאָטער איז דער וועלכער האָט אַרויפגעלייגט די הייליקע קרוינען אויף איר פראַכטפולן מאַיעסטעטישן קאָפּ.

נאָך איצט פיל איך די מיסטישע שטימונג און די סודותפולע אַטמאָספערע, וועלכע האָט געהערשט אין דעם כמעט פינסטערן בית־המדרש שלש־סעודות צייט ביי דיין פּאָטערס טיש. די טענער פון „בני היכלא דכסיפין למחזי זיו דזעיר אנפין״ קלינגען נאָך שטאַרק אין מיין זכרון. דאָס איז נישט געווען קיין סתם זמירות אָדער סתם שאַבלאָנישע דבקות, וועלכע פּראָפעסיאָנעלע שרייבער וועגן חסידות שילדערן און מאָדערנע, כלומרשטע חסידים פּראַקטיצירן און אַזוי גערופענע נעאָ־חסידים אימיטירן. די אַטמאָספערע ביים שלש־סעודות ביי דיין גרויסן פּאָטער איז געווען אַ נומענאַלע רעאַליטעט דלא אפשר למפרט בשפוותא. טראָץ אונדזער יוגנטלעכקייט האָבן מיר דאָך געפילט, אַז דאָס איז געווען אַ מאָמענט פון רעוא דרעוין, פון שמים וארץ קא נשקי אהדדי.

אין מיין קינדערישער פאַנטאַזיע האָב איך ממש געזען די פאַרבענקטע בני היכלא, וואָס באַגערן שמערצלעך צו זען דעם מיסטעריעזן מאַיעסטעטישן געשטאַלט פון זעיר אנפין. די בני היכלא האָבן געהאַט קאָנקרעטע געשטאַלטן. זיי זענען געווען נישט אַנדערש ווי מיין פּאָטער ר׳ מיכאל ראָזענבלום זצ״ל, אברהמ׳לע לערנער, מאיר ראָזענבערג, משה׳לע זלאטעס (לעווי), שמעלקע נתן דוד מורה הוראה׳ס, אברהמ׳קע פריד, מענדל האַראָוויץ, נתנ׳לע ראָזענבערג, אברהמ׳לע יוסקע מינצס, אליעזר ברוקירער, ר׳ משה כעלעמער (אייזענשטאַדט), אלתר־אליעזר און ישראל מאיר אָרנשטיין א.אַ. מיט זייערע שטריימלעך ווי קרוינען און זייערע זיידענע קאַפּאָטעס ווי קעניגלעכע רעגאַליעס אַרום דיין

פּאַטערס שטול האָבן זיי אויסגעזען ווי די מלאכי השרת, אַ פּמליא דארעא, וואָס רעפלעקטירט און שפּיגלט אָפּ די פּמליא של מעלה.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס איז מיר אוממעגלעך איצט צו שרייבן, בפרט צו באַשרייבן, די אַלע מאָמענטן. עס איז אפשר אַ חילול הקודש צו שיל־דערן אַזעלכע מאָמענטן אין אַ פּשוטע פּראָזאַאישע טאָג־טעגלעכע שפּראַך. דאָס זענען געווען מאָמענטן, וואָס האָבן געדאַרפט אַ ישעיהו אָדער יחזקאל, וועלכע קענען אין קורץ געפאַסטע זאַצן באַשרייבן „מראות אלוקים״. אַמווייניקסטן, אַ ר׳ נתן, וואָס האָט געקאָנט פּנימיות׳דיק באַשרייבן מאָמענטן און זכרונות פון ר׳ נחמן בראַסלאָוועַר. ליידער פאַרמאָג איך נישט קיינע פון די אייגנשאַפטן. די פּאָר פּאַראַגראַפן וועלכע איך האָב געשריבן זענען אַ רעזולטאַט פון דעם ברוך פון אַ דאַמבע אין מיין אונטערבאַוואוסטזיין, וואָס דיין פּאָטערס שירים־פראַגמענטן האָבן פאַראורזאַכט.

איך האָף אָבער, אַז דו וועסט מיט דער צייט זיין דער וועלכער וועט זיך מיחד זיין מיט די זכרונות פון אונדזער בשותפותדיקער קינדהייט און מיט דיין זשורנאַליסטישן טאַלאַנט און דיינע טיפע יוגנטלעכע איבערלעבענישן וויד־מענען אַ ספּעציעלן ס פ ר (נישט סתם אַ בוך!) צו דיין הייליקן פּאָטערס אייגנ־אַרטיקע חסידות אויפפאַסונג, וואָס איז געווען געוואַגט, טיף, רעוואָלוציאָנער אין מהות און אין תוכן. דיין פּאָטער מיט זיין קליינער גרופּע פון גייסטיק־גרויסע מקורבים האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע פון ריין מאַכן דעם וועג וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם בעש״ט און געהייליקט געוואָרן דורך ר׳ נחמן בראַסלאָוועַר און וואָס האָט געברויכט פירן צום אחרית הימים. דאָס גע־וואַגטע צוזאַמערער חסידות איז געווען אַ פּרואוו צוריקצוגיין צום אורשפּרינג־לעכן קוואַל פון נחל נובע מקור חכמה.

אויב דו וועסט קאָנען באַשרייבן די אייגנאַרטיקע חסידות באַוועגונג, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דיין פּאָטער הי״ד און אין וועלכע מיין פּאָטער זצ״ל מיט אַ צאָל אַנדערע יחידים האָבן גייסטיק דינאַמיש מיטגעווירקט, וועט דאָס זיין איינע פון די שענסטע עפּאָפּייען פון רעליגיעזע באַוועגונגען בכלל און פון חסידות בפרט און וועט האָבן אַ קאָלאָסאַלע וויכטיקייט און באַדייטונג.

וועגן די עצם פראַגמענטן פון די שירים פון דיין פּאָטער איז זייער שווער ווי געהעריק אָפּצושאַצן על רגל אחת, ספּעציעל ווען נישט אַלע שטעלן זענען לעזבאַר און די גענויע צייט פון זייער קאָמפּאָזיציע איז נישט באַקאַנט. אין אַלגעמיין דענק איך, אַז מען קאָן נישט צוטרעטן צו די שירים מיט געוויינלע־כע קאָנווענציאָנעלע ליטעראַרישע קריטעריען. די שירים פון ר׳ ישראל נאַדזשארא און הרב קוק זצ״ל קאָנען נישט געמאָסטן ווערן מיט די זעלבע מאָסן ווי די פּאָעמען פון ביאַליק אָדער טשערניכאָווסקי. בכלל געהערן די שירים צו אַ גאַנץ אַנדערע דימענסיע — די דימענסיע פון קדושה. די צייט און די אומ־שטענדן אונטער וועלכע זיי זענען געשריבן געוואָרן שטעלן זיי אין אַ באַזונדע־רער קאַטעגאָריע און ליכט. דער עצם פאַקט וואָס דיין פּאָטער האָט געשריבן שירים פול מיט געגועים און בענקשאַפטן צום רבש״ע אין אַ צייט פון הסתרת פנים איז פון אומגעהויערער וויכטיקייט.

אין דער שוידערלעכער תקופה, ווען אין יעדן האַרץ און מוח האָט געעג־בערט די פראַגע אי אלוהינו צור חסיו בו, האָט דיין פאָטער זצ״ל געשריבן שירים פול מיט ליבע, איבערגעגעבנקייט און אָפּפערווילקייט צו גאָט.

אערוג לך
כצמא למים
אהמה לך
כגמול לשדים (נד)

עס איז אומבאַגרייפבאַר ווי אין חשכות פון געטאָ, אין דעם גיא ההריגה און אין דעם גיא צלמות, וואו טויט און אונטערגאַנג האָט געהערשט, האָט דיין פאָטער געזען נישט קיין דינין תקיפין, נאָר רחמים און גענאָד. אין אַ צייט פון גרויזאַמען קאָשמאַר ווען מחוץ תכלה חרב ומחדרים אימה האָט ער געפילט די גליקליכקייט פון התגלות. נישט די שאַרפע שווערד פון מלאך המות האָט ער געזען אין דעם טויט־פינסטערן געטאָ, נאָר גאָט ב״ה אַליין האָט פלוצלינג אים באַזוכט און דערפרייט:

חיי העצובים
איך האירו
בשעה שהרגשתי
אותך במגורי (צב)

מעגלעך, אַז די השקפה פון שלמה אבן גבירול וואָס האָט פאַרטיפט דעם תהום צווישן הימל און ערד, גאָט און מענטש, האָט אויך דיין פאָטערס וועלט־באַנעם באַהערשט. וואָס פינסטערער די וועלט, אַלץ ליכטיקער דער הימל; וואָס פיינלעכער דאָס לעבן, אַלץ גלאָררייכער דער טויט, וואָס מיינט דאָס איי־ביקע לעבן.

עולם האצילות
כבזיקים יאסרני
ועולם השפל
כלבוש מעגני (קב)

בעיני זכוכית
אראה החיים
רגלי בארץ
וראשי בשמים (קו)

איך גלויב, אַז אַ ספּעציעלע שטודיע דאַרף געמאַכט ווערן פון די גווילין־נשרפין שירים, וואָס וועלן מיט זיך פאָרשטעלן אַ נייע אויפפאַסונג, וואָס רעלי־גיעזע אידן האָבן געפילט אין די לעצטע מאָמענטן פון דער גיגאַנטישער עקדה, ווען קיין מלאך איז נישט ערשינען פון הימל רופנדיק צום תליון „אל תשלח את ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה״. אפשר איז נישט „דאָס ליד פון אויס־געהרגעטן אידישן פאָלק״ פון יצחק קאַצענעלסאָן דער אמתער אויסדרוק פון יענער צייט, נאָר די קדושה־שירים פון דיין גרויסן פאָטער.

אשיג העמקות
שבשירי מלאכים
ואפשרות לקפוץ
חיים לנצחים (קי״ט)

באַגרייפנדיק די טיפקייט פון מלאכים געזאַנג האָט ער, און פילייכט טויזנ־טער אַנדערע הייליקע אידן, נישט געפילט דעם שאַרף פון מעסער אָדער דאָס ברענענדע פייער, נאָר די גרויסע געטלעכע אייביקייט, דעם נצח נצחים, וואָס נישט דער שונא און נישט מיר פאַרשטייען. זיי זענען געהייליקט געוואָרן אין דעם פייער ווי די מלאכים אין נהר דינור און נישט די טמא׳דיקע קולות האָבן זיי געהערט נאָר דאָס געטלעכע הימלישע געזאַנג.

נטבלתי בעיניך
כבנהר דינור
והתענגתי מקולך
כמנבל וכנור (קנג)

נטהרתי מקרניך
כבנחל מים
ובכל עצמותי
הרגשתי חיים (קנד)

נצרפתי באורך
כבאגם טהור
ונהפכתי ונהייתי
נר למאור (קנה)

נתעטפתי ברוחך
כטובל במקוה
ויצאתי משם
בבטחון ותקוה (קנו)

◆ ◆ ◆







כצורכי וראות
אשה צח
וצבת גלו
חתון דאח

צא.
את בדי
אות שאלה
קשה שלום
לצו המאל

צד.
חוג בצדום
איך קאירו
קשה ספרשם
זמר דאגו

צה.
את תלכנו
דמדי מניך
ואנ מבו
מכאות פניק

צג.
מה אין
מנו החום
כשכה שלמה
תלום שוים.

צב
דנכת בי
את נבואה
כשכבה דקה
הוא נמצאה

צו.
באה מזווים
מישה אורק
ובשינ אותם

מי כום אעננו

צב.
הראו הכבורת
קפשו הרוחות
הנחוג ואכון
שוקחים בוחות.

צח
בשן כפתוה א
המוכה לבנקים
פעם נופות
פעם תקום.

צט.
כותי מתבוסס
בקשאון מתפכת
נעץ אוסם
ורמץ חשכה

ק
מהבולים הנבה
וראים חשפלה
והחולום דקקו
מארת הגלוה

קא.
און מלכים
לחיים בפשוטים
שבו מתאמצים
שנחיים ופרוטים

קב.
אלם המצוות
כבונים ואסרו
ונוים לשפך
בדקוש מאננו

קג.







הקנזירוני וקירתה
מרצו וחלכת
קמ.
השידוני תאותה
האצ והנתנחות
החצורוני יפתו
מחוים הלתוחות
קמא.
השירוני צפונו
אוסו ושמחתו
ולזכרא מות
נסוים [illegible] מפרתה
קמב
באפכן דמקדש
הבינפת מנורת
ומסיו כמשת
הדאתני תורה
קמג
מנית הקוסם
קק מצאתו
מכוחו הגנו
כמצבת וצאתו
קמד
[illegible] כ
וכלת את
בימו את

ודצמותי אמרת
קשם שפו:
קמה
אש ממנוס
אדיכן שוות
מארבע כוחות
והביא הרוח
קמו.
והפות דקרדב
תום ונשומה
שמקצו שן הוצב
בשפה נאוה
קמז
וחת צוב
מיצום ודשך
ומדה זהות
מאור חסד
קמח
וקרק ארכן
אשה ואחותה
שאפשר קחו
לא דמותה
קמט
שובו שולמות
ואהבת דק
און תמורה
ומהלת שדק
קנ:



שירתי תמיד
אכסא כדורים
ואזכה להתאמן
אצי שכינתך
שורת שירי הה"ת

נסמה ונם כותה עפשו
מחברות הילדים [illegible]
ידעו אל אלוהי: [illegible]
מצאה [illegible]
(תהלים פ"ג - מ"ג)
משא עפש קוקן [illegible] בסוף
קן מצאתיים [illegible]

2 [illegible]
3 [illegible]
4 [illegible]
5 [illegible]

1 שדות:
וכו נפונה
אשה ואהבה
קואי דשלום
שלום שלום
כי לא פגו
אלו אבון
כב 3
KAתא

מחבלים ומורדים
הגדי
הוגו — 2
אוא — 3
שעתים



פון לינקס אויפן פריערדיקן בלעטל ווי אויך אויף דער דאָזיקער זייט, געפינט זיך אַ רשימה פון ניגונים, קאָמפּאָזיציעס און שירים, וועלכע מיין פאָטער ע״ה האָט געשאַפן. טייל פון זיי, ווי צום ביישפיל, „כד עיל שבתא״, „עצו עצה״, „והיה ביום ההוא״, „אנא ה׳״, „ענני אלוקי״, „אל לבי הנשבר״, „רפאני ה׳״ און אַנדערע, האָב איך אָפּגעפינען און ברענג זיי טאַקע אין איצ־טיקן טייל פון בוך. ליידער אָבער איז די מערהייט פון די אויסגערעכנטע זאַכן פאַרלוירן געגאַנגען. דאָך ברענג איך די פולע ליסטע אַזוי ווי כ׳האָב זי גע־פינען, ווייל זי באַלויכט אויף אַ באַזונדערן אופן דעם געמיט־צושטאַנד פון מיין טאַטן זצ״ל, וועלכער האָט אין יענע פינסטערע מאָמענטן פון זיין באַהאַלטן אין בונקער גענומען „סטאַק״ פון זיין גייסטיק פאַרמעגן. —א.א.



רנני אלוקי.
(פיוט)

א.
רנני כאברהם
בהר המורי',
ברכני כמאז
ומחוק כשקצב

ב.
רנני כיצחק
עלי המאכלת;
שואלה תחנני,
כעולה ורוק.

ג.
רנני כיעקב
בדרות אל;
שמה, אני:
אגו ונצל.

ד.
רנני כמשה,
בהר חורב;
ושמור נפשי,
אשמן ואורך.

ה.
רנני כאהרן,
במחתת הקטורת
והי' ורוחי:
כארון כפורת.

ו.
רנני כיוסף
בבור האסורים;
והצילני מקרדום
המלאים יסורים

ז.
רנני כדוד,
בברחו מאבשלום;
פדני מאויבי,
ואזכך להוד.

ח.
רנני כיונה,
במעי הדגה;
ונצור נשמתי,
את דם ושגג.

ט.
רנני כדניאל,
בגוב אריות;
ושמרני מצדים,
המצדיקים החיות.

רנני כצדיקים,
חסידים וישרים;
ויתקדש שמך,
בכל אקדוים.

אוב 3 שאת תאק



די נעכסטע פיר־און־צוואַנציק דפים זעען אויס צו זיין פראַגמענטן פון פריער דערמאָנטן, נישט פאַרענדיקטן ספר „נרות רש״י למאור״.

אמי! נקיה כל זהו מלבד הנפש גורם תצוי

על התבודדות נוראה וכלום ההפשמה משמעות
והקיץ לנחוי מואד
א"ל ודא למזרגת אהבת ויראת ואמתות
רק על ספישת תאוות היצר
על צום קול ממון לכום והתגבר דשבונה
הנקראת לצאת
בשבת הלפואת בריכום מאודנדור

חוחם את השלוה כאם ושאני דזהו
אוכו ישוו ומשנתכם שאלו טוד לבנו
דפחי תקולו וסגנו שוכני עפר

מי שמתקן ויקב עליו אלקים בספורת דינה
נמאה ולא החתם ששם וזוהה כווק ואין וכו'
על תפלה הגונה וכלום להמיץ מזבגת
אוש לדיק עד שוכן והשפיע רוח חיים
דהקו החצא מנקדי אפו דחו והתקלהו
נשמת חיים

מי שרואה מעשו רב ונפלאותיו במצוות הארוות
וכן והפך מדת הדין למדת הרחמים
מי שאבד הי זכה לדין זכות נפשו ודב לממון
מואוזב נמאו זכות על דנים מהב קנים שבדרה
תורה והם תכם תם ושאיני ולב חשאו
בשכו בו זמרחקל שהגומו בנמה אמרנאש
ויבו בקרוב המתוי אש

[illegible] שתבות נגעי' [illegible] רחמים
(כ:) [illegible] נגעי' 313 אלף ושראל
(כא.) תנו רבנן נגעי' מלחמת [illegible]
(כד:) הר נגעי' 313 [illegible]
(כו.) [illegible] נגעי' [illegible]
שם [illegible]
(כח.) [illegible]
(לב.) [illegible] נגעי' [illegible]
שם [illegible] נגעי' [illegible]
(שם:) [illegible] נגעי' [illegible]
(לה.) משה רבנו נגעי' [illegible]
(לח:) [illegible] נגעי' [illegible]
(מא:) [illegible]
(ט:) [illegible]
(יא:) [illegible]
[illegible] 313
[illegible] נגעי' 313 אלף [illegible]
(ו:) משה נגעי' [illegible]
(לא.) [illegible]
[illegible] מלחמה
[illegible]





ו[illegible] כאויבם ע' [illegible]

יו' [illegible] [illegible] [illegible]

ל' פת לחם ע' [illegible]

יו' [illegible] ע' [illegible]

יו' פת ע' [illegible]

יו' [illegible] [illegible] ע' יצר טוב יצר רע

ל' [illegible] ע' מטה כלפי חסד

טו: ויברח לו השמש ע' 318 [illegible] ישראל

יו' ויפגע במקום ע' קול ה' על המים

ו' [illegible] [illegible] [illegible] מחשבות [illegible] איש

יו' דבר [illegible] ע' [illegible] ישראל

יו' ויפגע במקום ע' [illegible] [illegible] [illegible]

ו' ויקח [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

שם: [illegible] ע' תורה נביאים וכתובים

וא' כי טוב [illegible] ע' [illegible] [illegible] [illegible] אבות

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] ע' [illegible]

שם: [illegible] ע' ת

יו' [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] ע' ת

טו' [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

יז: תורה ע' [illegible] כו [illegible]
יט. המחבר [illegible] ציון ע' יוסף יהודה
כד: אוני ע' חכמה דונה
ו: אמון אורה ע' ויעקב אדונו
שם: פרס ע' [illegible] חרמה דונה
כג. ויקם מלך חדש רת מוח
שם שם ע' [illegible]
שם: נתבת [illegible] תשעת [illegible]
שם: שמות ע' שבת [illegible]
כה. הולדת לדרתם ע' [illegible]
שם משכנו ע' ת'
כו: ויעקד [illegible] ע' [illegible]
שם חמש צבת ע' קדת אש
כז. מלה ע' מות
כח. [illegible] ע' משה מרבה [illegible]
ל: לדות אבות ע' אברהם אדונו [illegible]
לג. ה' באמים לחם מן השמים ע' [illegible]
לה: [illegible] ע' האחז
לו. [illegible] ע' חסד אל
לז. [illegible] של חסד ע' [illegible]



נז: אדם דחואה עי' צאן
נח: חבשן עי' שטן
שם בן דעת דש' זוחלות פה
נט: דפוסשורת דרא עי' הדלהדלים מהכלהדל
שם תורת הצלה
שם פלות עי' צומת חי מדבר
סא, נבד אדיהלאני אבו יעז וולד אמג
שם שאוני עי' שמר
סד, דבר לחאת ואש ומלה רת וו-וד
ועי' בו תבאה בו בונה בו בעת
סה: משה דבלואונות שון העני דוגד ונבדוב רוחו
ונתעלם שוון לחים שון ה') צללות יעון
שם חנם נ"ו מטה בלפו חסג
סו. בהד כסף נחשת עי' אחצות טוד וכי
סמ צאת עי' כול שכונה
שם: יסוד דפכ עי' צדוק יסוד עולם
סט. כו מאלה עסה (ווו) עי' נשמה
שם: אבקדוווו עי' רי דו צון יפה
שם ג"פ. כהן עי' און יפה

דסב. אונר נו׳ מגד

סח, ירחצו נו׳ שצו

סט: שערום נו׳ כתר

עז, פר נו׳ אגלה חש

ד: אלה כסיאו הודתנו אהרן

העדה נשיאו מטות אבותם בת אמנה

ג. נפ אוש נו׳ רמא אדנים שרה נידבה

ח: והרת נו׳ כתש

ט: שדר שמות נו׳ תורה תפלה

י: אבולה שתמי לו׳ גו׳ ארץ ישראל]

יד: שאור ויסה נו׳ אדרהם ובמס ועקב זוג

יב. מחר נו׳ אברהם

טב. עדות נו׳ קופת נמק

יג. כד הוא אותות דאורה ונו׳ רוח

יח. כד נו׳ צד קו

כ: קו נו׳ כצת

כא. דאת ההוא נו׳ סאא]

כו. דרת ההוא ואמר נו׳ כאד חכמהד נק

שק: ואה צ״פ נר תומנב מצרחה נו׳ חמשוםחדש

כמעקב תשמרו ומ׳ ששה אדית
כט: משה כוטוד מ׳ קלגה דרכק
מ. ורשתה אותו כשות ׳
שם רשות מ׳ מקכוזו חיכתו רפאל אורוז
שמבו פכי האדמה מ׳ נשמה
שם מדאשות מ׳ חשון נשמה
שם ׳ ׳ ׳ ׳ שמר ושראל
מח דכלק אותו דכור
מט, כתוד מ׳ חתך
מא: הלך מ׳ ה׳ הו׳ ה׳
שם והואבו והוא הן והאוע׳ ׳ ומאוק ועשרים
מד, מאה ועשרים מ׳ תוד לא וצאעט
שם: אשה והושעחמה דנק קלבותת
ממ, האמונו השמוק מ׳ צעת
שם חטרטל מ׳ חסג גדורה
שם לקחו נטל ואחקר תקודש
שם כושם ה׳ אקרא מ׳ ואחקר תמודש
שם: אלקים מ׳ כוס
שם אמונה מ׳ קד

ומ: צדוק מ׳ צם נדי


שדת הוא מוז עו
אויבוו אודוש ק שכו
אתפה ואלם תשק
ג שנת דה תתמדל
3 שנת דה תתקדש
שיר ועתיב ודא
וום שכלו שדת
הרחמן הוא ינחלנו
וום שכלו שדת.
א שנת דה תתנשה
ד שנת דה תתראה
ה שכונתם דה תושע
ו שפונתם דה תגאו
ושדת תשודה ינוידתו
מ שוק קרחי כפותם
קוצנו זנחיא
ס נח רד עם הצורמות
מי עם הכוו
אור 3 נח שדת













! ואמרא דבורקא והרבה אלהכות ב

אמרי א דבלה בוחקא אמכא דשארתא סודנו (שם)

אמרא בדן, טאוא דות אדן שתקותו שם

אמרא שרעיתא לדקתא שם

אמרא בכסנא בלוי שם ו

תמשה בדרום בו׳ כנען זאת קנין עסקים קו״ד

— אוי לו, אומר אוי לו אם לא אומרו... בדרום כנעו... דרבה

או חברותא או מיתותא תענית כ״ג

או חברי כחברי דאיוב או מיתותא קק ט״ו

— אמר רבא רצו אמו ואין דת אשתו יבמות ס״ג

תלמיד זה רשאי לעשות עצמו יחיד... תענית י׳

אוצרו עשיר... רבי עקיבא אומר כל שושלו ואלהינו אתנכה

קבה״ תמסא בלוי זמאכו ברכת חלש באתו ברכה, עשם ע״ב

כרא כו׳ בתה ורו ורדנן דמילתא בדביחותו... ברכות ו

אין אדם שקשב בדבר אלא אם ... משאלו... מו״ק יח

אין אדם מוצא קורת רוח... אין חוצקוס דלי... בבי כב

אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין תענית ח

אותו ק נגעא נקיון ומלחש לה קא נג

כל דבעי תנוח חכמה... שם, נב

אל תפיל ..ר לראש, תמן משום בזרעי... בתענית



הזהיר במצות ציצית כתקונה זוכה
ומשמשין אותו שני אלפים וח' מאות
עבדים שנאמר והיה ביום ההוא והחזיקו
עשרה אנשים מכל ע' אומות עובדי
כוכבים הרי י' אנשים מכל אומה הרי
ת"ש בכנף אחד ולד' כנפות ב' אלפים
וח' מאות (גמרא שבת ל"ב דשם ע"ב)
סגולת התפלה בכוונה אף ובאו בקול
בשונך וראו מעשה דבר צדקה,
שהיו תלמידו של הרמב"ן ושרא"ל
[illegible] והראה [illegible] האבנים וכו'
(שם דף יח)
מנורת המאור נר ג' בשם הרמב"ם
ובחון בוני [illegible] מנצחו [illegible]
צדוק אורב בצדק ובשר מאכיכם
דרשת
נח מאמר א' פרק י"ז בתוך
ארוך [illegible] של מצוה ושל מטה ותמקמ
סגולת שירה דף צ"ב [illegible] מצוה במי
[illegible] שכבה [illegible] הפוך זה.



[illegible] דברו והי׳ כשוף אחד וכן
באנו / ההדגל דין מופתו קודש
ומופתו כשוף וע׳ צמפה פלד.
באנו שאלות תשלום ע׳ ... ודשת
כי שרופנו מאון ודס׳ נח מאחר ג׳ פרק !
באנו המנהג של החיות תרשעון הנולדת
וכן הבות קנתם וכן המשבוגן ראשון
עונש סדוק האדם ע׳ ס׳ נפתלי פ׳ ויקו
באנו קובץ האוצר של וונשק ע׳ ס׳
וין משואר נדמנו השחתת תעבו
ופואות ע״ש לה
באנו צוואת א. וצוואת ד. ע׳ צבורה
עד צד
והכנר קתשה אם הרה צבעו או
נקדה ע׳ צבורה לד ק״ח
קדצ חי ת שנה ומקת וכות
ומוד כשפוים מצות ודום את
ומחברת מאמר אבח (צפורה קבצן)
אם עצם תוצאו דאגו אנו בחור

דגון המעשה המודעה דכתבו חאה
על מרגמסיז כ׳ זוכרהם בזוה צ״ל שאלתו
נמשה צוא ע׳ קד הושע פ׳ 3
באון דאמרו אלונשו שש אנשים
שנית לרוחם ולכבות להם און אחת
בכבו שאוש וכו לאותו ד אונים
ע צבורה כ״ד נ״ה דשם מאכא
כתב מתשל שוש לו קהלה ומקלטו
כל אדם שכה׳ חו ולתו מן׳ לה שנים
ותני כנגל ולעשות עבורות אש
הוא מולשק דהן וקשה לו ולעשות
תשובה יכון ושם
מו שאונו מה אם דלום אלא נותן
אום לחולה כו אום מ׳מטפיאן
אלעזר שם כ״ד ס״ד דשם הכוונית
באון כאה ואונו נראה ע׳ שה
ימודה בחמשו דוד אליוסא ודו׳ לגם
נ״ח ובורושאו פא המעשה דבא דש
שהלה פו נשים מכשפות בולם אחד
ושם פגק דא מעשה דרא וכו׳ ורע שנרכסו

דאָס מיסטעריעזקייט פון מענטשלעכע שטרעבונגען

אַ געדאַנק, אַ מאמר פון מיין פאָטער אדמו״ר הרב אלכסנדר זושא אייזענ־שטאַדט הי״ד, געזאָגט איידער ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון אָסטראָווצע קיין טרעבלינקע:

— גרויס איז דער „הו־האַ״ אינם היינטצייטיקן טאָג־טעגלעכן לעבן. נאָך קיינמאָל איז דער מענטשלעכער עקזיסטענץ נישט געווען אַזוי אימפּעטיק ווי אין אונדזער תקופה. נאָך קיינמאָל זענען מענטשלעכע אַמביציעס צו דערגרייכן וואוילטאָג נישט געווען אַזוי שטאַרק ווי אין אונדזער עפּאָכע...

יעדער איינער פון אונדז קאָן אין זיין אייגענער סביבה באַמערקן ווי מענטשן פון פאַרשידענער מענטאַליטעט און כאַראַקטער יאָגן און לויפן, זענען אָפטמאָל אַפילו מקריב דאָס געזונט, אַבי צו דערגרייכן זייערע אַספּיראַציעס...

ווי געיאָגט פון אַ געהיימען שטויס־קראַפט, פון עפּעס אַ מיסטעריעזן סטי־מולאַנט, שטרעבן די מערסטע מענטשן (אויסער יחידי סגולה) צו פאַרשידנ־אַרטיקע, זייער פאַנטאַזיע־רייצנדע „צילן״... באַוואויגן פון אַ געהיימנישפולן טרייב־כח רייסן זיך מענטשן אינסטינקטיוו און סטיכיש ווי אַ בין צו האָניק, אַ שמעטערלינג צו פייער, בכדי צופרידנצושטעלן זייערע גלוסטענישן צו פאַרמעגן און רייכטום, כבוד און פּאָפּולאַריטעט.

אַנטשטייט דעריבער די שאַרפע פראַגע: פאַרוואָס?

אין וואָס ליגט אייגנטלעך דער שורשדיקער גורם, וועלכער פאַראורזאַכט ביי אָט די אַלע מענטשן דעם אומדערשיטערלעכן ווילן, דעם אומגעהויערן אויסדויער, די געוואַלדיקע איניציאַטיוו צו דערגרייכן זייערע גרענעצלאָזע פאַרלאַנגען?

איז דאָס אַ פאַקטאָר, וואָס ליגט אינם עצם פון די לאָקנדיקע אָביעקטן גופא? באַזיצן די דאָזיקע פאַרלאַנגען אַזאַ מין מאַגנעטישע קראַפט אַ דאַנק וועלכער זיי זענען אימשטאַנד צו באַצווינגען דעם אויסדערוויילטן פון דער שאַפונג (בחיר היצירה), און אים מיט געוואַלט צוצוציען צו זיך?...

אָדער — איז עס אַן אינערלעך סוביעקטיווע נייגונג, וואָס ליגט אינם עצם מהות פון דעם מענטש?

ווען מען אָבסערווירט דאָס לעבן און פאַרטיפנדיק זיך אין דער פּסיכיק פון דעם אייביק־אומאויפהערלעכן און נישט געזעטיקטן דורשט דערגרייכונ־גען פון די אַלע אויבנדערמאָנטע אָביעקטן; ווען מען דרינגט אַריין אין דער פּסיכיק פון די פאַרצווייפלונגען, לעבנס־אַנטוישונגען און זעלבסטמאָרדן, וועל־

כע קומען פאָר, פאַרהעלטניסמעסיק אָפטער ביי די מכלומרשט „גליקלעכע״ און „רייכע״ ווי ביי די אַזוי־גערופענע „אָרימע״, מוז מען קומען צום באַשלוס אַז:

דער גאַנצער טאַראַראַם, דאָס גאַנצע שטורמיקע בענקשאַפטלעכע צאַפּלען און פלאַטערן איז אַבסאָלוט נישט עפּעס אַזעלכעס, וואָס קומט פון דרויסן, פון זינלעכע איבערלעבונגען, נאָר דורכאויס פון אינעווייניק; עס ליגט אין דעם פּנימיות פונם מענטש גופא.

נאָר, לאָמיר עס פּרואוון פאַרשטיין:

דער גאַנצער באַשאַף, אין אַלגעמיין, איז אייגנטלעך, לויט דער מיסטיק און מעטאַפיזיק, אַן אויסשטראַלונג פון דער גאָטהייט, דהיינו נישט־מער און נישט־ווייניקער ווי עטוואָס אַזעלכעס וואָס איז אורשפּרינגלעך געווען לויטער גייסט, אין דעם אין סוף. אין אַ געוויסן מאָמענט, אין דער צייט פון דער וועלט־באַשאַפונג איז עס דורך דעם באַשאַפער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ממשות־דיקע פיזישע וועזנס.

אין דער קבלה־שפּראַך דריקט זיך דאָס אויס אינם בילדלעכן זאָץ:

„בהדין קמצא דלבושא מיני׳״. און אין דער פילאָזאָפיע אינם טערמין: „עמאַנאַציע״...

דער מענטש, זייענדיק דער אינטעלעקטועלסטער און עמפּינדליכסטער טייל פון אָט דער שאַפונג, פילט דעריבער, אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין, לויט זיין אינטואיציע, (אע״ג דאיהו לא חזי׳ מזלי׳ חזא, מגילה ג.) ווי אַ מין פאַר־בלאָנדזשעט נפש, וואָס האָט פאַקטיש זוכה געווען צו אַ געטלעך־קעניגלעכן אָפּשטאַם און געהאַט אַמאָל דאָס גליק צו געפינען זיך אין אַ געטלעך־קעניג־לעכן אורשפּרונג, אַ דאַנק וועלכן ער האָט געגאָסן פון אַלע אויף דער וועלט מעגלעכע פאַרגעניגנס, אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם.

דער בחיר היצורים איז בכן פאַרצווייפלט. ער וויל צוריקכאַפּן זיך צו דעם העכסט באַפרידיגענדיקן גליקס־קוואַל אין דעם פריערדיקן „קעניגלעכן הויף״ (בחצר בית ה׳) און צו די פריערדיקע קעניגלעכע אורקוואַלן (תחת כנפי השכינה) אין דער בחינה פון: „חלקי י׳ אמרה נפשי על כן אוחיל לו״ (איכה ג׳ כ״ד). פאַרבלאָנדזשעט ער אין האַסטיקן געלויף. און מיט אַ נישט־קלאָרן באַ־וואוסטזיין און ערדישע חומרות׳דיקע באַגריפן, כאַפּט ער זיך אָן אין יעדן שימערירנדיקן, גלאַנצנדיקן און בליצנדיקן אימיטאַציע־אָביעקט. פונקט ווי אַ מדבר־דורשטיקער פאַלט צו צו אַן אַזע פון געזאַלצן וואַסער נישט נאָר וואָס ער ווערט קיינמאָל נישט באַפרידיקט, נאָר אין קעגנטייל: דער דורשט זיינער ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער און אומדערטרעגלעכער... (זע חז״ל אויפן פּסוק: „וגם הנפש לא תמלא״... קהלת ו־ז).

אמתדיק גליקלעך איז דעריבער דער מענטש, וועלכער דערהויבט זיך פון די נידעריקע, רייז־ערדישע מאַסן־באַגריפן צו דעם העכסטן פאַרשטיין, צו אַ קלאָר

ליכטיקער וועלט־אַנשויאונג און זעט, באַשיינפּערלעך, דעם נויטיקן רייץ. דאָס קומט אָבער ערשט דאַן, ווען ער קאָן מבחין־זיין און זען אַז אַלע תאוותדיקע אילוזיעס זענען אין גרונט גענומען נישט מער ווי אַ „פאַטאַ־מאָרגאַנאַ״ פאַר קורצזיכטיקע ברואים...

דער גאַנצער מענטשלעכער תאווה־דראַנג שטאַמט נישט פון קיין אויסער־לעך־זינלעכן און זעבאַרן שורש, נאָר ציט זיין יניקה פון דער אינערלעכער נשמה־בענקשאַפט צום געהיימניספולן, הימל־הויכן און טיף־געטלעכן אורקוואַל, וועלכער איז פאַרקאָנקרעטיזירט געוואָרן אין די אויגן פון די ערדישע מענטשן אין חומר, און פאַרבלענדנדיקע תאווה־אָביעקטן...

וואויל איז דעם, וואָס פאַרשטייט ווי קעגנצואווירקן די דאָזיקע פאַרפּי־רערישע אילוזיעס און די סוגעסטיווע פאַרבלענדעניש פון אַ באַנאַלער, פלאַ־כער וועלט־אויפפאַסונג, ווי עס וואָרענען אונדז די ערשטע ספרי חסידות.

פאַרפולקאָמט איז דער מענטש, וועלכער האָט אָפענע אויערן און איז זוכה צו הערן דעם אָפּקלאַנג פונם געטלעכן רוף:

„איך בין דאָס דער אייגנטימער און אָנצינדער פונם וועלט שלאָס״.

ער האָט דאַן אָפענע אויגן און זעט ווי די גאַנצע מאַטעריעלע שאַפונג פון מינעראַלן, פלאַנצן, לעבעדיקע וועזנס (דומם, צומח, חי, מדבר) טוליען זיך צו די פליגלען פון דער שכינה, רייסנדיק זיך צו זייער שורש׳דיקן באַשעפער; און בעטנדיק אים אומאויפהערלעך רחמים, אַז ער זאָל זיי ווידעראַמאָל אַריינ־נעמען אין זיינע געטלעכע אָרעמס ווי אַמאָל פאַר דער וועלטס־שאַפונג...

דאָס איז די הויך פון וועלכער מענטש דאַרף זען וועלט. דאָס זענען די פאַרלאַנגען וועלכע וואָלטן באַדאַרפן צו ווערן דער ענד־ציל פון אונדזער נער־וועזער צעטומלטער „הו־האַ״־גענעראַציע...

נאָר אַ צוריקקער צום גליק־געבנדיקן קוואַל פון געטלעכקייט אין יהדות קאָן אויפמונטערן און אָפּראַטעווען די אין געפאַר־שטייענדיקע וועלט, וועלכע בענקט אומבאַוואוסטזיניק צום „וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות״...

נאָר אַן אומקער צו די יהדות־פּרינציפּן, צו אַלע תורה׳דיקע ווערטן, קאָנען ווידער געזונט מאַכן די מאַטעריאַליסטיש־פאַרפירטע וועלט, וואו איינער „מוז״ האָבן אַ שענערן אויטאָמאָביל פאַרן צווייטן, אַ שנעלער־פליענדיקן־עראָפּלאַן און אַ בעסער־טויטנדיקע באָמבע...

דאָס איז בחירה: אויסקלויבן דאָס אמתע לעבן, עס אַרויסשיילן פון דער מאַטעריאַליסטישער שאָל. — דאָס איז דער וועג צו דער גענעזונג פונם קראַנקן צו זעלבסטמאָרד־מאַרשירנדיקן מלחמה־דור.

Kad Ayil Shabatoh.



ראַטעווע אונדז גאָט!

העלף שוין גאָט
דעם אָרימען איד,
גענוג שוין געליטן,
גענוג שוין געבריט.
העלף שוין גאָט,
גיך און באַלד
איידער דיין קינד
אינגאַנצן פאַלט...

◆ ◆ ◆

Rativeh Unz, Got.



Zochraynu Lechayim



Ono Adonoy



VEHOYO BAYOM HAHU



ITZU EITZU VESUFOR



נעטאָ־דאָקומענט און אַנדערע
געפונענע בילדער


GENERALGOUVERNEMENT
GENERALNE GUBERNATORSTWO
KENNKARTE
KARTA ROZPOZNAWCZA
J



אמנון אייזענשטאַדט׳ס געלע „יודענקאַרטע״ מיט דער אונטערשריפט
פון דייטשן רוצח מאָטשאַל.



אינסטרוקטאָרן קורס פון „ברית החשמונאים" אין 1939 אין פאַלעניץ. פון רעכטס: א. פאַלאַסעצקי, אהרון מיימון הי"ד (הרב מיימונ'ס זון), ד"ר י. פעקער (הרב אבידור, איצטיקער פּראָפעסאָר אין ישיבת ר' יצחק אלחנן), הרב ארי' בעקער און אמנון אייזענשטאַדט.

זומער מושבה פון ברית החשמונאים אין כעלמנאָ, ביי לאָדזש, וואו עס איז שפּעטער אויפ־געשטעלט געוואָרן דער טרויעריק באַרימטער מאָרד־לאַגער. צווישן אַנדערע אויפן בילד: מגר. שלמה קריגספעלד הי״ד, אמנון אייזענשטאַדט און יהודה פּאטראַן, מיטן צייכן איבערן קאָפּ. דער לעצטער איז געווען אַ לח״י קעמפער, האָט איבערגעלעבט די מלחמה און געפינט זיך איצט אין בני ברק, ישראל.

אין די טעג פון וואַנדער און וואָגל האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ לעמבערגער אידיש אינגל מיטן נאָמען האָניגמאַן, וועלכער האָט מיר במתנה געגעבן די דאָזיקע בילדער. וואו דער טאַלאַנט־פולער קאַריקאַטוריסט איז אַהינגעקומען, ווייס איך ליידער נישט. זיינע צייכנונגען האָב איך געפונען און איך פאַרעפנטלעך זיי אַלס אויסדרוק פון אַ אידישן קינסטלער׳ס פעדער וועגן די היטלעריסטישע גרוילן.


FÜR AUSGANG TOD!
HALT!





עטלעכע פון מיינע אייגענע לידער און אימפּראָוויזאַציעס אָנגעשריבן אין אָסטראָווצער געטאָ. —א.א.

☆

דבקות

ווי זאַנגען אין פעלד, וואָס שאָקלען זיך תפילהדיק אין ציטערנדיקער דערוואַרטונג פון רעגן;

ווי איינזאַמע, רויטע מאָן־בלומען, וואָס בליען און וועלקן אויף זייטיקע פעלד־וועגן — נישט ווערנדיק באַוואונדערט פון קיינעם.

...אַזוי תחנונימדיק און אומבאַקאַנט זענען מיינע ציטערנדיקע געטאָ־געבעטן, געפּליסטערטע אין טויאיקע פרימאָרגנס — ווען דאָס האַרץ איז מיט בענקשאַפט איבערגעלאָדן...

עצבות

ס'איז מיר אַזוי גרינג יענעם צו געבן אַן עצה,
נאָר ווי צו ראַטן זיך אַליין — ווייס איך נישט!
ס'איז מיר אַזוי לייכט יענעם צו קלאַפּן אין פּלייצע,
נאָר דערמוטיקן זיך אַליין — קען איך נישט!
ס'האָט די געטאָ מרה שחורה מיט מיר
אַ געהיימען בונד געשלאָסן,
און אים פאַרזיגלט מיט טרויער
און פינסטערע פאַרדראָסן.
זע איך אַלץ נאָר אין שוואַרצע פאַרבן
און קען באַין אופן נישט ווערן מונטער —
ווי יענער פאַרצווייפלטער ים־מאַגנאַט,
וואָס איינס נאָך איינס, גייען אים אַלע שיפן אונטער...

נקמה *)

מײן האַרץ איז אײן לירע פול מיט געװײן;
מײן גײסט צעבראָכן — און פאַרלאַנגען.
װען איך קוק מיך אַרום און זע מײנע ברידער,
װאָס זענען אין געטאָ געפאַנגען. (ביס)

יװי קען איך אײן װעג צו פרײהײט געפינען
ב׳זאָל אײביק קלאָגן מײן ליד!
פון קללה און האַס צו די געמאַנישע שפינען
װאָס מאָרדן אויס איד נאָך איד! (ביס)

נאָר זאָלן נישט מײנען די בעסטיעס אין העלמען,
װאָס רופן זיך: װאַפן־עס־עס״
אַז נישט פאַראַן איז אַ האַנט, װעלכע װעט נעמען נקמה
פאַר יעדן „געלינטשעטן מת״. (ביס)

עס גרײטן זיך געבײלטע פון יסורים און צאָרן
טויזנטער פויסטיקע הענט!
װאָס װעלן אײך שלאָגן אין טאָג פון זכרון
און פון זײ װעט איר װערן פאַרלענט... (ביס)

NEKUMEH



*) מחבר פון ליד און מעלאָדיע איז דבורה׳לע טראַפּער הי״ד,
מינצבערגס אַן אײניקל פון דער „הויכער צאַל״ אין אָסטראָװצע

קריג

רעציטאַציע, שילדערנדיק די באָמבאַרדירונג פון
וואַרשע, דעם ערשטן סעפּטעמבער, 1939

טא רא טא טא — ראטאטא רא טאָט טאָ טאָ־טאָם!
מען שלאָגט, מען הרגעט זיך אויף דעם ים.
זש — זש — רוישט אין דער הויך,
עס פאַלט אַ באָמבע און עס גייט אויף אַ רויך.
שי־שי־שי־שי, שי־שי־שי־שי — מאַשינען־געווער
עס פליען גראַנאַטן, אַהין און אַהער.
עס לויפן סאָלדאַטן אַרויס צום אַטאַק;
און די לופט פאַרהילכט — אַ פּלאַצנדיקער קנאַק!
אַ וואַלד פון ביקסן בלאַנקט אַרום,
עס פליען שראַפּנעלן פאַרסמט מיט „דום־דום".

זש — זש — הערט זיך נאָר איין
עס גייט, עס דערנענטערט זיך אַן עראָפּלאַן.
טראַך! טראַך! טראַ־טאַ־טאַ!
לויפן די מענטשן די „סכראָן" אַריין.
טאַטעס און מאַמעס מיט קינדערלעך אַ סך
געוואַלט, עס קנאַלט! — טראַך! טראַך! טראַך!
מען שטופּט זיך אין ענגעניש זידלענדיק: „כאַם"!
טאַראַטאַ — ראטאטא — ראטאטאַ — טאַם!
זאַלפן פון ביקסן געמישט מיט געוויין.
„לאַז אַדורך דו לאַבוז, כ'האַק דיר אויס די ציין!

פּאַ — פּאַפּאַפּאַ — פּאַפּאַ —
פּאַפּאַפּאַפּאַ!
הערט זיך אַ מאָדנע געפּיפּעריי.
עס פאָרן פריש מאָביליזירטע „סטראַזשאַקן"
עס ברענען פלאַקערנדיק די „אַנאַפּאַלער" באַראַקן.
הייזער אין פלאַמען צונטער־רויטע,
ווייבער צעפּלאָשעטע, בלאַס ווי טויטע.
די לופט אָנגעפּילט מיט פּולווער און שוועבל,
מען וואַרפט פון די פענסטער בעטגעוואַנט און מעבל
פון אַלע זייטן און ווינקעלעך ווייעט דער טויט!
דאָך שטייען מענטשן אין רייען נאָך ברויט.
הענט ציען זיך בעטנדיק — מיר!
— „אַוועק דו פּליאַק, אין דיין האַלדז אַ געשוויר".
עס וואַקסט דער רעש, עס וואַקסט די בהלה.
אויף וואַרשע האָט זיך אויסגעגאָסן גאָטס־קללה.

דראָטן פון טראַמווייען באַצירטע מיט הענט —
הייזער — סקעלעטן, אָן דעכער, אָן ווענט.
סקווערן מיט קרבנות, געלייגט ווי די פעק
מיט פאַרגלאָצטע אויגן און אַרויסשטאַרצנדיקע פיס,
אָדלער פון דריטן רייך אַן אייביקער פלעק —
יאָרהונדערט מיינס — ווי מיאוס!...

(מוזיקאַלישע אַראַנזשירונג פון י. קאמאראמי)

No. 1. Krieg.

Piano.

Music by A. Komaromi



Copyright by Amnon Eisenstadt

קדושים!

(פּאָעמע)

(מוזיקאַלישע באַאַרבעטונג פון י. קאַמאַראַמי)

אין שטעטל אויף דער אַנדערער זייט מויער איז טונקל,
די „געטאָ־אידן" שלאָפן.
נאָך אַ גאַנצן טאָג פון הונגער און שרעק —
ליגן זיי און שלאָפן.
און חלומען... וועגן ברויט; און טרוימען... וועגן פרייהייט.
נאָר פלוצלינג ווערט די שטילקייט פון דער נאַכט געשטערט.
עס עפענען זיך די טויערן פון געטאָ,
און עס הערט זיך דער אַריינמאַרש פון געקאָווטעטע שטיוול:
איינס—צוויי,
איינס—צוויי,
איינס—צוויי,
איינס—צוויי;
רעכטס—לינקס
רעכטס—לינקס
רעכטס—לינקס
רעכטס—לינקס —
האַלט!
— מיינע הערן פון דער „שוץ פּאָליציי" און „וואַפן ס.ס."!
אָן סענטימענטן, אָן געפיל,
קאַלט!...
מיר האָבן באַקומען דעם באַפעל צו ליקווידירן דאָס געטאָ!
צו מאַכן איין טאָלק מיט דעם „עוויגען פאָלק"!
און דעריבער — אכטונג!
אַריין אין די הייזער, אַרויסיאָגן די „יודן־באַנדע" ווי זיי גייען און שטייען
אין די נאַכט־וועש.
טיילן אין דריי גרופּן:
קינדער — גאַנץ באַזונדער — דען מיר קאָנען פון זיי נוצן האָבן...
דאָס יונגע קינדישע בלוט, איז אויף איינשפּריצונגען פאַר אונדזערע
פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן גוט!
די וואָס זענען געזונט און שטאַרק קומען אויך באַזונדער.
די גייען נאָך „אַושוויץ", אין לאַגער אונטער דראָט.
עס דויערט נישט לאַנג — „פאַר מאַנאַטען און די זינד זאָ ווי זאָ קאַפּוט"!
אַלטע פרויען און מענער פירן אין דער הויך מיט די הענט,
אויפן מאַרק — באַגאָסן מיט בענזין און פאַרברענט.
ווי אַזוי דאָס צו מאַכן ווייסט איר שוין — איר זענט ספּעציאַליסטן,
איר קענט!
אין שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן איין בלוטיקע וואַקכאַנאַליע.

טירן און טויערן האָבן געקרעכצט און זיך געבראָכן
אונטער שווערע קלעפּ פון ביקסן־קאָלבעס:
לאָוס! לאָוס! פאַרפלוכטע יודן־באַנדע, אַופשטיין!
פון דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט געשיסעריי, יאָמער, געוויין.
פון דער שול־גאָס האָט זיך דערטראָגן איין געבראַזג פון אויסגעהאַקטע שויבן.
פיצעלעך קינדער אַוועקגעריסענע פון דער מוטערס ברוסט זענען געלעגן
אויפן שטיינערנעם ברוק; און געפּלאַטערט מיט הענטעלעך
און פיסעלעך ווי דערשראָקענע טויבן.
אין וואַנזיניקער מורא האָבן זיך מענטשן אָנגעהויבן באַהאַלטן,
אויף די בוידעמער, אין די קעלערס, אין קלאָזעטן.
אַנדערע ווידער זענען געקראָכן אין די שענק,
אין קאָמאָדעס, אונטער די בעטן.
אויפן בית־עולם צווישן די מצבות האָט איין ס.ס.־מאַן געפּאַקט
אַ יונגע מוטער מיט איר קליין קינד, וואָס האָט זיך געוואָלט באַהאַלטן
אונטער דעם „רבינס״ אוהל דעם אַלטן.
„פאַרפלוכטער דאַנערוועטער נאָכאַמאָל״!
עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַל!
נישט געטראָפן. „שייסע״ סאַקראַמענט
און ער האָט זיך געכאַפּט ביי די הענט.
— גיב אַהער דאָס דרעק! — האָט ער פאַרלאַנגט דאָס קינד!
— הער־לעבן! רחמנות! וויי איז מיר און ווינד!
— שנעלער וועק, איך שיס אייך ביידען קאַפּוט און אַן עק.
די יונגע פאַרצווייפלטע מוטער מיט די צוויי פאַרוויינטע,
וואַנזיניקע אויגן, האָט ווילד אָנגעהויבן צו קישן, צערטלען,
געזעגענען איר קינד און האָט עס געדריקט!
און געדריקט!! און געדריקט!!
ביז זי האָט עס אַליין מיט די אייגענע הענט
דערשטיקט!...
און אינדרויסן האָט געבושעוועט איין פלאַנמעסיקער פּאָגראָם.
אין די שמאָלע, ענגע געטאָ־געסלעך איז פאָרגעקומען
אַ טויט־דעפּילאָדע פון מתים־קאַנדידאַטן, וועלכע
מען האָט מיט די הענט אינדערהויך פון אַלע זייטן געטריבן...
אין אַ קאַלטער נאָוועמבער נאַכט זענען אויפן מאַרק געשטאַנען
הונדערטער, האַלב נאַקעטע, מיט בענזין באַגאָסענע אידן און געוואַרט.
צווישן זיי איז אויך געווען דער אַלטער שטעטלשער רב
מיט דער גרייז־גראָער באָרד און פאות און שוואַרצע אויגן.
און ווען דער קאָרדאָן פון דער אַרומרינגלענדיקער ס.ס.
האָט אָנגעהויבן ווערן וואָס אַמאָל אַלץ שמעלער און שמעלער;
און פון אַלע פיר מאַרק זייטן זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן מאַשינען־געווערן,

האָט זיך דערהערט דעם מרא דאתראס ציטערנדיקע שטים:
— קינדערלעך! שרעקט אייך נישט!
זאָל געשען גאָטס ווילן!
די וועלט איז סיי ווי נישט מער ווי איין דורכגייענדיקער קאָרידאָר.
דאָס אמת׳ע גליקלעכע לעבן הויבט זיך ערשט אָן אויף יענער וועלט!
סיי ווי קינדערלעך מוז דאָס מענטשלעכע לעבן איינמאָל אָן ענדע האָבן.
מענטשן שטאַרבן אין יסורים פון פאַרשידענע קראַנקהייטן;
מענטשן קומען אום דורך אומגליקספעלער און קאַטאַסטראָפעס;
אַנדערע ווידער ווערט דאָס לעבן פאַרמיאוסט,
און זיי באַגייען אַליין זעלבסטמאָרד!
זאָלן מיר, דעריבער, קינדערלעך פאַרליב נעמען;
זיך אָנגאַרטלען מיט מוט און גלויבן און גליקלעך זיין
מיט דער גרויסער געלעגנהייט פון שטאַרבן אויף קידוש־השם!...
אַן ס.ס.־מאַן האָט איין ברענענדיקן פאַקעל אין דער מחנה געוואָרפן
און פייער פלאַמען זענען אויפגעגאַנגען ביז צום הימל!...
און פון די פייער פלאַמען אַרויס האָט זיך ווידעראַמאָל דערהערט
דעם מנהיגס וויברירנדיקע שטים,
עס האָט זיך דערזען זיין גאַנץ מאַיעסטעטיש געשטאַלט:
די צעפלאַטערטע באָרד און די שוואַרצע אויגן,
וואָס האָבן נאָך העלער געלויכטן פון די פייער פלאַמען
און גערופן די אידן צו תפילה:
— קינדערלעך! שטאַרקט אייך!
נעמט אייך פאַר די הענט!
דריקט אייך צוזאַמען
אַקסל ביי אַקסל!
קאָפּ ביי קאָפּ!
געדענקט!
מיר שטאַרבן נאָר דערפאַר ווייל מיר זענען אידן...
די יסורים געדויערן נישט לאַנג!
דעראינערט אייך אין אייערע היסטאָרישע פאָרגענגער
די שפּאַנישע מאַראַנען.
אויך זיי זענען אומגעקומען אויף שייטערהויפנס און אויטאָדאַפעען;
און פון זיי שטאַמט די וואונדערבאַרע, באַלזאַמירנדיקע מעלאָדיע פון
„כל־נדרי״
— קינדערלעך!
לאָמיר מיט אונדזערע לעצטע קרעפטן זינגען דעם ניגון פון „כל־נדרי״.
און פון די פייער פלאַמען אַרויס האָט זיך געהערט דער מאָטיוו פון
„כל־נדרי״
געזונגען מיט די ווערטער פון: שמע ישראל ה׳ אלקנו ה׳ אחד!...


MÄRTYRER
(KEDOSZIM)
Ajzensztadt
Music by
Andante
Im Städchen...
(col canto)
...Freiheit.
Stiefel.
....Spezialisten,
col 8va
...von Büchsen-kolben
Los, los verfluchte Juden-bande, aufstehn!


ppp
...unter
die Betten
pp
...zittrige Stimme:
Molto andante
p
col 8va sopra
f
...die Feuer-
Grave
ff

טרויערט נאַכט

נאַכט!
דו ביסט היינט אַזוי שוואַרץ,
פול מיט נעגערישן אומעט
און צער פון דער נידעריקסטער
„אתה־בחרתנו" ראַסע...
איבערהויפּט!
ביסטו עפּעס לעצטנס אַזוי אבלדיק
אַזוי פאַרחושכט?
זאָל עס זיין צוליב דעם,
וואָס דו מוזט איבער
הונדערטער געטאָס זיין פאַרשפּרייט?...
אָדער!
אפשר איז עס צוליב פאַרדרוס,
וואָס אידן, דאָס אַלטע פאָלק פון
מאמינים און טראַדיציע ליבהאָבער —
ווען מענס טאַטעס און מאַמעס,
זיידעס און באָבעס — האָבן דורות־לאַנג
געזאָגט אַ „גוטע נאַכט" —
זאָגן עס מער נישט!
ווי זיי וואָלטן צו דיר דעם צוטרוי פאַרלוירן?
ווי נאָר עס ווערט טונקל,
פאַרקריכן זיי אין די קעלערס;
פאַרשטעקן זיך אין די בונקערס —
שרעקנדיק זיך פאַר דיין אָנקום...
וועל איך אַ צוואַנציק יאָריקער,
וועלכער באַהאַלט זיך אויך אָפט —
דיר מגלה זיין דעם סוד
פון מיינע ברידערס
געענדערטע באַציאונג צו דיר!
— זיי פאַראַכטן דיך נישט!
פאַרקערט!
זיי בענקען שטאַרק
נאָך דיין לייטזעליגער רו.
פאַר דיין שטילקייט אָבער,
האָבן זיי מורא!
ווייל זי ווערט כסדר געשענדעט
דורך נאַצישע טויט־שאָסן;
אומאויפהערלעך צעריסן
דורך געשרייען פון געמאָרדעטע קדושים!...

אָסטראָווצע, 1942

„על אלה אנו בוכיה"

געווידמעט מיין שוועסטער תמרן הי"ד

שוועסטער מיינע!
געהאַרגעטע —
אין מיין זכרון לעבסטו דאָך!
אַזוי בולט טרויעריק;
אַזוי טראַגיש פאַרשעמט;
מיט טובערקולאָזן צער אין די אויגן.
לאַנג שוין נאָך דיין דערשיסונג
אויפן סטאַשיווער שאָסיי.
אין מיינע אויערן
קלינגט נאָך אָבער פריש
דער עכאָ פון דיין לעצטן שמע־ישראל;
פאַר מיינע אויגן וויזיאָנירט נאָך אומאויפהערלעך
דיין מאַרטירערישער קידוש־השם.
ווי דו גייסט איכהדיק
אונטער ס.ס.־אישע באַגנעטן,
דיינע מידע פיס בייגן זיך אונטער דיר;
דו פאַלסט אַ פאַרמאַטערטע —
אַ שאָס!...
און פון דיינע 25 יאָר לעבן בלייבט:
אַ פאַרגליווערט שנירעלע האַרץ־בלוט;
און אַ געסטאַפּאָ־ראַפּאָרט:
— הער שטורעמבאנפירער!
איין „שווײנען־יודע" ווײניקער...

אומפאַרגעסבאַר

שטענדיק —
ווען איך גיי איין וואַלד פאַרביי,
ציטערט מיר אויף דאָס האַרץ
און די אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן.
אָבער —
ס׳איז נישט דאָס האַרץ־צאַפּלען
פון אַנטציקטע ראָמאַנטיקער;
די טרערן
פון באַגייסטערטע דיכטער.
ס׳איז —
האַרץ־קלעמונג פון איינפּאַכן צער;
טרערן פון פשוט׳ן ווייטיק
ביים דערמאָנען זיך, אַז
דרינען ערגעץ אין אַ וואַלד
ליגן טאַטעס און מאַמעס,
שוועסטער און ברידער
אין קברים —
מיט די אייגענע הענט געגראָבענע...
און ווען איך הער נאָך
ווי דער וואַלד־ווינט
צעקרעכצט זיך פייפנדיק מיט טרויער,
דערמאָן איך זיך באַלד,
אין אַגאָניע־קרעכץ פון אַלטע;
אין גסיסה פייף פון יונגע —
און דעריבער:
שטענדיק —
ווען איך גיי איין וואַלד פאַרביי
ציטערט מיר אויף דאָס האַרץ
און די אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן.

אָסטראָווצע, 1942

מדה כנגד מדה

נעמי׳לע!
אַנדערהאַלבניאָריק קדושהלע;
אַכצנחדשימדיק קרבנ׳דל.
מיתה־משונה׳דיק
איז געווען דיין טויט
דורך האַקנקרייצלערישן מלאך־המות.
פאַר וועלכע זינד? . . .
וואָס פאַרא פאַרברעכן
האָט געקאָנט באַגיין
אַזאַ פּיצעלע קינד? . . .
אַ סימבאָלישן נאָמען
פון זיסקייט האָסטו געטראָגן.
אָבער, דיינע פינפאונזיבעציק וואָכן־לעבן
זענען נאָר מרורדיקע ביטערקייט געווען.
געטאָ!
מאַמעס ברוסטן איינגעשרומפּענע,
וואונדיקן פון הונגער;
און אַנשטאַט מילך —
פליסט פון זיי אייטער.
האָסטו יאָמערלעך געוויינט
אין דער רויכיקער שטוב,
וואָס האָט געדומפן פון שימל.
דיין קליין קערפּערל
האָט זיך געמאַטערט
אין קיינמאָל נישט דערטריקנטע ווינדלען,
אַ געפּייניקטס פון נישט דערזייגן.
און כאָטש מען האָט דיך נאָר
איינמאָל אין וואָך געבאָדן,
אין פון שניי צעלאָזענעם וואַסער —
האָסטו דאָך געבליט ווי אַיין מלאכ׳ל
מיט געקרייזלטע הערעלעך,
און סאַמעטענע גלידערלעך.
געוואַקסן ביסטו שעפּסעלע
צו דער עקידה! . . .
זאָל־זשע דאָרן
די „ריינבלוטיקע" האַנט
פון דייטשן מערדער,
וואָס האָט דיין קעפּעלע צעשמעטערט
מיט איין בלייערנע קויל.

זאָל פאַרקרומט ווערן
דאָס עקלהאַפטע מויל
פון רציחהדיקן גערמאַנער,
וואָס האָט אויף דיר, קליינטשיקס,
געשריגן: „פאַרפלוכטער יודע";
און דיך געשלעפּט ביי איין פּיסל
ווי מען טאַשטשעט אַן עוף...
זיין קעל זאָל שווענלען
און נישט אַרויסלאָזן קיין קלאַנג,
אויסער יאָמערדיקן געשטאַמל —
נאָכן ווייב, וועלכע טריקנט אַן עקרה,
און נאָך שוועסטער, וואָס מפּילט אין בלוט!
אַ שטראָף זאָל עס זיין
פאַר פאַרברעכערישע זינד.
פאַר האַרגענען טויזנטער קליינע נפשלעך,
צווישן זיי אויך מיין שוועסטערס
אַנדערהאַלבניאָריק קינד...

מײַן גורל־פּרײַנט

דײַן װי מײַן יוגנט:
געזונטע, בליענדיקע בלעטער,
װאָס װיאַנען אין דערװאַרטונג
פֿון רעגן, װעלכער קומט נישט . . .

דײַנע װי מײַנע יאָרן:
שפּראָצנדיקע פֿעלדער,
װאָס חלש׳ן אין בענקשאַפֿט
נאָך טױ־טראָפּנס . . .

דײַן װי מײַן לעבן:
שטערנלאָזע נעכט,
װאָס זענען שװאַרץ פֿון צער;
און דערצײלן װעגן מרה־שחורהדיקן אומעט...

נאָר אונדזערע טרױמען:
זענען פֿילפֿאַרביק און האַרציק
דערנענטערנדיק אונדז די אומענדלעכסטע
װײַטן, װאָס כּישוף׳ן מיסטיש...

נאָר אונדזערע נשמות:
זענען דאָס אײנציקע,
אײביקע פֿײַער,
װאָס ברענט און װאַרעמט;

אױפֿלעבנדיק אונדזערע —
פֿאַרקילטע האָפֿענונגען;
און אױפֿטײענדיק
אונדזער פֿאַרגליװערטן לעבנס־מוט.

אָסטראָװוצע מערץ 7, 1942

פּאַרטיזאַנער־ליד

מיר װעלן נאָך דערלעבן פרײ צו זײן,
און באַצאָלן פאַר געטאָ לײד און פּײן.
איך זע דעם טאָג; איך זע ער קומט שױן אָן
הױבט הױך די פּאַרטיזאַנער פאָן! (ביס)

פון שטעט און שטעטלעך אידישע אַהער,
געקומען זענען מיר אין װאַלד מיט געװער.
אין האַרץ אַ פײער װאָס צינדט אָן דעם מוט,
נקמה־דורשט פליסט אין אונדזער בלוט. (ביס)

עס האָט אונדז דער דײטש גוט געפילט,
דעם פּאַרטיזאַנער; דעם איד.
בײם רײסן בריקן בײם שפּרינגען באַנען,
סאַבאָטאַזש פון אידן פּאַרטיזאַנען... (ביס)

און װען אײנער פון אונדז פאַלט אין שלאַכט,
באַגראָבן מיר אים אין שטילקײט פון דער נאַכט.
קײנער קלאָגט, קײנער װײנט,
נאָר שטאַרקער שלאָגן מיר דעם פײנט! (ביס)

אָסטראָװצע, אָקטאָבער 1942

PARTISANER LID



ישראל עמיאַט

דער מחבר פונם בוך

אמנון אייזענשטאַדטן האָב איך באַגעגנט צופעליק, אין רעדאַקציע פון „אידישן זשורנאַל" אין טאָראָנטאָ, וואו ער פלעגט דרוקן זיינע מאמרים ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

אמנון אייזענשטאַדט געהערט צו די יונגעלייט, וואָס דערקענען זיך גיך. עס דאַרף נישט לאַנג נעמען צו ווערן מיט אים פריינט. און טאַקע אין ערשטן שמועס שוין, האָט ער מיר דערציילט עפּיזאָדן פון זיינע עטלעכע יאָרן וואַנדער און וואָגל אונטערן היטלעריסטישן רעזשים.

דער זון פון צוויזמערער רבין ר׳ אלכסנדר זושא אייזענשטאַדט זצ״ל האָט אַרויסגעוויזן אומגעהויערע איינפאַלערישקייט און מוט אויף איבערצוכיטרעווען די געסטאַפּאָ. און אַזוי איז געשען, אַז דער רבישער זון, זאָל אין מונדיר פון אַ „נאַצי" האָבן פאַרבינדונגען מיטן אונטערערד און אַרויסראַטעווען פון געטאָ צענדליקער אידן. יעדער טאָג זיינער איז רייך געווען מיט אַזעלכע איינפאַלן, וואָס אין פאַרגליך מיט זיי פאַרבלאַסן אַלע טריקס פון אַ שערלאָק האָלמס.

און אַזוי האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז סוף כל סוף אַ פאַרפאָלגטער פון דער געסטאַפּאָ, זאָל זיך דאָס אייניקל פון צדיקים געפינען אויפן אומאַנער בית־עולם אויפן קבר פון ר׳ נחמן ברעסלאַווער, צוזאַמען מיט דער אידישער דאָקטאָרשע פון אומאַן, וואו ביידע האָבן געיאָגטע מתפלל געווען ווען אַרום האָט שוין קיין איין איד נישט געלעבט.

אמנון אייזענשטאַדט האָט אַזוי פאַרכאַפּנדיק דערציילט עפּיזאָד נאָך עפּי־זאָד, אַז כ׳האָב אים פּשוט געבעטן:

נעם און שרייב אָן די אַלע פאַקטן אַזוי ווי דו דערציילסט זיי, נישט אַראָפּ־נעמענדיק און נישט צוגעבנדיק איין וואָרט; היט זיך פאַר מליצה און פאַר ווען מאַכן מעלאָדראַמאַטיש. דער אמת אַליין פון דיינע דערציילונגען שלאָגט אַ סך שטאַרקער און וועט זיין איינע פון די שוידערלעכסטע דאָקומענטן פון דער חורבן תקופה.

אמנון אייזענשטאַדט האָט דערוויל נאָר אָנגעשריבן עטלעכע קאַפּיטלען. ער האָט פאַר זיך געהאַט אַן אַנדערע אויפגאַבע. ער איז געפאָרן קיין פּוילן אויס־צוגעפינען דעם טאַטנס כתבים, וועלכע דער זון האָט ערגיץ באַגראָבן; און דער־וויל, זייענדיק „דאָרטן", האָט ער באַוויזן אויפצוכאַפּן אַ ריי בילדער פון איצ־טיקן אידישן לעבן.

איך האָב אים געבעטן ער זאָל די דאָזיקע באַשרייבונגען אַ נאָמען געבן: „און די ערד האָט נישט צוגעדעקט דאָס בלוט".

ווי די דאָזיקע בילדער זאָלן זיך נישט לייענען אינטערעסאַנט, איז עס נאָר אַן אָנהויב, אַן אַדערויף אויפן ווערק, וועלכעס ער דאַרף וואָס גיכער פאַרעפנט־לעכן. דאָס זענען זיינע אייגענע איבערלעבונגען בשעת דער טרויעריקער היט־לער ממשלה אין אייראָפּע.

אמנון אייזענשטאַדט איז אַ געוועזענער תלמיד פון ר' נתן שפּיגעלגלאַס ישיבה אויף שליסקע דרייאונפערציק, פון וועלכער ער איז שפּעטער — אונטערן פּאַטערס וויסן — אַוועק שטודירן אין „פּאָזנאַנסקי" סעמינאַר אויף גענשע גאַס. רייך געוואָרן איז ער אָבער, דורכמאַכנדיק זיינע אויפטרייסלענדיקע איבער־לעבונגען אינם יאָמערטאָל פון אונדזער טראַגעדיע.

פון אַ ריי פון זיינע באַשרייבונגען שלאָגט שוין אָן דער טאָן, וועלכער איז אַממייסטן געוואונטשן ביים שילדערן די תקופה פון מאָרד און גרויזאַמקייט — דאָס איז דער נוסח פון אַ כראָניקער.

איך בין זיכער, אַז זיין פעדער וועט נאָך באַרייכערן אונדזער חורבן לי־טעראַטור מיט זייער וויכטיקע ווערק.

ער האָט אַלע געגעבענע דערצו.

◆ ◆ ◆

אינהאַלט

צו די לייענער — 7
חיים ליבערמאַן: אַ קרוינווערק — 11
אַ רייזע קיין פוילן — 17
אַ סדר נאַכט אין היינטיקן אידישן וואַרשע — 30
מיין היימשטאָט צויזמער — לײדיק און פאַרוויסט — 42
אַפּט — צויזמערס „פאָוויאַטאָווע" הויפּטשטאָט — 143
די מגילה פון דער אידישער שטאָט אָסטראָווצע — 155
וויערזשבניק—סטאַראַכאָוויץ — דאָס אָרט פון גערינגס לאַגערן — 180
אויפן מאַרק און געסלעך פון דרילזש — 185
אידיש לעבן אין די נייע פוילישע געביטן — 193
אַן אָוונט אין וואַרשעווער אידישן מלוכה־טעאַטער — 205
נאַכט־לעבן אין דער הויפּטשטאָט פון פוילן — 210
דער פענסיאָנירטער דירעקטאָר — 219
די קראָקעווער אלמנה — 222
דער אומגליקלעכער הער „שטשענשליווי" — 227
דער וואַרשעווער פילם־דירעקטאָר — 233
דער „קאָמערסאַנט" — 236
אימיגראַציע קאַנדידאַטן — 241
דער אָפּגעפונענער פאָטער — 247
צעלינא קזשעמינסקאַ — 255
תינוקות שנשבו בין הגויים — 272
צוויי שוועסטערלעך — 278
לעצט מינוטיקע איינדרוקן — 285
אָפּגעפונענע מאַטעריאַלן, דאָקומענטן און לידער — 291
בריוו פון הרב ראָזענבלום — 294
ישראל עמיאָט: דער מחבר פונם בוך — 371
אינהאַלט — 373